STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13587

LIDER FUN YAM HA-MOVES

Abraham Sutzkever

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַבֿרהם סוצקעווער / לידער פֿון ים־המוות

וועלט-פאַרבאַנד פון די בערגען-בעלזענער

WORLD FEDERATION OF THE BERGEN BELSEN ASSOCIATIONS

אַבֿרהם סוצקעווער

לידער פֿון ים המוות

פֿון ווילנער געטאָ, וואַלד, און וואַנדער

"יזכּור־פּרייז" ביבליאָטעק
פֿאַרלאַג בערגען־בעלזען
וועלטפֿאַרבאַנד פֿון די בערגען־בעלזענער

אַבֿרהם סוצקעווער • לידער פֿון ים־המוות •
פֿון ווילנער געטאָ, וואַלד, און וואַנדער •
געשריבן אין די יאָרן 1936 ־ 1967 •
אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג בערגען־בעלזען, תל־אָבֿיבֿ — ניו־יאָרק •
געדרוקט אין תל־אָבֿיבֿ, 1968 •

ABRAHAM SUTZKEVER
LIDER FUN YAM-HAMOVES

© COPYRIGHT ABRAHAM SUTZKEVER
TEL-AVIV 1968

"REMEMBRANCE AWARD" LIBRARY
BERGEN-BELSEN MEMORIAL PRESS
of the
World Federation of Bergen-Belsen Associations, Inc.
Tel-Aviv — New-York

עבודה גרפית: מרטין ברנד
נדפס בישראל 1968
בדפוס קואופ׳ ״אחדות״ בע״מ, תל־אביב

באַגלייטוואָרט צום בוך

צווישן די טאָוולען פֿון ״לידער פֿון ים־המוות״ זענען צונויפֿגעזאַמלט מײַנע דאָרטנדיקע טעג און נעכט, פֿאַרוואַנדלטע אין לידער במשך דרײַסיק יאָר. דאָס בוך הייב איך אָן מיט דער דיכטערישער זעונג, ״די טויערן פֿון געטאָ״, געשריבן מיט יוגנטלעכן ריטעם אין 1936, אין דער לעבעדיקער ווילנע, און ענדיק מיטן ליד ״הײַנט איז יאָרצײַט״, געשריבן אין תּל־אָבֿיבֿ, 1966. די מעסערדיקע וואָר, וואָס איך דערמאָן אין מײַן יוגנטליד, האָט בסך־הכּל מיט עטלעכע יאָר שפּעטער צעשניטן מײַן ירושלים־דליטא און כ׳האָב זיך מיט איר באַגעגנט אויג־אויף־אויג אין טויט־געראַנגל הינטער די טויערן פֿון געטאָ.

אין אָט דעם אויפֿזאַמל קומען אַרײַן, ווי מעגלעך אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, מײַנע מערסטע לידער און פּאָעמעס, וואָס די מעסערדיקע וואָר האָט ניט דערשניטן ביזן סוף זײַער לעבעדיקן חלום.

זיי זענען געשריבן אין ווילנער געטאָ, וואַלד, און וואַנדער.
וואַנדער — ניט בלויז אין שטח. פֿון דער דאַטע 1948, וואָס אונטערן ליד ״ביסט געקומען אַ נאַקעטער״, און ווײַטער, ביז דער לעצטער זײַט, זענען אַלע לידער געשריבן אין ישׂראל; — אָבער גלײַכצײַטיק — אין וואַנדער דורך דער גיהנום־גאַס פֿון מײַן זכּרון, אין וואַנדער דורך אַ סקעלעטישער וועלט, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט אַליין איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דעם נאָמען פֿאַרן בוך האָב איך גענומען פֿון דער לעצטער סטראָפֿע אין מײַן פּאָעמע ״גײַסטיקע ערד״:

> דער טויטער ים וועט מער ניט זײַן קיין טויטער,
> נאָר בלײַבן וועט אין האַרץ אַ ים־המוות — —

״לידער פֿון ים־המוות״ איז דער דיכטערישער תּמצית פֿון אָט די צוויי פּאָר מיר סומירנדיקע שורות.

בעת דער פֿײַערונג אין ירושלימער אוניווערסיטעט לכּבֿוד מײַן פֿופֿציקסטן געבוירן־טאָג, האָב איך געפּרוּווט עפּעס זאָגן וועגן מײַן שאַפֿן און וועגן זיך אין די חורבן־יאָרן. איך דערלויב זיך צו ברענגען אַ טייל פֿון דעם וואָס איך האָב געזאָגט:

ווען די זון גופֿא איז, דאַכט זיך, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש — האָב איך געגלייבט באמונה שלמה: כּל־זמן דאָס ליד פֿאַרלאָזט מיך ניט, וועט מיך דאָס בליי ניט פֿאַרטיליקן; כּל־זמן איך וועל אין טויט־אַרומרינגלונג לעבן דיכטעריש, וועלן אויסגעלייזט ווערן און אַ תּיקון באַקומען מײַנע יסורים.

אָט איז אַן איבערלעבונג פֿון די געטאָ־יאָרן דיכטעריש אויסגעלייזט:
אַ צעשלאָגענער פֿון שטורמיסטן וואָס האַלטן מיך אין נאָכיאָגן, אַנטלויף איך אַן אָטעם פֿון צווישן ווײַערע בײַטשן און פֿאַל אַרײַן אין אַ גרוב ביז אויבן אָנגעפֿילט מיט צעפּירטן קאַלך. איך ליג פֿאַרזונקען אינעם קאַלכוואַסער און די וווּנדן ברענען, ווי כ׳וואָלט געלעגן אין פֿײַער.

פלוצעם דערזע איך עפּעס שיינס און איינמאָליקס: דאָס בלוט מײַנס נעמט זיך ציִען אין דער קלעפּיקער ווײַסקייט און מאָלט דאָרטן אינעם קאָלך אַ וווּנדערלעכן זונפאַרגאַנג.

איך פאַרגעס די ברענעניש פון מײַנע אָפענע ווונדן, פאַרגעס אַז באַלד קען מיך אַ שטורמיסט געפינען, און ראַטעווען זיך אַ צווייטן מאָל וועל איך שוין ניט באַוויַזן. די דיקטערישע איבערלעבונג איז אָבער פיל שטאַרקער. און איך זינג פון דער גרוב אַ דערהייבענער:

און ס׳ציִען זיך פון מיר אַזוינע פלייציקע רובינען,
טריפן, רינען
שורותדיק ווי לידער
און וואַרצלען אײַן אַ שמייכליק־ראָזן זונפאַרגאַנג אין קאָלך.

די קאַלכגרוב ווערט מיר ליב. איך ליג און טראַכט:
„אַצינד וועל איך ניט אויפהערן צו גאַפן
ביז נאַכט, ביז נאַכט,
אויפן שענסטן זונפאַרגאַנג דורך מיר אַליין באַשאַפן".

יאָ, איך האָב ביז דעמאָלט ניט געוווּסט, ניט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש איז מסוגל צו באַשאַפן אַ זונפאַרגאַנג פון זיך גופא... און אַז איך האָב דאָס דערזען און איבערגעלעבט, איז געבוירן געוואָרן אַ ליד, וואָס האָט אויסגעלייזט דעם ווייטיק.

כמעט אַלץ וואָס איך האָב געשריבן אין געטאָ איז דער רעזולטאַט פון אַזעלכע זונפאַרגענג. און כ׳האָב דאָרט תפילה געטאָן, זיי זאָלן ניט אונטערגיין.

און אַ וואָרט צו די בערגען־בעלזענער, די אַרויסגעבערס פון מײַנע „לידער פון ים־המוות":

די „פאַראייניקונג פון ליטעראַטן און קינסטלער אין ווילנער געטאָ" האָט בײַ זיך געשאַפן אַ צוקונפט־פאַרלאַג: זי האָט אָפּגעקויפט בײַ די שרײַבערס אין די פאַרמויערטע געסלעך זייערע געטאָ־שאַפונגען, באַהאַלטן אין דר׳ערד, כדי אַרויסצוגעבן זיי אין בוכפאָרעם נאָך דער באַפרײַונג. אַזוי שטאַרק איז געווען דער גלויבן אין דעם ווידער־אויפלעב פונעם אויסגעהרגעטן יידישן וואָרט.

אויך מײַנע לידער זענען דעמאָלט אַזוי באַהאַלטן געוואָרן.

טראַכט איך איצטער: איר, חברים בערגען־בעלזענער, זענט עס די, וואָס האָבן פאַרממשותט יענעם צוקונפט־פאַרלאַג — —

אַבֿרהם סוצקעווער

די
פעסטונג



די טויערן פֿון געטאָ

א

עס האָט אַ לאַנגע פֿײַערדיקע האַנט
די טויערן פֿון געטאָ אויפֿגעריסן.

אַ בלינדער בעטלער שטייט דער טאָג
ביַים ראָג
פֿון אַלטער וואַנט,
מיט ווייַנענדיקע גראָשנס אין די פֿויסטן.

ער וויל אַצינד אַ שטויס טאָן
און צעוואַקלען אַלטע טויערן
ווי שמשון דער געפֿאַנגענער
די מירמלנע קאָלאָנעס
און פֿאַלן דאָ צוזאַמען מיט דער געטאָ!

(אָ, טויערן — צעיאָמערטע לבֿנות
מיט געדאַנקען־פֿינגער איצט באַגלעטעט!)

ס׳איז מעסערדיקע וואָר.
פֿון גרינע דעכער
פֿליִען אָפּ די שטערן —
קינדער היימלאָזע;
און הערן
ווי עס פֿיבערט שטומערהייט אַ דור.
אַ דור פֿון קעמפֿער, זינגער און פֿאַרברעכער.

ס׳איז מעסערדיקע וואָר.
אין שטיקלעך שויבן
זעט אויס די זון אַ רויטער מוכאָמאָר.
אַן אָסיענבלאַט איז יעדער פּנים.
קייטן — יעדער קלאַנג.

און די אומרו קלעטערט ווי אַ שלאַנג
איבער
שטיבער
טויערן
און —
העכער!

ב

אַ קאַטאַרינשטשיק ווי אַ פּורים־נאַר
גרימפּלט אויף זײַן קראַנקן אינסטורומענט.
און אַ קאַסאָקער, געלער פּאָפּוגײַ
היפּט אויף זײַנע ביינערדיקע הענט.
דער ייִד איז אויך אַ זינגער
און ער קנעלט
אַזאַ געזאַנג וואָס בליצט אַרײַן אין אויער:
— "זיבן ברידער האָט מען אויסגעקוילעט אין פּאָגראָם,
דער אַכטער איז געפֿאַלן בײַ אַ טויער".
קינדערלעך באַטאַפּן
די פֿאַרשטויבטע קאַטאַרינקע,
און ער, וואָס דרייט דעם זמר,
און די קינדער — בלאָ און נאַקעט,
צוזאַמען מיטן פּאָפּוגײַ
און וואַסער־טרעגער קליינעם,
וואָס טראָגט זײַן תּפֿילה אין געפּלאַצטן עמער,
פֿאַרקנוילן זיך אין איינעם
אין אַן עיגול,
און איינער פֿאַרן צווייטן איז אַ שפּיגל.

ג

נאָר ס׳טרעפֿט, אַז אַ וואָקל דערלאַנגט זיך די געטאָ,
און פֿענצטערלעך טאַנצן אַרויס פּיאָלעטע.

דורך גילדענעם שטויב, ווי אַ טײַכל צעקלונגען,
פֿאַרפּלייצן די געסלעך בלאָאויגיקע יונגען.

די אַרבל פֿאַרקאַשערט און פֿעסט די ידים:
— מיר ווילן דאָס פֿאָלק פֿון זײַן געטאָ באַפֿרײַען!

דער עכאָ באַפֿאַלט ווי אַ דונער די שטיבער,
די אַלטינקע טויערן קוקן זיך איבער.

אַ בליץ און אַ בלענד. און עס הייבן זיך בליקן,
עס ציִען זיך קלאַנגען ווי ליכטיקע בריקן...

די געסעלעך טוליען זיך גראָ און פֿאַרטײַעט
און זעען דאָס בלוט פֿון דער ליבע און פֿרײַהייט.

אַ בליץ און אַ בלענד. ס׳זענען יונגען ניטאָ שוין.
עס האָט זיך די גילדענע זעונג פֿאַרלאָשן...

ד

אָוונט. די געטאָ נעמט בלאָען.
עס פֿלאַטערן הייסע קאָלירן.
ס׳אַנטפּלעקט זיך אין שולהויף דער גאָון
פֿון הינטער די קופּערנע טירן.

אַ מיידעלע זיצט אויפֿן גאַנעק
און אָטעמט די אותיות פֿון ביכל.
דאָס טרוימט זי פֿון זעלטענעם תּענוג:
אַ ברויט און אַ קלייד און אַ שיכל.

עס ווערן די שאָטנס אַלץ גרעסער.
די זון פֿליט אַוועק ווי אַ פֿאַווע.
אַ יונג ציט אַרויסעט אַ מעסער
אַזוי ווי אַ שטראַל פֿון כאַליאַווע.

איצט וואָלט זיך געפּאַסט די לבֿנה.
אָהוי, זי איז דאָ אין איר לויער.
נאָר ס׳דאַכט: אַ צעשאָסענע פּאַנע,
וואָס הייבט זיך פֿון הינטער אַ טויער...

יוני, 1936

אין קאַרצער

ניט אַנדערש: די פֿינצטערניש וויל מיך דערשטיקן!
די בלײַענע מײַן גריזשען אויס מײַנע בליקן.
איך וואַרף זיך אין קאַרצער און זינק צווישן ווענט:
וואָלט עפּעס געווען וואָס איז מענטשלעך, באַקענט.

דערטאַפּ איך אַ שטיקעלע גלאָז, ווו געפֿאַנגען
עס צוקט די לבֿנה אין גלעזערנע צוואַנגען.
פֿאַרגעס איך מײַן זינקען אין פֿיבער געשפּאַנט:
— דאָס האָט דאָך באַשאַפֿן אַ מענטשישע האַנט!

און כ׳צערטל אין גלאָזיקער שאַרף די לבֿנה:
— „דו ווילסט? כ׳גיב מײַן לעבן דיר אָפּ אַ מתנה!״
נאָר ס׳לעבן איז הייס און דאָס גלעזל — אַ קאַלטס
און ס׳איז מיר אַ שאָד עס צו נעמען צום האַלדז...

ווילנע, סוף יוני 1941

פנימער אין זומפּן

און גראָ דורך נאַכט געוואָרן זענען אונדזערע מחשבֿות,
מאָרגנזון האָט אָנגעגליטן זאַלץ פּאַרזייט אין ווונדן.
און ווײַסע טויבן האָבן באַלד פּאַרוואַנדלט זיך אין סאָוועס,
לאַכנדיק פֿון אונדזער טרוים, וואָס רויכיק איז פֿאַרשוווּנדן.

— וואָס ציטערסטו, מײַן ערד? צי ווערסטו אויך ווי מיר צעשפּאָלטן
אָדער דײַנע נאָזלעכער דערשפּירן שוין קרבנות?
שלינג אונדז אײַן! די צו־פּיל־זיכערקייט האָט אונדז פֿאַרשאָלטן;
שלינג אונדז אײַן צוזאַמען מיטן דור און זײַנע פּאָנעס!

דאָרשטיק ביסטו, וועלן מיר ווי אויפֿגעפּלאַצטע קוואַלן
מיטן גאָלד פֿון אונדזער לײַב פֿאַרפֿילן דײַנע גריבער;
און אַ קאָשמאַר פֿון פּנימער אין זומפּן וועט באַפֿאַלן,
פּנימער אין זומפּן איבער זונפֿאַרגאַנג און שטיבער...

סוף יוני 1941

דערפֿאַר ווײַל כ׳האָב געטרונקען ווײַן

דערפֿאַר ווײַל כ׳האָב געטרונקען ווײַן און טרינקען ניט געטאָרט,
ווען דו מײַן חבֿר האָסט געוואַרט כ׳זאָל קומען דיך באַפֿרײַען, —
האָט ווידערשפּעניקט קעגן מיר מיט האַס מײַן אייגן וואָרט,
און ס׳האָט זײַן גלײַענדיקע שאַרף צעשניטן מיר דעם רעיון.

דערפֿאַר ווײַל כ׳האָב פֿאַרטויבט מײַן האַרץ, ווי מען פֿאַרטויבט אַ ביק,
ניט מיטגעצאַפּלט ווען צו דיר עס האָט געאײַלט דער שעכטער, —
איז האָבן ווערעם אויסגעפּיקט זיך פֿון מײַן עפּל גליק
און ווי אַ קין־צייכן שטאַרצט געוועזענער געלעכטער.

10טן יולי 1941

אַ שטים פֿון האַרץ

אַ שטים פֿון האַרץ באַפֿעלט מיר: גלייב
אין שוין פֿאַרשוועכטן וואָרט ג ע ר ע כ ט ש אַ פֿ ט.
דער ווײַטער יורש פֿון אַ לייב
מוז ווידערשפּעניקן זײַן קנעכטשאַפֿט.

ס׳איז דאָ אַ גאַנג. עס ליגט זײַן ציל
אין ווילדן אורוואַלד פֿון זכרון,
ס׳איז אויך פֿאַראַן אַזאַ באַציל,
וואָס טראָגט דעם סם פֿון טויזנט יאָרן.

און זוכסטו פֿאַר דײַן פּײַן אַ זין —
פֿאַרוואַנדל זיך אין איר אַנטפּלעקער,
און הער ווי זיידעס וועקן זין
ווי שטורעמהעק אין בראַנדז פֿון גלעקער.

ס׳איז דאָ אַ גאַנג. איז קלעטער, שפּרײַז,
קויף אויס דעם דורותדיקן שטרויכל.
דער טויט איז מוחל יעדער גרײַז,
נאָר זײַן אַ קנעכט איז ער ניט מוחל.

ווילנע, 22סטן יולי 1941

איך ליג אין אַן אָרון

איך ליג אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער,
איך ליג.
זאָל זײַן, ס׳איז אַ שיפֿל
אויף שטורמישע כוואַליעס,
זאָל זײַן, ס׳איז אַ וויג.

און דאָ,
וווּ עס האָבן זיך גופֿן
געשיידט מיט דער צײַט,
רוף איך דיך, שוועסטער,
און דו הערסט מײַן רופֿן
אין ווײַט.

וואָס טוט זיך אין אָרון אַ צאַפּל
אַ לײַב אומגעריכט ?
דו קומסט.
איך דערקען דײַן שוואַרצאַפּל,
דײַן אָטעם,
דײַן ליכט.

אַזוי איז אַ פּנים דער סדר :
הײַנט דאָ,
מאָרגן דאָרט,
און איצט אין אַן אָרון,
ווי אין הילצערנע קליידער,
זינגט אַלץ נאָך מײַן וואָרט.

ווילנע, 30סטן אויגוסט 1941

אַ האַרדע מוזיק

א

בײַ אַ וואַרעמען בערגעלע פּערדישע מיסט
וואַרעם איך, וואַרעם די אײַזיקע הענט.
איך וואַרעם די הענט און דערבײַ מיך פאַרדריסט:
צו ווינציק ביז איצטער פאַרנומען, דערקענט,
די גרויסקייט פון קליינקייט.
ס׳קען טרעפן, אַז אויך
פון אַ בערגעלע מיסט אָט דער וואַרעמער הויך, —
זאָל ווערן אַ ליד אין דערהויבענער שיינקייט.

ב

מיט אַזעטיקע רגעס
באַגעגנט אין שנייוואַלד,
מוז מען זיך ראַנגלען,
פירן מלחמה,
נאָך מער ווי דער גוסס
מיט זײַנע מיקראָבן.
געווינסטו —
וועלן זיי בלײַבן דײַן אייגנס,
אַנטפּלעקן דעם זינען פון גאָרן געראַנגל,
געבויר פון גורלות
פאַרשלאָסן אין שניי.
נאָר וועסטו פאַרשפּילן דעם שאַרפן געפּעכט —
וועט דיך דײַן אייגענער אָטעם
פאַרפרירן.

ג

אַליין. פֿאַרפֿרוירענע לויטערע שטילקייט.
אונטער דער שטילקייט —
מײַן נאַקעטער גוף.
בלויז צוויי איילן ערד זענען מײַנע —
די, ווּ איך ליג מיט אַ צודעק לבֿנה.

איך שפּיץ מײַנע אויערן אָן צו דערהערן
אַ קול פֿון אַ חבֿר,
אַ קול פֿון אַ חבֿר!
נאָר ווי מײַן עכאָ דערטראָגט זיך פֿון ווײַטן
מוזיק פֿון וועלף
אין אַ בלענדיקער האַלבראָד.

איז דאָס מיר געבליבן דאָס איינציק־געטרײַע:
מוזיק פֿון וועלף —
דאָס איינציק־געטרײַע,
איבער וואַלדיקן שניי ווי פֿאַרפֿרוירענע וואָיען?
זאָל זײַן!
עס דערנענטערט זיך שטאָליק און שאַרף
צו מיר, קעגן מיר,
אַ האַרדע מוזיק!

אַהער מײַנע וועלף,
מײַנע טײַערע וועלף!
לאָמיר ווערן חבֿרים און טרעטן צוזאַמען
קעגן פֿײַנדלעכן מענטש, קעגן גיהנומשער קעלט.
האָרדע מוזיק, —
פֿאַרנעם די וועלט!

ווילנע, זאַקרעטער וואַלד, דעצעמבער 1941

צום חבֿר

אומגעבראַכטער חבֿר
בײַם שטעכעדיקן פּלויט, —
דריקסט נאָך צו דײַן האַרצן
דאָס דאַרע שטיקל ברויט.
מוחל זײַ מײַן הונגער
און מוחל זײַ מײַן מוט —
כ׳האָב דײַן ברויט געביסן,
דײַן ברויט אין פּלעקן בלוט.

נאָמענלאָזער חבֿר,
איך ווייס שוין ווי דו הייסט, —
זאָל דאָס ברויט אין פּלעקן
אויך זײַן פֿאַר דיר אַ טרייסט.
ווי דעם פֿאָלקס אַ נערונג
פֿון היילנדיקער שײַן,
מיטן ברויט צוזאַמען
ביסט דו אין מיר אַרײַן.

שווײַגנדיקער חבֿר,
איך זאַפּ דיך אײַן און לעב.
מאָן בײַ וועלט אַ חשבון
דורך יעדער מײַן געוועב.
אויב ווי דו כ׳וועל פֿאַלן
בײַם שטעכעדיקן פּלויט,
זאָל אַ צווייטער שלינגען
מײַן וואָרט, ווי איך דײַן ברויט.

ווילנער געטאָ, 30סטן דעצעמבער 1941

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפֿילה

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפֿילה — ווייס איך ניט צו וועמען,
דער, וואָס האָט אַמאָל געטרייסט מיך, וועט זי ניט פֿאַרנעמען,
ווייס איך ניט צו וועמען —
האַלט זי מיך אין קלעמען.

אפֿשר זאָל איך בעטן ביי אַ שטערן: „פֿריינד מיין ווייטער,
כ'האָב מיין וואָרט פֿאַרלוירן, קום און זיי אים אַ פֿאַרבייטער!"
אויך דער גוטער שטערן
וועט עס ניט דערהערן.

נאָר אַ תּפֿילה זאָגן מוז איך, עמעץ גאָר אַ נאָנטער
פייניקט זיך אין מיין נשמה און די תּפֿילה מאָנט ער, —
וועל איך אָן אַ זינגען
פלאַפלען ביז באַגינען.

ווילנער געטאָ, 17טן יאַנואַר 1942

אַ טאָג בײַ די שטורמיסטן

א

— בין איך שולדיק, דאַרף איך צאָלן שולד,
און וועמען דען, די הײַנטן צי אַמאָלן?
— אַלץ איינס, דו נאַר, גענוג ס'איז דאָ אַ שולד
און מעגסטו זײַן אַ טעות — מוזסטו צאָלן!

— דו לאַכסט געוויס, איך בין דאָך ניט געווען
מײַן פרײַען ווילנס קיין באַשאַף, באַקלער נאַר!
— ניטאָ צו קלערן, פרעג ניט וואָס און ווען
און הענג ניט אָן דײַן גלויבן אויף קיין דערנער.

— בין איך און גורל איינס, צי פרעמדע צוויי?
אויב צוויי — אַנטפלעק, און איך וועל אים פאַרוויסטן!
— באַשטים אַליין. מיט העל־זען פון דײַן ווײ
דערקען אים אַרום זיך — אין די שטורמיסטן.

ב

גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף, ווי מען הייסט.
זוך איך בעת־מעשה אין דר'ערד אויך אַ טרייסט.

אַ גראָב און אַ שניט און אַ ווערעמל קליין
עס צאַפּלט פון אונטן — דאָס האַרץ קען צעגיין.

צעשנײַדט אים מײַן רידל און — ווונדער דערבײַ:
צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דרײַ.

און ווײַטער אַ שניט, ווערן דרײַ, ווערן פיר,
און אַלע די לעבנס באַשאַפן דורך מיר?

קומט ווידער די זון אין מײַן טונקל געמיט
און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מײַן אָרעם:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט,
ביסטו ווינציקער דען פֿון אַ וואָרעם?

ג

ניט שלאָג. סײַ־ווי־סײַ טוען גלידער ניט ווי מער.
זיי געהערן ניט מיר ווי מײַן נעכטיקע שעה.
עפּעס ציט מיך אַ האַנט צו אַ וועלט אַ געהיימער
וווּ קיין טויט איז ניטאָ,
ניטאָ.

מײַן גוף טו איך אויס ווי אַ הילע פֿון שטויבן.
דריי זיך ווידער אין צײַט ווי אַ וועג אויף אַ ראָד.
נאָר אַלמאַי ס'איז די גרוב ניט באַצאַפּלט מיט שויבן, —
איז באמת אַ שאָד,
אַ שאָד.

ד

אַ ראַבינע פֿון שטורעם אויסגעריסן,
מיט העגגלעך קרעלן אויף צעלאָמטע צווײַגן —
מײַן גוף אין קאַלך.
ס'איז איך? וווּ איז מײַן איך?
פּרוווט יעדער גליד
זיך אָנטאַפּן, דערפֿילן:
דאָ.
דאָ.
דאָ.

און איז פֿון שטיקלעך קוועקזילבער
וואָס לאָזן זיך ניט גאַנצן.
די וואָריקייט באַהערשט שוין ניט מײַן לײַב,
און טוט ניט וויי — ווי מעסערשניט אויף נעגל.
דער חלום איז שוין אמתער
און פּויקט אין קאָפּ:
דול.
דול.
און פֿלעקן פֿאַרן אויג, בלויז פֿלעקן,
ווי שטראַלן־הערצעלעך פֿון מערן.

ווי קום איך דאָ?
אַנטרונען,
ווען, פֿון וועמען?
און ווי אַזוי אַנטרינט מען, ווער באַפֿעלט?
די פֿײַל זעט שטענדיק שאַרפֿער ווי דער אָדלער
כאָטש ער איז הערשער, זי — אַ קנעכט.
שאַ. לעב איבער אויף צוריק, דערמאָן זיך.
ניין, פֿאַרגעס.
ניין־ניין, דערמאָן זיך ווידער:
אַנטלאָפֿן.
דו פֿון טויט צי טויט פֿון דיר?
אַלץ איינס.
דער חוזק־מאַכער האָט זיך בלויז געשפּילט
און אַנשטאָט דיר אַ הונט אַוועקגעשאָסן.
האָרך, עס בילט דער הונט אין קאָפּ:
דול.
דול.

ה

אין דעריין עס נעמט מיר עפּעס קלאָרן
ווי איך וואָלט נײַ געבאָרן:
די פֿלעקן פֿאַרן אויג — אַוועק, אַוועק,
איין ווײַסער פֿלעק
פֿון קאַלך צעלאָזט אין וואַסער,
וואָס זידט און זעט:
איך ליג אין אים פֿאַרזונקען
האַלב דערטרונקען,
און ס׳ציִען זיך פֿון מיר אַזוינע פֿלייציקע רובינען,
טריפֿן, רינען
שורותדיק ווי לידער
און וואָרצלען אײַן אַ שמייכליק־ראָזן זונפֿאַרגאַנג אין קאַלך.

די קאַלכגרוב ווערט מיר ליב. איך ליג און טראַכט:
„אַצינד וועל איך ניט אויפֿהערן צו גאַפֿן
ביז נאַכט, ביז נאַכט,
אויפֿן שענסטן זונפֿאַרגאַנג, דורך מיר אַליין באַשאַפֿן!״

ווילנער געטאָ, מײַ 1942

צווייַ ברידער

דו שטילער, דו איינציקער ברודער, מיר שטייען דאָך ביידע פֿאַרשמידטע
צו טויערן צוויי, פֿון דער ווײַטן: דו לויערסט אין ירושלים,
און איך צווישן געסעלעך זיבן — אין ירושלים דליטא,
אַוווּ אין צעבראָכענע לוחות געפֿין איך אַ כּוח אַ נײַעם.

און יעדער באַגינען מיר זעען: אַזוי ווי די זון פֿון דער נידער
גייט אויף אונדזער איינציקע מאַמע און זאַלבט אונדז מיט בלוטיקע שטראַלן.
"אין שטוב זײַט איר ווײַטע געוועזן, אין ווײַטקייט זײַט נאָענט, איר ברידער,
שטרעקט אויס איבער לענדער די אָרעמס, און לאָזט ניט די טויערן פֿאַלן".

עס דרינגען די ווערטער אין ביידן. דו קוקסט אויפֿן מידבר אין לויער,
און וואַלטסט וואָלסט אויף באַשיצן דײַן פֿעסטונג פֿאַרמויערט דײַן קינד פֿאַר אַ ציגל.
און איך מיט אַ האַק אין די פֿויסטן, איך לאַקער אַצינד לעבן טויער
אויף היטן די שטים פֿון דער מאַמען, אויף ניט צו פֿאַרשעמען מײַן וויגל.

און גלײַך ווי דו ווילסט ניט דער שׂונא זאָל איבערן כּותל מערבֿי
זײַן האַקנקרייץ הענגען, — וויל איך ניט ער זאָל דאָ אַ שטיינדעלע שענדן.
און זע איך צעטראָטענע גופֿן, איז ווער איך אַ ווײַל זייער נבֿיא:
"מײַן לײַדנדיק פֿאָלק, ס'וועט דײַן קרעכצן די אײַזערנע מערדער פֿאַרלענדן".

דאָס יאַטקעווער געסל אין חורבֿות איז הייליק בײַ מיר ווי דײַן היכל.
אַ פֿרוי צו פּאָנאַר אויף די וועגן — זי ווערט ווי די מאַמע מיר טײַער;
איך טראָג אויף די ליפּן דעם צאָרן פֿון יעדנס דערהרגעטן שמייכל,
אין פֿידלער, וואָס שפּילט אויף זײַן האַרצן, פֿאַרנעם איך דעם קלאַנג פֿון באַפֿרײַער.

נאָר גוט איז מיר דאָ מיט דער לאַטע, אַז דו ביסט מיט דראָט ניט פֿאַרבונדן,
דו טראָגסט אין די אויגן דעם מיזרח, ווי איך דאָט געשריי פֿון די שטיינער,
דער מאַמעס געהייליקטע בענטשליכט, וואָס לויכטן אין אונדזערע וווּנדן, —
זיי לײַטערן ביידנס גורלות, און דעמאָלט פֿון ביידע ווערט איינער.

און דעמאָלט געפֿין איך אַ טרייסט מיר, און ווי קען איך אַנדערש דען גלייבן,
אַז ניט פֿאַר אומזיסט זענען לענדער צעאַקערט מיט אונדזערע קבֿרים,
אַז יעטוועדער פֿלאַג און מגפֿה האָט מער אונדזער פֿאָלק נאָך דערהייבן.
און כ׳זע ווי עס וואַקסט פֿון די גריבער אַ שווערד אין אַ מעכטיקן אָרעם.

אוןביידע מיר זענען זיך דאָרטן — צוויי ווײַטע, צוויי נאָענטע ברידער.
דו אָטעמסט מיט ריחות פֿון צעדער, מיט מידברשן ווינט און מיט ימען
און איך טראָג פֿאַר דיר אַ מתּנה — אין געטאָ געשריבענע לידער.
און איבער אונדז ביידן די ברכה פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענער מאַמען.

ווילנער געטאָ, 15טן מיי 1942

ווי נאָענט און ווי ווײַט

א

אַ הינקעדיקער מויער.
און עס קריכט
אַ קלעטערפּלאַנץ, געוועבט פֿון מערבֿס ליכט,
אַלץ העכער אויף דער קרישלדיקער וואַנט
און פֿאַלט צו מיר אַראָפּ אין סאַמע האַנט.
איך גיי פֿאַרבײַ און טראַכט:
איך האָב נאָך אויגן,
וואָס האָבן ניט פֿאַרקויפֿט דאָס ליכט פֿון וועלט,
נאָר וואָס האָט מיך אַ ציטער גלײַך באַצויגן?
די וואַנט האָט ווּעמען סודותדיק פֿאַרשטעלט.
ווען כ׳וואָלט זי דורכגעבראָכן און אַרײַן,
דערזען וואָלט איך, קען זײַן,
אַ מענטש, אויף שטרויענעם געלעגער,
וואָס ראַנגלט זיך
מיט לעצטן טראָפּן צײַט...

ווי נאָענט און ווי ווײַט!

ב

אַ פֿרילינגערד.
און גראָז פּײַכט און ווייך
צערטלען מיך און לעקן מײַנע גלידער.
וואָס ווייס די נידער וועגן הייך?
וואָס ווייס די הייך
פֿון דעם, וואָס אין דער נידער?
קען זײַן,
אַ פּיצל גרעזל טיילט מיך אָפּ
פֿון דעם, וואָס חלומט אונטן
און צו וועמען

עס יאָגן מײַנע שלייפֿן אין גאַלאָפּ, —
פֿון דעם, וואָס איך האָב ליב, און טו פֿאַרנעמען
דעם ניגון פֿון זײַן גוף
אין פֿרישן גראָז באַנײַט.

וי נאָענט און וי ווײַט!

ג
און אָט איז נאַכט.
איך זע — אַ העלע ראָד,
באַרינגלט זיבנפֿאַכיק מיט אַרמייען,
און איך אין מיטן אויף אַן עשאַפֿאָט.
די שונאים רק דערנענטערן זיך, גייען.
די ראָד ווערט ענגער, ענגער.
איך — געשמידט.
שוין הילכן אין מײַן האַרצן אָפּ די טריט.
שוין פֿליט די ערשטע פֿײַל
מיך צו געפֿינען.
אַ צווייטע און אַ דריטע
יאָגן איבער אין געאײַל,
און אַלע פֿײַלן צילן אין מײַן זינען.
נאָר ס׳איז גענוג אַ ל י ד —
און זיי צערינען.
דער עשאַפֿאָט — צעשמאָלצן,
איך — באַפֿרײַט.

וי נאָענט און וי ווײַט!

ווילנער געטא, 30סטן יולי 1942

אויפֿן טויט פֿון יעקבֿ גערשטיין*

מיר האָבן שוין אַדורכגעזשאַוועט אַלע זיבן טויטן,
און זעען ניט דערפֿאַר די שווערד, וואָס פֿאָכעט נאָך צוקאָפּנס.
און אַלע אונדזערע געפֿילן זענען ליכט אָן קנויטן,
וואָס קענען זיך ניט אָנכאַפּן, — נאָר שמעלצן זיך אין טראָפּנס.

נאָר גלײַך עס וואָלטן פּלוצעם װענט אונדז אָפּגעשיט מיט ציגל,
האָבן מיר זיך אויפֿגעוועקט בשעת דו ביסט אַנטשלאָפֿן,
און קלאָר דערזען דאָס פּנים פֿונעם ווייטיק ווי אין שפּיגל,
די שרפֿעדיקע לאַטעוונד, אָן הילע, נאַקעט, אָפֿן.

אין איינעם האָבן מיר געוועבט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די טענער,
אין איינעם אָפּט געפֿאַלן אונטער געטאָדיקע האַרבן;
און אַלץ האָט זיך געדאַכט, אַז דו, דער שטאָלצסטער פֿון די מענער,
וועסט בײַקומען די שׂונאים — נאָר דו ביסט פֿאַרבליבן קרבן.

און מיר, וואָס גוססן נאָך אַלץ געבויגן אַרום אָרון,
פֿאַרנעמען, ווי דײַן אײַנגעקלעמטער שווײַגן מאַכט אונדז פֿעסטער.
מיר וועלן היטן טרײַ אין אונדזער האַרצן אָט דעם צאָרן,
ווי טרײַ דיך האָט געהיט דײַן טרײַע שוועסטער.

ווען ס׳וואָלט דײַן שיינער קאָפּ געפֿאַלן אין אַ צײַט אַן אַנדער —
וואָלטן מיר דײַן בלומען־גוף געטראָגן צו פֿאַרזייען;
און ווי דער וואַנדער פֿון מוזיק — אַזוי דײַן לעצטער וואַנדער
באַגלייט פֿון קינדער גאַנצענע אַרמייען.

איצט קענען מיר אַפֿילו ניט באַגלייטן דײַן געביין מער,
און ניט קיין וואָרט דיר מיטגעבן, וואָס זאָל באַלײַכטן יאָרן.
דו אײַלסט אַליין, ווו דײַנע זינגער ליגן אונטער ביימער,
און מיר פֿאַרבלײַבן דאָ, און אָטעמען דײַן צאָרן.

ווילנער געטאָ, 28סטן סעפּטעמבער 1942

* אַ באַוווּסטער ווילנער לערער, מוזיקער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, געשטאָרבן אין ווילנער געטאָ.

מײַן מאַמע

א

עס וואָרקעט אַ פֿרײַטיק צו נאַכטס אויף אַ בוידעם,
צוקסט בײַ דער שײַן פֿון לבֿנה אין סידור.
עס דאַוונען די שפּיצן בײַ דיר פֿון דער לאַטע
און צוקן ווי טײַלן פֿון מענטשישע גלידער.

עס טריפֿט מיט לבֿנה פֿון דײַנע שוואַרצאַפּלען,
די מאַמישע טראָפּנס באַלויכטן מײַן גלויבן.
דײַן תּפֿילה דערמאָנט מיר אָן וואַרעמע חלה,
דו קאָרמעסט מיט האַרציקער תּפֿילה די טויבן.

אין יעדער דײַן קנײטש איז באַהאַלטן מײַן לעבן,
איך הער ווי דו הוסט און דו ציטערסט, אַז קײנער
דעם הויך זאָל ניט הערן — ווײַל דאָ, אין אַ ווינקל,
פֿאַרשאָטן מיט ערד, ליגן אויך מײַנע בײנער.

עס דרעמלט דײַן האַנט אויף מײַן שטערן: זײַ רויִק,
אַ טאָג אָדער צוויי די ישועה — אַ גיכע.
דײַן אַנדערע — האַלטסטו בײַ מיר אויפֿן אויער,
איך זאָל ניט דערהערן די שטים פֿון רציחה.

ב

ווײסט מיך ניט נאַרן: איך ווײס דו ביסט טויט.
כאָטש דו לעבסט אין מײַן חלום. וואָס ברענען
אין דײַן האַרצן דרײַ רויזן אין שאַרלאַכן רויט?
פֿאַרשטעל ניט.
איך ווײס ווער דאָס זענען!

פֿאַרשטעל זיי ניט מאַמע, וואָס נאַרסטו דײַן קינד,
ווי קומען דאָ רויזן צעבליטע?
איך זע דאָך דרײַ פּורפּורנע קוילן אַצינד:
אַן ערשטע, אַ צווייטע, אַ דריטע.

ג

צימבלט, איר צימבלען,
דערפֿרייט אַ געלעכטער, פֿאַרטויבט אַ געשריי.
דורך פֿעלדער
איצט יאָגט מען מײַן נאַקעטער מאַמען,
איר לײַב איז אַ שטראַל אין די שפּיגלען פֿון שניי.

און זי, ווי צום אויסלייז,
יאָגט ערגעץ גיך, גיך
און דורך דער פֿאַרפֿרוירענער טרער, ווו די זון גליט
געפֿאַנגען אויף אייביק, דערזעט זי איצט מיך.

און צווישן איר ווידוי
שיקט זי אַריבער אַ בענטשונג דעם זון.
עס קנאַלן די ביקסן.
זי פֿאַלט ווי אַ טויב אויפֿן טראָן פֿון דער זון.

ד

און ווו בין איך געווען,
בעת אונטער צימבלען
האָט מען דיך געשלעפּט צום עשאַפֿאָט?
— אין הינטישער בודע פֿאַרגראָבן ס׳געביין,
מיט הינטישער פֿרייד וואָס פֿאַרשילט זיך אַליין,
אויף ליפּן — אַ פּיאַווקע,
אין אויער — אַ שפּין,
האָב איך געלוגט דורך אַ שפּעלטל אַהין,

ווּ אונטער לבֿנה, וואָס שפּיגלט דער נאַכט,
שפּילט זיך דער ווינט מיטן פּערלנעם שניי.
און די שנייען־קאַפּעליע,
ס׳געהיימע געדריי
אויפֿן פּאָן פֿון לבֿנה —
פֿון וואַנען די פּראַכט?
ס׳האָט איטלעכער פּערעלע שניי זיך געשפּילט
מיט זײַן אייגענעם שאָטן, און מיר האָט דאָס בילד
פֿאַרשאַפֿט אַזאַ תּענוג,
אַז כ׳האָב אַזש געבילט — —

ה

לײַכטן מיר דרײַ קוילן אין דער נאַכט,
לויף איך זיי צום אויסלייזן פֿון שאָטן.
קום איך צו אַ געלן טויער מיט אַ שילד באַוואַכט:
„אַכטונג! דאָ איז קרעץ. פֿאַר ניט־ייִדן — פֿאַרבאָטן!"

בײַס איך דורך די שטיינער מיט די ציין
און פֿאַרן ליכט פֿון אויסגעזעצטע שויבן־ווײַסלען זע איך:
די הײַזער — אָן נשמות. כ׳בין אַליין.
די גאַסן — אַ פֿאַרלאָשענער מזבח.

האָב איך מורא אָנצוזען דײַן שויב,
אָטעמט מיט דײַן גסיסה יעדער שטאָפּל.
זוך איך מיטן מויל דײַן מינדסטן שטויב,
פֿיל איך דיך אין ווינטישן געצאַפּל.

פֿאַל איך צו אַ שטיינערדיקער שוועל:
— מאַמע, איך בין דאָ צוריק, זאָלסט וויסן!
און די קוילן ווייטיקדיק און העל
ברענען אין דעם אומרו פֿון געוויסן.

ו

זוך איך די ליבע פּיר ווענט,
ווו דו האָסט געאָטעמט,

שווינדלען די טרעפּ אונטער מיר
ווי אַ וואַסערגרוב קאָכיק.

דערטאַפּ איך די קליאַמקע און רײַס
די טיר צו דײַן לעבן,

דאַכט מיר: אַ פּייגעלע וויינט
אין שטײַג פֿון די פֿינגער.

קום איך אין צימער אַרײַן
ווו ס׳טונקלט דײַן חלום —

צאַנקט נאָך דאָס לעמפּעלע קוים,
וואָס דו האָסט געצונדן.

שטייט אויפֿן טיש אַ גלאָז טיי, —
ניט באַוויזן דערזופּן,

צאַפּלען נאָך פֿינגער אַרום
אויף די זילבערנע ראַנדן.

בעט רחמים דאָס צינגעלע ליכט
אין צוקיקן לעמפּל —

דערגיס איך אין לעמפּל מײַן בלוט
ס׳זאָל ניט אויפֿהערן לײַכטן.

ז

כ׳געפֿין אַנשטאָט דיך אַ צעריסנס דײַן העמד,
נעם איך צום האַרצן און דריק עס פֿאַרשעמט.
עס ווערן די לעכער פֿון העמד מײַנע טעג
און דער זוים פֿונעם העמד ווערט אין האַרץ מיר אַ זעג.

צערײַס איך פֿון לײַב מײַנע קליידער און קריך
אין דײַן אָפּענעם נאַקעטן העמד ווי אין זיך.
ס׳איז מער ניט קיין העמד, ס׳איז דײַן ליכטיקע הויט,
ס׳איז דײַן קאַלטער, דײַן איבערגעבליבענער טויט.

ח

רעדסטו צו מיר
אַזוי וואָרהאַפֿטיק עכט:
— גיטע, מײַן קינד,
ס׳איז אַ זינד, ס׳איז אַ זינד,
און אונדזער צעטיילונג
נעם אָן פֿאַר גערעכט.

אַז דו ביסט פֿאַראַן,
בין איך דאָ סײַ־ווי־סײַ,
ווי דער יאָדער אין פֿלוים
פֿאַרמאָגט שוין דעם בוים
און די נעסט און דעם פֿויגל
און אַלץ וואָס דערבײַ.

ווילנער געטא, אקטאבער 1942

דער זקן

עס ליגט אין קלויז אין חרובֿער אַן אײַנגעקנוילטער זקן,
ער ליגט אויף אַ צעפּליקטער ספֿר־תּורה און ער פּאַסט.
דאָס טאָגליכט הענגט אין פּאָליש, ווי אַ האַנטעך אויף אַ האָקן
און ס׳וואַרט דער ייִד, עס זאָל שוין קומען דער געהאָפּטער גאַסט.

צופּוסנס ליגט אַ טלית, און צוקאָפּנס — אַ מנורה.
עס בליצט דער זונפּאַרגאַנג אין איר צעשפּיגלטן קרישטאָל.
דער ייִד האָט מיט זײַן אָדערדיקער האַנט געקריצט די תּורה
און מיט זײַן אייגן בלוט פֿאַרענדיקט שרײַבן זי דאָס מאָל.

דער פֿאַרמעט איז מיר היימיש נאָענט, נאָך נענטער איז דער זיידע;
איך ברענג אים ברויט און זוך אַרום אין טונקלקייט זײַן קול.
און כאָטש ער איז אַליין, מיר דוכט — ס׳איז דאָ אַ גאַנצע עדה,
זי שפּיגלט זיך געהיים אין דעם פֿאַרטונקלטן קרישטאָל.

פֿאַרחתמעט איז דעם זקנס וואָרט, פֿאַרחתמעט איז זײַן נאָמען,
און ווען איך קום אויף מאָרגן, ליגט ניט אָנגערירט דאָס ברויט.
אין פֿאַרמעט אײַנגעזייגט די ליפּן ווי צעברענטע שוואָמען,
און בײַם דערהערן טריט, איז לעבט ער אויף, ער מיינט: דער טויט.

און קיין מאָל קוקט ער מיך ניט אָן. ער וויל ניט קענען קיינעם.
ער הונגערט, און זײַן לײַב טריפֿט אויס ווי חלבֿ פֿון אַ ליכט.
די תּורה וויקלט אים אַלץ מער דעם הונגער־גוף דעם ריינעם
און דער, אויף וועמען ס׳וואַרט דער זקן, קריכט און קריכט און קריכט.

און ווידער ברענג איך אים אַ טרונק, אַ סקאָרינקע, און ווידער
עס בלײַבט ווי נעכטן ניט באַרירט פֿון זקנס דאַרע הענט.
און כ׳זע ווי ס׳גוסן אַרויס די דורות פֿון די גלידער
און מאָלן אין לבֿנה־שײַן צוואות אויף די ווענט.

ביז איין מאָל כ׳האָב דעם פּאַרמעט פֿון זײַן קאָפּ אַראָפּגעריסן:
— פֿאַרשעמט ניט ברויט מיט וואַסער, נעמט אין מויל!
און ס׳האָט דער ייִד געענטפֿערט: פֿון אַזאַ מין וועלט געניסן?
אָ, זאָל זי מיט איר גאָב צוזאַמען ווערן אַש און קויל.

אויף מאָרגן האָט זיך ווידער אין קרישטאָל פֿון דער מנורה
מיט זײַנע קנײטשן־פֿײַערן דער זונפֿאַרגאַנג פֿאַרטיפֿט.
און אַרום זיך אַליין האָט זיך געוויקלט שוין די תּורה —
דער זקן איז פֿאַרגאַנגען אין דער פּאַרמעטענער שריפֿט.

ווילנער געטאָ, 15טן נאָוועמבער 1942

תּפילה צום נס

ביסט דאָ, ביסט דאָ! ביסט לעבעדיקער קערן
אין טויטער שאָל פֿאַרוויקלט ווי אַן איי.
ביסט דאָ, ביסט דאָ! און וועסט אַ הילף מיר ווערן
בשעת דיך וועט דערוואַרעמען מײַן וויי.
כ׳בין נאַקעט אויפֿן פֿראָסט. און זע, איך וואַרעם
דײַן טויטע שאָל: דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם!

און דו וועסט דאָך זיך מוזן טאָן אַן עפֿן
און פֿרײַ זײַן אויס די קלאַמערן פֿון וואָרט,
וועט דײַן בליק דעמאָלט זיך מיט מײַנעם טרעפֿן
און בלײַבן הענגען צווישן מיר און — מאָרד.
און זיך אַליין וועסטו צום נס באַשווערן
ווי איצטער איך, מיט וואַרעמקייט פֿון טרערן.

עס אײַלט דער טויט, אויף קוילנשאַרפֿן רײַט ער
צום דורכשטעכן אין מיר מײַן העלסטן טרוים.
אַ רגע — און איך ליג שוין אַ פֿאַרבלײַטער
אויב דו וועסט ניט פֿאַרלויפֿן, זײַן אַ צוים.
פֿאַרלויף דעם וועג! אויב ניט, וועט דיר פֿאַרדריסן,
ווײַל אויך אַ נ ס מוז האָבן אַ געוויסן.

ווילנער געטאָ, 23סטן נאָוועמבער 1942

צום יאָרטאָג פֿון געטאָ־טעאַטער

א

...מיר האָבן אַליין זיך פֿאַרמויערט
און לעבן באַזונדער.
ניט שמייכלט אַרײַן פֿון דער פֿרײַ, ניט באַדויערט —
פֿאַר אונדז קען אַפֿילו דער טויט זיך צעבליִען אין וווּנדער.

ווי קענען מיר זײַן דען צוזאַמען
אין זעלבער מסיבה?
די שׂינאה צו אונדז וועט ווי מײַז אײַך פֿאַרסמען —
א ו נ ד ז ע ר ע ווונדן וועט היילן די ליבע.

און ביז וואַנען דער דרויסן איז אײַער —
איז אונדזער די געטאָ, דאָ וועלן מיר ליגן
און קנעטן פֿון געטלעכן האַרץ אַ באַפֿרײַער
און שלײַפֿן אַ ניגון...

ב

שפּילט אַקטיאָרן ייִדישע באַלאַטעט און פֿאַרמויערט,
ווען דאָס לעבן קאָרטשעט זיך ווי אָנגעכאַפּטע האָר,
ווען אויף שטיינער זידן רויטע טראָפּנס פֿון די באָנטסטע,
און די געסלעך וואַרפֿן זיך ווי עופֿות ניט־דערקווילעטע,
און קענען זיך ניט אויפֿהייבן, אַוועקפֿליִען, אַנטרינען...
שפּילט, חבֿרים! זאָל זיך דאַכטן: אַן אַמאָליק שטעטל
און מע פּראַוועט חתונה אויף האַרבסטיקן בית־עלמין
מיט געזאַנג און וואָלעכן און טאַנצנדיקע ליכט,
פֿריילעך אין אַ קאַראַהאָד אַרום דער חתן־כּלה!
שפּילט! און זאָל אַרויסקלינגען פֿון אײַער מויל דאָס ייִדיש,

ריין און לויטער ווי דער גייַסט פֿון אַ געשאָכטן קינד,
האַרב און הילכיק ווי דאָס קול פֿון אונדזער ביקס און פּולווער,
וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן
שפּילן פֿון די דעכער...

און איר, פֿאַרגאַפֿטע, אומעטיקע פֿידלערס,
וואָס בייַ נאַכט
פֿלעגט איר זיך אַרויסגנבֿענען אין ליידיקע דרויסן,
שאַרן זיך פֿאַרבייַ די ווענט,
אַרומגיין די פּאַטרולן,
צוקריכן צו אייַער אַלטער חרובֿדיקער היים,
און אויסגראָבן פֿון דר'ערד אייַערע פֿידלען
אייַנגעפֿלאַנצטע ערבֿ אייַער אָפּמאַרש דאָ אַהער —
שפּילט איר אויך!
און קנייַפּט אַרויס די סאַמע טיפֿסטע טענער!
זאָלן זיי זיך טראָגן איבער אייַערע געביינען
און פֿאַרוואָגלען ווייַט, אַווו עס פֿינקלט נאָך אַ ייִד...
ווו אַ האַרץ נאָך צאַפּלט אין דערוואַרטונג אויף אַ בשורה.
זאָלן זיי זיך טראָגן איבער פֿעלדער, איבער פֿראָנטן,
ריין און לויטער ווי דער גייַסט פֿון אַ געשאָכטן קינד,
האַרב און הילכיק ווי דאָס קול פֿון אונדזער ביקס און פּולווער,
וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן
שפּילן פֿון די דעכער...

ווילנער געטאָ, 31סטן דעצעמבער 1942

אַ וואָגן שיך

די רעדער יאָגן, יאָגן,
וואָס ברענגען זיי מיט זיך?
זיי ברענגען מיר אַ וואָגן
מיט צאַפּלענדיקע שיך.

דער וואָגן ווי אַ חופּה
אין אָוונטיקן גלאַנץ;
די שיך — אַ פֿולע קופּע
ווי מענטשן אין אַ טאַנץ.

אַ חתונה, אַ יום־טובֿ?
צי האָט מיך ווער פֿאַרבלענדט?
די שיך — אַזוינע נאָנטע
אויף ס'נײַ איך האָב דערקענט.

עס קלאַפּן די אָפּצאַסן:
וווּהין, וווּהין, וווּהין?
פֿון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרײַבט אונדז קיין בערלין.

איך דאַרף ניט פֿרעגן וועמעס,
נאָר ס'טוט אין האַרץ אַ ריס:
אָ, זאָגט מיר, שיך, דעם אמת,
וווּ זענען זיי די פֿיס?

די פֿיס פֿון יענע טופֿל
מיט קנעפּעלעך ווי טוי, —
און דאָ — וווּ איז דאָס גופֿל,
און דאָרט וווּ איז די פֿרוי?

אין קינדערשיך אין אַלע
וואָס זע איך ניט קיין קינד?
וואָס טוט ניט אָן די כּלה
די שיכעלעך אַצינד?

דורך קינדערשיך און שקראַבעס
כ׳דערקען מײַן מאַמעס שיך!
זי פֿלעגט זיי בלויז אויף שבת
אַרויפֿציִען אויף זיך.

און ס׳קלאַפּן די אָפּצאַסן:
וווּהין, וווּהין, וווּהין?
פֿון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרײַבט אונדז קיין בערלין.

ווילנער געטאָ, 1טן יאַנואַר 1943

פֿאַר נאַכט

זיי ציִען זיך, שאַרן אין רייען, אין פֿאַלקן,
איך זע מער ניט קיינעם, נאָר פֿיל זייער גאַנג.
ווי פֿייגל אין פֿלאַטער פֿון הינטער אַ וואָלקן —
געשטאַלט נאָך געשטאַלט מיט באַזונדערן קלאַנג.

דורך מיר, דורך מײַן דימיון זיי ציִען זיך אַלע,
און יעדער געפֿינט דאָרט זײַן חלום און — זיך.
עס ווערט מיר אין ליכט פֿון מײַן בלינדקייט נתגלה
פֿון וויפֿל נשמות געקלעפּט איז מײַן איך.

ווילנער געטאָ, 10טן יאַנואַר 1943

צום קינד

צי פֿון הונגער,
צי פֿון גרויסער ליבשאַפֿט, —
נאָר אַן עדות איז דערבײַ דײַן מאַמע:
איך האָב געוואָלט דיך אײַנשלינגען, מײַן קינד,
בײַם פֿילן ווי דײַן גופֿל קילט זיך אָפּ
אין מײַנע פֿינגער,
גלײַך איך וואָלט אין זיי געדריקט
אַ וואַרעמע גלאָז טיי,
פֿילנדיק דעם איבערגאַנג צו קאַלטקייט.

ווײַל דו ביסט ניט קיין פֿרעמדער, ניט קיין גאַסט,
אויף אונדזער ערד געבוירט מען ניט קיין צווייטן, —
זיך אַליין געבוירט מען ווי אַ רינג,
און די רינגען שליסן זיך אין קייטן.

קינד מײַנס,
וואָס אין ווערטער הייסטו: ליבשאַפֿט,
און ניט אין ווערטער ביסטו עס אַליין,
דו — דער קערן פֿון מײַן יעדער חלום,
פֿאַרהוילענער דריטער,
וואָס פֿון די וועלטישע ווינקלען
האָסטו מיטן וווּנדער פֿון אַן אומגעזעענעם שטורעם
צונויפֿגעבראַכט, צונויפֿגעגאָסן צווייען
צו באַשאַפֿן דיך און צו דערפֿרייען: —

פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרטונקלט דעם באַשאַף,
מיט דעם וואָס דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן
און געלאָזט מיך בעטלערדיק אין דרויסן

צוזאַמען מיט אַ וועלט אַן אויסגעשנייטער,
וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפן אויף צוריק?

דיך האָט ניט דערפרייט קיין וויג,
וואָס יעדער איר באַוועגונג
באַהאַלט אין זיך דעם ריטעם פון די שטערן.
עס מעג די זון צעברעקלען זיך ווי גלאָז —
ווייל קיין מאָל האָסטו ניט געזען איר שיין.
אַ טראָפּן סם האָט אויסגעברענט דיין גלויבן,
דו האָסט געמיינט:
ס'איז וואַרעם־זיסע מילך.
— — — —

איך האָב געוואָלט דיך איינשלינגען, מיין קינד,
כדי צו פילן דעם געשמאַק
פון מיין געהאָפטער צוקונפט.
אפשר וועסטו בליען ווי אַ מאָל
אין מיין געבליט.

נאָר איך בין ניט ווערט צו זיין דיין קבר.
וועל איך דיך אַוועקשענקען
דעם רופנדיקן שניי,
דעם שניי — מיין ערשטן יום־טוב,
און וועסט זינקען
ווי אַ שפליטער זונפאַרגאַנג
אין זיינע שטילע טיפן
און אָפּגעבן אַ גרוס פון מיר
די איינגעפרירטע גרעזלעך — —

ווילנער געטאָ, 18טן יאַנואַר 1943

פֿון אַ פֿאַרלוירענער פּאָעמע

מאַמע,
כ׳בין קראַנק.
מײַן נשמה איז קרעציק.
און אפֿשר נאָך מער:
ס׳איז אַ געלער שגעון.
און דער זאַלב פֿון דײַן קוש
איז צו הייליק, ער זאָל
מיר באַהויכן צו מאָל
מײַנע ווונדיקע דנאָען.

נאָר אויב דאָס איז וואָר,
אַז דו ליבסט מיך ווי שטענדיק
דעם צווייטן נאָך גאָט —
איז מײַן לעצטער געבעט און געבאָט:
— דערשטיק מיך!
דערשטיק מיט די מאַמישע פֿינגער
וואָס האָבן געשפּילט
אויף מײַן ווערבענעם וויגל.

וועט מיינען:
דײַן ליבשאַפֿט איז שטאַרק ווי דער טויט.
וועט מיינען:
דו האָסט מיר דײַן ליבשאַפֿט פֿאַרטרויט.
און איך וועל פֿאַרקערן
אין איידער־מײַן־ווערן
און זײַן און ניט זײַן
ווי אַ שטערן
אין וואַסער.

ווילנער געטאָ

און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום

און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום,
ווען יענער וועט הייבן פֿאַרחלשטע פֿויסטן
און פֿרעגן: ווער בין איך?

— דײַן טאַטע האָט גלייביק פֿאַרהויבן זײַן קאָפּ.
איבער אים איז אַריבער אַ פֿינצטער געפּלייץ
מיט קאָכיקן אַש
און צעשמאָלצענעם שוועבל.
און מיטגעשלעפּט אים,
זײַן ווײַב,
זײַנע קינדער,
שול און בית־עולם.
און מיטגעשלעפּט אויך די פֿאַרגאַנגענע דורות,
און די, וואָס באַהאַלטן
אין טראַכט פֿון דער צוקונפֿט.
ווײַל דער, וואָס קומט אום,
דערהרגעט די דורות
וואָס יוירן אין אים
און וואַרטן אויף אויסלייז, —
נאָר דו ביסט געבליבן,
ביסטו דער ירשן:
אַ זאָמענדל קדושה אין ווינטישע פֿינגער,
פֿאַרברעקלט אויף שטיינערדיק־חרובֿע פֿעלדער, —

אַ טיילכל, וואָס איז
אַ פֿאַרקלענערטע גאַנצקייט.

און אויב ער וועט פֿרעגן:
— און ווי איז מײַן נאָמען?
ענטפֿער דעם יתום:

— דײַן נאָמען איז פֿאָלק,
ווײַל אַזוי האָט געהייסן דײַן בערדיקער זיידע
אין אייביקן וואָגל אויף הינטישע וועגן.
און ווײַל אין דײַן טראָפּן
ראַנגלען זיך וועלטן,
און פֿעלקער דיך שלאָגנדיק
ווערן געשלאָגן
און פֿאַלן געבלענדטע
אויף אייגענע שווערדן, —
איז װעב אין די נאַכטיקע פֿרעמדן
דײַן פּרילינג,
ריין ווי אַ קוואַל
קעגן ליכט פֿון באַגינען.
ווײַל דו ביסט אַ בלוטיקער נס
און אַלצײַטיק, —

אַ טײלכל, וואָס איז
אַ פֿאַרקלענערטע גאַנצקייט.

און אויב ער וועט פֿרעגן:
— פֿאַר וועמען?
איז ענטפֿער:
— פֿאַר יענע, וואָס וואַרצלען אַרויס פון דײַן האַרצן
און וועלן דעם גײַסט פֿון מיליאָנען
פֿאַרוואַנדלען
אין אַ וואַרעמער היים
פֿאַר אַלע יתומים.
פֿאַר די, וואָס אַליין וועלן קנעטן דעם גורל
נאָך אייגענעם חלום,
נאָך אייגענעם פֿורעם.
און דו, וואָס דײַן נאָמען איז פֿאָלק,
און דײַן פּנים —

אַ חרובֿע נעסט
אָן פֿייגל,
אָן טענער, —
קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פֿון דער נאַכט,
באַגעגן דעם אויפֿגאַנג
און שרײַ אים אַנטקעגן:
— רייניק מיך, זון, אויף דאָס נײַ
און זײַ מוחל,
אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות.

כ׳וועל צוגרייטן אמתע טעג אַנשטאָט קבֿרים,
כ׳וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מײַן אָרעם.
און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט וווינען
און טעג וועלן לײַכטן אין גילדענע קרוינען!

ווילנער געטאָ, 12טן פֿעברואַר 1943

ווי אַזוי?

ווי אַזוי און מיט וואָס וועסטו פֿילן
דײַן בעכער אין טאָג פֿון באַפֿרײַונג?
ביסטו גרייט אין דײַן פרייד צו דערפֿילן
דײַן פֿאַרגאַנגענקייטס פֿינצטערע שרײַונג
ווו עס גליווערן שאַרבנס פֿון טעג
אין אַ תּהום אָן אַ גרונט, אָן אַ דעק?

דו וועסט זוכן אַ שליסל צו פּאַסן
פֿאַר דײַנע פֿאַרהאַקטע שלעסער.
ווי ברויט וועסטו בײַסן די גאַסן
און טראַכטן: דער פֿריִער איז בעסער.
און די צײַט וועט דיך עגבערן שטיל
ווי אין פֿויסט אַ געפֿאַנגענע גריל.

און ס'וועט זײַן דײַן זכּרון געגליכן
צו אַן אַלטער פֿאַרשאָטענער שטאָט.
און דײַן דרויסיקער בליק וועט דאָרט קריכן
ווי אַ קראָט, ווי אַ קראָט — —

ווילנער געטא, 14טן פעברואר 1943

אונטער דײַנע װײַסע שטערן

אונטער דײַנע װײַסע שטערן
שטרעק צו מיר דײַן װײַסע האַנט.
מײַנע װערטער זענען טרערן
װילן רוען אין דײַן האַנט.

זע, עס טונקלט זייער פֿינקל
אין מײַן קעלערדיקן בליק.
און איך האָב גאָרניט קיין װינקל
זיי צו שענקען דיר צוריק.

און איך װיל דאָך, גאָט געטרײַער,
דיר פֿאַרטרויען מײַן פֿאַרמעג.
װײַל עס מאָנט אין מיר אַ פֿײַער
און אין פֿײַער — מײַנע טעג.

נאָר אין קעלערן און לעכער
װיינט די מערדערישע רו.
לויף איך העכער, איבער דעכער
און איך זוך: װוּ ביסטו, װוּ?

נעמען יאָגן מיך משוגה
טרעפּ און הויפֿן מיט געװאַי.
הענג איך — אַ געפּלאַצטע סטרונע
און איך זינג צו דיר אַזוי:

אונטער דײַנע װײַסע שטערן
שטרעק צו מיר דײַן װײַסע האַנט.
מײַנע װערטער זענען טרערן
װילן רוען אין דײַן האַנט.

װילנער געטאָ, 1943

אין לעצטן גורל

אין לעצטן גורל גיב מיר פֿרייד און ווילן,
צו דערזען אַ פּאַלאַץ אין אַ חרובֿן געבײַ;
איך זאָל צו יעדער צײַט מײַן צײַט דערפֿילן
און אָנקלאַפּן מײַן גײַסט ווי דורך אַ טורמעוואַנט: ביסט פֿרײַ.

אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן,
אַז מאָרגן וועלן זיבן זונען אויפֿגיין אין אַ טרער,
אַז ערגעץ נעמען שפּראָצן שוין אין אויסגעלייזטע שטויבן
גבורים־קערנער, מאַכטיקע מיט ווילן און באַגער.

אין לעצטן גורל טרײַב אין מיר אַ שטורעם,
אַרויסצורײַסן יעדער פֿלעק און וואַקלדיקן קלאַנג.
און שמעלץ ווי גאָלד מיך איבער אין דײַן פֿורעם,
די פּסולת זאָל זיך אָפּטיילן און בלײַבן זאָל געזאַנג.

און גיב מיר ליבשאַפֿט צו מײַן מידער שינאה,
צום זשאַווערדיקן טרויער — קלאָרן מוט.
אין לעצטן גורל ברענג מיך אין דער בחינה
צו פילן, אַז דאָס ערגסטע לעבן, אויב עס ב ע נ ק ט — איז גוט.

ווילנער געטאָ, 2טן מאַרץ 1943

מײַן רעטעריין

װער ביסטו מיר, ליכטיקע באָבע, דערצײל, —
צו האַלטן באַהאַלטן אַ פֿרעמדן אין הײל,
און ברענגען מיר מילך אַזױ הײמיש און זיס,
אַ שעפּסענעם פּעלץ אויף צעפֿרוירענע פֿיס,
און מענטשלעכן חלום און װאַרעמען ברויט,
און שמײכל — געזאַנג פֿון דײַן קנײטשיקער הויט?

דער װינט האָט געשפּונען געצעלטן פֿון שנײ
און איך װי אַ װינט האָב געװאָגלט דורך זײ.
אַהינטער מײַן פּלײצע געיאָגט האָט אַ װעלט,
אַ װעלט װאָס האָט קעגן דער װעלט זיך געשטעלט,
און איך, אין די שנײיִקע פֿעלדער, אַלײן
בײַ װעלפֿישע פֿײַערלעך װאַרעם ס׳געבײן.

אַ מאָל איז אַ מאַמע געװען און אַ װיג, —
הײַנט טרינקט זיך די הײם אונטער רױכן פֿון קריג.
האָב איך זיך באַשװוירן: זאָל זײַן װאָס װעט זײַן,
כ׳װעל פּרוּװן אין זיבעטער כאַטע אַרײַן,
געפֿינען אַ טרײסטװאָרט, פֿאַרקלעמט אין אַ ליפּ.
— סטוק־סטוק, און די טיר האָט געגעבן אַ סקריפּ.

דו האָסט מיך באַגעגנט מיט ראָד פֿון אַ ליכט,
אַזױ װי דער גאַסט װאָלט ניט זײַן אומגעריכט.
דיך האָט ניט געשראָקן מײַן אײַזיקע באָרד
און ס׳מעסער אין גאַרטל, געשליפֿן אויף מאָרד.
װײַל ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אין זײַן בלענדיקן בלאַנק
מײַן פּנים פֿאַר דיר, און דערבײַ — מײַן געדאַנק.

האָסט אונטערן דיל מיר געגראָבן אַ הײל,
געבראַכט אַ געלעגער, אַ לעמפּעלע אײל,
און לופֿט, מיט דער װײכקײט פֿון מאַמישע האָר,

און קינדהייט, וואָס האָט ניט קיין אָרט און קיין יאָר,
אַ בלעטל פּאַפּיר ווי פון ווײַנשל דער בליט, —
אַ בלעטל אויף וועלכן ס׳זאָל וואַקסן מײַן ליד.

און ווען כ׳האָב געשפּיגן מיט בלוט אין דער גרוב,
דו האָסט אויף די הענט מיך געטראָגן אין שטוב,
געלייגט מיך אין בעט און גערופן אויף נאַכט
אַ דאָקטער, וואָס האָט מיך געהאָרכט און באַטראַכט;
און כ׳האָב דיך געזען דורך צעפּיבערטן גלי:
דו שטייסט מיט אַ צלם פאַר מיר אויף די קני.

דײַן גנאָד איז מיר שפּעטער געוואָרן אַ קייט,
דער שניי האָט די שאָטנס אין פעלד׳ ניט פאַרשנייט.
אין שלאָף האָבן קינדער געוואָרגן מיך: „דו
האָסט אונדזערע טרערן פאַרביטן אויף רו!"
און כ׳האָב אין אַ נאַכט פון לבֿנה און פראָסט
צוריק צו דער געטאָ זיך ווידער געלאָזט.

נאָר דו האָסט מיר מוחל געווען דעם אַנטלויף
און ברויט מיר געטראָגן אויך ווײַט פון דײַן הויף.
ביז איין מאָל דו קומסט און דו ברענגסט מײַן פאַרלאַנג,
אויף וועלכן איך האָב שוין געוואַרט אַזוי לאַנג:
דאָס הייליקע ברויט, וואָס היילט אויס און מאַכט זאַט —
אין מיטן דעם לאַבן עס ליגט אַ גראַנאַט!

און ווען דער גראַנאַט האָט געצילט אין דעם פײַנד,
דײַן שווײַגיקע גוטסקייט פאַר מיר האָט געשײַנט.
איך זע ווי דו טראָגסט מיך פון הייל אויף די הענט
אויף טרעפּ, דורך אַ טיר, צו אַ זון וואָס דערברענט.
און אָט — גאָר דײַן האַנט איבער מײַנער זיך ציט
און ס׳טוט זיך אַ ריס דער גראַנאַט און ער פליט!

ווילנער געטאָ, 5טן מאַרץ 1943

קערנדלעך ווייץ

הײלן, דערלאַנגט זיך אַן עפּן,
צעשפּאַלט זיך פֿון אונטער מײַן האַק!
אײדער די קויל וועט מיך טרעפֿן —
איך ברענג אײַך מתּנות אַ זאַק.

אַלטינקע, תּכלתנע דפֿן
מיט פּורפּור אויף זילבערנע האָר,
ווערטער אויף פּאַרמעט, געשאַפֿן
דורך טויזנטער גרויזיקע יאָר.

ווי בײַם באַשיצן אַן עופֿל —
איך לויף מיטן ייִדישן וואָרט,
נישטער אין איטלעכן הײפֿל,
דער גײַסט זאָל ניט ווערן דערמאָרדט.

שטרעק אײנעם שײַטער די אָרעמס
און פֿרײ זיך: דער עיקר איז דאָ!
מײַנס איז נאָך אַמסטערדאַם, וואָרעמס,
ליוואָרנע, מאַדריד און ייִוואָ.

אָ, ווי מיך פּײַניקט אַ שײמע
פֿאַרטראָגן אין רויכיקן ווינט!
ס'וואָרגן מיך לידער געהײמע:
— באַהאַלט אונדז אין דײַן לאַבירינט!

גראָב איך און פֿלאַנץ מאַנוסקריפּטן,
און גיט מיר דער ייִאוש אַ פֿלײץ,
קומט מיר אין זינען: עגיפּטן,
אַ מעשׂה מיט קערנדלעך ווייץ.

דעמאָלט די שטערן דערציילן איך:
אַ מאָל האָט בײַם נילוס געבויט
זײַן פּיראַמידע אַ מלך,
צו קיניגן דאָרט נאָכן טויט.

זאָל מען אין גילדענעם אָרון
אַנשיטן, האָט ער באַפֿעלט,
קערנדלעך ווייץ — לזכּרון
פֿון אונדזער, דער ערדישער וועלט.

נײַן טויזנט יאָר האָבן זונען
געביטן אין מידבר דעם גאַנג,
ביז מ׳האָט די קערנער געפֿונען
אין דער פּיראַמידע ניט לאַנג.

נײַן טויזנט יאָר שוין פֿאַרגאַנגען!
נאָר ווען מ׳האָט די קערנער פֿאַרזייט, —
האָבן אין זוניקע זאַנגען
צעבליט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט.

— — —

אפֿשר אויך וועלן די ווערטער
דערוואַרטן זיך ווען אויף דעם ליכט —
וועלן אין שעה אין באַשערטער
צעבליִען זיך אויך אומגעריכט?

און ווי דער אוראַלטער קערן
וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין זאַנג, —
וועלן די ווערטער אויך נערן,
וועלן די ווערטער געהערן
דעם פֿאָלק, אין זײַן אייביקן גאַנג.

ווילנער געטאָ, מאַרץ 1943

צווײ סטראָפֿעס

א

ניט זאָג: די צײַט איז שולדיק. צײַט איז בלויז אַ שפּיגל,
צעשפּליטערסט זי אין טעג און נעכט און אײביק בלײַבט זי גאַנץ.
אין אײנעם אַזאַ שפּליטער נאָך צאַנקט דײַן גרינע װיגל,
און גראָע האָר שוין בליִען אין אַ צווייטנס גלאַנץ.

ב

דערפֿאַר װײַל ס'ברענגט די ערד אויך פֿאַר דעם רשע עפּל —
איז ניט צו מוחל זײַן דער אומגערעכטער ערד.
און שולדיק איז די שווערד, וואָס בלאָנקעט אין אַ נעפּל
ווען אומגליק איז געקומען פֿ ר י ע ר ווי די שווערד.

ווילנער געטאָ, 10טן מאַרץ 1943

ווערטער

אַראָפּשינדן, אַראָפּשאָבן פֿון מיר — טו מײַנע ווערטער.
ס׳איז פֿוילנדיקע פֿלייש, איך דאַרף זיי ניט.
און לאָז בלויז איבער איינס: אַ וואָרט־נשמה,
פֿאַרקנאָטן ווי אַ ניגון אין גראַניט.

איך וועל די זון אַראָפּרײַסן און שרײַבן מײַן צוואה,
אַז איך וועל ווערן רײַך,
אָן ווערטער — רײַך.
און איבער כוואַליעס לעבעדיקע, בלאָע,
אַוועקלאָזן מײַן זוניקע צוואה מיטן טײַך.

ווילנער געטאָ, 15טן מאַרץ 1943

יהואָש *

די ערד, — אַ בלינדער זשיפּענדיקער שטראָם, —
און אויפֿן שטראָם — אַ בינטל קראַנקע הײַזער
ווי רעשטלעך פֿון אַ שיף...
אין זייער טיף —
נשמות פֿון אַרויסגעהויכטע שעהען.
און קינדער אין די ווינקלען —
גראָע טויבן אין אַ שטורעם,
פֿאַרקלאָמערטע אין זייער לעצטער מידקייט.

דאָס בינטל הײַזער טראָגט זיך שטראָם אַראָפּ,
אַנטקעגן קאָכט אַ קעסלגרוב
מיט יעדער בליק אַלץ נעענטער.
געזעגעניש.
געפּלאָץ פֿון מאָרגנס.
ווערטער שיידן זיך מיט זאַכן ערבֿ זייער סוף.
נאָך אַ רגע,
נאָך,
און
מיט אַ מאָל —
אַ נאָמען הייליק־אויסגעשמידט פֿון אַלטן גאָלד:
י ה ו אָ ש.
און שוין פֿאַרגייט מיט קאַרשנבליטן
דער פֿאַרשמאַכטער טרויער.
קוואַלן בלאָ, מיט זונען אויף די דעקן,
שנירלען זיך פֿאַרבײַ די נאַכטיק־פּלאָטערדיקע שויבן
און וואַרטן מע זאָל עפֿענען.
און אַנשטאָט גרוב און קעלער —

* געשריבן צו די יהואָש־פּייערונגען אין ווילנער געטאָ

טורעמט צווישן צעדערן אַ טעמפּל
מיט זײַלן אויסגעקנאָטענע
אויס דעם געביין פֿון דורות. — —

סאַראַ מאַכטיק־אויפֿגעוואַכטער יום־טובֿ!
סאַראַ ליכטיק־ריכטיקע דערקענטשאַפֿט!
יעדער פֿון די גוססדיקע קינדער אין די ווינקלען —
איז איצט פֿאַרוואַנדלט אין אַ יונגן נבֿיא,
געוואַשן אינעם ערשטן טוי
פֿון שנייִיק־ווײַסע רויזן.
און אויף די ליפּן —
בענטשונג און נבֿואה,
אײַנגעוועבט מיט זעונגען
פֿון אויסגעלייזטער פֿרייד,
פֿון יובֿלדיקן פֿאָלק.

דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פֿאַר דער שיינקייט,
און טרײַבט אַוועק צוריק
זײַן בלאַטיק־רויכערדיקן קעסל — —

ווילנער געטאָ, 6טן אַפּריל 1943

אַ רגע

אַ רגע איז געפֿאַלן ווי אַ שטערן,
האָב איך זי אַנגעכאַפּט אין מײַנע צײַן,
און ווען זיי האָבן אויפֿגעהאַקט איר קערן,
האָט אויף מיר אַ שפּריץ געטאָן אַ קיניגרײַך געוויין.

און יעדער טראָפּן האָט פֿון זיך געשפּיגלט
אַן אַנדער חלום און אַן אַנדער מיין:
דאָ — אַ וועג מיט טויזנט הענט באַפֿליגלט;
דאָ — אַ בריק צום חלום צו דערגיין;

און דאָ — מײַן זיידע מיט אַ שלאַנג צוקאָפּן;
און דאָ — מײַן קינד צעשמעטערט אָן אַ שטיין.
כ'האָב אויך געפֿונען דאָרט אַ פֿרײַען טראָפּן,
האָב איך אין אים פֿאַרשלאָסן זיך אַליין.

ווילנער געטאָ, 7טן אַפּריל 1943

משה

ווער איז די פֿרוי וואָס פּלאָטערט מיר אַנטקעגן,
און בײַ איר ברוסט אַן עופּעלע אין דרעמל?
זי פּלאָטערט דורך צו דער ווילִיעס ברעגן
און אויף איר ברוסט דאָס קינד — אַ ציטערנדיק פּלעמל.

זי אײַלט צום ברעג, זי שפּרינגט אין דער ווילִיע,
און גראָבט זיך אײַן אין רוישנדיקע שטראָמען.
דאָס קינדעלע באַזעצט זי אויף אַ קריִע
און זי — נעמט זינקען, זינקען אין די תּהומען.

ווי ווײַט איז די ווילִיע פֿון דעם גילוס?
אין זעלבן וואָסער ציִען זיך מעת־לעתן נאָך מעת־לעתן,
און גרויל פֿון אייביקייטן האָט דאָך אַ רגילות
באַנײַען זיך — דער מענטש זאָל ניט פֿאַרגעסן.

זי שטרעקט אַרויס צום לעצטן מאָל די פֿינגער
און שלעפּט די שקיעה מיט אין תּהום. די כוואַליעס שווימען
איר אַריבער שטראָמיקער און גרינגער
און אויפֿן ברעג — איך בלײַב אַליין אַ סימן.

די קריִע טראָגט דעם פּרילינג אַ מתּנה:
אַ דרעמלקינד אין פֿרירנדיקע טרערן.
און איך באַגלייט עס ביז צו דער לבֿנה
און זאָג: אַ נײַער משה זאָלסטו ווערן!

ווילנער געטאָ, 15טן אַפּריל 1943

יעדער שעה, יעדער טאָג

יעדער שעה, יעדער טאָג,—
איז מער ניט קיין שעה,
איז מער ניט קיין טאָג,
ס'איז אַ גרייטער מזבח בײַ דיר אין געביין,
ווו פֿאַרשלונגען ווערט אַלץ, וואָס דו פֿילסט, וואָס דו זעסט,
און דו זינגסט נאָך דערבײַ, ווען דו פֿרעסט
זיך אַליין.

ווילנער געטא, 27סטן אפּריל 1943

עס פֿליט אַרײַן אַ פֿלאַטערל

עס פֿליט אַרײַן אַ פֿלאַטערל
פֿון ערגעץ העט, פֿון אויבן,
און עפֿנט אַ טעאַטערל
אין אויסגעהאַקטע שויבן.

דאָס פֿלאַטערל — געווען אַ מאָל
אַ וואָרעם אונטער שטיינער.
אַצינדער זע דאָס פּנימל —
ניטאָ נאָך אַזאַ איינער.

די קינדער, די פֿאַרריגלטע
און צווישן ווענט באַהאַלטן —
זיי וואַכן אויף באַפֿליגלטע
פֿון שטיקעדיקע שפּאַלטן.

דאָס פֿלאַטערל אַ גילדערן
עס מורמלט: שטילינק, שטילינק.
נאָר קינדער שפּרינגען, פּילדערן:
עס איז אַרײַן דער פֿרילינג!

און מער ניט קיין געבויגענע
זיי ציִען זיך אים פֿאַנגען.
זיי לויפֿן רעגן־בויגענע
מיט הענטלעך אים דערלאַנגען.

דאָס פֿלאַטערל, דאָס פֿלאַטערל
מיט גאָלד באַצירט די חורבֿות. —
אַ כּישופֿדיק טעאַטערל
עס שפּילט צו דער נאַטור וואָס.

און ווי עס שפּילט — באַגראָזן זיך
די אָפּגעברענטע בײַטן.
און יונגע ווינטלעך לאָזן זיך
אַ בעזן־ריח שפּרייטן.

דער אָפּגעדאַרטער קאַרשנבוים
ער ווערט אַ „מענטש" ווי אַלע.
ער ווערט אַליין זײַן ירשנבוים
אין ווײַסן, ווי אַ כּלה.

דאָס פּלאַטערל, דאָס פּרילינגל
נעמט זינגען ווי אַ פֿויגל.
עס בליט אַ בלויִנק בלילינגל
בײַ איטלעכן אין אויגל.

נאָר אומגעריכט דאָס פּלאַטערל
פֿאַרפּליט אַהינטער דראָטן.
עס לעשט זיך דאָס טעאַטערל,
פֿאַריתומט בלײַבט דער שאָטן.

און אויף דער דראָט — באַהאַנגענע
עס בלוטיקן די קינדער.
ווי פּלאַטערלעך געפֿאַנגענע
זיי ראַנגלען זיך אַצינדער.

ווילנער געטאָ, 5טן מיי 1943

אַ חלום

אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, געביסן זיך די ליפּ,
און ניט קיין לופט — די ריחות פֿון פֿאַרגאַנגענהייט געשלונגען.
די נאַכט — אַ מידבר שלענג, מײַן לײַב — אַ רויטע זיפּ,
צוויי פֿייגל אויף אַ ים אין שטורעם — די פֿאַרוואונדטע לונגען.

און ס׳האָט אין מיר גערעדט אַן אומבאַקאַנט גערייד,
געמישט מיט קילן גראָז, מיט פֿרילינגטוי און שטערן:
״אָ, ווי מיר, איך צערין צוזאַמען מיט מײַן פֿרייד,
צי וועט פֿאַרבלײַבן כאָטש אַ טײלכל פֿון מײַן קערן?

מיליאָנען יאָר געבענקט, געדרימלט אויפֿן גרונט
פֿון וועלטישן זכּרון ווי אַ פּערל אונטער וואַסער.
וווּ איז די האַנט, וואָס האָט געצויגן מיך פֿון גרונט,
צי וואַרפֿט זי מיך צוריק אונטערן זעלבן וואַסער?

וווּ איז מײַן ערשטער טאָג און וואָס באַטײַט מײַן סוף
אַצינד, ווען איך פֿאַרשווינד, זיך אויסצוטאָן פֿון פּנים?
אַנטפּלעק פֿאַר מיר דעם סוד אין כּישופֿדיקן שלאָף,
צי וועט דען פֿון מײַן א י ך ניט בלײַבן קיין סימנים?״

טוט מיט אַ מאָל אַ שלאָג אַווירבלדיקע האַנט,
פֿאַרוויקלט מיך אין ווינט, אין בליציקע געוועבן,
און טראָגט אַוועק מײַן גוף אין קבֿרדיקן לאַנד,
וווּ ס׳הערשט די טויטקייט בלויז, פֿאַרזיגלט מיטן לעבן.

דערזע איך רונד אַרום אַ פֿעלד מיט רויטן מאָן
און צווישן מאָן — סקעלעטן אָנגעטאָן אין טויען.
און יעדער איז באַקאַנט, כאָטש נעם און רוף אים אָן
און דאָס פֿאַרקרימטע מויל טו קושן און פֿאַרטרויען.

און כ'הער אַ שטים: „ניט מיין, אַז טויט איז טאַקע טויט,
פֿאַראַן אַ טייל, וואָס בענקט ווי אומגעשטילטע ליבע.
אָט רײַס איך אויס דעם טייל בײַ דיר אונטערן הויט
און לאָז אים גיין פֿאָרויס, באַפֿרײַט פֿון מוז און סיבה״.

דערפֿיל איך ווי די האַנט שוין ברענט אין מיר און רײַסט
פֿון אינגעווייד אַרויס אַ פֿינקלדיקן עיקר.
און ס'טראָגט זיך מיר פֿאַרבײַ אין איד־געשטאַלט מײַן גײַסט
און גלײַכצײַטיק צעפֿאַלט מײַן ערדן־גוף אין שטיקער.

און צווישן רויטן מאָן מיט שטענגעלעך פֿון ווינט —
עס וואַלגערט זיך מײַן גוף און זינגט מיט די־אָ סטראָפֿן
אַן אָפּשיידליד צום גײַסט, וואָס שטראַלט אַרויס, אַנטרינט
און טראָגט אַ נײַע בענטשונג און אַ נײַעם האָפֿן.

ווילנער געטאָ, 9טן מיי 1943

די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף ליַיבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מע טריַיבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
די היַיזער באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק ווערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילין ווי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפֿסייִדן אין איינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, ביַים הענטל — אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים באַגלייטן, באַגלייטן.

און קומט מען צו ייִדישער גאַס, איז אַ טויער,
נאָך וואַרעם דאָס האָלץ ווי אַ קערפּער אַ רויער.
און גליַיך ווי אַ שליוז פֿאַר געטריבענע שטראָמען,
ער טוט זיך אַן עפֿן, פֿאַרשלינגט אין די תּהומען.

מע יאָגט איבער חורבֿות אָן ברויט און אָן פֿיַיער,
דאָס ברויט איז אַ בוך און דאָס ליכט איז אַ בליַיער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין חרובֿער דירה,
עס לערנט זיי וויַיטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי שלום־עליכמס אַ מעשׂה,
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בעת־מעשׂה.
זי פֿלעכט זיי מיט בלאָנקע סטענגעס די צעפּלעך
און ציילט איר פֿאַרמעג: הונדערט זריַיסיק די קעפּלעך.

צו גלייך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואַך און זי וואַרט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אָ, ניט ציילן זיי בעסער! —
דורך נאַכט האָט דאָ צוואַנציק פאַרשניטן אַ מעסער.

איר הויט ווערט אַ שויב אין פאַרנאַכטיקע פלעקן,
נאָר ס׳טאָר זיי ניט מירע די קינדער אַנטפּלעקן.
פאַרבייסט זי אַ ליפּ און מיט גבֿורה באַנייטער
דערציילט זי פון לעקערטן, מונטערט זיי ווייטער.

דורך נאַכט האָט אַ גראָקייט באַצויגן די הייפן,
און גראָ ווערט דער לערערינס האָר אויף די שלייפן:
זי זוכט אינעם קעלער איר מאַמען דער בלינדער —
צוזאַמען מיט איר פעלן זיבעצן קינדער.

ווען זון האָט די בלוטן געטריקנט, האָט מירע
באַהאַנגען מיט גרינס די פאַריתומטע דירה:
— געקומען דער לערער גערשטיין, מע וועט זינגען
דער כאָר זאָל אַריבער די טויערן קלינגען.

שוין קלינגט עס: "ניט ווייט איז דער פרילינג". נאָר אונטן
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן.
מע שלעפּט פאַר די האָר פון די קעלערס און לעכער.
"ניט ווייט איז דער פרילינג" פאַרקלינגט אָבער העכער.

שוין זעכציק פאַרבליבן אָן שוועסטער, אָן מאַמען,
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס׳איז נאָענט אַ יום־טובֿ, איז, טייבעלעך, קינדער,
אַ פאָרשטעלונג דאַרף מען באַווייזן געשווינדער!

צום יום־טובֿ — ניטאָ מער ווי פּערציק. נאָר איטלעך —
מיט ווײַסינקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
די בינע איז פֿריש מיט אַ זון, מיט אַ גאָרטן,
מע קען אַזש אין טײַכל זיך אויסבאָדן דאָרטן.

בײַם לייענען פּרצעס דריטע מתּנה
האָט אונטערגעזעגט דאָס געבײַ די סכּנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פֿאַר טאָג איז געבליבן
פֿון הונדערט מיט דרײַסיק, בלויז מירע און זיבן.

אַזוי, ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען,
איז מירע אַ בלום און די קינדערלעך — בינען.
שוין גראָ איז די בלום און פֿאַרוועלקט אירע גלידער
נאָר מאָרגן אין טוי וועט זי אויפֿבליִען ווידער.

ווילנער געטאָ, 10טן מיי 1943

קלאָרקייט

פֿרישע, פֿרילינגדיקע בליזונג —
ווײַסער מלאך אויפֿגעבליט דורך נאַכט,
בלאָז אַרײַן דײַן ריח
אין מײַן טראַכטן.
גראָז אַרײַן דײַן פֿריידיקן נצחון
אין מײַן בענקשאַפֿט;
און גיב מיר קלאָרקייט צו דערפֿילן ס'קלאָרע,
ווי דאָס פֿילן איצטער דײַנע אויפֿגעוואַכטע וואָרצלען,
וואָס דײַן אָפּשײַן לײַכט זיי פֿון דער הייך.
און זײַ פֿאַר מיר אַ גרוס.
אַ נײַער מענטש.
אַצינד ווען איך פֿאַרשלינג דיך דורך אַ פּלאַנקען,
אין האַרטן מאַרש אויף ביינערנעם, לוויהדיקן ברוק.

ווילנער געטא, 15טן מיי 1943

רעדט צו מיר די צוקונפֿט

איך זע דיך פֿון דער ווײַטן, אינעם צירקל פֿון מײַן הערשאַפֿט:
נאַקעט, מיט אַ שטיין אין פֿויסט,
מאַרשירסטו מיר אַנטקעגן.
עס רײַכערט זיך אויף דיר דײַן הויט אין ביטערלעכן צאָרן,
דײַן ווילן איז צעבראָכן ווי אַ שווערד אין פֿיל חלקים.
גרינע אויגן — גיפֿטיקע נקמה.
און הינטער דיר — אַ האַלבע ערד אין צאַפּלדיקע קבֿרים,
און דיר פֿאָרויס — אַ וועג, ווו יעדער שטויבל איז געוויין,
געוויין פֿון דער געבוירנשאַפֿט, וואָס האָט ניט קיין אַנטרינונג. —

שלײַדערסטו דײַן שטיין אין מיר
מיט צאָרנדיקער מאָנונג,
עס זאָלן מײַנע פּירות
דיר אַ פֿאַל טאָן צו די פֿיס —

פֿאַרוואָר! איך בין אַ בוים,
אַ הויכער, דורכזועיקער בוים!
די צײַט איז ניט דער אָטעם פֿון מײַן פֿרײַהייט. —
אַ לופֿטן־פֿעלד
אַוווּ איך זייג דאָס חיות.
און מײַנע וואָרצלען גלוסטן ניט קיין בלוט און קיין מלחמות,
נײַערט ליבשאַפֿט איז דער הייסער גלוסט פֿון זייער דאָרשט,
ליבשאַפֿט פֿאַרבאָהאַלטענע אין בראשיתדיקע טיפֿן.

און דו? —
ניט שולדיק ביסטו פֿאַר דאָס כאַרכלענדיקע רויטס?
טראָגט זיך ניט אין שטראָם דײַן מיטשולד
ווי אַ טראָפּן בוימל?
איז ניט פֿאַרסמט דײַן צײַטגעטראַנק
מיט צוגעגרייטער שינאה?

דערפֿאַר איז אומצײַטיק ביז גאָר די פּרוכט אויף מײַן געצווײַג,
האַרב און ביטער.
זייער פֿאַרב — ניט אויפֿגעגאַנגען זונליכט,
זייער זאַפֿט — אַדורכגעפּלעקט מיט זינד,
זייער בענקען — מערער נאָך דערווײַטערט.
און זע: אַ וואָלקן, אָנגעזויפּט מיט פעסט
קלעטערט פֿון די שלאַכטפֿעלדער
אַלץ העכער צו מײַן אָטעם!

נעמען ציטערן אויף מיר די ווײַס־און־שוואַרצע בלעטער —
די טעג און נעכט פֿאַרזיגלטע מיט ניט־געפּלאַצטן שווײַגן.
(זיי ציטערן פֿון וועגן דער פֿאַרשלאָסנקייט פֿון גורל).
ווײַל ניט געזעטיקט יאָמערט איצט אין רוימען
זייער בענקשאַפֿט.

מוז איך שטאַרקער שלאָגן מײַנע דאָרשטנדיקע וואָרצלען,
שלאָגן זיי — נאָך אײַנגעשפּאַרטער דורך דער צײַטס מידבריות,
ביז מײַן קאָפּ גרייכט ה ע כ ע ר
פֿונעם חיהדיקן וואָלקן.
און צעשויבערט רײַסן זיך די בלעטער פֿון מײַן לײַב
און יאָמערן,
ווי ס׳יאָמערן די מענטשן אין מײַן שאָטן.

און דו? אַנשטאָט צו טרייסטן מ י ך,
צו מוטיקן מײַן ליבשאַפֿט,
און אָקערן אויף ס׳נײַ די צײַט
ווו דו ביסט דער געביטער —
שפּאַנסטו מיר אַנטקעגן, מיט אַ שאַרפֿן שטיין אין פֿויסט
און שלײַדערסט אים אין מ י ר,
עס זאָלן פֿאַלן מײַנע פּירות...

שטראָף מיך ניט, געפאַנגענער, און קוק ניט אין דער הייך,
האָסט ניט פאַרמיטן שולד,
און שולד איז פּיַין,
און פּיַין איז אמת.
אויך איך, די צוקונפט, בין ניט פריַי,
און ווייסט ווער ס׳איז מיַין וועכטער?
דער טראָפּן בלוט.
דאָס זעמדעלע.
און — דו.

ביז וואַנען כ׳וועל פאַרהיילן דיַינע שניטן
און אויסלייזן אין מענטשן־מין די פרייד —
לאָמירביידע תּפילה טאָן צום דריטן,
און מאָנען ביַי דאָס בענקען אַ באַשייד!

ווילנער געטאָ, 27סטן מיי 1943

אַ בלימל

פֿאַרן וועלן דורכטראָגן אַ בלימל דורכן טויער
האָט מײַן שכן זיבן שמיץ באַצאָלט.
ווי טײַער איז פֿאַר אים אַצינד דער פֿרילינגל דער בלויער, —
דאָס בלימל מיטן שוואַרצאַפּל פֿון גאָלד!
מײַן שכן טראָגט זײַן אָנדענק אָן באַדויער:
דער פֿרילינג אָטעמט אין זײַן לײַב — ער האָט אַזוי געוואָלט...

ווילנער געטאָ, 29סטן מיי 1943

דער געטאָ־פֿידלער

פֿון זינט ער הערט ניט זײַנע קלאַנגען, —
האָט אים אַ גראָע וואַנט פֿאַרשטעלט.
און וואָר און חלום איז פֿאַרגאַנגען:
די פֿידל האָט אים דאָ געפֿעלט.

אַוועק איז מיט איר קלאַנג באַזונדער
זײַן קלינגעוודיקער גײַסט, די וועלט.
עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער וווּנדער:
די פֿידל האָט אים דאָ געפֿעלט.

ער האָט זי אין געהיימען טרויער
פֿאַרגראָבן ווי אַ פֿלאַש מיט ווײַן
אויף יענער זײַט פֿון שוועל און טויער
נאָך איידער ער איז דאָ אַרײַן.

און אָן דער פֿידל וואָס באַטײַט ער?
— אַ ביינער־פֿורעם אָן אַ דעק!
עס רינט אַדורך די צײַט, גייט ווײַטער,
און ווי געקומען, גייט אַוועק.

אַ טרער איז מער ניט ווי אַ טראָפּן,
אַ וואָרט — אַ שטויבעלע אין ווינט.
דער זונפֿאַרגאַנג בײַ אים צוקאָפּן
איז גראָ נאָך איידער ער צערינט.

און ס׳לעבט דער מענטש ווי אין אַ שפּיגל,
ער לעבט און ווייס ניט וואָס ער טוט.
און בלוט אויף שטיינער און אויף ציגל —
עס ווייס ניט אַז מע רופֿט עס בלוט.

און ער האָט איין מאָל מיט אַ רידל
ביַי נאַכט אַרויסגעשפּאַנט געהיים
צום אויפֿגראָבן די טרײַע פֿידל
אין ערד פֿון חרובֿדיקער היים.

ער מוז די פֿידל טרעפֿן, טרעפֿן
און טרינקען פֿון איר קוואַל דאָס ליכט.
און ס׳האָט געגעבן זיך אַן עפֿן
דער לעצטער אויפֿגעפּלאַצטער שיכט.

ער טוט אַ כאַפּ זי פֿון דער נידער,
די פֿידל וואַרפֿט אויף אים אַ שטראַל.
און ביַי די וועגט ער שאַרט זיך ווידער,
און קומט אין ייִדישן קוואַרטאַל.

און פֿאַר די זעלבע גראָע שטיינער
צעשפּילט ער זיך ווי זײַן פֿאַרלאַנג,
אַז יעדער שטויב און שטיין ווערט ריינער,
און ווי אַ הערשער גייט דער קלאַנג.

און ווערטער פֿרייען זיך ווי קינדער,
און קינדער זענען גאָר מוזיק,
עס נעמען רירן זיך אַצינדער
די מתים, אויפֿגעוועקט פֿון סמיק.

און ס׳קומען מחנות פֿון די גריבער —
חבֿרים אַנגעטאָן אין טוי —
און אָט איז אויך דער זון דער ליבער
און אָט איז אויך די טויטע פֿרוי.

און יעדער איינער בײַם דערהערן,
ער ווערט געשטאַרקט, ער ווערט באַהעלט,
און טרערן זענען ניט קיין טרערן —
אין יעדער לײַטערט זיך אַ וועלט.

און אַלע שפּאַנען, אַלע גאַפֿן,
דערזעען זיך צום ערשטן מאָל.
דער קלאַנג האָט ווידער זיי באַשאַפֿן
מיט נײַעם האַרץ, מיט נײַעם קול.

און בלוט אויף שטיינער איז אַ שטורעם,
און יעדער וואָרט איז גאָר אַ שפּיז,
און יעדער קעלער איז אַ טורעם,
און יעדער מענטש איז וואָס ער איז.

ווילנער געטאָ, 17טן יוני 1943

געזאַנג פֿון אַ ייִדישן דיכטער אין 1943

צי בין איך דער לעצטער פּאָעט אין אייראָפּע ?
צי זינג איך פֿאַר מתים, צי זינג איך פֿאַר קראָען ?
איך טרינק זיך אין פֿײַער, אין זומפּן, אין ראָפּע,
געפֿאַנגען פֿון געלע, געלאַטעטע שעהען.

כ׳צעבײַס מײַנע שעהען מיט חיישע ציינער
געשטאַרקט פֿון מײַן מאַמעס אַ טרער. דורכן טראָפּן —
דערזע איך ס׳מיליאָניקע האַרץ, פֿון די ביינער,
וואָס יאָגן צו מיר פֿון דער ערד אין גאַלאָפּן.

איך בין דאָס מיליאָניקע האַרץ! בין דער היטער
פֿון זייערע איבערגעלאָזטע ניגונים.
און גאָט, וואָס דער מענטש האָט פֿאַרבערענט זײַנע גיטער,
באַהאַלט זיך אין מיר, ווי די זון אין אַ ברונעם.

זײַ אָפּן, מײַן האַרץ! און פֿאַרנעם ווי סע שפּראָצן
געהייליקטע שעהען אין צוקונפֿטס מחשבֿה.
פֿאַרגיכער, פֿאַראײַל זייער מאַכטיקן רצון,
און זײַ אין דײַן צער זייער אָנזאָגער, נבֿיא.

און זינג פֿון די זומפּן, און זינג פֿון דער נידער,
ביז וואַנען עס לעבט נאָך אַ טרער פֿון דער מאַמען!
דערהערן דײַן קול זאָלן ביינערנע ברידער,
די בראַנדיקע געטאָ, און ס׳פֿאָלק הינטער ימען...

ווילנער געטאָ, 22סטן יוני 1943

די פֿעסטונג

א

די פֿעסטונג איז אַלט,
אַזוי טרויעריק אַלט,
אירע שטויבן — צעפֿאַלענע שטערן.
ס׳האָבן זיידעס געקלעפּט איר געהיימע געשטאַלט
פֿון ליימען געווייקטע אין טרערן.

אַ האַלבן יאָרטויזנט געבויט און געבויט, —
אָ, ווײַטע געדולדיקע
זיידעס!

עס וואַכן פֿאַרקנאָטענע ביינער
אין ווענט,
ווי פֿונעם גורל די עדות.

און הער זייער קול:

ניט פֿאַרזאַם,
ניט פֿאַרזאַם,
רייניק
דעם שטאָל
פֿאַראייניק
דעם שטאַם.

אַ וואַנט קעגן שרעק, און אַ וואַנט קעגן טרויער,
און ס׳אייגענע לײַב אין דער פֿעסטונג פֿאַרמויער!

ב

בײַ נאַכט איז די פֿעסטונג פֿאַרלאָשן,
בלויז די שינאה גליט.
די גאַס האָט פֿאַרלוירן איר לשון —
די הייסע גאַלאָפּיקע טריט.

נאָר טיף אונטער אײַזן און ליים
נעמען די שיכטן צעפֿאַלן:
מע בויערט, מע בויט אין געהיים,
עס ציִען זיך ליכט דורך קאַנאַלן.

דאָ גראָבט מען אַ פֿעסטונג אַ צווייטע,
אין שטיינערנעם צאָרן — אַ שאַכט.
און קנויטן פֿיבערן גרייטע
אַ צונד זיך צו געבן אין שלאַכט.

ווילנער געטאָ, 14טן יולי 1943

פֿאַרברענטע פּערל

ניט דערפֿאַר ווײַל מײַנע ווערטער וואַרפֿן זיך
גלײַך ווי הענט צעבראָכענע נאָך רעטונג,
ניט דערפֿאַר, ווײַל ציינערדיק זיי שאַרפֿן זיך
צו אַ לײַב אין פֿינצטערניש, — נאָך זעטונג, —
בלאָזסטו אויף די קוילן פֿון מײַן גרימצאָרן,
דו געשריבן וואָרט, — מײַן וועלטס פֿאַרבײַטער;
נאָר דערפֿאַר, ווײַל דײַנע קלאַנגען גלימצערן
ווי פֿאַרברענטע פּערל
נאָך אַן אויסגעצאַנקטן שײַטער,
און קיינער — אויך ניט איך — דורך טעג צעריבענער,
דערקענט שוין ניט די פֿרוי אין פֿלאַם געוואַשן,
וואָס פֿון אַלע פֿריידן איז געבליבן איר
גראָ־פֿאַרברענטע פּערל אין די אַשן — —

ווילנער געטא, 28סטן יולי 1943

דער דיכטער

ער איז געלעגן אונטער טויזנט גופֿן,
מיט הייסן טריוואַקס אויפֿן קאַלטן אָטעם.
האָט מיט אַ מאָל אַ ניגון אים געגרופֿן
און דורכגעגליט דאָס האַרץ ווי אַ געבאָט אים.

דאָס האָט זײַן ניט געבוירן ליד זײַן היטער
געמאָנט, געמאָנט פֿון חלום־לאַנדס געוועבן:
— "שטיי אויף, דו ביסט מײַן האָר און מײַן געביטער,
אָ, ווער אָן דיר וועט ברענגען מיך צום לעבן?"

און ווי עס איז דערגאַנגען צו דעם דיכטער
דער אונטערקלאַנג פֿון ווערטער, שורות, גראַמען,
האָט אים באַקרוינט אַ טוי אין זיבן ליכטער:
— "דערוואַך! ווי טאָר אַן אויסלייזער פֿאַרזאַמען!"

די טויזנט גופֿן ווי פֿאַרפּלייצטע זאַנגען
זיי האָבן זיך צעשפּאַלטן אויפֿגערירטע,
און ער איז פֿון דער אונטערערד געגאַנגען
אַ באַקעטער און אויפֿן שלייף אַ מירטע.

זײַן הויט — ווי רויטער ווײַנטרויב קעגן פֿײַער —
האָט ראָז באַמאָלט די וואָלקנדלעך אין הימל.
באָר אויף די הענט, אין ליבשאַפֿט אין געטרײַער —
עס צוקט אַ מיידל אײַנגעוועבט אין דרימל.

אַ שנירל געלינק זאַמד און ניט קיין פּערל
האָט פֿון איר האַלדז געפֿינקלט זון אַנטקעגן.
און צווישן צאַרטע וויִעס האָט אַ טרערל
די פֿליגעלעך צעפּאַכט — זיך צו באַוועגן.

נאָר ע ר האָט אַלץ געמיינט — דאָס איז דער ניגון.
און אָט דער ניגון איצטער בלוט און פֿלייש איז.
האָט ער גענומען שטאַרקער אים צעוויגן,
און ס'האָט באַגאַרטלט זיי אַ ווינט פֿון בראשית.

ווילנער געטאָ, 12טן אויגוסט 1943

צו דרײַסיק יאָר

מײַן טאַטן האָט צו דרײַסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ
בײַם שפּילן
ר׳ לוי יצחקס ניגון אויף אַ פֿידעלע פֿאַר נאַכט.
די פֿידל האָט געצאַפּלט אויף זײַן אַקסל ווי אַ קינד,
און איר שפּראַך —
אַ ליכטיקער מאַגנעט —
האָט צוגעצויגן
די ווײַטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטער,
ווו איך, אַ זיבניעריקער בעל־חלום,
האָב אַרום די פֿאָטערלעכע קני׳ען
זיך געוויקלט.

ס׳איז געווען אין ליכטיקן סיביר.
געווען.
געווען.
אַ זונפּלעק
צי די הייסע צונג
בײַם פֿרירנדיקן וואַלד —
האָט געלעקט די שנייען אויפֿן שײַבל
און ניט געקענט אַדורכשמעלצן אין גאַנצן. —
ס׳האָט זײַן ליכט
באַלויכטן בלויז די אָפּגעהאַקטע קלאַנגען
פֿון דער פֿידל
און דורכגעשטרײַפֿט מײַן פֿײַכטן אויג מיט פֿונקען.
פּלוצעם האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ
דער בלייכער טאַטע,
געטאָן אַ צוק,
אַ וואַקל
מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם.

און אויף די הענטלעך מײַנע
האָט אַ פֿאַל געטאָן זײַן גוף
צוזאַמען מיט דער פֿידל,
ווי עס פֿאַלט אַ שווערע צווײַג
אַרונטער אויף אַ גרינגער כוואַליע
און די כוואַליע טראָגט זי.

אויבן האָט געשוועבט אַ ניגון.
אונטן אויפֿן דיל
האָט בײַם טאַטן אויסגעפֿעלט שוין אָטעם.
און צי איך וויל זיך אײַנריידן
צי מײַנע רייד איז וואָר:
ליגנדיק שוין צוגעאייביקט צו אַ קאַלטן שווײַגן,
האָבן זײַנע ליפּן מיר פֿאַרטרויט:
— אַזוי מײַן קינד,
פּרווו אויס אויף דײַנע הענט די' וואָג פֿון לעבן,
כּדי דו זאָלסט זיך צוגעוויינען
שפּעטער צו דערטראָגן.

אין יענער רגע
איז אין מיר געבוירן דער פּאָעט.
איך האָב דערפֿילט:
עס דרעמלט ערגעץ אין מײַן לײַב אַ קערן,
וואָס טראָגט אין זײַנע אינגעווייד
אַ באַשטימטע שליחות.
מיר האָט געדאַכט: איך ווער דער האַר
פֿון וועלדער,
מענטשן,
זאַכן,
און אַלץ נאָר וואָס איך זע
איז מײַן פֿאַרקערפּערטער פֿאַרלאַנג.

פֿון דעמאָלט גייט מיר נאָך
דעם טאַטנס לויטערע צוואה:
— אַזוי מײַן קינד,
פּרווו אויס אויף דײַנע הענט די וואָג פֿון לעבן,
כּדי דו זאָלסט זיך צוגעוויינען
שפּעטער צו דערטראָגן.

און איצט
בין איך אַליין דערלאָפֿן צו דעם טאַטנס עלטער.
דערלאָפֿן —
און ניטאָ קיין וועג צוריק
און ניט פֿאָרויס.
און ווען איך מערק מײַן פּנים
אין אַ שפּיגל,
קוואַלט פֿון זײַנע כוואַליעס מיר אַרויס
דער ווײַטער טאַטע.
און אפֿשר בין איך ע ר, און מײַנע יאָרן
זענען בלויז אַ קייטלונג
פֿון זײַן אָפּגעשיידטן לעבן?
דאָס זעלבע פּנים ווי בײַ אים,
דערמאָנט אָן שניי אויף שויבן;
דאָס זעלבע האַרץ,
וואָס גרייט זיך אויף צום פּלאַצן,
און אויך אַ רויטינק פֿידעלע
פֿאַרמאָג איך ווי דער טאַטע:
זעט, איך רײַס די אָדערן
און שפּיל אויף זיי מײַן ניגון!

נאָר קיינער איז ניטאָ
אַרום די קניִען זיך צו וויקלען
און אָפּוועגן מײַן לעבן,

ציִען ווײַטער
ווי אַ ווינט
מײַן בענקשאַפֿט־וואָלקן צו אַ קלאָרן ציל, —
אַהין,
וווּ אַלע ווערטער קומען רוען;
וווּ עס טרעפֿן זיך צוזאַמען טעג,
ניט באַגעגנט קיין מאָל
איינס דעם צווייטן.

ווי אַ שטיין פֿאַרקלאַמער איך אין פּוסט
די דרײַסיק יאָר
און שלײַדער זיי אין תהום
פֿון קאַלטן שפּיגל.

ווילנער געטאָ, אויגוסט 1943

דאָס מענטשעלע פֿון ברויט

ווען זון פֿאַרגייט, אַרויפֿגעדרייט ווערט העלער
דעם הונגערס קנויט.
די פֿינגער קנעטן, קלעפּן וואָס אין קעלער
פֿון קרישלעך ברויט.

און ווי זיי קנעטן, ווײַזט זיך — סאַראַ גורל! —
אויף הויכן טראָן
אַ מענטשעלע פֿון ברויט, אַ נײַ־געבוירל,
און קוקט מיך אָן.

עס טוט אַ שוועב מיט פֿליגעלעך פֿון זאַנגען
פֿון מײַנע הענט
און מיט זײַן שאָטן ווערן אויף באַהאַנגען
די טויטע ווענט.

און עס צערעדט דאָס מענטשל זיך אַזוי מיר:
"דו גרויסער גבֿר,
דאָס פּיצל גאָרנישט, וואָס דו רופֿסט עס: חומר,
איז איצט דײַן האַר.

ווי בלינדע הינטלעך וואַרף איך דײַנע חושים
אַרײַן אין זאַק,
איך שטרעק אַ פֿויסט צו דײַנע ליפּן: קוש אים,
ער איז געשמאַק.

און וויל איך — קען מײַן שמייכל דיך באַצווינגען,
אַז דו, מײַן קנעכט,
זאָלסט ליגן אויף די קני פֿאַר מיר און זינגען,
אַז כ'בין גערעכט..."

איך טו אַ שפּרונג: ״דו וועסט מיך ניט פֿאַרשקלאַפֿן!״
נאָר מײַנע ציין,
זיי בײַסן ניט אָט דעם, וואָס כ׳האָב באַשאַפֿן,
נאָר זיך אַליין.

דאָס מענטשעלע פֿון ברויט ווערט זאַטער, זאַטער,
וואָס מער איך בײַס.
און נעמט אויך מײַן נשמה מיט — אין פֿלאַטער —
פֿאַר זיך אויף שפּײַז.

ווילנער געטאָ, אויגוסט 1943

טרייסטליד

פֿאַרנעם אין דײַן גרויסער צעטומלונג, דו וווּנדערלעך פֿאָלק מײַנס, אַ טרייסטליד,
ווען ס׳קרעכצט דײַן געבויגענער נאַקן
און וואַרט שוין ניט מער אויף גענאָד.
ביסט צווישן די פֿעלקער אַ מאַנונג, אַלץ איינס צי דו ווייסט אָדער ווייסט ניט;
עס וועלן דיך העק ניט צעהאַקן,
עס וועט ניט צעדרייען קיין ראָד.

פֿון אַקסל אויף אַקסל טראָגסט ווײַטער די אַלטע גראַניטענע לוחות —
עס לייענט די צוקונפֿט זיי, איידער
זי טוט זיך פֿאַרוואַנדלען אין איצט.
עס גיבן אַ הייב זיך ווי ימען פֿון וועגן דײַן מאַנונג מלוכות,
און ס׳ציטערט דער וועלטישער סדר
ווו דו האָסט דײַן נאָמען פֿאַרקריצט.

דײַן היים איז די גרייס ווי דײַן עלנט; פֿאַרמעגן — צו וואָס איז דיר נייטיק?
דײַן פֿאַלן איז שטענדיק אַ בשׂורה:
די אויסלייזונג רײַסט זיך פֿון קייט.
ווי אַנגעגליט אײַזן אין וואַסער, פֿאַרשטאַלט איז דײַן שוואַכקייט אין ווייטיק,
און ווער עס דערפֿילט אַזאַ גבֿורה —
דער האָט שוין זײַן לעבן באַשיידט.

געבונדן די הענט, און זיי גראָבן אויף ס׳נײַ די פֿאַרשאָטענע קוואַלן —
דאָס מויל מיט אַ פֿויסטיקן זיגל —
עס ווערט ניט פֿאַרלוירן קיין טראָף.
און אַלע וואָס האָבן געמאָרדט דיך, זיי מוזן און וועלן צעפֿאַלן,
און ליגן אין שאַנד פֿאַר דײַן וויגל,
ווו ס׳דרימלט אַ נײַער באַשאַף.

אין שלאַכטפעלדער וויקלסט פונאַנדער די געסעלעך הפקרדיק־שמאָלע,
דו ברענסט ווי די זון דורך אַ שטורעם
און ברענענדיק ווערסטו באַפרייט. —
דעם חבר וועט שטאַרקן דיין ברכה, דעם שונא וועט סמען דיין קללה!
און שמעלצן וועסטו אין דיין פורעם
די נאָך־ניט־געבוירענע צייט.

ווילנער געטאָ, 8טן סעפטעמבער 1943

באַגלייטליד בײַם אַוועקגיין אין וואַלד

וואַקסט אַרויס, איר העלדן — פֿעסטע אײַנגעשפּאַרטע יונגען,
וואַקסט אַרויס, איר צוקונפֿטזין, און זײַט דער וועלט באַוווסט.
גאָר דער ווילן פֿונעם פֿאָלק, אין אונטערערד פֿאַרשלונגען,
קלייעט זיך — אַ לאַוועדיקער שטראָם אין אײַער ברוסט.

אויב עס האָט פֿאַרזשאַווערט אין דער וואָגלעניש דאָס אײַזן,
פֿײַלט פֿון אים אַראָפּ די נעכטנס און אים שלײַפֿט אַצינד.
קיין מאָל איז ניט שפּעט דעם פֿאָלקס נקמה צו באַווײַזן,
אויסצוקויפֿן מיט געווער די דורותדיקע זינד.

ס'האָבן שטעט פֿאַרוואַנדלט זיך אין שטיינערנע פֿאַרעטער,
צוגעשמידט צו זידנדיקע גריבער אײַער גאַנג.
האָבן וועלדער אײַך באַגריסט מיט זינגענדיקע בלעטער:
— קומט צו אונדז, איר טײַערע, און לײַטערט דעם פֿאַרלאַנג.

לויב צו אײַך, איר נײַ־געזאַלבטע גבֿורהדיקע גייער,
אײַער פֿוס האָט אָפּגעשטופּט דעם לאָקערדיקן ראַנד.
ס'האָט אין אײַך אַ גלאַנץ געטאָן דער רום פֿון מכּבייער,
ווי מיט יאָרן צוויי טויזנט צוריק אין אייגן לאַנד.

שטענדיק זענען דאָ צו דר'ערד געבויגענע און מידע.
ווײַ דעם קנעכט אין האָפֿענונג אויף רחמים — בײַ אַ קנעכט.
ווי די מכּבייער בלאָזט פֿונאַנדער די מרידה,
זאָל דער כּבֿוד אויפֿלויכטן אין שווערדיקן געפֿעכט!

ווילנער געטאָ, 10טן סעפּטעמבער 1943

די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ

מיר האָבן ווי פֿינגער געשטרעקטע דורך גראַטן
צו פֿאַנגען די ליכטיקע לופֿט פֿון דער פֿרײַ —
דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,
די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ.
מיר, טרוימער, באַדאַרפֿן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גײַסט פֿונעם בלײַ.

און מיר האָבן ווידער געעפֿנט דעם שטעמפּל
צו עפּעס אַ היימישער אייביקער הייל.
מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, בײַ שײַן פֿון אַ לעמפּל —
געגאָסן די אותיות — אַ צייל נאָך אַ צייל,
אַזוי ווי די זיידעס אַ מאָל אינעם טעמפּל
אין גילדענע יום־טובֿ־מנורות — דעם אייל.

דאָס בלײַ האָט געלויכטן בײַם אויסגיסן קוילן,
מחשבֿות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.
אַ שורה פֿון בבֿל, אַ שורה פֿון פּוילן,
געזאָטן, געפּלייצט אין דער זעלביקער מאָס.
די ייִדישע גבֿורה, אין ווערטער פֿאַרהוילן,
מוז אויפֿרײַסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס!

און ווער ס׳האָט אין געטאָ געזען דאָס כּלי־זיין
פֿאַרקלאַמערט אין העלדישע ייִדישע הענט —
געזען האָט ער ראַנגלען זיך ירושלים,
דאָס פֿאַלן פֿון יענע גראַניטענע ווענט;
פֿאַרנומען די ווערטער, פֿאַרשמאָלצן אין בלײַען,
און זייערע שטימען אין האַרצן דערקענט.

ווילנער געטאָ, 12טן סעפּטעמבער 1943

דער פּרוי

א

ניט צייל די צאָל מיט ווונדן,
וואָס האָבן אונדז באַגורט.
האָסט דעמאָלט דאָך געצונדן
דעם שטערן פֿון געבורט.

עס האָט אין הייל אַ קוועלכל
צופֿוסנס דיר געקוועלט
און פּלוצעם האָט אַ קולכל
באַרירט זיך מיט דער וועלט.

און ווי דער קוואַל דער ריינער
אַנטפּלעקט האָט זיך דאָס וואָרט,
נאָר אויבן האָט אים קיינער
דערהערן ניט געטאָרט.

און כ׳האָב מיט נייַעם גלויבן
געקניט פֿאַר דיר מיט דאַנק
און דיר געבראַכט פֿון אויבן
צוויי גרעזלעך אַ געשאַנק.

ב

אַ קינד איז ניט קיין צוויי־טער, —
ס׳איז דו אַליין און איך.
עס פֿירט אונדז אויף אַ לייטער
אַלץ נעענטער צו זיך.

גאָר איידער נאָך אַ נאָמען
מיר האָבן אים פֿאַרטראַכט,
עס האָבן העק און לאָמען
געגישטערט אין דער נאַכט.

ווען ס׳קינד האָט נאָך געדרעמלט
און קיין זאַך ניט געוווּסט,
עס האָט אַ דײַטש אים דעמאָלט
אַ ריס געטאָן פֿון ברוסט.

און וואָס קען אונדז פֿאַרבײַטן,
מײַן טײַערע, אַצינד,
ווען ס׳גלײַען פֿון דער ווײַטן,
די ביינדעלעך פֿון קינד׳?

ג

מיר ציִען זיך אָן אָטעם
דורך זומפּיקן געוויקס
און ווי דעם קינדס אַ שאָטן,
דו טראָגסט אויף זיך אַ ביקס.

און יעדער מאָל, ווען ס׳רײַסט זיך
פֿון ביקס אַרויס דאָס בלײַ,
אין ליכט זײַנעם באַווײַזט זיך
דאָס קינדעלע אויף ס׳נײַ.

עס פֿילט אונדז אויס דעם זינען,
ווי לופֿט פֿילט אויס די וועלט,
אין ראָז פֿון דעם באַגינען
באַווײַזט זיך עס אין פֿעלד.

און איבער אַלע וווּנדן,
וואָס האָבן אונדז באַגורט,
ער איז נאָך ניט פֿאַרשוווּנדן
דער שטערן פֿון געבורט.

נאַראָטשער וועלדער, 30סטן סעפּטעמבער 1943

זאַנגען

צוויי יאָר האָב איך געבענקט נאָך זאַנגען,
שטילע זאַנגען אויף אַ היימיש פֿעלד.
ווען איך האָב זיך געראַנגלט אין די צוואַנגען,
וואָס האָבן מיך געפֿאַנגען
און פֿאַרשטעלט,
דעם וועג,
דעם גרינעם וועג צו יענע זאַנגען —
אָבער ניט די זאַנגען אויפֿן פֿעלד.

און ווען מײַן אָטעם האָט צעשמעלצט די צוואַנגען —
אַ ווינט האָט אין די אָדערן
געטאָן אַ פֿײַף, אַ רוף:
— "שטיי אויף, בן־אָדם, צײַטיק שוין די זאַנגען.
געגליכן איז שוין צו אַ זאַנג דײַן גוף".
און איך בין, ווי דער גורל גייט, געגאַנגען
דורך פֿאַרברענטע שטעט
נאָך יענעם רוף.

נאָר ווען איך בין דורך זונפֿאַרגאַנג אַ מידער
געקומען צו מײַן אויסגעבענקטן פֿעלד —
ערשט עס ליגן דאָרטן מײַנע ברידער
אויסגעקוילעט איבער גאָרן פֿעלד.
און די זאַנגען, מיט צעגליטע שטעכער,
אַדורכגעוואַקסן זענען שיכט נאָך שיכט
דורך שאַרבנס, ריפּן,
און זיי שטײַגן העכער, העכער, העכער,
צו דער זון, וואָס קלײַבט צונויף איר ליכט,
ווי איין זאַנג וואָלט די צווייטע בחפֿזון
געוואָלט אַריבערשטײַגן אין איר גאַנג.
און אָט אַ זאַנג

האָט וואָגלען זיך געלאָזן
דורך אַ מויל מיט אויפֿגעדריקטע ציין!
און זאַנגען צוויי אַדורך די אַקסלען קריכן.
און אָט אַ זאַנג וואָס זוכט וווהין צו גיין,
און צו אַ האַנט פֿון דר'ערד איז זי געגליכן.
און אַ קאָרנבלימל דורך אַן אויג, ווי אַ געוויין ———

וואָס זע איך איצט אין אָונטשײַן צעגליטער?
איך זע אַ פֿעלד מיט זאַנגען בלוטיק רויט.
אַלץ נעענטער צו מיר עס אײַלט אַ שניטער
און שנײַדט דאָס נאָכמלחמהדיקע ברויט.

נאַראַטשער וועלדער, סעפּטעמבער 1943

אַ ברייוו

ווי קען איך זײַן פֿון גוטס און שלעכטס אַ מעסטער,
ווען דו ביסט מײַן געוויין און מײַן געוויסן?
ניט בענטשונג, ניט פֿאַרשילטונג און ניט לעסטער
פֿאַרהיילן װעלן מיר די שאַרפֿע ריסן.
איך רוף צו דיר אין אַנגסטן אַ פֿאַרפֿרעסטער
און אַלע װונדן פֿאַכען דיר, געריסן.
און אויך מײַן חלום, אָוונטיקע שוועסטער,
שוין קען מיך ניט אין צווייטער וועלט פֿאַרשליסן.

געגליכן צו אַ קוואַל, פֿאַרסמט פֿון שלאַנגען,
וואָס לײַטערט זיך דורך היילן, צווישן שטיינער,
אַזוי איז דורך מײַן האַרצן דורכגעגאַנגען
די צײַט און ערגעץ װוּ געוואָרן ריינער.
אַצינד בין איך אָן צײַט. איך בין געפֿאַנגען
פֿון איבערבלײַב, וואָס האַלט מיך אין די ציינער,
װוּ צווישן די דערהרגעטע פֿאַרלאַנגען
געבליבן איז מיר איינער, איינער, איינער:

צו האָבן דיך, מײַן מלאך מײַן געטרײַער!
איך זאָל זיך קענען ציִען צו דײַן אָטעם,
אַזוי ווי אין אַ מידבר־נאַכט צום פֿײַער
דער לעצטער מאָן פֿון אויסגעשלאַכטע שבֿטים.
נאָר אויב דו ביסט דערווײַטערט אומגעהײַער
און ס'איז די פֿרייד פֿון לײַב פֿאַר מיר פֿאַרבאָטן,
טאָ זאָל דײַן שאָטן ווערן מײַן באַפֿרײַער, —
איך וועל מײַן מויל פֿאַרוואַרצלען אין דײַן שאָטן.

נאַראַטשער וועלדער, סעפּטעמבער 1943

מאַרש דורך זומפּן

זומפּן.
זומפּן.
זומפּן.

מיר טשלאַפּען דורך פּלייציקן קופּער און טראָגן
וואַלד־פּאַרטיזאַנען אויף נאַקעטע אַקסלען.
אַהינטער —
אין רעדערנע רינגען דער שׂונא.
פֿאָרויס —
אַ באַהויכטער מיט שופּן לבֿנה —
פּעכלט און ציט דער צעגאַנגענער באָדן.
די פֿיס אין געזונק ערגעץ טיף...
און זיי שפּילן
דעם הימען פֿון זומפּן
אויף זשאַבע־קלאַווישן.

תּהומיקער.
נאַכטיקער.
טיפֿער.

סע פֿינקלט
אין בלאָטע אַ שטערן —
דאָרטן דער אָפּרו?

קניען — פֿאַרפֿלאָכטן אין פֿאָספֿאָרנע נעצן.
בייכער — געבונדן מיט גליווערעם־גורטן.
און האָגלדיק פּליעסקעט אויף נאַקעטע לייבער
אַ פּראָסטיק צעפּייערטער שווייס.
באַלד־באַלד —
וועלן די נאַקעטע לייבער פֿאַרזינקען,

װעלן זיך הענט ניט באַדאַרפֿן מער שטרעקן
אַרויף צו,
פֿאַרקלאַמערט אַרום די נאַגאַנעס.

נאָר אַ פֿאַרלוירענער קרעכץ איבער אַקסלען
פֿאַרשטראָמט מיט באַװוּסטזײַן משוגענע חושים.
זיי פֿאַנגען די װאָר פֿון דער שלאַנגיקער שיכּרות
און רײַסן פֿונאַנדער אַ נעץ נאָך אַ נעץ — —

די זומפּן פֿאַרהאַרטעװען מיר מיטן װילן
און ציִען צום אינדזל װאָס װעט אונדז פֿאַרהילן.
דערשפּאַנען, דערשפּאַנען!
מיר טראָגן פֿאַרװוּנדיקטע װאַלד־פּאַרטיזאַנען.

זאַזשעריער װאַלד, 13טן אָקטאָבער 1943

סטראַשון־גאַס צוועלף

א

דורך געסלעך יאָגט דאָס מיליטער —
אויף מאָרדן, אונטערצינדן, רויבן,
באַהאַלטן הונדערט זיך אין דר׳ערד,
און ווייסן ניט וואָס טוט זיך אויבן.

זיי ליגן מיד, זיי ליגן גראָ,
די הונדערט גליווערדיקע שכנים.
און קיינעמס פּנים איז ניטאָ,
ווײַל ס׳איז קיין ליכט ניטאָ בײַ קיינעם.

נאָר יעדער שאָטן טראָגט אַ פֿונק,
אַ זעעוודיקן פֿאַר דעם שאָטן,
דער פֿונק איז ווײַסער פֿאַר דער שרעק,
וואָס האָט זיי אַלעמען פֿאַרקנאָטן.

באַלײַכט דער פֿונק דעם גרונט פֿון האַרץ,
ווי ס׳לײַכט אַ שטערן אין אַ ברונעם;
אין האַרצן איז געוויין, געוויין,
און טיפֿער — דעם געוויינס ניגונים.

צי איז דאָס לעבן שטאַרק ווי טויט,
צי האָט אַ האַפּט דער הוילער גלויבן?
ס׳באַהאַלטן הונדערט זיך אין דר׳ערד
און ווייסן ניט וואָס טוט זיך אויבן.

און אויבן יאָגט דאָס מיליטער,
מע שלעפּט המונים צו דער שחיטה.
עס ראַנגלען זיך פֿאַר זייער פֿאָלק
די לעצטע יידן פֿון דער ליטע.

אַ מיידל שלײַדערט אַ גראַנאַט,
די דײַטשן טרעטן אָפּ פֿאַרוווּנדערט.
נאָר ס׳רייכערט זיך דערבײַ אַ קנויט
און ס׳פֿאַלט אַ מויער אויף די הונדערט.

ב

און די וואָס גליווערן אין הייל, —
זיי מיינען ס׳איז די שרעק אַריבער.
אומזיסט די טרייסט. עס קומט אַרײַן
דער תּלין ה ו נ ג ע ר אין די גריבער.

דער תּלין הונגער ווײַזט אַ שטריק
און מאָנט זײַן שטײַער בײַ די שאָטנס,
פֿאַרשליסט די ריפּן מיט אַ רייף,
און שפּרייט אַ ריח פֿון געבראָטנס.

ער צווינגט פֿאַרזוכן פּײַכטן זאַמד,
ער שיילט אַראָפּ פֿון מאַרך דעם דרימל,
פֿאַרבײַט אויף האָניק דעם געשטאַנק
און מאַלט אין אויג אַ ברויט מיט קימל.

און אויב עס צאַפּלט נאָך אַ וואָרט,
פֿאַרשטיקט ער עס מיט שוואַרצער סלינע.
ער שמעקט אין יעדערן דעם טעם
און שפּרייט צום נאָענטסטן אַ שׂינאה.

און שטילערהייט, בסאָמע סוד,
עס הערט ניט נאַכט, עס הערט ניט קיינער —
ער שפּײַזט מיט מענטשנפֿלייש די גאָז
און שלײַפֿט די אָפּגעטעמפּטע ציינער.

און שאָרך נאָך שאָרך, מיט שאָטנטריט,
עס קריכן גופֿן, קריכן, זשיפּען,
און ציינער ציִען זיך פֿאַרויס,
און ליפּן שליסן זיך אין ליפּן.

און אויבן — צאַנקט די אַלטע שטאָט,
פֿאַרגייט אין איינעם מיטן זומער.
און ס׳ליגט דער נבֿיא אינעם אַש
מיט אויסגעבברענטער צונג — אַ שטומער.

נאַראַטשער וועלדער, 10טן נאָוועמבער 1943

גאָלדע

...און ווען דורך נאַכט, איןווילדערניש אין ווײַטער,
האָט דורכגעריטן גאָלדע ס׳ערשטע מאָל,
האָט זיך געדאַכט: אַ פֿליִענדיקער שײַטער
דורך באַרג און טאָל.

באַגינען האָט געבליט פֿון אירע אויגן
און יעדער פּאַרטיזאַן האָט גלײַך דערפֿילט:
דער וואַלד מיט גאָלדעס שמייכל וועט באַצויגן
און העל באַגילדט.

דאָס ערדן־שטיבל אונטער מאָך און קאָרע
האָט זיך צעבליט מיט פֿרילינג ווי אַ בייט,
ווי ס׳וואָלט אַהין אַרײַן די וועלט די גאָרע
מיט יונגער פֿרייד.

פֿאַרוווּנדיקטע גבורים האָבן ווידער
געהויבן זיך פֿון אָרט, שוין ניט גערוט,
ווײַל גאָלדעס שמייכל האָט געהיילט די גלידער,
דערפֿרישט מיט מוט.

אין מאַרש, אין לויערונג, בײַם רײַסן בריקן,
אין הייסן אין האַרטנעקיקן געשלעג,
עס האָבן ווי באַפֿוילן גאָלדעס בליקן:
— פֿאָרויס אין וועג!

נאָר אין אַ נאַכט אַ קוואַלנדיק־מאַיאָווע,
בעת גאָלדע האָט געלויערט אויף אַ באַן,
האָט עפּעס העכער זיך צעקלאָגט אַ סאָווע
צום פּאַרטיזאַן.

און ווי ס׳האָט אונדזער שמייכלדיקע שוועסטער
דערהאַרכט דעם רויש פֿון רעדערדיקע טריט,
און ווי זי האָט דעם קנויט געוואָרצלט פֿעסטער
צום דינאַמיט,

און ווי זי האָט מיט אויג און האַרץ געשלונגען
די זעונג פֿון דעם אויפֿגעוואַכטן פֿלאַם, —
איז אין דער לופֿט דער עשאַלאָן צעשפּרונגען
מיט איר צוזאַם.

אַ חבֿר האָט געפֿונען בלויז פֿון גאָלדען
אַ האַנט אין גרינעם גראָז און איז מיט איר
אין וואַלד געקומען און געמאָלדן
דעם קאָמאַנדיר.

און ס׳האָט דער קאָמאַנדיר, אַ קוים באַהערשטער,
פֿאַרבײַ זײַן מחנה טראָט נאָך טראָט געשפּאַנט,
דערציילט אונדז וועגן גאָלדען, און דער ערשטער
געקושט די האַנט.

און צוואַנציק זאַלפֿן האָבן זיך געהויבן,
און צוואַנציק מאָל האָט ס׳האַרץ געטאָן אַ ברויז.
דערנאָך האָט מען די האַנט פֿאַרשאָטן. אויבן —
פֿאַרזייט אַ רויז.

און רונד אַרום דער רויז און העכער, ווײַטער
עס וואָגלט גאָלדעס שמייכל ווי אַ מאָל,
ווען זי האָט דורכגעריטן ווי אַ שײַטער
דורך באַרג און טאָל.

נאַראָטשער וועלדער, 19טן יאַנואַר 1944

און אויב מיַין פֿאָלק וועט בלײַבן בלויז אַ ציפֿער

און אויב מיַין פֿאָלק וועט בלײַבן בלויז אַ ציפֿער, —
באַשווער איך עס: פֿאַרגיי פֿון מיַין זכרון.
און זאָלן אַלע קבֿרים זינקען טיפֿער
און זאָל קיין שטויב ניט בלײַבן פֿון די יאָרן.

און אויך מיַין ביקס טו איך אַצינד׳ באַשווערן:
פֿאַרוואַנדל זיך אַ שלאַנג אין מיַינע הענט,
אויב נאָר דאָס מאָרגנקינד וועט ניט דערהערן
דעם שאָס, וווהין איך האָב אים איצט געווענדט.

נאַראַטשער וועלדער, 30סטן יאַנואַר 1944

זינג ניט קיין טרויעריקס

זינג ניט קיין טרויעריקס,
טו ניט פֿאַרשעמען
דעם טרויער.
ווערטער פֿאַרראַטן.
עס שטעלן זיך נעמען
קאַפּויער.

קוק אויפֿן שניי
און באַלייַכט מיט זייַן רו
דייַן זכּרון:
ליכט איז די שפּראַך פֿון דייַן האַרצן.
און דו —
ניי־געבאָרן.

שטרעק דייַנע פֿינגער צום שניי,
צו די קאַלטע
געוועבן.
אויסלייזן וועסטו אין זיי
דאָס באַהאַלטענע
לעבן.

נאַראַטשער וועלדער, 5טן פעברואַר 1944

אויפֿן וועג צו בוצלאָוו

פֿאַרהאַלט די פֿערד, גענוג צו בײַטשן,
און טוט אַ וואָרף די קעפּ אַהינטער:
צוויי אַדעליקע, לאַנגע דײַטשן
מאַרשירן דאָרטן פּאַזע צווינטער.

די פֿיס — אין קלומפּעס, הענט — פֿאַרפֿרוירן,
עס ציטערט זיי אין בויך דער נאָפּל;
דאָס האָט זיי אָנגעכאַפּט ווי טכוירן
דער פּאַרטיזאַן, דער בלאָנדער קאָפּל.

ער שמײַסט זיי אונטער מיט אַ ריטל
און פֿירט דעם אוצר אין בריגאַדע;
האָ־האָ — די לײַט פֿון הויכן טיטל
איז גאָר ניט נחתדיק אַוודאי.

צוריק אַ טאָג האָט נאָך אַלמאַכטיק
אָראָפּגעפֿינקלט קרייץ און אָרדן.
ווי ריטערלעך און זיס און פּראַכטיק
האָט אויסגעזען דער אַקט פֿון מאָרדן!

אַצינד האָט עמעץ אויף געלעכטער
פֿאַרכישופֿט זיי ווי אין אַ מעשׂה.
זיי בעטלען טאַבאַק בײַ דעם וועכטער
און האָפּקען אונטער: היטלער שײַסע.

און קאָפּל ציט אַרויס אַ זעקל,
דערלאַנגט זיי טאַבאַק צו פֿאַרדרייען...
און ס'קילט זײַן גליִענדיקן עקל
אַ שורה שעמעוודיקע שנייען.

נאַראָטשער וועלדער, 22סטן פֿעברואַר 1944

געבורט

דרינגט אַרײַן אַ רעגן דורך די צווײַגן פֿון שאַלאַש
און די טראָפּנס פֿאַלן אויף די פֿונקעלעך אין אַש.

ליגט אין ווינקל צוגעדעקט מיט בלעטער און מיט שטרוי,
לעבן נײַ־געבוירענעם — אַ פֿיבערדיקע פֿרוי.

קוקט זי אויף אַ טראָפּן ווי ער שימערט און צערינט,
זוכט זי אין זײַן שפּיגעלע אַ נאָמען פֿאַרן קינד.

שפּרינגען טויזנט נעמען אויף און דרייען זיך פֿאַרבײַ,
שרעקן זיי און שמעלצן זיך מיט פּנימער פֿון בלײַ.

וויינט דער נײַ־געבוירענער: ניט דאָס איז מײַן פֿאַרלאַנג.
נישטערט אין דער מאַמעס מילך דעם אויסגעבענקטן קלאַנג.

ביז דורך זיסער טונקלקייט אַ נאָמען זי געפֿינט —
אירע ליפּן הויכן אויס: מײַן גאָטעניו, מײַן קינד!

נאַראַטשער וועלדער, 27סטן פעברואַר 1944

געזעגעניש

א

אָ, ניט באַוויינען וויל איך דיך, דו שטאָט פֿון מײַן געזאַנג.
ווײַל פֿײַכט איז נאָך דײַן באָדן, כאָטש דײַן פּנים איז פֿאַרשרפֿעט,
איך וויל אין דיר אַרײַנגיין ווי אַ נאַכט צעגליט אין שטערן,
אַרײַנלײַכטן אין אַלע שויבן,
ברינעמער,
מאַלינעס.
אַרײַנלײַכטן אין גאָונס קלויז, אַווו פֿון דעם הגר״אָ
אַוועקגעריסן איז דער ה און ס׳איז געבליבן ג ר אָ, —
(ווו איז דער אות,
צי וואָגלט ער אַצינד אין מײַן נשמה?)
און אויך אין גרויסער שול, געבליבן אײנציק אויפֿן שולהויף
מיט פֿעסטונגגוועגט, וואָס היטן די פֿאַרגאַנגענקייט, די שטומקייט.
און אויף סטראַשון־גאַס זעקס —
די סאַמע לעצטע באַריקאַדע,
און אויך אין די קאַנאַלן אונטער דר׳ערד
ווו ס׳האָבן ייִדן
געהאָפֿט אויף דער באַפֿרײַונג און דעם ערשטן מײַ געיום־טובֿט.

איך וויל אין דיר אַרײַנגיין ווי אַ נאַכט צעגליט אין שטערן,
אַרײַנלײַכטן אין יעדער הויז — געבליבן אָדער חרובֿ.
אין פּנימער וואָס לעבן יאָ צי ניט — פֿאַר מיר זיי לעבן!
ווײַל ווי עס פֿילט אַ מענטש זײַן אָקערשט אָפּגעהאַקטן אָרעם
און זעט דעם רינג דעם גילדענעם פֿון אָפּגעשיידטן פֿינגער —
אַזוי־אָ פֿיל איך דעם פֿאַרבונד
מיט הײַזער,
מיט חבֿרים.

ב

דו ביסט מײַן ערשטע ליבע און אַזאַ װעסטו פֿאַרבלײַבן.
איך טראָג דײַן נאָמען דורך דער װעלט
װי ס׳האָט מײַן װײַטער זײדע
געטראָגן דורכן מידבר־פּלאָם דעם מישכּן אויף זײַן אַקסל.
(אָ, זײדע מײַנער, האָסט דאָך אויך געהאָפּט צו זען אַ ברעג!)
און װוּ איך זאָל ניט װאַנדערן —
עס װעלן אַלע שטעט
פֿאַרװאַנדלען זיך אין דײַן געשטאַלט.
איך װעל זיך ניט פֿאַרװאָרצלען
אין קײן שום אַנדער ערד,
אַזוי װי ס׳קאָן זיך ניט פֿאַרװאָרצלען
די װאַסערבלום, אַראָפּגעריסן פֿון איר לאַנגן נאָפּל,
צוריק אין פּיצל באָדן אונטער דריקנדיקן װאַסער, —
און הוידעט זיך פֿאַרלוירן איבער אָפּגרונט פֿון די כװאַליעס,
און קײנער, קײנער זעט ניט אַז דער פֿאָדעם איז צעריסן — —

ג

...און טײַער װי נאָך קײן מאָל ניט איז מיר דער ײדיש דײַנער —
דער צאַנקעדיקער קנויט
פֿון אַ פֿאַריתומטן נר־תּמיד,
װײַל נאָר אויף מאַמע־לשון האָט אַ פּיצל קינד געשריִען:
— פֿ אָ ט ע ר,
פֿון אַלע װערטער אויף דער װעלט עס פֿעלט מיר: מ אַ מ ע!

ד

איך בין דאָס קינד, וואָס טראָגט אַ גראָז
בשעת מע פּירט אים קוילען.
איך בין די פּרוי באַהאַלטן אין קאַנאַליזאַציע־רערן
אַליין מיט ערשט־געבוירענעם, ניט אָפּגעשיידט פון בויך,
און ווו דער עלנט איז אַזוי אומענדלעך, אַז עס דוכט
אויף מײַז וואָס פּליושקען זיך אין שמוץ —
דאָס זינגען גאָר מלאָכים!
איך בין דער זקן גראָ און קנייטשיק ווי אַ וועלשער נוס
וואָס דאַרף צום אָפּנאַרן דעם עלטער אויסזען אַ יאָר צוואַנציק,
און גלײַכצײַטיק בין איך דאָס ייִנגל "ייִנגער ווי מע דאַרף"
וואָס מוז צעקאָרבן ס׳פּנים און זיך הייבן אויף די פינגער.
איך בין דאָס לעצטע וואָרט פון אַ געפאַלענעם אין גראָבן,
איך בין די ניט־באַהאָלפנקייט פון אַ געליימטן מענטש
וואָס קען די האַנט ניט שטרעקן צו דעם האַלדז —
זיך צו באַפרײַען.
בין דער, וואָס קומט צוריק פון שטאָט מיט פּולווער אין די שטיוול
און שאַף דערפון אַ רעטער
ווי דער מהרל דעם גולם.
איך בין דער ווילד פאַרליבטער אויף דער סקריפּעדיקער תּליה
(די אַפּלען זייגן אײַן פון ווײַט אַ שמייכלענדיקע פרוי).
איך בין שוין אַ פאַרברענטער.
אַ פאַרפרוירענער,
געקעפּטער,
נאָר מיטן שטראָם פון דער ווילִיע — שווימט צו דיר מײַן ליד.

ה

ניט די וואָס האָבן דיך געשענדט —
ניט זיי וועסטו געהערן.
זיי וועלן בלינדע פּויזען אויף די קני צו דײַנע טויערן
און דערנער וועלן זייער בלינדקייט נאָך אַ מאָל צעשטעכן.
עס וועט זיך ניט מרחם זײַן דער וואָלקן אויף פּאָנאַר —
מיט זשאַווערדיקע בליצן וועט ער ענטפּערן אויף תּפילות.
בית־עולם־שטיינער וועלן זיך אַליין פֿון דר׳ערד אַ ריס טאָן
און יעדער אות באַזונדער וועט זיי וואַרפֿן זיך אין פּנים,
און אויך דער אַנאַ־קלויסטער, וואָס איז רויט ווי אונדזער בלוט,
וועט אָן דערבאַרעמונג פֿאַרריגלען זײַנע שמאָלע טירן,
און ווי אַ קללה אויסגעשמידט פֿון קופּער — וועלן קלינגען
פֿאַר זיי די אַלטע גלעקער אין מײַן דעמערדיקער שטאָט.

און אויב עס וועלן מער ניט בלײַבן אין מײַן שטאָט קיין ייִדן —
איז וועלן זייערע נשמות וווינען אין די געסלעך.
און ווער ס׳וועט מיינען אַז אַ הויז איז פּוסט
און וועט אַרײַנגיין,
און אויפֿשטעלן אַ געץ, אַ טיש, און גרייטן אַ געלעגער,
און אָנטאָן אַ געפּוגען העמד,
אַ קלייד
צי אַ פֿאַטשיילע, —
וועט ער בײַ נאַכט דערהערן אַ געוויין פֿון קליינע קינדער
און ס׳העמד וועט ווי אַ ריבאײַזן צערײַבן אים דאָס לײַב.
ביז לויפֿן וועט ער דול אַרויס דער שטוב
ווי זײַן געוויסן
פֿאַרוואַנדלט אין אַ ראָב
וואָלט קריך אַרײַן אין די געהירן.
און לויפֿן וועט ער — אַז דער שאָטן וועט אים ניט דעריאָגן.

ו

פֿון גאָרער וועלט עס וועלן קומען באָרוועסע מרגלים
מיט גרינע ווערבעצווײַגלעך אין דײַן גאָלד־געריבטן היכל.
און איטלעכער וועט שעפּן פֿון דײַן האַרץ
אַ הויפֿן אַש
און מיטנעמען אַהיים
דעם לאַנגן דרימל צו באַלײַכטן.
נאָר איך, וואָס בין געוואַקסן אינעם שאָטן פֿון דײַן פּראַכט,
אין גאַנצן טראָג דיך ווײַטער — ווי אַ בלוטיקע מגילה.

ווילנער געטאָ־נאַראָטשער וועלדער, 1943־1944

דאָס מיידל פֿון וואַלד

און קיינער קען דעם סוד ניט לייזן:
ווער איז דאָס מיידל, ווי זי הייסט?
זי קומט אין געטאָהאַרבסט אין בייזן
און שפּרייט נקמה־ריח, טרייסט.
און ווי דעם פֿרילינגס גרינעם האָרן
דערהערן גראָזן אונטער אייַז —
דערהערט מען, אייַנגעשמידט אין צאָרן,
דעם אויסלייז־ניגון פֿון איר שפּרייַז.

אַ מאָל די לאָקן בלאָנד געפֿאַרבן
ווי אַ געליבטע פֿון אַ קאַט.
אַ מאָל צונויפֿגעדרייט, פֿאַרהאָרבן,
אַ מאָל פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ סאָלדאַט.
אַ מאָל אין קליידער פֿון אַ נאָנע.
אַ מאָל אַ זשוליק מיט אַ טויב
וואָס שפּרינגט אַריבער די סכּנה
און קומט פֿון דרויסן דורך אַ טרויב.

און קומט זי — גליווערט נאָך ווי קודם
איר מאַסקע. נאָר זי ווערט פֿאַרגופֿט
מיט יעדער הענגענדיקן בוידעם.
ווי מעסערס אָטעמט זי די לופֿט.
און איידער זי האָט צייַט צו קלערן
איז אָנגעגרייט די צאָל. און באַלד
באַפֿאַנצערט מיט אַ ז ו י פּ י ל שטערן
זי פֿירט אַרויס און ברענגט אין וואַלד.

אין פֿרײַען װאַלד עס בלײַבן אַלע.
און זי — צוריק דורך זומפּ און קוסט.
אַ זעקעלע מיט ציאַנקאַלי
איז צוגעטוליעט צו איר ברוסט.
זי שנאַפּט דעם שטח מיט די נאָזלעך,
דורך גאָרער לענג פֿון נאַכט — איר טראָט.
און װען די שאָטנס גליִען ראָזלעך —
דורך נעפּל־פֿײַער שװימט די שטאָט.

און װידער — שױן אַ צװײטע, דריטע,
אַ פּויערטע פֿון דאָרף, צי װער?
זי פֿאַלט אַרײַן אין סאַמע שחיטה
אַרומגעכאַפּט דורך מיליטער.
נאָר דורך די שמוציקע קאַנאַלן,
זי פֿירט אַ מחנה װי אַ פֿאָן.
און װען די װעלדער נעמען שטראַלן,
שױן לעבט אין זײ אַ באַטאַליאָן!

מאָסקװע, מײ 1944

פֿאַרפֿרוירענע ייִדן

האָסטו געזען איבער פֿעלדער מיט שניי
פֿאַרפֿרוירענע ייִדן, אַ ריי נאָך אַ ריי?

זיי ליגן אָן אָטעם, פֿאַרמירמלט און בלאָ,
נאָר טויט איז אין זייערע קערפּערס ניטאָ.

ווײַל ס׳פֿינקלט אויך ערגעץ פֿאַרפֿרוירן דער גײַסט,
ווי אַ גילדענער פֿיש, אין אַ כוואַליע פֿאַראײַזט.

זיי ריידן ניט. שווײַגן ניט. יעטוועדער ט ר אַ כ ט.
און די זון ליגט פֿאַרפֿרוירן אין שניי אויך בײַ נאַכט.

עס גליט אויף אַ ראָזלעכער ליפּ אין געפֿריר
אַ שמייכל און קען זיך ניט געבן קיין ריר.

אַ טראָט לעם דער מאַמען ליגט הונגעריק ס׳קינד
און מאָדנע: זי קען עס ניט זייגן אַצינד.

און ס׳גליווערט אַ פֿויסט בײַ אַ נאַקעטן גרײַז
און קען ניט זײַן כּוח באַפֿרײַען פֿון אײַז.

כ׳האָב אַלערליי טויטן פֿאַרזוכט ביז אַהער
און ס׳קען מיך שוין קיינער ניט וווּנדערן מער.

נאָר אַצינד אין דער יוליקער היץ אויף אַ גאַס
באַפֿאַלט מיך אַ פֿראָסט ווי ס׳באַפֿאַלט משוגעת:

עס גייט מיר אַנטקעגן דאָס בלאָע געביין —
פֿאַרפֿרוירענע ייִדן אויף שנייִקן פֿליין.

מײַן הויט ווערט באַצויגן מיט מירמלנער שיכט,
און אָפּשטעלן נעמט זיך דאָס וואָרט און דאָס ליכט.

און אויך מײַן באַוועגונג פֿאַרפֿרירט, ווי בײַם גרײַז,
וואָס קען ניט זײַן כּוח באַפֿרײַען פֿון אײַז.

מאָסקווע, 10טן יולי 1944

לידער פֿון פֿאַרשאָלטענעם שמייכל

אַ שטים

א

עפּעס האָט אַ פֿליגלדיקס אַדורכגערוישט די הייכן
און איך האָב אַ שטרעק געטאָן אַ האַנט עס צו דערגרייכן.

האָט מיך אָנגערירט אַ שטים, אַ זומערשטים אַ שטילע:
— "ווי זשע לעבסטו איין־אַליין און רופֿסט מיך ניט אַפֿילו?

ווי ביַי טאָג אַ שטערן בין איך דאָ, נאָר דו דערזעסט ניט.
און מיַין נעסט איז גאָר די וועלט, נאָר דיר געפֿעלט די נעסט ניט".

און די שטים האָט מיט אַ שוואַרצן פֿאָדעם מיך פֿאַרשפּונען,
און די שטים האָט מיך פֿאַרטראָגן הינטער זיבן זונען, —

און זי האָט זיך דאָרט פֿאַרוואַנדלט אין אַזאַ מין וועזן
קיין מאָל ניט צו ווערן, וויַיל ס'איז איין מאָל שוין געוועזן.

ב

די שאַרפֿע ליפּן האָבן מיך געגראָבן ווי אַ רידל,
אַרויסגעגראָבן פֿון מײַן גײַסט פֿאַרשאָטענע בריליאַנטן.
און וואָלסטו ניט געאַקערט, וואָלט איך זײַן אַ שטומע פֿידל
מיט אַ קלאַנגען־ים אַן אומבאַקאַנטן.

און ניט איך וואָלט געוווּסט מײַן גרויס פֿאַרמעג
פֿאַרזיגלט אונטער יאָרנדיקע שיכטן,
און ניט איך וואָלט געזען אין זיך דעם אָפּשפּיגל פֿון טעג
ווי עס זעט אַ נאַכטיק וואַסער שווימענדיקע ליכטן.

רונד אַרום איז ערד־געטרייסל, צוגעגרייטער טרויער,
נאָר אין מיטן איז פֿאַרפֿלעקלט אונדזער טרײַ געצעלט.
עס האָט דײַן ליבשאַפֿט ווי אַ טויב געוואָרקעט מיר אין אויער:
„אָ, לאָמיר, אָפּגעצוימט פֿון וועלט, באַשאַפֿן דאָ אַ וועלט!"

ג

מע זוכט אונדז, אַ מעסער קען זײַן יעדער פּרעפּל.
די שפּירהינט ווי טריט פֿון אַ גרויזיקן גאָט.
נאָר ווער האָט אונדזביידן באַשיצט מיט אַ נעפּל?
צי זעסטו דעם נעפּל? אָט וויקלט ער, אָט...

דו זעסט ניט דעם פּאַלאַץ פֿון גראָקייט, ווו פֿאַרבן
ווי קינדער דערשטיקטע פֿאַרזינקען אין גראָ.
מיר ליגן דאָרט ביידע ווי נאַקעטע גאַרבן,
חוץ נעפּל און ביידן — איז קיינער ניטאָ.

נאָר אין דער ניטאָקייט מײַן מויל נעמט זיך קניפּן
צו פֿײַערלעך רויטע. ערשט איצט איך באַמערק:
עס בליִען פֿון גראָקייט אַרויס דײַנע ליפּן!
נאָר ווער האָט באַשאַפֿן דאָס פּורפּלנע ווערק?

עס האָט זיי באַשאַפֿן דער נעפּל! און זע ווי
זיי טיילן זיך אָפּ פֿון די גופֿן אַצינד.
אַזאַ איז שוין קענטיק בײַ ליפּן די טבֿע:
זיי ליבן בלויז אַנדערע שיכּור און בלינד.

ד

איך וואַרעם טיי מיט דײַנע בריוו, —
מײַן אײנציקער פֿאַרמעגן,
עס בלײַבן דינע בלעטלעך אַש
מיט גליווערעם באַשפּרינקלט,
וואָס איך אַליין קען לייענען, קען פֿרעגן:
איך וואַרעם טיי מיט ד ײַ נ ע בריוו,
מײַן אײנציקער פֿאַרמעגן?

זאָל שטומער זײַן דער ווינט פֿון אַ מצבֿה!
זאָל מײַן שאָטן מער זיך ניט באַוועגן!
איין בלאָז —
און אַל דײַן הײלנדיקע שיינקייט
וועט אײפּערזיכטיק מאַכן אַלע וועגן.

ווי טײַער ביסטו מיר אין בלעטלעך אַש,
ווי ליכטיק שטאַרבסטו אויס אין בלעטלעך אַש,
וואָס איך אַליין קען לייענען, קען פֿרעגן:
איך וואַרעם טיי מיט ד ײַ נ ע בריוו,
מײַן אײנציקער פֿאַרמעגן?

ה

עס האָט ניט מער געדויערט ווי אַ פּינטל מיט די אויגן,
נאָר ס׳איז געווען גענוג די וועלט זאָל אונטערגיין. און גלײַך —
האָט איבער שוואַרצע מיידלהאָר אַ גראָקייט זיך באַצויגן
ווי לײַכטער וואָלקן וואָס פֿאַרדעקט אַ זונכוואַליע אין טײַך.

דערנאָך האָט אין איר שמייכל זיך צוריק די וועלט געלײַטערט,
ווען כ׳האָב געקושט איר אַקסל ווו ס׳האָט דורכגעהאַקט אַ קויל.
די טויט־ניגונים האָבן זיך געזעגנט און דערווײַטערט.
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט: עס האָט פֿאַרשלונגען זיי מײַן מויל!

אַ שטילקייט איז געקומען, ווי פֿון אויסגערויבטע נעסטער,
און אין דער מיט פֿון שטילקייט — איז געשמידט געווען די וואָר.
ווײַל ניט פֿאַר זיך אַליין, זי האָט געליבט פֿאַר אַ ל ע שוועסטער,
ווײַל ״אַנדערש קען דאָך גאָרניט זײַן, מײַן טײַערער, מײַן בעסטער,
ווי ס׳קען ניט ווערן שוואַרץ די גראָע קרוין פֿון מײַנע האָר״.

דער פֿרעמדער

ו

וואָס יאָג איך זיך נאָך דיר אָן זינען, ווי אין יענער נאַכט
ווען דו האָסט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די שטערן און געלאַכט?

אַצינד ווו ביסטו? און דײַן אָטעם אויף מײַן ליפּ ווו איז?
איך בין מקנא דעם סקעלעט וואָס וואַרעמט דײַנע פֿיס.

מיט גאָרנישט־ליפּן זייגט ער אָנשטאָט איך דײַן רויטן מאָן.
מיט אומליכט־אַפּלען שמעלצט ער אויף דײַן ברוסט מײַן מעדאַליאָן.

און אַלץ וואָס איך האָב ניט דערצערטלט ווערט דורך אים פֿאַרפּילט —
אַ מאָלער, ניט געזעטיקט מיט די פֿאַרבן פֿון זײַן בילד.

באַליידיקט, וואָס ניט מיטגעגאַנגען איז מיט דיר מײַן שפּאַן —
ביסטו זיך נוקם — צוגעאייביקט צו דעם פֿרעמדן מאַן.

און כאָטש עס טיילט אונדז ביידן אָפּ אַ רויזנדיקער שיכט —
בין איך דיר ווײַטער פֿאַר אַ שטערנס אויסגעלאָשן ליכט.

דײַן שאָטן אָבער, וואָס ער שאָרשעט ווי דײַן זײַדן קלייד —
האָסטו צו מיר אַרויפֿגעשטראַלט. דײַן שאָטן איז מײַן פֿרייד.

ער פֿלייצט, דײַן לעבעדיקער שאָטן, איבער פֿריש געבלים.
איך שלײַדער זיך אויף אים און שווים צום שמייכל אין דײַן שטים.

נאָר ד י ך באַרירן קען איך ניט. עס גילט אויף מיר אַ שטראָף.
דער פֿרעמדער ווי אַ ביינעריקע שווערד באַוואַכט דײַן שלאָף.

דײַן אײַנגעשטילטן שווײַגן נאָך דײַן שטורמישן געשוועב.
און איך מוז ווײַטער בענקען אָן אַ זין. און בענק. און לעב.

ווילנער געטאָ־מאָסקווע, 1941־1944

דער נבֿיא

געהײליקט דעם אָנדענק פֿון ז. קלמנאָוויטש

א

און דער, וואָס נבֿיא רופֿט מען אים, דער שכן מײַנער, נעמט
זײַן טלית און ער זאָגט צום יתום: "בײַ פֿון דעם אַ העמד

און טו עס אָן און לעב און קוק אָן מורא אויף דער וועלט, —
ווײַל שפּינוועבס איז די וואַנט, וואָס האָט דײַן מאַכטיקייט פֿאַרשטעלט".

און ווי אַ גראָער אָדלער גיט דער נבֿיא זיך אַ ריס
צו דעם וואָס ליגט דערהרגעט און ער קניט פֿאַר זײַנע פֿיס:

"מײַן ברודער, זאָלסט דערציילן די קרבנות פֿון דער שטאָט —
זי טראָגט זיך, די נקמה, — אונדזער שטורעמדיקער גאָט!"

און ווי אַ שטיין וואָס פֿאַלט אין טײַך און רודערט אויף אַ קרײַז, —
אַזוי ווערט אײַנגעזונקען יעדער פּנים בײַ דעם גרײַז.

און ווער עס האָט געזאָגט: "משוגע", ווער עס האָט געלאַכט
ווען איין מאָל האָט דער נבֿיא זיך צעזונגען אין דער נאַכט, —

נאָר ער האָט מיר געגעבן פֿונעם זינגען דעם באַשייד:
"זי טראָגט זיך די נקמה, איך באַגעגן זי מיט פֿרייד".

ב

אַזוי האָט ער אין שולהויף צום המון
געצאָרנט:
געפֿאַלן איז אין רינשטאָק אײַער קרוין,
ווי האָט איר זי באַוואָרנט?

גייט לערנט זיך בײַ די, וואָס ניט בײַם זין, —
די דולע,
אויף הקדש־גאַס אין תּפֿיסה. גייט אַהין,
איר טרוימער פֿון גאולה!

אַ קופּע משוגעים — איין פֿאַרקנויל,
איין פּנים
האָט דאָרט געגליט אין פֿינצטערניש, ווי קויל, —
אויף חוזק פֿון די שׂונאים.

פֿאַרשפּאַרט אַ וואָך, אַ צווייטע, אָן אַ פֿונק
מיט גנאָדן.
און ווען זיי טוען אײַזוואַסער אַ טרונק —
וואָלט גלײַך זיך עס צעזאָדן.

זיי האָבן ניט געקענט שוין רייזן, גיין.
ווי חיות
געגריזשעט פֿאַרן שטאַרבן זיך אַליין
מיט קופּערנע העוויות.

נאָר ווען דער שׂונא איז אַרײַן אין צעל,
"באַקוקן" —
זיי האָבן אַלע, ווי נאָך אַ באַפֿעל,
געטאָן אַ שפּרונג, מסוכן —

און אים געטייט! ווי מע צעטרעט אין גאַס
אַ וואָרעם.
ווײַל שׂכל האָט געהאַט די משוגעת,
באַפֿליגלט זייער אָרעם.

נאָר איר, די קלוגע, ווי די קעלבער גייט,
איר קלוגע.
און די, וואָס האָבן אונדזער פֿײַנד געטייט —
זיי רופֿט איר אָן: משוגע.

ג

און די, וואָס גליווערן פֿאַרלאָשן,
און קיינער הערט ניט זייער קול —
זיי האָבן מיר געגעבן לשון
ווי שנייִיק־אָנגעגליטן שטאָל.
אַזוי דערצייל אין אונדזער נאָמען
די מענטשנקינדער אויבן, דאָרט —
און זאָל זיך שטורמיק פֿאַרנשמהן
אין זייער טיפֿעניש דאָס וואָרט:

הערט אויס, איר לעבעדיקע ברידער,
די אויסגעמאָרדטע לעבן אויך.
אין אײַערע געבײַטשטע גלידער
איז אײַנגעקלונגען זייער הויך.
אין איטלעכן פֿון אײַך — פֿאַרזונקען
איז אויך אַ פֿונק פֿון זייער גײַסט.
נאָר מערקן מערקט איר ניט די פֿונקען
און ווי איר ווערט דורך זיי געשפּײַזט.

עס איז קיין ווייניקע ניט נייטיק
און ניט קיין וואָלקנדיקע רייד.
אַנשטאָט צו ווייטיקן דעם ווייטיק —
באַפֿאַנצערט זיך אויף ס'נײַ מיט פֿרייד.
און בויט, ווי איר וואָלט ערשט געבאָרן,
ווי ס'אומגליק איז דאָ גאָרניט שײַך.
און זיי, די היטער פֿון זכרון —
זיי וועלן מיטבויען מיט אײַך.

ד

ער איז געווען דער בראַנדז־געשמידטער טויער
וואָס האָט פֿאַרטיידיקט ס׳לעצטע קינד אין פֿעסטונג.
און ווען אַ שפּיז האָט דורכגעהאַקט זײַן ברוסט
און פֿונק אַנטקעגן פֿונק האָט זיך געלאָשן, —
איז ער געבליבן הענגען אין אַרײַנגאַנג
פֿאַרעקשנט ווי אַ פֿעלדז אַריבער אָפּגרונט
און אויך אַ צ י נ ד ניט צוגעלאָזן קיינעם.

נאָר אַז פֿון די צעפּראַלטע אַמבראַזורן
האָט ווי מוראַשקע־שטראָמען שוואַרץ געריזלט
צעזאָדן בלוט אויף וואַקלדיקע ווענט —
און דאָס געוויין פֿון קינד האָט זיך געצאַפּלט
און אויסגעגאַנגען ווי אַ זומער־פֿאָדעם —
אָט דעמאָלט איז געפֿאַלן אויך דער נבֿיא
און מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ פֿליגל פֿעסטונג.

און ווי ער איז געלעגן — ערשט אַ שפּאַרבער
האָט דרײַ מאָל אים אַרומגעקרײַזט, געגנידערט,
און מיטן שפּיציק אָנגעגליטן שנאָבל
גענומען פּיקן די פֿאַרנעצטע אויגן.

און איך, וואָס בין געווען דערפֿון דער עדות,
און האָב געאײַלט צום אָפּיאָגן דעם שפּאַרבער —
געזען האָב איך אַזוינס: אין שאַרפֿן שנאָבל
געפֿינקלט האָט דעם נבֿיאס גרויסע אויג;
און ווי כ׳האָב זיך דערנענטערט, האָט דער פֿויגל
אַ שניט געטאָן דרײַ צויבערקרײַזן ווידער
און ס׳אויג איז גלײַך אין מ ײַ נ ס אַרײַנגעפֿאַלן
ווי ס׳פֿאַלט אַרײַן אַ זונענשטראַל אין וואַסער.

ווילנער געטאָ־מאָסקווע, 1943־1944

דאָס ייִנגל פֿון אײַזן

אַן אויסגעבערענטער שוואַרצער מגן־דוד
אויף זײַן שטערן,
די האָר ווי קאָלטנס קראָפּעווע,
די אויגן — אײַז אין פֿרילינג,
און אויסגעשטאַרצטע גלעז ריפּן אונטער לעכער, שמאַטעס,
אײַלט אַ ייִנגל, טראָגט זיך מיטן קעניגסבערגער שליאַך,
אָנגעלענט אַן סוקעוואַטן שטעקן.

ברייטע ווערבעס טאָפּלען זיך אין וואַסער,
קאָרנבלימלעך לאָקן דורך די זאַנגען —
און דאָס ייִנגל, אָנגעלענט אַן שטעקן,
אײַלט פֿאָרויס,
ווי ניט פֿאַר אים די וואַקסעכץ.
בלויז פֿון צײַט צו צײַט
ער טוט דעם קאָפּ אַ וואָרף אַהינטער,
ווי אַ פֿויגל פֿאַרשנדיק, ווי ווײַט איז נאָך דער שטורעם:
אים דאַכט זיך נאָך, מע יאָגט.

— זאָג מיר, קינד, וווּהין איז דײַן געאײַל,
צי וואַרט אויף דיר אַ שטוב, אַ טאַטע־מאַמע?

בלײַבט ער שטיין פֿאַרגליווערט אויף אַ ווײַל,
ווי ס׳וואָלט די וועלט פֿאַרפֿולט אַ ליקוי־חמה:

— כ׳האָב קיינעם ניט.
מע זאָגט, אין ווילנע איז אַ שול פֿאַראַנען,
אײַל איך דאָרטן,
ס׳איז נאָך ווײַט פֿון דאַנען? —

שטעלן מיר זיך ביידע אויף אַ באַרג
און איך ווײַז אים אָן וווהין צו שפּאַנען.

הייבט ער אונטער גאָר די וועלט אין טאָרבע
און ער לאָזט נאָך אײַליקער זיך גיין
דורך שטאָק און שטיין.

שרײַ איך אים פֿון ווײַטן:
— ייִנגל, ייִנגל,
און דו אַליין
פֿון וואַנען ביסט, פֿון וואַנען? —

צינדן זיך ווי צונטער
זײַנע קנייטשן,
די אויגן נעמען שמעלצן בלאָען גאָלד,
און פֿונעם ליפּן־ווינקל טוט אַ שטאָלצקייט זיך באַווײַזן:

— פֿן וואַנען בין איך, האַ?
איך בין פֿון אײַזן!

1944

איציק וויטענבערג

א

זע איך דיך ווידער —

ווי דעמאָלט דעם זעכצנטן יולי פֿאַר טאָג

אויף אַן ערד, וואָס זיך וויגט צו דער הייך, צו דער נידער,

ווי אַ דורותדיק־אַלטע, אַ ביינערנע וואָג.

זע איך דיך ווידער

און זאָג:

ער האָט איבערגעוויגן — דײַן הײַנטיקער טאָג.

ב

צוואַנציק טויזנט

לעצטע,

מידע,

וועקן מיט געוואַלד אַ נס.

גרייטן הונדערט די מרידה

אַ מעת־לעת נאָך אַ מעת־לעת.

קומט צו די צוואַנציק טויזנט דער שׂטן,

און אַזוי ווערט געבאָטן

די צוואַנציק טויזנט:

„זוכט אים אויס צווישן אײַך דעם שטאָלצן,

געפֿינט אים אויס אין געהיימער פֿעסטונג, —

דעם, וואָס האָט די געטאָ פֿאַרשמאָלצן

קעגן מיר צו גיין אין פֿאַרמעסטונג, —

דעם, וואָס האָט פֿון מײַן כּוס ניט געטרונקען

די שוואַרצע פֿונקען

פֿון משוגעת.
צוואַנציק טויזנט
אַרויף, אַראָפּ.
צוואַנציק טויזנט
פֿאַר איין קאָפּ.
צייַט —
ביז די זון וועט אַנטרינען פֿון טאָג!"

און עס וויגט זיך די ערד צו דער הייך, צו דער נידער,
ווי אַ דורותדיקע אַלטע, אַ ביינערנע וואָג.

ג

זע איך דיך ווידער, —
געלענט אָן אַ ביקס ווי אַ בלענדיקער פֿליגל
צווישן דייַנע חבֿרים, ברידער
הינטער די ציגל
פֿון באַריקאַדע.
און דער קוילן־וואַרפֿער בייַם באָרוועסן יונג
איז גרייט אַ ליאַדע
רגע צום שפּרונג.
און עס לויערט דאָס מיידל מיט הייסן גראַנאַט
אים אַ שלייַדער צו טאָן אין באַגעגנטן קאַט.

ד

אין מיטן רויש, אין מיטן האַווע
די צוואַנציק טויזנט בלייַבן שטיין.
דער ייִאוש ווי אַ שטראָם פֿון לאַווע
האָט זיי פֿאַרגאָסן דאָס געביין.

פֿאַרגליווערט איז דער אָטעם. קיינער
באַוועגט זיך ניט — די שרעק פֿאַרהאַלט.
און אַלע ווערן זיי ווי שטיינער
מיט מענטשן־אָנבליק אין געשטאַלט.

און אַלע שטיינען זיי אַנטקעגן,
דאָס לעבן איז אין דיר געווענדט.
און בלויז די שאָטנס זיך באַוועגן
ווי גורל־ווײַזערס אויף די ווענט.

ה

און דו,
געלענט אָן ביקס, —
דו רופֿסט זי מער ניט צום באַשיץ.
אין איינעם מיט דעם זונפֿאַרגאַנג די נאָנטסטע נעמען צאַנקען.
פֿון גרינעם אויגן־ווינקל שיסט בײַ דיר אַרויס אַ בליץ
און אויפֿגעשניטן ווערן די געדאַנקען
בײַ די,
וואָס דו האָסט זיי געזאַלבט פֿאַר מורדים און באַפֿרײַער.
די צוואַנציק טויזנט קלאַפּן אין דײַן האַרץ, אין דײַן געדאַכט,
פֿאַרייִאושטע — זיי ווערן מער נאָך טײַער.
און אויב ס'איז ניט באַשערט דו זאָלסט דעם פֿאָלק דערזען אין שלאַכט,
דאַרף דאָס פֿאָלק אין ד י ר דערזען זײַן גבֿורה.
דאַרפֿסטו מיט דײַן קרבן מנצח זײַן אַ דור
און אַריבערשטראַלן צו דעם מאָרגנקינד אַ בשׂורה:
— כ'האָב אָפּגעגעבן גאָר, —
מײַן חלום און מײַן וואָר...

ו

דורך זײַלן מיט פּורפּורנע שטויבן
עס וואָגלט די זון נאָך אין שויבן,
אָ, דויער נאָך, טײַערע, דויער, —
עס וויגט זיך די גאַס און דער טויער.
צוואַנציק טויזנט
אַרויף, אַראָפּ.
צוואַנציק טויזנט
פֿאַר איין קאָפּ.
און דער איינער ביסט דו.
און בײַ דיר צו די פֿיס —
אַ פֿרוי,
וואָס איז גרייט זיך לאָזן פֿערטלען
פֿאַר איר ליבשאַפֿט דורך נסיון דערקענט.
און ליפּן און הענט
צום לעצטן מאָל דיך וואַרעמען, צערטלען:
„װעסט ניט פֿאַרגיין, ווײַל דו ביסט דער גערעכטער".

דו טוסט זיך אַ ריס
דורך די צוואַנציק טויזנט,
און אַ טויב דיך באַגלייט ווי אַ ליכט —
צו דעם שעכטער.

ז

דײַן זיידע, דײַן זיידע אויף קידוש־השם,
ביז צו דיר, מיט זײַן פֿלאַקערדיק לײַב
האָט די דורות באַפֿאַרבן;
און דאָ, בײַ דעם ראַנד פֿון די דורות,
אין אײַזערנעם קלעם,
ניט פֿאַר גאָט —
פֿאַרן פֿאָלק ביסט אַ קרבן!

די הענט געבונדן אויף הינטער —
צעבראָכן.
אויגן — צעשטאָכן
מיט גלאַנציקן שפּיז.
נאָר פֿאַר דער שײַן פֿון די לעצטע פֿונקען,
וואָס צוקן אין פֿײַכטן אַש פֿון די לעכער,
טראָגן זיך העכער
פֿאַר אַלע יסורים
יונגע חיילות
ווי לייבן אין שטורעם,
דורך וועלדער און שטעט,
איבער חורבֿה און טורעם
און ברענגען דיר פֿרייד
אויף שווייסיקע אַקסלען,
און בײַסן זיך אײַן מיט די ציין
אין ווילנע — —

ח

אין שטאָט אין באַפֿרײַטער
איז ווידער איצט אָוונט
און זעכצנטער יולי.

איך קום ווי אַן עכאָ
פֿון וויַיטע נשמות
און שאַר מיט דער ביקס
די געבליבענע אַשן.

אין שטאָט אין באַפֿרײַטער,
ווו ס׳קאָרטשען זיך גאַסן
אין טעמפּן גערודער
און האַקנקרייץ־גופֿן

נאָך וואַלגערן אום זיך
צעטראָטן דורך רײַטער,—
זע איך דיך ווײַטער,
אָ, ברודער,
מײַן ברודער!

פֿון אונטער דעם אָקערשט פֿאַרלאָשענעם שײַטער,
פֿון אונטער די ביינער אין ווילדע תהומען, —
שטײַגסטו,
געוויקלט אין וואַרעמע אָטעמס, —
פֿאַר אַלע וואָס זענען געפֿאַלן — אַ נאָמען.

ביסט אַ רינג אַרום דער זײַל פֿון שטאַם, —
אַ רינג, וואָס טוט פֿאַרהיטן זי פֿון וואַקל.
ביסט דער ווינט, וואָס טריקנט אויס דעם סם
און ס'איז דײַן נאָמען פֿון הײַנט־אָן: סך־הכל.

ווילנע, 16טן יולי 1944

די בריק

ניט פֿון מירמל רויט געאָדערט,
ניט פֿון בראָנדז־געדרייטע שטריק,
ניט פֿון אײַזן ווי עס פֿאָדערט
האָבן מיר געבויט די בריק.

ביז די אַקסלען אין די זומפּן,
מיט צונויפֿגעשמידטע הענט,
האָבן ברידער זיך פֿאַרשרומפּן
און פֿאַרלייגט אַ פֿונדאַמענט.

און אויף אים אַ שיכט אַ צווייטער
מיט פֿאַרפּעכיקטן געניק.
ווי די שטאַפּלען פֿון אַ לייטער
האָט געפֿורעמט זיך די בריק.

ביז צונויפֿגעהעפֿט מיט נאָגל
האָט אַ לײַב זיך צו אַ לײַב, —
אַך, צעגאַנגען איז דער האָגל
אויפֿן אָנגעגליטן לײַב!

יעדער גוף האָט ווי אַ פֿאַקל
זיך געטאָפּלט אין טשערעט.
אָן אַ קרעכצן, אָן שום וואַקל,
זיך פֿאַרשמאָלצן און פֿאַרקנעט.

ווען די בריק איז שוין געהאַנגען
ווי אַ רעגן־בויגן לאַנג,
זענען איבער איר געגאַנגען
מיט פֿאַרטײַעטן געזאַנג

שורות מורדים, מיידלעך, ייִנגלעך,
דורכגעגליט מיט איין באַגער.
מיט די פֿינגער אויף די ציינגלעך
פֿון באַרעגנטן געווער.

אויף אַ פֿערד האָט זיך געצויגן
מיט עקשנותדיקע טריט.
נאָר די בריק האָט אומגעבויגן
בלויז מיט פֿונקען זיך באַשיט!

אויגוסט, 1944

די יונגע מאַמע

אַז פֿון גאָרער וועלט איז איר פֿאַרבליבן,
בלויז איר קינדס אַ ליאַלקע און ניט מער —
וועמען זאָל די יונגע מאַמע ליבן,
ווער וועט איר אַן ענטפֿער געבן, ווער?

האָקט זי צו די טיר אויף שלאָס און ריגל
און ווי פֿריִער לייגט זי איצט אויף ס'ניי
אין דעם פּוסטן, פּוסטן, פּוסטן וויגל
דאָס פֿאַרגאַפֿטע קינד פֿון פּאָרצעלײַ.

ווענט און באַלקן גלימצערן אין פֿרירונג,
אינעם פֿענצטער שטעקט אַ בינטל שטרוי, —
טוט זי אָן אַ שמייכל ווי אַ צירונג,
אויך דאָס קינד זאָל מיטשמייכלען אַזוי.

נאָר די ליאַלקע וויינט. מע האָט איר חלום
צוגערויבט פֿון אויסגעשטרעקטע הענט.
איז זי קראַנק געוואָרן חס ושלום?
וויי מיר, ווי דאָס שטערנדל איר ברענט!

וויקלען מאַמעס ליפּן אײַן דעם שטערן:
— "ניטע, ניטע חנהלע, ניט וויין,
ווײַל אַ וואָלף אַ בייזער קען דערהערן".
און די טרערן ווערגן זי אַליין.

טוט די מאַמע חנהלען שוין לייגן
צו דער זיסער ברוסט און וויגט זי צו
און זי גיט דער ליאַלקע אויך צו זייגן:
— "אײַלעליו, מײַן לעבן, אײַלעליו".

און די ליאַלקע זייגט. עס גייט אַ בלייכל
אויף די ליפּלעך בלעזלדיקער שוים,
און פֿאַרדרעמלט אײַנגעוויגט אין שמייכל,
בלויז די וויעס ציטערן קוים־קוים.

דרעמלט אויך די מאַמע בײַ איר שענסטער.
אָבער פּלוצעם וועקט זי אַ געשריי:
מער ניטאָ דאָס בינטל שטרוי אין פֿענצטער,
און ווי שטערן פֿאַלט אַרײַן אַ שניי.

ווילנע, אויגוסט 1944

סובאָטש־גאַס צוואַנציק *

געהייליקט די דריי מאַרטירער פון ווילנער געטאָ:
יאַנקל קאַפּלאַן, אַסיע ביג און אַברהם כוואָיניק.

ווּ איז דער בוים?
איך בין געגאַנגען זען דעם בוים פאַרוואַנדלטן אין תּליה,
אויף סובאָטש־גאַס, אַנטקעגן מאַנאַסטיר, אַהינטער צוים,
און אונטער מיר די ערד האָט זיך געבראָכן ווי אַ קריע.

אין יעדער סקריפּ
אויף בלאַנקן שניי, — עס קרעכצט אַ צווײַג מיט לעבעדיקע בליטן.
"כאָטש זען דעם בוים!" האָט אַ פאַרלאַנג אַרויסגעגליט פון ליפּ.
און קאַלטער, אַנגעשלײַפטער ווינט האָט מײַן געדאַנק צעשניטן.

עס טוט אַ שלאָג
מיט פּראָסטיק בלאָען גאָלד פון הויכן אַנגעשלײַפטן צלם.
איך קום אַרײַן אין ברייטן הויף צוזאַמען מיטן טאָג,
דער טאָג פאַרבלײַבט מיט מיר, און וואָס ער ווייס ניט — איך דערצייל אים.

טשיריק, טשיראַך...
אַ ווינטער־פויגל זעגט די לופט, און ווען ער ענדיקט זעגן —
דערזע איך ווי עס האַקט אַ קלאָץ אַן אַלטינקער מאַנאַך.
— "גאָט העלף! דאָ איז געווען אַ בוים, ווּ איז ער?" — פּרוּוו איך פרעגן.

ער טוט אַ בליק
ווי פון דער הייך דער צלם און זײַן האַק מיט דעם באַשטראַלט ער.
— "אָט איז דער בוים — באַווײַזט ער מיר אַ צווײַג, אַ לעצטע שטיק.
נאָר קום אַ שמועס טאָן אין שטוב" — זאָגט פרײַנדלעך מיר דער אַלטער.

* דער פּלאַץ ביים ראַסע־מאַנאַסטיר ווו עס זענען צוגויפגעטריבן געוואָרן די לעצטע ייִדן פון ווילנער געטאָ. פון דאַנען האָט מען זיי דעם 24סטן סעפּטעמבער 1943 פונאַנדערגעשיקט אויף אומקום אין פאַרשיידענע לאַגערן. אויף דעם זעלבן פּלאַץ, פאַר די אויגן פון דער פאַרפייניקטער עדה, האָט מען אויפגעהאַנגען די דריי העלדן.

אַ שוואַרצע טיר
באַלייגט מיט שטאַנגען קופּער טוט אין האַלבראָד זיך אַן עפן.
ער ברענגט מיך אין אַ שטיינעריקער צעל פון מאָנאַסטיר,
מיט זיכערקייט, אַז דאָ וועל איך די זוכונג מײַנע טרעפן.

און זײַט בײַ זײַט
מיר זעצן זיך אויף ראַנד פון בעט, בײַם אייוועלע אין ווינקל,
און ווי אַ קרבן גיט ער אָפּ אַ שײַטל נאָך אַ שײַט,
ביז גאָר די פּוסטקייט ווערט פאַרפּולט מיט כישופדיקן פינקל.

ווי בלײַ, ווי בלײַ,
צעגייען אין די קנאַקנדיקע פלאַמען מײַנע ווערטער:
— "מאָנאַך, אויף צווײַגן פון דעם בוים האָט מען געהאַנגען ד ר ײַ,
חבֿרים מײַנע דרײַ, און איך געקאָנט וואָלט זײַן אַ פערטער!"

— "אין יענער צײַט",
זאָגט דער מאָנאַך, "האָב איך זיך אין אַ קבֿר אויסבאַהאַלטן".
און ווי אַ קרבן גיט ער אָפּ אַ שײַטל נאָך אַ שײַט,
ביז איך דערזע אין פײַער די פאַרפײַניקטע געשטאַלטן.

פאַרויס — איז ער!
אַן אויסשטראַל פון די וואָלקנדיקע געסלעך — יאַנקל קאַפּלאַן.
פון לינקס — אַבֿרם, אין האַנט אין דער צעבראָכענער — געווער.
און רעכטס — דאָס מיידל אָסיע, — פול מיט פולווער די שוואַרצאַפּלען.

און זאַלבע דריט —
זיי שאַרן זיך פאַרטײַעט דורך דער אויסגערויבטער געטאָ
צום שטורעמפירער און זײַן וואַך. איך הער און זע די טריט,
און יעדער קויל צעבלענדט זיך אין דער נאַכט ווי אַ ראַקעטע.

אַ גאַנצער פאָלק
באַרינגלט רונד אַרום. ניטאָ קיין וועג, ניטאָ קיין קוילן.
געבונדענע מען פירט די דרײַ ווי וואָרצלען פונעם פאָלק,
וואָס אַז מען האַקט זיי אָפּ — זיי בלײַבן ערגעץ נאָך פאַרהוילן.

דער מיזרח ברענט.
און לעצטע ייִדן טרײַבט מען אויף, צו קוקן ווי עס הענגען
די דרײַ, די דרײַ. איך וויל זיי העלפֿן, שטרעק אין פֿלאַם די הענט.
כאָטש קיין ישועה וועל איך זיי שוין מער ניט קאָנען ברענגען.

און ווי אַ תהום
צעעפֿנט זיך די לופֿט. זיי נעמען שטײַגן, שטײַגן, שטײַגן,
און יאַנקל זינגט, עס זינגט דאָס בלאָנדע מיידל, אויך אַבֿרם,
און איך דערזינג דאָס ליד וואָס בלײַבט געהאַנגען אויף די צווײַגן.

עס צאַנקט דער פֿלאַם.
עס ווישט די טרערן דער מאָנאַך וואָס הויקערט זיך דערנעבן.
און איך שלינג אײַן אַ הייסע קויל פֿון אָפּגעברענטן שטאַם,
און גלייב: זי וועט אַרויסבליִען פֿון זיך דעם בוים פֿון לעבן.

ווילנע, דעצעמבער 1944

גראָע פּעדעם

פֿון גאָר דײַן פֿאַנג און דײַן געווין,
אין יאָגעניש נאָך גאָט, נאָך לאָקנדיקן שימער,
וואָס איז דיר מער געבליבן ווי אַ שפּין,
אַ פּורפּורשפּין אין ווינקל צימער?

דער ניגון פֿון דײַן האַרץ איז איר געטראַנק,
אַ יתום — קומט זי דאָרטן זיך באַהאַלטן
און שמייכלט: "ביסט ניט אויסצוהיילן קראַנק,
פֿאַרקויף מיר דײַנע ווערטער און געשטאַלטן".

און דו האָסט ליב די פֿײַערדיקע שפּין,
געבויגן פֿאַר איר הערשאַפֿט מיט הנאה.
פֿאַרנעפּלען לאָזסטו, אײַנדרייען דײַן זין,
אין אירע פּעדעם, זייגעוודיקע גראָע.

דו ביסט איר קנעכט.
זי וויקלט אין תּכריכים דײַנע נעכט.
און ווען דײַן תּפֿילה קלעטערט צום באַגינען —
בלײַבסטו אײַנגעזויגן אינעם שפּיניקן געפֿלעכט
און ווערסט שווין פֿון איר תּליה ניט אַנטרינען...

1944

אין טאָג פֿון גאולה

אין טאָג פֿון נצחון, בײַם הייבן דעם בעכער,
איך וויל מיט די טײַערסטע טרינקען לחיים!
נאָר ויסגעברענט פֿלעקיק די צײַט איז מיט לעכער —
עס פֿעלט דאָרטן יאַנקל און ס׳פֿעלט דאָרטן חיים.

און כ׳קען מיט מײַן האַרץ ניט פֿאַרלאָטען די ריסן,
דאָך טאָר איך ניט בלײַבן בײַם יום־טובֿ קיין אָבֿל.
״צעעפֿן זיך, פֿרילינג, איך קום דיך באַגריסן!״
און ס׳טוט זיך אַן עפֿן דער ערדישער טאָוול.

איך זינק מיטן בעכער צו זיי, וועמעס חלום
די וואָר האָט באַלויכטן מיט הייליקע שווערדן.
״איך ברענג אײַך דעם ווײַן פֿון נצחון און זאָל אים
פֿאַרזוכן די עדה, פֿאַרחתמעט אין ערדן!״

״לחיים!״ — און ס׳ציִען זיך קנאָכנס צום בעכער,
באַלעבט ווערן שאַרבנס מיט הויט און מיט אויגן;
דער קאָפּ פֿון מײַן מאַמען נעמט הייבן זיך העכער,
אַריבער די זילבערנע בענטשליכט געבויגן.

״לחיים!״ — און ס׳ווײַזט זיך מײַן אַלטינקער שכן,
וואָס האָט בעתן אומקום געלייענט די פּרשה.
און נאָך אַ מאָל שטײַגט מיטן אויסרוף: נצחון!
דער יונג אויף דעם פֿלאַמיקן טורעם פֿון וואַרשע.

״לחיים!״ — און טיקטין אין מויל פֿון סכּנה,
ער דריקט דעם גראַנאַט אינעם בוזעם באַהאַלטן;
און וויטענבערג, ווי אַ צעשאָסענע פּאָנע,
אַ פֿלאַטער דערלאַנגט איבער אַלע געשטאַלטן.

אַ רגע... דער בעכער ווערט פּוסט. איך בין איינער,
ס'פֿאַרשליסן זיך ווידער די אויגן די פֿולע,
און פֿייגל־געזאַנג טוט פֿאַרוויגן די ביינער
אין טאָג פֿון נצחון, אין טאָג פֿון גאולה.

מאָסקווע, 9טן מיי 1945

דאס
קבֿר=קינד



דאָס קבֿר-קינד

אַ דראַמאַטישע כראָניק

נאַכט. ווינט. צעריסענע וואָלקנס. ווען עס נעמט זיך לײַטערן, באַווײַזט זיך צווישן די מצבֿות דער קברן — אַ ייִד פֿון קרובֿ אַכציק, אָנגעטאָן אין תּכריכים. ער שאַרט זיך, אָנגעלענט אָן אַ רידל ווי אָן אַ שטאָק, און בלײַבט שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער, ווען ער דערהערט אַ פֿויגלטרעל. ס'איז בלוטיק־שטיל. און גאַנץ אומגעריכט ווערט דאָס בילד באַגאָסן מיט לבֿנהדיקס.

דער ייִד: ער זינגט: דער פֿויגל זינגט. און איך —
דעם לעצטן קבֿר אויסגעגראָבן
פֿאַר זיך אַליין. איצט קען איך וואַרטן
מיט גרייטע שערבלעך און צוקאָפּנס —
אַ זעקל ארץ־ישׂראל־ערד.
כ'וועל זיך אַליין די שערבלעך אָנטאָן
און זאָגן קדיש נאָך מײַן לעבן.
נאָר שווערן שווער איך בײַ די אַלע,
וואָס האָבן זייער לעצטן מאַלצײַט
געגעסן פֿון מײַן רידל: כ'וועל
פֿון די מצבֿות ניט אַנטלויפֿן.
מצבֿות, קינדער פֿונעם טויט!
כ'האָב ליב אײַך מיט מײַן גאָרער ליבשאַפֿט.
מיט מײַנע טרערן, וואָס קיין מענטש
האָט ניט געזען ביז איצט, באַפּײַכט איך
די אָפּגעקרישלט־אַלטע אותיות
אויף אײַערע געפּלאַצטע הערצער, —
זיי זאָלן ווי מנורות לײַכטן
און אויסברענען מיט זייער שײַן
די מערדעראויגן ווו זיי לויגן.
כ'וועל ניט אַוועק. דאָ איז מײַן היים
און אַלע מתים — מײַנע אורחים.
איך בין דער היטער פֿון חלומות,
וואָס ווייסן ניט קיין אַנדער וואָר.

ס'איז שטיל. דער פֿויגל זינגט נאָך אַלץ.
ס'איז הונגעריק מײַן טרײַע רידל.
און דאָרטן, אויף פּאַנאַרער בערג,
פֿאַרקלאַמערטע אין מאַמעט־אָרעמס,
דער מאַרך פֿון קינדער־קעפּלעך שפּריצט
און קומט אַהער צו מײַנע ליפּן.

און אפֿשר גאָר זאָל איך אַוועק
צו מײַנע צאַנקענדיקע ברידער,
און זאָל דער קברן זלמן־בער
פֿאַרוואָרצלען זיך אין זייער שאָטן?
מײַן אינגעווייד איז שוין פֿאַרסמט
פֿון גריזשען די בית־עולם־קרײַטער,
פֿון טעג באַהאַלטן זײַן אין קבֿר
מיט שערבלעך אויף די אויגן: אפֿשר...
איך הער דאָס לוישפּערן פֿון טויטע —
די ווידערשפּעניקייט דעם לעבן.
דעם שטורעמרוף צום ווידער־אויפֿשטיין
איז מורד דער צעפֿוילטער שאַרבן.
און יעדערביין זאָגט: ניין, שרײַט: ניין,
דעם וווּנדער, ער זאָל נײַ־צעבלִיען:
„צו קליין די פֿרייד, צו גרויס דער ווייטיק
און ס'גילטן מער ניט קיין געזעצן!"

נאַכט ווערט ליכטיקער. די מצבֿות אָנגעטאָן אין לבֿנה־שײַן ווי אין קיטלען, גליווערן באַוואַכטע מיט שאָטנס. די שאָטנס זענען מענטשן־ענלעך, ווינקען איינער צום צווייטן. און ווידער דער־טראָגט זיך דאָס אומטליד פֿונעם פֿויגל, וואָס גייט פּאַמעלעך איבער אין אַן אָפּגעהאַקטן פֿרויען־געוויין דאָ ערגעץ פֿון דער נאָענט.

דער ייִד: געוויין? צי וויינט עס מײַן נשמה?
איך הער אין גראָז אַ געשאָרך,
אַ שלוכצעניש פֿון עפּעס אייגנס.
קען זײַן, די שרעק האָט מיך געמסרט

און ס׳האָט אַ גזלן מיך באַמערקט, —
באַמערקט און לויערט טויזנטאויגיק
צו אומברענגען דעם לעצטן ייִד,
וואָס איז פֿאַרבליבן נאָך אין ווילנע?
צוריק אין קבֿר, זלמן־בער,
דאָרט ביסטו זיכערער בײַ זיך
אי מיטן טויט, אי מיטן לעבן...

ער שאַרט זיך דורך, ווי אַ גייענדיקע מצבֿה, צווישן די קבֿרים און ציט זיך צו זײַן באַהעלטעניש אין גרוב. ווען ער קומט, שטײַגט אַרויס פֿון אינעווייניק אַ שנײַדנדיק פֿרויען־קול און פֿאַרשטעלט אים ווי אַ וואַנט.

דאָס קול: ליב קינדעלע טײַערס
ניט אײַל זיך, ניט אײַל.
אין חלום אין האַרצנס
פֿאַרבלײַב נאָך אַ ווײַל.

דאָרט ביסטו מײַנס נאָר,
ווי ס׳אויגס איז די טרער.
און אַנדערש ווו ביסטו
דעם טײַוולס באַגער.

די גאָלד פֿון מײַן ליבע,
די קרוין פֿון מײַן בלוט, —
צו פֿרי נאָך, זאָלסט וויסן,
אַז אין קבֿר איז גוט...

דער ייִד: ווער ביסטו, ווער? דערצייל, איך בין
אַ ייִד. ניט שרעק זיך פֿאַר מײַן אָנטאָן.
איך בין דער קברן זלמן־בער,
וואָס הויזט דאָ וואָכן־לאַנג אין קבֿר, —
באַהאַלט זיך פֿאַרן טויט — בײַם טויט.
ווי קומסטו דאָ, פֿון וואַנען, זאָג?
און וואָס באַטײַט אין גרוב דײַן זינגען?

דאָס קול: **אַ ייִד. אַ לעבעדיקער ייִד?**
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ! און אפֿשר נאַרסטו
מיך אָפּ, און האָסט מיך נאָכגעיאָגט
פֿון דאָרטן, ווו דעם עפּלבוים
איך האָב געדריקט אין מײַנע אָרעמס?

דער ייִד: ניט שרעק זיך, פֿרוי. איך בין אַ ייִד,
באַהאַלט זיך דאָ שוין דרײַ חדשים
און היט די שטילקייט. רייד, ס'איז זיס
דײַן שטים און קרעפּטיקט מײַנע ביינער.
כ'האָב לאַנג שוין ניט געהערט קיין וואָרט,
קיין ייִדיש־מאַמעדיקס, קיין האַרציקס.
ווי רופֿט מען דיך, פֿון וואַנען קומסטו?

דאָס קול: מע רופֿט מיך רחל. ווער איך בין —
דאָס ווייס איך ניט. ס'איז ערגעץ אַנדערש
מײַן גײַסט, און איך בין ניט פֿאַראַן מער.
נאָר אינעווייניק אין מײַן לײַב
שוין צאַפּלט זיך און ברעכט די תּפֿיסה
מײַן צווייט, מײַן אויסגעחלומט לעבן,
וואָס ווייס ניט ווו עס ליגט זײַן מאַמע
און ווו זײַן טאַטע. —

דער ייִד: שטילער, שטיל.
אַ ביסל וואַסער נעם, זײַ רויִק,
איך פֿיל אין מײַנע אַלטע גלידער
נעמט שטראָמען גאָר אַן אַנדער ליכט,
אַ נײַע גבֿורה ניט צו גלייבן!

דאָס קול: און דאָרטן אויפֿן טויטנבאַרג,
ניט ווײַט פֿון גרוב האָב איך געטראָפֿן
אַ פֿולן עפּלבוים. די זון
איז אין די עפּלעך פֿאַרגאַנגען.

איך האָב אַ שפּרונג געטאָן צום בוים,
זיך איינגעביסן מיט די ציינער,
און ניט פון אָרט. עס האָט מיין קינד
געשטורעמט אין מיין לייב, געוואָרנט,
און כ׳האָב געפאָלגט. מיך האָט אַ מערדער
אַ ריס געטאָן, די הענט געשניטן
און אומגעוואָרפן אויף דער ערד.
נאָר איך האָב אַלץ אין מיינע אָרעמס
געדריקט דעם בוים, געקושט, געביסן,
ניט אָפּגעלאָזט. און איבער מיר,
צו גלייך מיט קלעפּ און שיסערייען,
געפאַלן זענען עפּל, עפּל, —
אַ וועלט מיט גאָלדיק־רויטע עפּל,
און אויסגעמישט זיך מיט מיין בלוט.

ביי נאַכט, ווי פינגער אין אַ לאָדן,
האָט אָנגעקלאַפּט אין מיר דאָס קינד:
„אַנטלויף!" כ׳האָב אויפגעוואַכט. דערנעבן —
גערויכערט האָבן זיך די פעלדער,
באַגאָסענע מיט קאַלך. אין לופטן —
געהאַנגען זענען נאָך די קולות
פון די פאַרשלונגענע. און העכער —
די שטערן — זייערע נשמות,
דער פינקלדיקסטער — פון מיין מאַן.

כ׳האָב אָפּגעלאָזט דעם בוים. אַנטלאָפן.
און יעדער שוועל איז מיר געווען
אַ הונט, און ערגער נאָך — די מענטשן.
ביז וואַנען, כ׳ווייס ניט ווי אַזוי,
איך בין פאַרקראָכן איצט אַהער צו
און טרעפנדיק אַ גרייטן קבֿר
אַריינגעוואָרפן דאָרט מיין גוף.

דער ייִד: אָ, טאַטע־פֿאָטער, ווי דו נערסט
מיט אַלע פּרוּווּנגען מײַן עלטער!
נאָר עפּעס ווער איך שטאַרק, ווי ס׳וואָלטן
די אַלע טויטע מיר געשאָנקען
די גבֿורה זייערע, וואָס קיינער
באַדאַרף ניט מער. דאָס קינד מוז לעבן —
דאָס קינד, דאָס קינד. —

די פֿרוי נעמט זיך וואַרפֿן אין קראַמפֿן, ווי עמעץ וואָלט זי וואָרגן. די הענט שטרעקן זיך אַרויף צו אין אַ פֿאַרצווייפֿלטן געבעט. זלמן־בער פּיבערט איר אַנטקעגן אין עקסטאַז און רײַסט פֿון זיך די תּכריכים.

דער ייִד: זײַ שטאַרק. דו מוזסט געבוירן ס׳קינד,
כ׳וועל העלפֿן, כ׳וועל... אים זײַן אַ פֿאָטער.
כ׳וועל אויסבעטן די גרוב מיט בלעטער
עס זאָל דיר וואַרעם זײַן און היימיש.
פֿון מײַנע קליידער, די תּכריכים,
וועט סטײַען ווינדעלעך און וויקלעך.
און מילך וועט געבן אונדז די ציג,
וואָס וואָגלט אום אויף דעם בית־עלמין.
דאָס קינד מוז לעבן,
לעבן,
לעבן,
ווײַל ס׳איז געזאָלבט פֿון גאָט אַליין
צו זײַן משיח.
שופֿרות, בלאָזט!
און פּראַלט, איר ביינערדיקע קבֿרים!
נאָך ייִנגלווײַז,
אַ מאָל, אַ מאָל,
האָט מיר פֿאַרטרויט מײַן פֿרומער זיידע:
"דער האַר משיח וועט געבוירן
ניט דאָ ווו אַלע מענטשנקינדער, —
פֿון טיפֿן קבֿר וועט ער קומען,
כּדי שוין קיין מאָל ניט צו שטאַרבן".

דאָס קול: אָ, מאַמע, וואָס דו ליגסט ניט ווײַט,
דערבאַרעם זיך אויף מיר, דערבאַרעם!

דער ייִד: זײַ שטאַרק, דו מוזסט געבוירן ס׳קינד,
זײַ שטאַרק, ווי איך בין איצט געוואָרן
בײַם זען די אויגן דײַנע. באַלד
וועט ליכטיק ווערן אינעם קבֿר
און אויך אין האַרצן.

דאָס קול: מאַמע! מאַמע!

דער ייִד: עס העלט. שוין רייטלט זיך דער מיזרח,
און מיט דער קבֿרים־נאַכט צוזאַמען
פֿאַרגייט מײַן ציטערניש. אַצינד
באַדאַרף איך מער שוין ניט מײַן רידל.
זי וועט אַליין נקמה נעמען
אָן גאַרער וועלט.
אָ, סאַראַ זכיה
אַזאַ געבורט דאָ צו דערלעבן,
אַזאַ געבורט!

דאָס קול: אָ, מאַמע, מאַ —

די שטים בלײַבט אָפּגעהאַקט, קאַלט. פֿאַרגייט צווישן די מצבֿות. אַנשטאָט איר הילכט אַרויף דאָס קול פֿון נײַ־געבוירענעם. זלמן־בער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, בייגט זיך אײַן איבערן קבֿר. ס׳ווערט העלער, העלער, די מצבֿות צינדן זיך.

דער ייִד: געבוירן! ווי די זון געבוירן
אין קבֿר פֿון דער נאַכט, —
געבענטשט זײַ!
און מזל־טובֿ דיר, מאַמע רחל,
און דיר, דעם קברן זלמן־בער,
און אײַך, איר נאָענטע און ווײַטע —

ער בלייבט ליגן ווי פֿאַרכישופֿט בײַם ראַנד פֿון קבֿר, באַלויכטן פֿון אַנטקעגנדיקן זונאויפֿגאַנג. איין האַנט האַלט ער אינעווייניק. די צווייטע — אויפֿן שטערן. מיט אַ קול פֿון ליכטיקן נצחון זינגט ער:

גער:

גערבוירן דער ווונדער, געבוירן דאָס קינד,

דרעס:

געבוירן דער ווונדער, געבוירן דאָס קינד,
אין הייליקער קראָפּעווע־גרוב, אין דער בלינד.
פֿאַר אײַך איז דערווײַל נאָך דער סוד ניט אַנטפּלעקט:
דאָס קינד ליגט אין שויס פֿון די מתים און לעקט,
ווי מילך, דאָס געוויין פֿון זײַן מאַמען.

און אַלע וואָס וואַגלען און ווייסן ניט ווו
און אַלע, וואָס זוכן אין פֿײַער אַ רו —
צי היילט זייער חלום דאָס ליכט פֿון זײַן שטים?
צי הערן זיי אים, צי באַשווערן זיי אים
און אָטעמען אײַן זײַנע קלאַנגען?

נאָר ס׳פֿילן אים גרעזעלעך אונטער דער ערד,
און זויגישע קינדער בײַם אָנבליק פֿון שווערד,
און ס׳האַרץ פֿון אַ שטערן אומזינדיק און ריין,
און איך, דער פֿאַרשטיינערטער קברן אַליין,
און אַלע — פֿון אונטער די שטיינער!

ווען ער ענדיקט זינגען, דרינגט אַרויס פֿונעם קבֿר אַ דינע מוזיק ווי פֿון אַ פֿידל. ס׳איז דאָס קול פֿון דעם קבֿר־קינד אין צעבליטן באַגינען.

ווילנער געטאָ, 12טן אַפּריל 1942

כל-נדרי



כל־נדרי

דערציילט פֿון אַ געבליבענעם

א

...האָט מען אונדז פֿאַרטריבן אין אַ שטײַג פֿון צוויי־דרײַ געסלעך
און פֿון דאָרט אַרויסגעשלעפּט צו הונדערט און צו טויזנט,
ווי פֿיבערדיקע רויפֿלייש,
און געוואָרפֿן פֿאַר די חיות.

זענען מיר געלעגן אין די קעלערן און לעכער,
גלײַך ווי אין געוועלבטע אונטערערדישע פּאַלאַצן,
מיט ווײַב און קינד,
אויך קינד, וואָס דאַרף געבוירן —
איין וווּנדיקער געפּלעכט,
איין פֿיבערונג,
איין פּלאַצן.

און ס'איז געווען אַ טאָג —
אָ, ווער וועט ברענגען אים צום משפּט? —
אַ טאָג, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן
מיט אָפּשרדיקן צוזאָג,
און אָנגעבליט רחמנותדיקע שײַן
אויף אַלטע שײַבלעך,
און דורכגעשניטן שטיינער:
— הײַנט אין אָוונט איז יום־כּיפּור.

האָבן זיך צונויפֿגעקליבן פֿאַרמעטענע ייִדן
פֿון ביידעמער פֿאַרשפּונענע
און ברונעמדיקע קעלערס —
אין לויכטנדיקער קלויז פֿון ווילנער גאון, —
זיך אויפֿגעקליבן צו כּל־נדרי
גלײַך ווי צו אַן אויפֿשטאַנד.
און צווישן דער צונויפֿגעקלעמטער, יום־טובֿדיקער עדה,

באַפּלעמלט זיבנפֿאַרביק
מיט די תּפֿילהדיקע ליכט,
בין איך אויך געווען, —
איך,
דער לעצטער פֿון געזינד.
נאָר ניט איך האָב געשלאָגן זיך אין האַרצן,
נאָר ניט איך האָב געבעטלט
שטיקלעך טעג און ברעקלעך מזל, —
ווײַל גאָרנישט מער באַדאַרף איך שוין,
און איבעריק — אַ שיצער...
דאָך האָט מיר אַ לײַכט געטאָן פֿון אונטער מײַנע הויטן
אַ צאַנקענדיקע יאָרצײַטליכט
און, בליקנדיק דערינען,
האָט מײַן האַרץ אַרויסגעפּלאַצט
פֿאַר עמעצן אַ גאַנטן,
וואָס האָט מיט קאַלטע פֿליגל
מיר אַ ברען געטאָן דאָס פּנים:

„מיט וואָסער צוגעגרייטן ווייטיק ועסטו מיך נאָך נערן
און וויפֿל הונגעריקע גלוסטן טראָגן דײַנע ציינער?
איז טאָקע דיר מײַן לײַב געשמאַק און האָניק — מײַנע טרערן?
און ווילסטו וואָס אַרויסבאַקומען, ווי אַ פֿונק פֿון שטיינער?

מיט זיבן טעמפּע שווערדן האָט געשלאָגן מיך דײַן שטראָפֿונג,
מײַן אַלטער קראַנקער טאַטע האָט אַליין די גרוב געגראָבן.
מײַן ווײַב איז, מיט אַן אייניקל בײַם ברוסט — איר לעצטע האָפֿונג,
אַוועק ווי צו אַ שׂימחה אין דעם קיניגרײַך פֿון ראָבן.

פֿינף זין האָב איך געהאַט אַ מאָל, ווי פֿינף געטרײַע פֿינגער,
און זיי האָב איך פֿאַרטרויט מײַן לעבן נאָך מײַן טויט צו שפּינען.
מרחם האָסטו זיך געווען, געמאַכט מײַן אַלטקייט גרינגער:
האָסט אײנציקווײַז זיי אָפּגעהאַקט און מיך געלאָזט בײַם זינען.

און מיך, ווי אויף צו להכעיס, האָבן שווערדן ניט צעשניטן,
און קוילן — אָפּגעקלאַפּט צוריק, און שרפֿות — ניט געצונדן;
וואָס עסיקער די ווונדן, האָב איך ווינציקער געליטן,
און דו אַליין, מײַן גאָט, האָסט זיך געשפּיגלט אין די ווונדן.

פֿאַר וואָס בין איך געבוירן קעגן ווילן מײַנעם? וועמעס
געוויין האָט מיך אַרײַנגעטרערט אין מאָס אין מענטשיש בלינדער?
אויב אמת, אַז דו דאַרפֿסט אַזוי, טאָ ווער באַדאַרף דײַן אמת?
ניט איך וועל שלאָגן זיך על־חטא, ס'איז דו, ס'איז דו, דער זינדער.

וואָס קען איך דען פֿאַרלירן מער און וואָס קען איך געווינען,
אַז מײַן פֿאַרלאָשן אויג שוין קען ניט ווערן פֿײַכט און גלאַנציק? —
אָ, בלינד בין איך געוואָרן, קען מײַן טויט גאָר ניט געפֿינען
און ניט מײַן עלטסטן זון, וואָס איז אַוועק שוין אַ יאָר צוואַנציק.

ווו נעמט מען אויף דער וועלט אַ ליכט, כּדי כאָטש איין מאָל זען אים
און וויסן, אַז עס בלײַבט אַ שפּראָץ נאָך מײַנע גראָע יאָרן?
געקושט וואָלט איך אַ פֿריידיקער די געסעלעך פֿון גיהנום,
און שטילע רו וואָלט אויפֿגעבליט אַנשטאָט פֿאַרקאַלכטן צאָרן".

די ווערטער האָבן נאָך ווי זשאַר
געאָטעמט אין מײַן לײַב,
ערשט איך הער, — אַ שטורעם פֿון געוויין
וויקלט זיך אוןווירבלט איבער דעכער,
צערײַסט זיך שטיקערווײַז
און פֿאַלט אַראָפּ,
אַראָפּ,
אַראָפּ,
ווי שטיינער אין אַ תּהום.
און פּונעם שולהויף
טראָגט זיך אַ צעשניטענער געשריי

אַהער אין קלויז,
דערשטיקט די ליכט,
צעכוואַליעט די טליתים,
און הינטער אים
עס שטראָמט אַרײַן אַן אויפֿגעהאַקטער קאָפּ,
דרייט זיך אין אַ קעסלגרוב
מיט שווימענדיקע אָרעמס,
טרינקט זיך, ווערט ניט,
נאָר זײַן קול
בלײַבט הענגען ווי אַ חלף:
— סכּנה!

אויף ליפּן פֿאַרברענטע,
בײַ יונג און בײַ גרײַז,
בלײַבן די תּפֿילות
פֿאַרפֿרוירן —
אײַז.
אין גלאָזיקער שײַן
פֿון די שפּליטערס לבֿנה
שפּרינגט דאָ אַרײַן
די חיה: סכּנה.
אַ ריס די ליפּן,
אַ ביס די הענט —
סכּנה אין קופּער,
סכּנה אין ווענט.
גלידער
פֿאַרראַטן דאָס אַלטע געביין.
ברידער —
צעשפּאָלטן. אַליין. אַליין.
לײַב אויף לײַב.
געדריי. געמיש.
אָט שפּרינגט די סכּנה

פֿון אונטערן טיש
גלײַך אין די פּנימער.
אָט אומגעריכט
ברענט די סכּנה
אין וואַקסענער ליכט —
ברענט,
פֿאַלט,
פֿאַרכאַפּט דאָס געבײַ.
סכּנה אין קלויז
און נאָך מער — אויף דער פֿרײַ.
און שפּיציקע בעגל
וואַרגן, וואַרגן:
— לויף אַוועק, ווי אַ הונט מיט אַ ביין,
מיטן נפֿש,
אָט יאָגן זיי אָן
און זיי וועלן דערהרגענען!

איז דעמאָלט פֿאַרבליבן אין קלויז פֿון דער עדה
אויף זעלביקן אָרט אַ פֿאַרעקשנטער זיידע
און ווידער געפּויקט זיך אין האַרצן מיט פֿײַער:
— בגדנו, גזלנו, אוי, פֿאָטער געטרײַער.
און עמעץ אין חלפֿדיק־ווײַסע געווענדער
איז ווײַטער געשוועמען צו גאָט אויפֿן שטענדער.
אַ דריטער — זיך טוליעט אין פֿרייד און שגעון
צום שטול, וווּ אַ מאָל איז געזעסן דער גאון,
בײַסט־אײַן מיט די ציין אים און בלײַבט דאָרטן ליגן.
און זע: אויך אַ קינד, וואָס מע דאַרף נאָך פֿאַרוויגן,
אַ וואָרף געטאָן פֿון די אַנטלויפֿערס מסתמא,
עס כליפּעט כּל־נדרי און כליפּעט: אָ, מאַמע!
און איך ניט פֿון אָרט, צו דער ערד אַ געשמידעטער,
בין אויכעט פֿאַראַן — דער געשווירענער היטער.
און כ׳האָב ניט געהערט דאָס געיאָג אויף די שטיגן,

דעם גאַנג פֿון דער שחיטה, נאָר ס׳קינד און זײַן ניגון.
און ס׳האָט מיך געצויגן צו שטאַרבן אַצינדער,
ווײַל כ׳האָב אין דעם כּליפּען דערזען מײַנע קינדער.

נאָר ווען ס׳איז די מחנה מיט ביקס און געפּילדער
אין פּאַליש אַרײַן, האָט אַ כּוח אַ ווילדער
אַ ריס מיך געטאָן ווי אַ בוים פֿון אַ גאָרטן,
אַ ריס געטאָן צום אָרון־קודש, פֿון דאָרטן
אַרויסגעכאַפּט האָב איך די תּורה געשווינד
און אַנשטאָט די תּורה — באַהאַלטן דאָס קינד.

ב

פֿאַראַן אַ געטראַנק, וואָס דו טרינקסט און דו ווייסט ניט
זײַן שרעקלעכן טעם.
און ווען ס׳פֿאַנגט דיך זײַן שיכּרות,
ברענט אויס און מאַכט בלינד דײַנע נאַקעטע חושים,
איז מיינסטו: ביסט ברענעוודיק גיכטער,
באַנעמסט ניט,
אַז דו ביסט אַליין אָט דער פֿליישענער בעכער
און טרינקסט דײַנע אייגן־צעיושעטע זאַפֿטן.
און אַלץ, וואָס דו זעסט, איז דער סדר
פֿון אייביק:

דאָס פֿרײַוויליק שפּאַנען אין ריי צו דער מיתה,
באַגלייט מיט באַגנעטן, ווי דײַנע באַשיצערס;
דאָס טראַכטן דערבײַ, אַז דער גײַסט וועט פֿאַרבלײַבן;
אַז ערגעץ ווו לעבט נאָך אַ זון צי אַ קרובֿ;
אַז גוט, וואָס אויך איצטער ביסטו ניט עלנט.
ס׳באַגלייטן דיך הײַזער — פֿאַרשטיינטע מחשבֿות —
און געסלעך
און פֿרויען מיט בערגיקע בײַכער.
און חלומסט, אַז באַלד וועט געשען מיט דיר וווּנדער,

גלײַך װי דו װאָלטסט זיך אַריבערגעקליבן
אין אַ דירה אַ צװײטער,
װאָס האָט אַן אױסבליק
צו עפּעס אַ רויִקן, צײַטיקן גאָרטן.

נאָר װען ס'האָט מיר פּלוצעם אַ שטאָלענע רגע
באַפֿאַלן די אָפּגעטײט־שיכּורע גלידער,
װי ס'לאָזט זיך אַראָפּ אַ באַנעגלטער שפּאַרבער
אויף דער אַנטדרימלטער טויב אין דער נידער, —

האָב איך באַגעגנט מײַן אײגענעם שאַרבן...
פֿינגער צעבראָכענע ציִען זיך, פֿרעגן,
און װי יחזקאל אין טאָל פֿון די בײנער
קלאַפּט מיר אַ מאַכטיקע זעונג אַנטקעגן:

אײַזערנע װענט קעגן אײַזערנע שטערן
צוימען, באַרינגלען אַן אײַזערנע תּפֿיסה.
דאָ, װי אַן אײַזערנער פּלאָנטער געדאַנקען,
קנױלן זיך קופּעס אין אײַזערנער גסיסה.

װער האָט געבראַכט זײ אין נאַכט פֿון כּל־נדרי,
װער קען זײ העלפֿן, זײ שטרעקן אַן אָרעם?
מיר דאַכט ס'האָט אַן ערדציטער אויף אַ בית־עלמין
אַ װאָרף זײ געטאָן פֿון די װערמיקע קבֿרים.

זענען דאָס מתים? זײ רײדן דאָך, שמײכלען
אונטערן ליכט פֿון אַ פֿראָסטיקן מילכװעג.
און אין אַ װינקל סע ציטערט אַ זױגלינג,
ציט זיך צו מאַמישער ברוסט, צו איר מילכװעג.

אויב ניט קײן מתים — װאָס װאַרטן זײ רויִק
אויף שאַרבן־געקראַך, אויף באַשטימטער צעשטערונג?

ייִדן, די אײַזערנע ווענט זענען שפּינוועבס,
ייִדן, אַקעגן דעם טויט אַ פֿאַרשווערונג!

זאָלן זיך שליסן צעוואָרפֿענע קנאָכנס,
זאָלן אַ שלאָג טאָן געבונדענע שטראָמען!
לעצטע צום לעבן און ערשטע צום אומקום,
לאָזט ניט פֿאַרשנײַדן דעם מעכטיקן זאָמען!

מאָרגן, ווען רויט וועט אַ קריי טאָן דער חורבן,
וועלן ווי טירן זיך עפֿענען גריבער.
ייִדן, סע נאַרט אײַך פֿון ווײַטן אַ כּישוף,
פֿאַרברענט זײַנע אויגן און שפּרײַזט אים אַריבער!

ג

אין מיטן דער נאַכט, ווען אַרויף צו די שטערן
האָבן געצויגן זיך הונדערטער אָטעמס,
ווי קנעכט אויף די קני,
און ס׳זענען די מחנות געלעגן פֿאַרשטאַרטע
מיט פּנימער קעגן געקרייציקטן גורל, —
האָב איך געשוועבט צווישן קנויליקע גופֿן,
און זיי, ווי אַ שפּיגלראָד,
האָבן געדרייט זיך
און יעדער באַזונדער —
אַ טייל פֿון מײַן אויסזען:
דער זקן אין טלית,
פֿאַרדאַוונט ווי פּריִער,
(ער הערט ניט קיין זיפֿצן, —
געזאַנג פֿון מלאכים);
די מאַמע וואָס דריקט צו איר האַרצן אַ פּוסטקייט;
אַ פּאָר אין באַהעפֿטונג
(מסתּם — חתן־כּלה);
אַ ייִדל, וואָס הענגט אויף אַ האָק,

ווי אין יאַטקע;
און דער,
בײַם באַהאַלטן זײַן גאָלד אין אַ קניפּל;
אַ מאַן מיט אַ גאָלמעסער צווישן די פֿינגער;
דער בחור, וואָס זינגט:
"דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער";
און די פֿרוי מיטן אָפֿענעם קלאַפּיקן לײַב,
וואָס וואַרפֿט זיך אין פּאַליקע
קעגן לבֿנה.
ס'האָט מיר געדאַכט:
איך בין יעדער באַזונדער,
אין איטלעכנס לײַב
בין איך בלוטיק פֿאַרקנאָטן.

ד
נאָר דאָ האָט מײַן עסיקער בליק זיך פֿאַרשפּיזלט
אויף עפּעס אַ פּנים. און ס'פּײַפֿט שוין און ריזלט
די בענקשאַפֿט — אַ פֿלאָם אונטער אײַז.

פֿון טונקל דאָס פּנים קוואָלט אויף מיר באַקענטער.
— לבֿנה, אַרויס פֿונעם וואָלקן, קום נענטער!
געשווינדער דאָס פּנים באַלײַכט!

לבֿנה באַלײַכט, און אַ ווירבל מיט פֿונקען
עס דרייט זיך אַלץ טיפֿער, אין מוח פֿאַרזונקען,
און דרייט דאָרט אַרײַן די געשטאַלט.

און ס'טוט מיר אַ פּלאַץ, ווי אַ שויב די נשמה:
— ס'איז ער, מײַן פֿאַרשווונדענער זון, ס'איז מײַן יאָמע!
איך האָב דאָך באַגערט אים צו זען.

באַגערט — און אַצינד ווערט מקוים די תּפֿילה,
אַצינד פֿאַרן סוף, און ער ווייס ניט אַפֿילו,
און זע, ווי ער דרימלט אין רו:

די באַקן — פֿאַרדאַרט, אויסגענאָגטע פֿון ווייען,
און טונקל און בלייך, ווי אַ שאָטן אויף שנייען,
און ווינטיק פֿאַרקאָלטנט די באָרד.

ווי עלנט עס וואָגלט דער קנייטש אויף זײַן שטערן!
דער שפּיציקער הוט — מיט אַ בלוט־רויטן שטערן,
און ס׳לײַב אין צעפּליקטן שינעל!

ליפּן אין פֿיבער,
משוגע פֿאַר פֿרייד.
שרעקט אים ניט איבער
מיט אײַערע רייד,
זאָל ער נאָך דרימלען, דרימלען.

זאָל ער קוים שפּירן,
ווי ליבנדיק זיס
טוט איר באַרירן
די וווּנדיקע פֿיס
מיט ניט קיין גערעדטע ווערטער.

פֿון וואַנען? ווער האָט אים
אַהער צו געבראַכט?
ווי לויטער זײַן אָטעם
באַפֿליגלט די נאַכט,
די נאַכט פֿון כּל־נדרי!

שטילער, ניט פֿרעגן,
כ׳בין ווידער אַליין.
די נאַכט נעמט מיך זעגן
מיט זעג פֿון געוויין,
שוין איבערגעזעגט מײַנע ווערטער.

איך גאַף און באַטראַכט אין דער תּפֿיסה מײַן שכן:
אַלץ אַזוי אָפֿן, און אַלץ איז געהיימיש.

די אַפּלען —
ווי ליכט דורך אַ נעפּל זיי צאַפּלען;
די ברייטלעכע נאָזפליגל פאָכען, פאָכען —
זיי האָבן דערשמעקט עפּעס היימיש
געביין,
ער קען נאָך אַ בראָך טאָן מיַין מאַסקע פון שטיין
און דערפילן די אויגן וואָס ברענען.

ניין!
ער טאָר ניט זיַין טאַטן דערקענען.
טויזנט מאָל שווערער וועט זיַין דער צעשייד.
איך מוז פאַרהאַקן דעם סוד אין אַ פורעם.
וויַיל פאַראַן אַזאַ פרייד, אַזאַ סמיקע פרייד,
וואָס מיט איר אין פאַרגליַיך איז אַ שפּילכל יסורים.

ה

איך: זיַיט מוחל, אפשר העלפן איַיך? די נאַכט
איז בלענדיק־וויַיס, ווי אָקערשט אויסגעגאָסן
וואָלט עמעץ איַיך צופוסנס די לבֿנה.
און אינעם ליכט איז דיַיטלעך צו באַמערקן
אַ שנירל בלוט, זיך דריבלענדיק אין שוואַרצן,
פון אויפגעפּלאַצטע וווּנדן אויף די פיס.
מיַין פריַינד, איך וועל איַיך העלפן זיי פאַרבינדן.

מיַין זון: אַ דאַנק, זאָל בעסער אויסרינען אין גאַנצן,
אַליינוויליק זיך ראַטעווען פון גורל,
ס'איז בעסער ווי דורך זיי...

איך: ניטאָ קיין בעסער.
עס איז דער מאָרגן קיינעמס קיין פאַרמעג ניט,
אַזוי איז אַלע מאָל געווען — אויך איצט.
און איר, — זיַיט שטאַרק, ניט יאָגט אַוועק דעם ווילן:
איר לעבט, איז לאָזט ניט אויסרינען דאָס בלוט.
ס'האָט פיַינט די פריַי —

געוווינט צו זײַן געפֿאַנגען,
פֿאַרקערט ווי מיר...
און וואָס עס וויל דער מאָרגן,
דאָס איז אַ סוד,
וואָס מאָרגן ווייס אַליין נישט.

מײַן זון: כ׳בין ניט געוווינט צו טראַכטן אַזוי טונקל.
דער סוד איז קלאָר. און אָפֿן איז דער מאָרגן.
ווען ס׳קײַקלט זיך דער באַרגשטראָם באַרג אַראָפּ,
איז וועט ער ניט דערקײַקלען זיך אַרויף צו.
איך האָב ניט מורא פֿאַרן טויט. איר זעט?
אַ קריגסמאַן בין איך, בין אַ רויטאַרמייער.
עס האָבן שטענדיק טויטן מיך באַגלייט,
ווי עס באַגלייט אַ רײַטנדיקן יעגער
אַ מחנה הינט.
און ס׳איז מײַן לײַב געווען צו אַלע צײַטן
אַ גוט געשמידטער, אויסגעפּרוווטער פּאַנצער.
און האַקט אים דורך דעם שונאס בייזע קויל,
איז דעמאָלט מיט דער בלאַנקער שווערד זיך ראַנגלען.
און פֿאַלט אַרויס די שווערד, איז מיט די הענט,
אַז יעדער פֿינגער זאָל אַ מעסער ווערן.
צעברעכן זיך די מעסערס, איז אַ שפּרונג,
און מיט די ציין דעם גאָרגל אים צעפּליקן.
און האָב איך אַלצדינג אָנגעווירן, — דעמאָלט,
אַ רויקער, ניט אויפֿשטיין שוין פֿון אָרט.

נאָר קנעכטיש, אָן אַ האָפֿט איז איצט דער ווילן.
אָט ליג איך דאָ אין שטאָט פֿון מײַן געבוירן —
די פֿיס אַדורכגעוווּנדיקט, און איך וואַרט...
איך: איר זענט אַ ווילנער?

מײַן זון: יע, איך בין געבוירן
אין זאַוולס הויף, מע רופֿט מיך יאָמע קאַגאַן.
ווי גליקלעך וואָלט איך זײַן, ווען צו מײַן אויער

דערגרייכן וואָלט אַ גרוס פֿון טאַטע־מאַמע,
אַ גרוס פֿון זיי צו מיר — און ניט פֿאַרקערט.
די ליבשאַפֿט, איינגעלאָשן אין מײַן לײַב,
וואָלט ווידער זיך צעגליט אין פֿרישע פֿאַרבן.

איך: קען זײַן, דער טאַטע לעבט, וואַרט אויף, איך קען אים.
כ'האָב גראָד געוווינט אין זעלבן הויף, צוזאַמען.
מע רופֿט אים זכריה... האַ?

מײַן זון: אַזוי, אַזוי...
איר האָט געזען מײַן פֿאָטער? איז געוויס
דאָך אײַנגעבויערט זײַן געשטאַלט אין אײַער.
דערנענטערט זיך און לאָזט מיך אים דערפֿילן.
צי האָט ער ווען גערעדט...

איך: ער האָט ניט איין מאָל
דערציילט מיר טאַקע וועגן עלטסטן זון.
ווי לאַנג שוין האָט איר ניט געזען דעם פֿאָטער?

מײַן זון: מיט צוואַנציק יאָר צוריק בין איך אַנטלאָפֿן
צו קעמפֿן מיט פּעטליורען אויף אוקראַינע.
דערשלאָגן אים — און דאָרטן שוין פֿאַרבליבן.
געבויט אַ היים. זיך אויסגעזוכט אַ ווײַב,
געלערנט שפּעטער אין דער אַקאַדעמיע
און ניט פֿאַרביטן קיין מאָל דעם שינעל.
פֿאַרגעסן האָב איך, אַז מע רופֿט מיך זשיד.
פֿאַרגעסן, אַז מע קען נאָך ניט פֿאַרגעסן...

און קוים איז וואַכן עטלעכע אַריבער,
ווען היטער קיִעוו, אין אַ גרויסער שלאַכט
פֿאַרוווּנדט האָט מיך דער עקלדיקער שונא,
דערנאָך — אין מײַן געבוירן־שטאָט פֿאַרטריבן.
און דאָ האָט באַלד זיך אויסגעבריט אַ מסור
און אָנגעוויזן מיט אַ שטעקן: ״יענער

איז ניט פֿון אונדזער שטאַם״. און דעמאָלט האָט מען
אַ שפּיצעכיקע לאַטע אָנגענאָדלט
אויף הוילן לײַב מײַנס און געבראַכט אַהער
צוזאַמען מיט אַ בלינדער מחנה ייִדן,
וואָס האָט מײַן גוף געטראָגן אויף די הענט,
ווײַל גיין האָב איך שוין דעמאָלט ניט געקענט.

אַצינד — וואָס זאָל איך טאָן? איך ווייס, אַז מאָרגן
פֿאַרקילן וועט ווי בלײַ מײַן לעצטער אָטעם.
כ׳בין שטאָלץ וואָס איך וועל שטאַרבן ווי אַ ייִד,
מיט אַלעמען אין איינעם. נאָר פֿאַר וואָס
געלאָזט האָב איך זיך פֿאַנגען ווי אַ חיה —
און ווען דער גוף איז דורכגעקוילט געווען,
זיך ווײַטער ניט געראַנגלט כאָטש
מיט אייגענעם געדאַנק
און אויסגעקליבן גנאָד —
אָט דאָס איז שרעקלעך!

איך: ניט אַלע מאָל טוט גוטסקייט דער געדאַנק.
פֿאַראַן אַ רגע, — ווערט אַ שטרוי דער ווילן
און שרעקלעכקייט איז אָן אַ גרונט ווי פֿרייד.
פֿאַר וואָס, מײַן ליבער, זוכט איר ניט קיין וואָרט, —
אַ וואָרט, וואָס זאָל איצט אײַנזאַפּן די גסיסה
פֿון צענער, טויזנטער, המונים ייִדן,
וואָס ניט מע האָט פֿאַרוואונדט זיי אין אַ שלאַכט,
נאָר לעבעדיקע שפּאַנען זיי געהאָרכיק
צום טויטנטאָל, ווי איך, ווי זיי, ווי אַלע.
צי זענט איר אויסדערווײלט, צי זענט איר בעסער?

מײַן זון: פֿאַר מיר איז קודם קאַמף, איך בין אַ קריגער.

אַ רגע פֿריִער האָט זיך מיר געוויזן
דורך דרימלדיקער נעפּלשײַן מײַן טאַטע.
האָט אויסגעזען ווי איר, אין זעלבע יאָרן.

און רייד האָט ער גערעדט ווי איר — אַ צופֿאַל.
נאָר איך האָב אים געבעטן: טאַטע, טאַטע,
אַ מעסער נעם און עפֿן מיר די ברוסט,
עס זאָל פֿון דאָרט אַרויספֿליִען מײַן לעבן,
ווי ס'פֿליט אַרויס אַ פֿויגל פֿון אַ ברענענדיקער שטײַג.
אַצינד וואָלט איך עס בעטן אײַך, אַ פֿרעמדן.

ו

און דעמאָלט האָב איך אויף מײַן צונג דערפֿילט צעשטויסן גלאָז,
אויף זייער שאַרף — צעשניטן מײַנע ווערטער אין בזיון.
זײַן בליק האָט מיר די האָר געריסן גלײַך ווי בינטלעך גראָז.
איך האָב געשטומט, און שטומענדיק האָט גאָט געהערט מײַן וואָיען:

„האָסט ווידער זיך געזעטיקט מיט מײַן יאָמער דעם געהיימען,
פֿון מיר וועבסטו אַרויס דעם אין־סוף פֿון יסורים!
פֿאַר וואָס בין איך ניט רויִע ליים, אַ טייל פֿון דײַנע ליימען?
פֿאַר וואָס איז דיר מײַן גײַסט אַ טויטע אויג, פֿאַרכאַפּט אין שטורעם?

געבעטן האָב איך, האָסטו מײַן געבעט אין פֿלייש פֿאַרקנאָטן.
געפֿונען אים — דעם לעצטן זון, געפֿונען — ערבֿ גסיסה.
אַ שאָטן כ'בין געוואָרן. גריזשען דײַנע הינט דעם שאָטן,
באַלעקן זיך אין תּענוג, ווי מיט קאַנדלצוקער זיסע.

צי בין איך דיר אַ משל בלויז? באַרעכן זיך, באַרעכן:
מיט גאַל וועל איך פֿאַרשפּײַען דיר דײַן קוואַלנדיקן שׂכל.
טו ראַטעווען מײַן קינד — אַניט וועל איך אים דאָ דערשטעכן,
דערשטעכן אויס נקמה מיט געזאַנג און מיט אַ שמייכל.

אָ, ראַטעווע! — און הונדערט מאָל בין איך דאָך גרייט צו שטאַרבן.
פֿאַרשטעל זיך פֿאַר אַ שומר, אָדער ברעך אַדורך דעם טויער.
אַנטפּלעק, אַז דו ביסט דאָ, און הער דעם דונער פֿון מײַן שאַרבן.
אַניט וועט דיך פֿאַרשילטן מײַן אַרויסגעפּלאַצטער טרויער.

און כ׳וועל אַ לאַנגן פֿויסט אַ הייב טאָן ביז צו די מזלות:
— דו ביסט אַ רשע! אַל דײַן גנאָד און גוטסקייט איז אַ ליגן!
און ווי אַ הויז וועט אײַנפֿאַלן די וועלט אונטער די קללות,
אין איינעם וועלן מיר פֿאַרשׂרפֿעט ליגן״.

ז

אין פֿיבערשרעקן לויערט דאָס געהער
אויף מינדסטן ענטפֿער. טריט. סימנים.
איך פֿיל דעם אָפּגרונט פֿון אַ קליינער טרער.
די נאַכט צעגייט ווי חלבֿ אויף מײַן פּנים.
לבֿנה זייגט זיך אײַן אין ווענט, אין ציגל.
דער מיזרח גליט אַנטקעגן מיר ווי שטאָל.
איך טאַפּ די אַקסלען: אפֿשר זענען אָנגעוואַקסן פֿליגל
(כ׳וואָלט אָפּגעריסן זיי פֿאַר א י ם!),
און וואַרף זיך מיט אַ מאָל
אויף דר׳ערד: צי טראָגט זיך ניט אַ שטים,
אַ וואָרט, אַ נאָמען?
די ערד איז לעבעדיק, נאָר אָן אַ צונג.
דער ווײַס־צעגליטער שטאָל צעגייט אין שטראָמען.
עס קלאַפּט דער שלייף. אַ פֿאַסטקע ווערט דער אויער.
צי שמעלצט זיך ניט די תּפֿיסה ווי אַ וואַקס?
צי קען אַ נס ניט דורכדרינגען אַ מויער?
צי קען זיך גראָז ניט געבן אַ צעוואַקס
אין וואַלדגעווילד, אַז קיינער זאָל ניט כאַפּן?

שאַ.
די חושים וואַרפֿן זיך פֿאָרויס, פֿאָרויס,
דערטאַפּן
דעם ריח פֿונעם שוועבנדיקן אויסלייזער. צו גלײַך
טראָגט זיך מיר די אויסלייזונג אַנטקעגן,
ווי אַ שטילער טײַך
צעווישן יאָמערדיקע ברעגן.

איך שטרעק אַ האַנט, וויל אָנכאַפּן מײַן גאָט.
אַ רגע... נאָך איין צי... איך האָב אים... אָט — —

און דורכן הויף, אין ברוינער אוניפֿאָרם
און איידלשטיינער־אָנוווקס אויף די הענט,
מיט ערנקרייצן אויפֿן רעכטן אָרעם
און בליקן צו דער ערד אַראָפּגעווענדט, —
באַווײַזט זיך מיר דער דײַטש. די שטיוול גלאַנצן
מיט עכטן אַרישן קאָליר.
די מענטשן־מאַסקע — ניט קיין צוק און ריר —
פֿאַרשטיינערט, אָן אַ קנייטשעלע אין גאַנצן.
אַ קאַלבנפּיסל מיט אַ לאַנגן עק
פֿון בייגעוודיקע דראָטן פֿויסטיק האַלט ער.
מיט דעם איז ער געוווינט, אַ מירמל־קאַלטער,
צו טאָן אַ שניט, אַ פּײַפֿנדיקן וועק
די זשיפּיקע קרבנות פֿאַרן שיסן,
ער האָט זיי אייגנטלעך דאָך ליב, געוויס. —
אַ נײַער גאָלדמעדאַל איז דאָס געוויסן.
און זעט ער אָן אַ זײַט אַ מיידלס פּיס,
צעשפּרייטן זיך בײַ אים די נאָזלעך: יענע
וועט מוזן אים אַליין געהערן באַלד.
צו ערשט — אַ קויל, זי צאַפּלט זיך, זי פֿאַלט,
און פֿאַלנדיק — ווי אײַנגענעם די סצענע!
אַ כאַפּ טאָן זי... נאָר גלײַך איז ער באַהערשט:
עס קען נאָך עמעץ זײַן געדאַנק דערהערן, —
פֿאַר אים איז די קאָלעקציע בלוט צו ערשט,
קיין לעבעדיקער טאָר דאָס ניט באַגערן.

און מיט אַ מאָל — אַ בײַטשיקער געהויל:
„צוזאַמען אויפֿשטיין!" און די מידע ייִדן
זיי נעמען שפּרינגען פֿון דעם גראָען קנויל,
ווי עמעץ וואָלט זיי האַנט אין האַנט פֿאַרשמידן.

און דורכן אײַנגעגליווערטן שפּאַליר
מאַרשירט דער האַר. דאָס פּנים ראָז, באַגיניק:
„איך בין דער קיניג אײַער, קנײט פֿאַר מיר
און שרײַט דערבײַ: זאָל לעבן אונדזער קיניג!"
די מאַסע גלייזט. מע קוקט זיך אָן דערנעבן.
ס'איז שטיל. נאָר שטום־געבוירענע, מיר דוכט,
באַקומען לשון און מע שרײַט: „זאָל לעבן!"
און פֿאַלן אויף די קני, און יעדער זוכט
דעם קיניג צו געפֿעלן: אפֿשר... טאָמער...
און ער אַליין פֿון קיינעם ניט באַגלייט,
ער לאָזט זיך אויף די רוקנס קאַלטערהייט,
און ס'הילכט זײַן בײַטש אין לאַכיקן געיאָמער.

און שפּרײַזנדיק אויף קרעכצנדיקע ביינער
מיט זיכערן געביטערישן טראָט,
באַמערקט ער צווישן דעם המון, אַז איינער
האָט ניט דערפֿילט זײַן קיניגלעך געבאָט
און ליגט אויף דר'ערד, און ס'ברענט אין זײַנע ווונדן
די זון, ווי אין פֿרימאָרגעדיקן טוי.
און גלײַך ווי צו די פֿיס אים צוגעבונדן,
אַן אַלטער מאַן, שוין וואַקלדיק און גרוי —
דער טאַטע לעבן זון. דעם קיניגס פּנים
פֿאַראָדערט זיך, ווי אַ געהיימע שפּין
וואָלט אויסגעפֿעדעמט דאָרטן איר געשפּין:
צי ווידערשפּעניקט עמעצער דעם טראָן אים?
און מיטן קאַלבנפֿיסל גלײַך אַ שניט:
„אַזוי! פֿאַראַן אַזאַ וואָס שטעלט זיך קעגן?
ס'געפֿעלט מיר. ניט געזען אַזאַ מין ייִד".
און ס'גיבן זיך עלעקטריש אַ באַגעגן
די בליקן זייערע: אַ רגע... צען...
סע האַלט ניט אויס דער קיניג, ווערט דערצערנט:
„ווער ביסטו, הונט, ווער האָט דאָס דיך געלערנט?

אַ רויטער שטערן גאָר? איז לאָמיר זען,
ווי ס'וועט אַזאַ פֿון דעסטוועגן זיך בוקן".
נאָר פּלוצעם: כליופּ... אין קיניג פֿאַלט אַ שטיין, —
אַ שטיין מיט שאַנד אין מאָרדע אים געטראָפֿן
פֿון דעם צונויפֿגעבראָכענעם געביין,
וואָס קוקט דעם טויט אַנטקעגן קאַלט און אָפֿן.
דער האָר איז בלייך, צעטומלט, פֿינגער צוקן.
סע פֿאַלט זײַן קרוין! ער וויל אַ שרײַ טאָן: וועכטער!
און כאַפּט דאָס וואָרט צוריק. עס קומט אַ גרילץ,
געמישט מיט מורא, תּאווה און געלעכטער.
די בלייכע ליפּן ווערן בלאָ ווי מילץ.
און ווען באַגנעטן, דאַכט זיך, ניט גערופֿן,
דערלאַנגען פֿון די ווינקלען זיך אַ טראַג,
באַשיצט ער מיט די אָרעמס ביידע גופֿן,
ער איז נאָך האָר, זײַן ערע האָט אַ וואָג,
ער וועט אַליין באַפֿרײַען זײַן רציחה.
און ניט אַזוי זיך, מיט אַ שניט, אַ שאָס.
עס שלענגלען די געדאַנקען גיכע, גיכע,
און ס'קומט די פּײַניקונג אין פֿולער מאָס:
"די צינגער וועל איך אויסשנײַדן אײַך ביידן,
און איר אַליין וועט הערן זייער שטים".
נאָר באַלד פֿאַרגייט רחמנות אין זײַן ריידן,
אין גנעדיקייט פֿאַרוואַנדלט זיך דער גרים:
ער ציט אַרויס פֿון זילבערשייד אַ שמאָלן,
געשליפֿענעם קינזשאַל; ער בייגט זיך צו
און גיט מיר אים געלאַסן: — "טו דאָס דו,
און ס'וועט דײַן קאָפּ מיט גאָרנישט ניט באַצאָלן".
און דעמאָלט... ווי עס האָט נאָר דער קינזשאַל
באַרירט מײַן דלאָניע, האָט אין מיר אַ צווייטער
אין טיפֿסטער טיפֿעניש געטאָן אַ שטראַל,
אַ הייב געגעבן מיך, ווי אויף אַ לייטער.
איך האָב דערזען אין שטאָלענעם געשפּיגל

מײַן לעצטן זונס פֿאַרלאָפֿענע שוואַרצאַפּלען.
קײן אויסלײזער ניטאָ און ניט קײן פֿליגל, —
די רויִע גלידער שלײַדערן זיך, צאַפּלען.
צוקאָפּנס וואַרט דער שמײכלענדיקער תּלין,
און פֿײַפֿט זיך צו אַ פֿויגל אויף אַ צווײַג.
ער׳ט אײַנגעצן מײַן זון די האָר און סמאַליען,
פֿאַרפּײַניקן מיט דאָקטערשן געצײַג.
און גאָט אַלײן האָט ניט געהערט מײַן תּפֿילה,
ער האָט געשלאָסן שותּפֿות מיטן קאַט.
מיט דעם וויל ער זיך אָפּפּאַטשן נאָך נעילה,
מיט מײַנע זין די פֿיר איז ער ניט זאַט.
און מיט אײן שפּרונג האָב איך דאָס בלאַנקע אײַזן
מײַן לעצטן זון אַרײַנגעזעצט אין ברוסט:
— אַזוינס קען טאָן דײַן טאַטע און באַווײַזן
פֿאַר דעם, וואָס האָט דיך פּײַניקן געגלוסט.

ח

און וואָס געשען איז ווײַטער? ס׳האָט די ערד זיך ניט געשפּאָלטן,
די זון איז ניט אַראָפּגעשפּרונגען מיטן קאָפּ אויף שטײנער.
נאָר טויטן־וואָגנס האָבן אונדז אַרומגעצוימט ווי וואָלקנס,
אײַנגעשלונגען,
און געבראַכט אַהין צו,
ווו קראָען האָבן זיך אַ הײב געטאָן מיט אָפּשײַ,
זיך אָנגעהאַנגען ווי אַ שוואַרצע פֿרוכט
אויף געלע צווײַגן,
דערוואַרטנדיק אַ נײַע רײַכע סעודה.

און ווען דער קוילן־הײשעריק
האָט ווידער מיך געמיטן, —
צי איז ער דעמאָלט זאַט געווען,
צי מײַן פֿלײש צו זויער, —
איז מיך, דעם לעבן־בלײַביקן,

אַ שוואַרצע קראָ באַפֿאַלן
און כאָטש איך האָב געאָטעמט,
האָט זי מיך געפּיקט אין שטערן.

*

אַזוי האָט אין אַ יאָר אַרום דערציילט מיר
אין געטאָ צו כּל־נדרי ער אַליין,
דער איובֿדיקער ייִד און אָפּגעשיילט מיר
דעם גורל זײַנעם ביזן סאַמע ביין.

און רויִק זײַן קול,
ווי אַ קוועלכל אין טאָל,
בײַ נאַכט מיט לבֿנה באַגאָסן.
און איך האָב געלאַכט:
"ווער'ט געווונען די שלאַכט?"
און זײַן גורל אין מיר אײַנגעשלאָסן.

ווילנער געטאָ, פֿאַרענדיקט דעם 6טן פֿעברואַר 1943

עפּיטאַפֿן



עפּיטאַפֿן

א מתּנה מײַן ברודער משהן

א

איר אויסגעקריצטע אותיות אויף די ווענט
פֿון טויטנהײַזער, געטאָס און קאַרצערן,
אויף אַלע שפּראַכן און מיט טויזנט הענט,
אויף אַלע פֿאַרבן פֿון דעם מענטשנס טרערן,
איך האָב מײַן נאָמען צווישן אײַך דערקענט
און וועל אײַך ווי אַ ניגון אײביק הערן.

פֿאַרלעשט די שטערן! צינד זיך אָן און ברענט
אַריבער גאָר דער וועלט, אַנשטאָט די שטערן!

ב

אין ערגעץ זאָלסטו מײַן געזאַנג ניט זוכן
און ניט דעם רעשט פֿון די פֿאַרצוקטע גלידער, —
נאָר ווו דו ביסט, דו אײנציקער פֿון ברידער,
זאָלסטו אַ רויטן רויזנקוסט פֿאַרזוכן.
וועט דיר יעדער שטאָך באַזונדער
ברענגען גרוסן פֿון דער נידער,
ווו ניט־אויסגעלײזטער וווּנדער
בינדט דעם קוואַל פֿון מײַנע לידער.

ג

קיין אַנדער לעבן האָב איך ניט פֿאַרזוכט,
און ווייס ניט, צי זײַן שוידער איז געשמאַקער.
קיין אַנדער חכמה האָב איך ניט געזוכט
ווי זײַן אַליין די ערד, אַליין דער אַקער
און אויפֿגראָבן די קראַפֿט, וואָס האָט געוועלט
איך זאָל ניט בלײַבן אײביק אומגעבאָרן.
אַ דאַנק דיר פֿאַרן שענקען מיר אַ וועלט
און פֿאַרן זײַן אַ גראָז אין דײַן זכרון.

ד

אײדער איך טו אױס דײַנע גאָבן
און פֿאַרשווים פֿון מײַן דאָיִקן גבֿול —
מאַך דאָס לעבן מײַנס מילגרוימיק פֿול,
איך זאָל גאָרנישט באַדאַרפֿן מער האָבן.

און פֿאַרקײַלעך מײַן דרײַצענדליק־יאָרענעם שפּרײַז
מיטן הײַפֿנדל טעג אין דײַן אָטעם געפֿאַנגען.
איך װיל זײַן אַ געשלאָסענע צײַט, װי אַ קרײַז,
אַ צאָל פֿאַרזיגלט מיט קלאַנגען.

ה

אויך װען דער מענטש װאָלט זײַן אַ גאָט און איך װאָלט זײַן אַ װאָרעם,
אַלץ אײנס װאָלט איך צום פֿײַניקער געברומט: ביסט ניט גערעכט.

מיך אַרט ניט, װאָס איך שטאַרב, אַן עדות — אויף מײַן ברוסט דער אָרעם;
עס אַרט מיך, װאָס דער האָר אויף מײַנע יאָרן איז אַ קנעכט.

ו

אין לאַגער קלאָגע לויפֿן דורכן הויכן גרינעם גראָז,
װי אומקלאָר אויסגעקריצטע שורות — אַשן־גראָע שטעגן.
דאָס האָבן פֿון די שײַטערן געגעבן זיך אַ לאָז
צװײ פֿאַקלמענטשן אײנער צו דעם אַנדערן אַנטקעגן
מיט ברענענדיקע טריט. איך האָב געזען בײַם ראַנד, אין טוי
ס׳געיאָג פֿון בײדן און דערבײַ — די צאַנקענדיקע גופֿן.
״איך האָב דיך ליב״ איז אײנעם גראָז געשריבן, און אַ פֿרוי
בײַם װערן קויל ״אויף אײביק״ האָט גערופֿן.

ז

מענטשן!
דער וואָס האָט געקריצט די שורות, —
הייסט אַריאל בלאַנק, —
אַ מוזיקאַנט.

דאָ, אין אונטערגראָבן,
ביי דער וואַנט,
ליגט באַהאַלטן אין פּוטליאַר פון פידל —
די באַשאַפונג פון דער וועלט —
מיין קינד.

מענטשן!
נעמט אַ רידל
און געפינט.

גיט אָפּ דעם אוצר אַ געשאַנק
אַ נייעם פּאַגאַניני, —
עס וועלן אים דיביינדלעך פון מיין קינד
אַ פידל זיין,
אַ כישופדיקע פידל.

ח
אַזוי שטייט אָנגעשריבן אויף אַ ברעט פון אַ וואַגאָן:

ווער עס וועט אַ מאָל געפינען פּערל,
געצייליעט אויף אַ בלוטיק רויטן שנירעלע פון זייד,
און וואָס צום האַלדז דערלויפן זיי אַלץ דינער
ווי דער וועג פון לעבן,

ביז וואַנען זיי פֿאַרגייען אין אַ נעפּל
ניט צו מערקן —
ווער עס וועט געפֿינען אַט די פּערל,
זאָל וויסן, אַז זיי האָבן קיל באַלויכטן
דאָס האַרץ — אַן אַכצניעריקס, אומגעדולדיקס,
פֿון דער פּאַריזער טענצערין מאַרי.

איצט פֿירט מען מיך אין אומבאַוווסטן פּוילן, —
וואַרף איך מײַנע פּערל דורך די גראַטעס.

אויב עס וועט געפֿינען זיי אַ בחור —
זאָל די פּערל צירן זײַן געליבטע.
אויב עס וועט געפֿינען זיי אַ מיידל —
זאָל זי אָנטאָן, עס געהערט צו איר.
אויב עס וועט געפֿינען זיי אַ זקן, —
זאָל ער פֿאַר די פּערל טאָן אַ תּפֿילה.

ט

פֿון גאָס וואָס אויפֿן באַרג, אַראָפּ, אַראָפּ צום טאָל צו,
אַלץ נענטער צו דער שטאָט וואָס ברענט אין פֿײַערן אַ שטאָלצע,
עס שטראָמט אַ רינשטאָק בלוט פֿון די געפֿאַלענע אין קאַמפֿן.
און אין טאָל, די קנעכט פֿון אַלע מינים —
באַלעקן אַזש דעם רינשטאָק בלוט ווי בראַנפֿן.

נאָר ע ר יאָגט ווײַטער. ער באַדאַרף נאָך מעלדן
דער אייביקייט אַ זיגערישע בשׂורה.
ער טראָגט אין זײַנע אָדערן די גבֿורה
פֿון די ערשט געפֿאַלענע, די העלדן.

און אַט האָט ער אַרומגערינגלט שוין די גאַנצע שטאָט,
די צעפּראַלטע מויערן, די הייף,
אין אַ קרײַז אַ לעבעדיקן, דינעם,
און אַרום האַלדז פֿון קנעכט מכּל המינים
אַרומגעכאַפּט אַ וואַרגנדיקן שלייף.

י

איך האָב געזען אַ זקן. אויף זײַן שטערן —
אַ שיכעלע אַ קליינס אַנשטאָט אַ תּפֿיל.
אין דעם האָט ער געדאַוונט מיט געפֿיל
אין גאָונס קלויז — די דערנער זאָלן הערן.
דורך מײַנע פּלאָנטערוועגן נע־ונדע
איך זע אים ווי ער דאַוונט אויך אַצינד:
און אַנשטאָט אויפֿן תּפֿיל זאָל גלִיען ש ד י
איז דאָרט אויף ייִדיש אויסגעקריצט — מ ײַ ן ק י נ ד.

יא

ווו זאָל איך מײַן פֿינצטערניש באַהאַלטן
אויף צו זען אַ שאָטן פֿון אַ ליכט?
אונטער וועלכן שיכט,
אין וועלכע שפּאַלטן
זאָל איך זיך פֿאַרקבֿרן, כּדי
ניט צו הערן דאָס געשריי
פֿון וואָרט?
אַז ווו עס וועט מײַן לײַב זיך ניט צעזיפֿן,
וועט יעדער שטויב זײַנס בלײַבן ניט געטייט
און הענגען בײַ דעם לעבן אויף אַ קייט
און מאָנען רו מיט שווײַגנדיקע ליפּן?!

יב

אין צעל נומער זעכצן פֿון ווילנער געסטאַפּאָ,
איך זוך די נשמות פֿון די וואָס ניטאָ.
פֿאַרפּײַניקט די נעמען. עס האָט זיי אַ לאַפּע
מיט אײַזערנע באַרשטן פֿאַרמעקט ביזן דנאָ.
נאָר הינטער דעם קאַלכשיכט עס צייכנט זיך בליציק
אַן אויפֿשריפֿט נאָך אייביקער פֿיל ווי די צײַט,
און שאַלט ווי אַ האָרן אויף נאָענט און ווײַט:
איך שטאַרב פֿאַרן לעבן.
וויטענבערג איציק.

יג

הײַנט אָדער מאָרגן, —
עס קומט שוין דער פֿרידן,
מיט שטערן און ווײַן
וועלן טאַנצן די קרעטשמעס.

נאָר ווער וועט דערמאָנען
דעם לעצטן ציגײַנער,
מיך, דעם געבונדענעם אָדלער
אַלעקאָ?

אַז טויט איז מײַן מיידל,
מײַן פֿערד איז געפֿאַנגען,
זײַן גילדענע פּאָדקעווע
האָט מען געגזלט.

עס ווייס דאָך ניט קיינער
אַז דו אויך, מײַן מעסער,
ליגסט איבערגעבראָכן
אין ריפּ פֿונעם שונא?

יד

אין מײַדאַנעק, אין דער קאַמער
וווּ מען האָט פֿאַרגאַזט מײַן שטאַם —
אַ תּנ״ך אַן אַמסטערדאַמער
ליגט ניט־אָנגערירט פֿון סם.

איך, דער זינגענדיקער אָבֿל
אויף אַ שײַטערדיקער שפּראַך —
צערטל, עפֿן אויף דעם טאָוול
פֿון געפֿונענעם תּנ״ך.

בלעטער דורכגעשטויבטע, גראָע
נעמען אויפֿלעבן אין האַנט.
און אויף איינער — אַ צוואה
אויסגעציקלט בײַ דעם ראַנד:

— ברודער טײַערער, באַפֿרײַטער,
דאָס איז אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג.
נעם דאָס ספֿרל, טראָג ווײַטער,
ביז אין אייביקייט — דערטראָג!

טו

זײַ ווייסן, קאַט, אַז איטלעכע אַכזריות
אין דיר אַליין איז צענפֿאַכיק געוועגדט.
אויך דאָ, אין גיהנום פֿון די קרעמאַטאָריעס,
ווערט מײַן נשמה אַלץ ניט זײַן פֿאַרברענט.

אַ שוואַרצער וואָלקן, וועל איך זיך פֿון קוימען
אַרויסוויקלען און שווימען נאָך דײַן טראָט, —
ביז וואַנען איך וועל אָפּמעקן דעם זוימען
פֿון דיר, דײַן שלאַנג אין וויגל, און דײַן שטאָט.

טז

פֿאַרבײַגײיער, בלײַב שטײן! בײַ דער אָ וואַנט
האָב איך פֿאַרטיידיקט ,דיך, דו אומבאַקענטער
באַפֿרײַטער מענטש. דו גיב אַ טראַכט, באַנעם עס.

באַריר די ווערטער מײַנע מיט דײַן האַנט —
דאָס זענען אָדערן. גיב איין טראָט נענטער,
דערהערסטו ווי עס קלאַפּט אין זיי דער אמת.

יז

צווישן ביימער אין אַ סאָד,
אויף אַ ברונעמס קאַלוואַראָד
איז פֿאַרקריצט: דאָ ליגן
די, וואָס זענען ניט אַרײַן
אין דער שול פֿאַרברענט צו זײַן
אויסן דאָרף דעם היגן.

דער וואָס שרײַבט עס בלינדערהייט,
האָט זיך אָקערשט אויף דער קייט
אויפֿגעהויבן פֿונעם
וואַסער־קבֿר מיט אַ קינד.
נאָר עס גלוסט זיך אים אַצינד'
קריק אַרײַן אין ברונעם.

יח

מײַן זון אַבֿיגדור שאַרף, אין תּל־אָבֿיבֿ:
איך שרײַב אַ רגע פֿאַרן סוף דעם בריוו
אויף אָט דעם שטיקל פּאַרמעט וואָס איך טראָג
אַרום מײַן האַלדז. אויב דו וועסט אים געפֿינען —
איז מײַן פֿאַרזאָג:
ניט קלאָג!

נאָר גראָב די ערד און גראָב אַרויס דערינען
אַ שערבל, אויב ניט זײַן װעל איך אין גאַנצן.
און נעם דאָס שערבל מיט און טו עס פֿלאַנצן
אין פּרדס, וווּ די קינדער דײַנע טאַנצן.

יט

איך לאָז אַ בינטל האָר דיר איבער
דאָ, אונטערן שטיין.
דו מײַן ליבער,
דו מײַן גיבור,
װעסט געפֿינען, װעסט פֿאַרשטיין:

ס׳איז דאָס בינטל האָר מײַן שענסטער
דורך דײַן מויל געקושטער לאָק.
צערטל װײַטער און דערצערטל אַלינקע פֿאַרלאַנגען:
האָרך אַרויס מײַן ליבשאַפֿט אויס דערין,
װי פֿון אַ גלאָק —
אײַנגעשמידטע קלאַנגען.

כ

געוואַלד, װי מיר גלוסט זיך געוואַלדיק
אַריבערצושווימען די נאַכט!
אַ זונג טאָן ברייטהאַרציק, ברייטוואַלדיק
צום האָר פֿון דערוואָרגענער פּראַכט.

איך װעל דאָך פֿאַרפֿולוװערן,
זינקען,
אין אויסער אַ צײַטלעכער װאָר.
איז װיל איך ביז דול װערן
טרינקען
דעם גיהנומשן װײַן פֿון מײַן דור.

כא

געבליבענע! בעת אײַער פֿרייד זאָלט איר אָרבן
די טרערן פֿון יענע וואָס צאַנקען אין קלעם.
פֿאַרגעסט ניט און אָטעמט אַרײַן אונדזער שטאַרבן.
פֿאַרגעסט ניט צו לעבן אויף קידוש השם.

כב

אויב ראַטעוועט אַ ייִדיש קינד
בײַ אײַך ווערט אָנגערופֿן זינד, —
בין איך זיך דעמאָלט מודה:
שולדיק, שולדיק,
און וואַרט געדולדיק
אויף דער תּליה: גיב מיר שוין אַ הוידע.

און ניט איך בעט גענאָד, ניט מיך פֿאַרדריסט
מײַן האַרבער גורל דער באַשערטער.
נאָר דו, מײַן ליכטיק רייזעלע,
געדענק דײַן "מאַמעס" ווערטער:
איין מאָל לעבט מען — זאָל עס ניט פֿאַרבײַלויפֿן אומזיסט.

כג

דו מערדער! שאָטן מײַנער, ועסט
מײַן שטח אויף דער ערד ניט ירשען.
דײַן האַק אין גרויזיקן פֿאַרמעסט
איז איבער מיר ניט מער קיין האַר שוין.

איך בין געפֿאַנצערט. יעדער שטאָל
טאַנצט אָפּ צוריק אין מײַן פֿאַרלענדער.
און ווילסטו אָפּהאַקן מײַן קול —
זײַן עכאָ ליאַרעמט איבער לענדער.

דײַן פֿלאַם איז מײַן געצוימטער קנעכט.
זײַן סוף איז אַש. נאָר ניט דערצונדן
איך פֿלאַטער און באַלײַכט די נעכט
מיט מײַנע זינגענדיקע ווונדן.

כד

איבער וואַרשע גייט אַ מילכוועג,
ניט קיין שטילער, ניט קיין בלייכער.
נאָר אויס בלוט איז גאָר דער מילכוועג, —
פֿון דער העלדנשטאָט אַ זכר.

כה

קרומע ווענט איינפּיסיק ווי בוטשאַנעס,
דענקמעלער פֿון גלויבן און עקשנות,
דורכגעלעכערט שורותוויַיז מיט קוילן —
ווער האָט אייַך אַראָפּגעשיקט, פֿון וואַנען?
שטראַליק אומגעזעענע קאַלאָנעס
טראָגן אייַך אין וואַרשעדיקן פּוילן.

פֿון די לעכער, וואָס מיט ביקס באַשאַפֿן
האָבן מייַנע פּולווערדיקע ברידער —
טרינק איך זון און זינען פֿון יאָרהונדערט.
אָ, ביז ביין פֿאַרקאַרבטע עפּיטאַפֿן,
שטומע, נאָך ניט־אויפֿאַנטפּלעקטע לידער
וואָס די צוקונפֿט לייענט און באַוווּנדערט!

כו

איך טראָג מיט זיך אַ רויטן ציגל
פֿאַרשריבן מיט אַ שוואַרצן קויל:
דער טורעם ברענט פֿון ביידע פֿליגל,
פֿאַרפֿלויגן איז מייַן לעצטע קויל.

איך שפּרינג אַצינד פֿון זעקסטן גאָרן
און זינג דעם פֿאָלק מייַן לעצטן ליד.
פֿאַרצייכן מיך אין דייַן זכּרון:
איך הייס: דער אומבאַקאַנטער ייִד.

כז

זינג אויס דאָס ליד פֿון האָפֿענונג,
און איך וועל זײַן דער ניגון!
נעם צו פֿאַר אַ באַוואָפֿענונג
די זון און הייס איר זיגן.

פֿאַרבײַט ווי דער אַלכעמיקער
אין גאָלד — אַ הויפֿן שטויבן,
דײַן ייִאוש, ברודער קלעמיקער
אין גינגאָלדענעם גלויבן.

און גלייב: דורך מאָרגנס טויזנטער
עס בליקט אויף דיר דײַן ירשן.
אין וווּנדן אַ צערויזנטער
גיב איבער דײַנע מאַרשן.

ווײַל אויסער דעם צווייפֿיסיקן
פֿאַרשאָלטענעם, געמיינעם,
דעם אַלץ־און־גאָרנישט וויסיקן —
ניטאָ צו ליבן קיינעם.

ווילנער געטאָ־מאָסקווע־לאָדזש, 1946-1943

געהיימשטאָט



פֿאָרליד

דו מאָרגנקינד, פֿאַרוועבט אין צײַט און רוים,
אין אָפּשײַן פֿון מזבח־ליכט באַפֿאָרבן —
וואָלטסט ניט באַלעבט די שטערן מיט דײַן טרוים,
ווען אונדזער דור וואָלט ניט געווען דער קרבן
פֿאַר אַל דײַן לעבעדיקער פֿרייד, אין טעג
פֿאַרהוילענע ווי ניט־דערגרייכטע שטראַלן.
אויס מענטשנאויגן מיניעט זיך אַ שטעג
אַרויף־אַרויף דורך זוניקע קריסטאַלן,
און זעט מיט אַפּלען, זעיִקער פֿון טויט,
דײַן יעדער טוּונג אײַנגעקריצט אין דזיער,
גאולה־ווונדער וואָס דײַן ווילן בויט
פֿון וועלטנוויי און רעגן־בויגנס טרויער.
נאָר אויפֿן זעלבן שטעג אָן מורא שפּרײַז
אַראָפּ־אַראָפּ, אין נעכטנס טיפֿע שלונדן.
אַנטפּלעקעריש צעוויקל איך, באַווײַז
געשטאַלטן הײַנטיקע, וואָס ניט פֿאַרשווונדן
אין דער געדעכעניש פֿון צײַט. מײַן קינד,
עס טיילט אונדז אָפּ אַ שטח וואָס פֿאַראייניקט.
איך לעב אויך דענצמאָל ווען דו זאָגסט אַ צ י נ ד,
ווײַל קיינער האָט מײַן לעבן ניט פֿאַרקלייניקט.
איך לעב! מיר איז באַשערט געווען צו זײַן
אַ גרויזיק־שטילער לאָקערדיקער עדות
פֿון פּײַן, וואָס מוז פֿאַרוואַנדלען זיך אין שײַן.
פֿאַרנעמסטו דורך אַ וואָלקן ווען איך רייד עס?
דו מאָרגנקינד! קום נענטער און איך וועל
פֿון ווערטערפֿאַרבן מאָלן דיר אַ ווינקל
פֿאַרנאָגלט אין דער וואָר. און זאָל ס׳געמעל
אין דײַנע חושים געבן אַ צעפּינקל,
אַנטפּלעקן די נשמה, ווי אַ קוואַל
אַנטפּלעקט דעם אוראַלט ריזלענדיק דורך היילן.
אָ, ווערטער, שאָטנס פֿון מײַן בלוט און גאַל,
איך קלאַמער זיך אָן אײַך און פּרוּוו דערציילן:

גערענקסטו די האַרבסטזון, וואָס האָט אירע שפּינען
געשיקט צו פּאַרוועבן די הײַזער מיט שׂרפֿות?
געדענקסטו די מענטשן אין יענעם באַגינען,
צעשויבערט ווי ניט קיין דערקוויקלעטע עופֿות?
אין טיגל פֿון ייִדפֿאַרגאַנג האָט זיך געשמאָלצן
אַ זילבערנער לײַכטער, אַ קוימען, אַ רינע,
צעשפּליטערטע שויבן, פֿאַרסאַזשעטע האָלצן,
דער שולהויף, די בוינע, דער צאָרן, די שׂינאה,
די ביקס אויפֿן טורעם, דאָס קינד אינעם וויגל,
און אַלע געשטאַלטן דערטרונקען אין שפּיגל.

דעם טיגלס אַ שמעלצונג — מײַן גוף איז געלעגן
פֿאַרשאָטן, ביז נאָכט איז געקומען צוקאָפּנס.
צי ווײַל איבער מיר האָט געצײַנדלט אַ רעגן,
פֿאַרשלאָסן די בליצן אין גלאָזיקע טראָפּנס?
צי ווײַל ס׳האָט אַ חלום באַפֿוילן מײַן ראיה
אַדורכשנײַדן שיכטן, באַזינען די וואָרקייט?
עס האָבן די גלידער געעפֿנט אַ וויִע
צו זען אין די ליידן אַ בלענדיקע קלאָרקייט.
מיט גלאָז אין טשופּרינע ווי גליווערעם קאַלטע
האָב איך זיך געשאַרט דורך די געסקעס די אַלטע.

צווייפּיסיקע קללה, ווער האָט דיך געבעטן
זיך ליסטיק פֿאַרשטעלן אין געטלעכן שפּליטער?
אין מיטן דעם פּרעגן — אַ שפּאַנען, אַ טרעטן,
ווי טרוקענער בלעטער־געשאָרך אין געוויטער.
אַ פּרוי שטעלט זיך אָפּ. האָט דערהײַשט מיך אין קלעם דאָ
און לעבעדיקס טוליעט די פּרוי אויפֿן אָרעם.
זי שטרעקט מיר דעם צווייטן: איך בין ניט קיין פֿרעמדע,
ווי דו אַזוי רײַך און ווי דו אַזוי אָרעם.
פֿאַרמאָגסטו קיין אַנדערן, בעסערן וועג ניט —
אַהער, קום אַרײַן אין געהיימשטאָט און פֿרעג ניט.

וואָס קען איך פֿאַרלירן ? אין בראַנד אַ צענעצטער,
פּאַוואָליע געהיפּערט אין ליימיקן שווייַגן.
וואָס קען דען פֿאַרלירן אַ לעצטער, אַ לעצטער
אויף געסלעך צעשטעלטע ווי גלייזיקע שטייַגן ?
די לופֿט האָט געבליצט נאָך פֿאַרשטאָכן מיט פֿונקען,
צעדריבלט פֿון קוילן, פֿון פֿייַנען אַ זאַטע.
די פֿרוי, שוין אַ זקנה, פֿאָרויס האָט געהונקען,
פֿאַרהויבן פֿון ברוק אַ פֿאַרזשאַווערטע גראַטע
און מער איז די זונשייַן אויף אונדז ניט געפֿאַלן,
מיר זענען אַראָפּ אין דעם תּהום פֿון קאַנאַלן.

צי האָסטו געקענט דען אַ מאָל זיך פֿאַרקלערן
אַז דאָ, ווו עס כליופּעט דאָס ברודיקע וואַסער,
דער איינציקער אונדז מקום־מיקלט זאָל ווערן ?
דו וואָלטסט יענעם העלזער אָנרופֿן שפּאַסער.
אַצינד, מיט דער נאַרישער הויט אויף די לענדן,
איך שווים אין געשטאַנק, דורך אַ קלעפּיקן פֿינצטער
אין מויזלאָך־געוועלבן. צו וועמען זיך ווענדן ?
אַוווּ איז אַן אָפּרו, אַ שטערן אַ מינדסטער ?
ביים שטיין־בלייַבן כוואַליעט דאָס וואַסער אַריבער
און כיכעט אויף מייַזישן לשון : מייַן ליבער.

זכּרון געדענקט ניט ווי לאַנג כ׳בין געשווומען
דורך כּלערליי רערן אי ברייטער, אי שמעלער,
אַ שעה צי אַ יאָר ? נאָר מיר זענען געקומען
צו עפּעס אַן אָפּגעשיידט אָרט ווי אַ קעלער.
געווען איז עס דאָרטן אַן אַלטער קאַנאַל, ווו
עס קייטלט זיך מער ניט קיין וואַסער שוין יאָרן.
ס׳באַטויבן גאָר שטימען די דעמפּיקע שלווה
און וואָלקנגראָ נעמען געשטאַלטן זיך קלאָרן
ווי שאָטנס אַהינטער אַ נעפּל פֿאַרבאָרגן.
און זי, מייַן געברענגערין, גריסט זיי : גוט מאָרגן !

שוואַרצאַפּל־געשטאַלטן באַשנאַפּן, באַשמעקן
דאָס לײַב מײַנס ווי חיות אַן אָקערשט־געבוירנס
און פֿינגער — באַוועגונגען גראָע, זיי שטרעקן,
ווײַל איטלעכער נישטערט אין מיר׳ זײַן פֿאַרלוירנס.
— עס לעבן נאָך ייִדן? — קומט דין אַ געווימל:
ניט שוין זשע געבליבן בלויז צען? (און דאָרט אויבן,
געזען דורך אַ גראַטע, אויף פּיצעלע הימל,
עס האָבן אַרומגעלופֿט זוניקע טויבן).
— פֿון צען — האָט אַן אָטעם געגרײַזלט זיך בלוילעך —
וועט ווערן אַ פֿאָלק, אויף להכעיס דעם מולך.

דאָס פּאַסיקל טאָגליכט, וואָס פֿאַלט דורך אַ גראַטע,
אַנטרינט ווי אַ גנבֿ אין תּהום פֿון די רערן.
בײַ איינעם אַ שאָטן באַמערק איך אַ לאַטע,
בײַם צווייטן — די תּפֿילין צעבליט אויפֿן שטערן.
דערווײַל אין דער טונקלעניש גיט אויך אַ בליאַסקל
אַ קינדער־געוויין אונטער קליידער און טיכער
און הינטער דעם ניגון, דעם טרעריקן בת־קול —
אַ קינד! — נאָר בעת־מעשׂה איז קיינער ניט זיכער.
פֿאַרטײַטשט מײַן געברענגעריין: כ׳האָב פֿון אַ ברונעם
דערהערט אַ געצאַפּל, דעם נפֿש געפֿונען.

דאָס קינד האָט געכליפּעט. אַוועק איז דער עכאָ
געפֿינען אַ תּיקון אין אַנדערע וועלטן.
— מה טובֿו — האָט עמעץ געברומט — אוהליך.
ווי וויל עס איז, יעקבֿ, אין דײַנע געצעלטן!
און ס׳האָט זיך ניט קיינער דערלויבט אין די רגעס
צו מישפּטן, וואָס מיטן קינד וועט געשען דאָ.
אַ האַנט איז געשוווּמען פֿון קאָסמישע ברעגעס,
פֿאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע.
אַזוי האָט די וואָר אונטער דר׳ערד מיך באַגעגנט,
ווען כ׳האָב מיט געקוילעטער שטאָט זיך געזעגנט.

די קאַנאַלן

מיר זענען געווען זאַלבע צענט אונטערערדיק,
נאָר איטלעכער שאָטן — געחלומט באַזונדער.
די פֿינצטערניש האָט מיך אַ שניט געטאָן שווערדיק
מיט קופּערנעם אוראַלט, מיט פֿינצטערן ווונדער.
און ביסלעכווײַז האָב איך אין איטלעכן שאָטן
דערשמעקט זיך אַליין — יענעם חלק, וואָס פֿעלט מיר,
פֿאַרזוכט זײַן מחשבֿה, אין אים זיך פֿאַרקנאָטן,
האָט ניט אַזוי סומנע געיאָמערט מײַן וועלט מיר,
און האָב איך געבענקט נאָכן סיריוס און וועגאַ —
איז האָט זיי מײַן בענקשאַפֿט געבראַכט אין אַ רגע.

און ווי דער שוואַרצאַפּל, וואָס האָט בהדרגה
צום חושך זיך צוגעווינט, פֿלינק אים פֿאַרוואַנדלט
אין ליכט, וואָס באַפֿענצטערט די שוואַרצע בערלאָגע,
ווי אָפּשײַן פֿון טויזנטער וואַסערלעך וואַנדלט —
אַזוי האָט אַן אַנדער מין כּוח, אומענדיק,
מיט עקל־געשטאַנק זיך געראַנגלט, געוואָרגן,
צום סוף מיט געוואַלד אים פֿאַרביטן אויף שטענדיק
אויף ריח פֿון היישניט אין פֿרישן פֿרימאָרגן,
אויף ריח פֿון פֿרײַטיק צו נאַכטסן, פֿון זעמל,
וואָס איטלעכער האָט נאָך געשפּירט אין זײַן דרעמל.

די רערן, קאַנאַלן, זיי זענען פֿאַרשיידן,
געגליכן צו אומוועגן, שליאַכן און שטעגלעך,
מיר וועלן דערפֿון מיט אַ סדר נאָך ריידן.
געוויינטלעך איז נידעריק ס׳וואַסער, אַז מעגלעך
"שפּאַצירן". בלויז רעגנצײַט הייבט זיך עס העכער
מיט פֿײַפֿעניש ווי מכשפֿה־געזאַנגען,
און גיסט זיך אַריבער דורך זײַטיקע לעכער
אין „שטורעם־קאַנאַל", אין דעם גאָרגלדיק־לאַנגן,
צעליאַרעמט פֿון אונטער דער הויפּטגאַס דער ברייטסטער.
גאַלאָפּ ווי אַ סטאַדע מיט בופֿלאָקסן פֿלייצט ער

און שטאָציק ער דונערט אַראָפּ אין אַ צווייטן,
וואָס יאָגט אין ווילדע אַרײַן. און אַחוץ אים
פֿאַרשיידענע אָפּצווײַגן־רערן באַגלייטן
פֿון אונטער די שמעלערע געסלעך, וואָס פּלוצעם
בײַם רעגנגאַנג ברענגען זיי אויך אַ צושטײַער.
דערבײַ פּלייצט אַרײַן פֿון די זײַטיקע הייפֿן
אַן אייביקער שמוץ ווי גיהנומדיק פֿײַער,
דערלאַנגט מיט אַ האַמער אַ זעץ אין די שלייפֿן.
בײַ נאַכט גייט אַ קלענערער שטראָם, קוים צו הערן,
ווי אָרגלען צעריסענע בורבלען די רערן.

אַצינד, אַז דו זעסט שוין אַן ערך די קאַנווע
באַלעבט מיט קאַנאַלן, — איז לאָמיר פּאַמעלעך
זיך געבן אין קרעטשמע צו אונדז אַ פֿאַרגנבֿע,
באַווײַזן דיר איטלעכן ווינקעלע וועל איך.
אַזאַ איז דער אונטערערד־וואָגל: דורך טראָקער,
אַריבער זאַוואַלנע, דערנאָך פּאָהוליאַנקע,
און לינקס — צו דער ווינגרי, אַוווּ ס'איז דער מקור
פֿון וואַנען עס ציִען זיך קוועלכעלעך בלאַנקע,
באַקענט מיטן נאָמען "די ווינגרישע קוואַלן".
פֿון היגלען דערבײַיִקע טראָפּלען זיי, פֿאַלן.

אין רער, ווו די ווינגרישע קוואַלן פֿאַרזאַמלען
זיך אַלע צוזאַמען און ציִען זיך שפּעטער,
פֿאַרצווײַגט אונטער דר'ערד, מיט אַ סטרוניקן שטאַמלען,
אָט דאָרטן אין רער פֿון אַ דרײַפֿערטל מעטער
בײַם קרייצוועג — איז אויסגעהאַקט ווי אַ לבֿנה
אַ לאָך אין טשוגונענעם באַלקן. דורך דאַנען
אַרײַנקריכן קענסטו אַן מינדסטער סכּנה
אין ערדענעם אויסגראָב און אויסגעגלײַכט שפּאַנען.
דאָס איז אונדזער אייגן געבויטע מאַלינע,
מיר "פֿרייען" זיך דאָ אונטער פּליגל פֿון שכינה.

ווער זענען דאָס אָבער די "מיר", וואָס באַווייַנען
די וואַסער־פּאַלאַצן, איז ווילסטו דאָך וויסן?
כ'וועל מאָלן באַשיידלעך די אַלע פאַרשווינען.
דערציילן דעם אמת מיט ריינעם געוויסן:
תּש"ג, חודש אלול, כ"ג. ניטאָ מער
אין ווילנע קיין ייִדן. די לעצטע טראַנספּאָרטן
אַוועק, ניט צו קומען, אין האַרבסטיקן יאָמער.
אין גדליה דער לערער געשפּרונגען פון דאָרטן,
אַ ווינקל געזוכט און אַהער צו געגנידערט.
געגנידערט — און מיטן געשטאַנק זיך פאַרברידערט.

אויף מאָרגן — געפונען דאָ איינעם אַ פּאַליע
באַנאַנד מיט זײַן מאַמען, דער פאַכטערקע אסתר,
פאַרפלאָכטן בשותפות מיטביידן זײַן דאַליע.
די מאַמע, געניט אין די פינצטערע נעסטער,
פלעגט קריכן פון זומפּיקער נאַכט אויף דער פריַי דאָרט
און זאַמלען אין חורבות, אין ליידיקע שטיבלעך
צעטראָטענע בולבע וואָס הפקר צעשלייַדערט
און שמוציקע אַרבעס. ווי גיבעריש ליבלעך
זי פלעגט עס דערנאָך אירע מיטמענטשן טיילן!
ס'וועט אויסקומען פיל וועגן איר צו דערציילן.

דערווייַל האָט זיך אויכעט געוויזן אַראָנע,
אַ פליט פון האַמבורג, וואָס רעדט ניט קיין ייִדיש,
באַטראַכט אונדזער לשון פאַר גרעסטער סכנה,
און צערטלט אין וואַטע זײַן גורל יחידיש.
און איין מאָל — דאָס וואַסער גיט ראַשיק אַ וויקל
(אַ סימן אַז אויבן אין שטאָט איז אַ רעגן),
ווי אויף אַ צעשווינדלטן מין מאַטאַציקל
פון כוואַליעס, דערטראָגט אַ פאַרשוין זיך אַנטקעגן.
אַ שפּרונג פונעם זאָטל אַ היציקער זאָגט ער:
— איר קענט מיך ניט, ייִדן? בין ליפמאַן דער דאָקטער!

דערנאָך האָט מען אויך אין אַ ווינקל אַ שטילן,
ווו בלויז פֿון לבֿנה־מיַיז טראָגט זיך אַ פֿליעסקען,
געפֿונען אַ מענטשן געוויקלט אין תּפֿילין
מיט אויסדרוק אַזאַ מין, וואָס מערניט אַ מת קען.
די קאָלטנס פֿאַרזאָטן מיט קאַלך. אַנשטאָט בגדים —
אין פֿאַרמעט דאָס ליַיב. ס'איז דער פּרוש רב נתן.
מסתּם האָט אַ מלאך געוויזן דעם סוד אים,
ווו ערגעץ אין דר'ערד זענען ייִדן פֿאַרשלאָסן.
די אותיות פֿון פֿאַרמעט — זיי טראָגט ער אין דרויסן,
כאָטש קיינער דערטראַכט זיך ניט וואָס ער איז אויסן.

דערוויַיל האָט אויך אסתּר, וואָס גייט אויף "געיעגן",
געבראַכט פֿון דער הייך ווי אַ שטראַלכל פֿון גורל
אַ מיידל, געיאָגט אויף די הפֿקרע וועגן.
איר נאָמען איז דבֿורל. די זעלביקע דבֿורל
האָט שפּעטער־צו אונטער אַ גראַטע געפֿונען
אַ בלינדן. דערנאָך איז געקומען אויך איינע
אַ טראָגיקע פֿרוי, וואָס פֿון קבֿר אַנטרונען
מיט שניי־וויַיסע האָר. מיר'ן רופֿן זי קריינע
און וויַיטער מיט איר זיך באַקענען פֿיל נענטער.
און איך בין דער צענטער געווען, דער צענטער.

די שטאָט איז פֿאַרזונקען. די וועלט — פֿאַרקאַפּויערט.
געבליבן אַ צענדליק פֿאַרגראָבענע טיפֿן,
ווו בלויז אַ פֿאַרשימלטער אַשמדאַי לויערט.
נאָר האָפֿענונג האָט זיך באַוועגט פֿאַר די ליפּן
ווי ניט קיין געזעענע רויז... און כּסדר
געמאַניעט, געלאָקט מיטן סוד פֿון קאָלירן,
געעפֿנט אַ מאָרגן אין מאָרגן. נאָך איידער
מע האָט זי געפּרוּווט מיט די פֿינגער באַרירן —
ניטאָ מער די רויז, ערגעץ פֿינקלט דערוויַיטערט,
אַהינטערן טויט, ווי אַ שטערן, און — ליַיטערט.

דאָס הויז אויף דער ווינגרי איז פֿאַליעס אידעע,
דעם האַרטן טשוגון האָט זײַן קאָפּ דורכגעבראָכן.
בטבֿע אַ שווײַגער. דאָך האָט ער די דעה
אויף אַלעמענס טוונג. ווײַל איטלעכער שכן
פֿאַרטרויט זיך דעם פֿאַליען, וואָס מאַכט ניט קיין חילוק
פֿון דעם ביזל יענעם. נאָר מערער ווי אַלע
אָן אויפֿהער ער אַרבעט, באַגײַסטערט און ווילִיק.
איז מאַלע וואָס ער איז אַ יינגערער — מאַלע!
אַ פֿאָלק זאַלבע צענט! און עס קענען מיליאָנען
זײַן שטויב, און קיין כּוח ניט האָבן צו מאָנען...

אַ פֿאָלק זאַלבע צענט! און מיט אײַנזען און כּבֿוד
האָט פֿאַליע אַ פֿונקציע פֿאַרטיילט יעדער איינעם,
צו אויספֿילן פּינקטלעך ביז קומען די שעה וועט
פֿון אויסלייז פֿאַר אַלע קאַנאַלענע שכנים.
— דו גדליה, דער לערער, וועסט שרײַבן די כראָניק
לזכר די קומיקע דורות, טאָג־טעגלעך.
דו ליפּמאַן, אַ דאָקטער, מע זאָגט פֿון לאַנגאָניק,
דו וועסט אונדז פֿון מחלות פֿאַרהיטן ווי מעגלעך.
זײַן וואַך עס זאָל יעדער זיך באָדן און קאַמען,
זײַן וואַך, אַז דאָס טרינקוואַסער זאָל ניט פֿאַרסמען.

און דו, וואָס דו קלײַבסט זיך צו ווערן אַ מאַמע —
האָט פֿאַליע בשתיקה געמורמלט צו קריינען,
וועסט האָדעווען טאַקע דאָס קינד וואָס מײַן מאַמע
געבראַכט האָט אַנוסטן. דו וועסט זיך געוויינען,
וועט שפּעטער זײַן גרינגער. דער דאָקטער וועט גרייַלעך
דיר העלפֿן. הײַנט־מאָרגן באַקומסטו אַ וויגל,
אַ פּרימוס, אַ לעמפּעלע אייל און אַ לײַלעך,
און מילך וועל איך ברענגען אַ פֿולינקן קריגל.
געזאָגט איז געזאָגט. נאָר דעם קינד אין זײַן ווייטיק
די צערטלעכע האַנט פֿון אַ מאַמען איז נייטיק.

און איר — האָט ער ווײַטער גערעדט — פּאַני קרובֿ,
גערעדט צו דעם בלינדן וואָס זאָגט ניט זײַן נאָמען —
וועט זײַן בײַם אַרײַנגאַנג אַ וועכטער, זײַן ערובֿ
עס זאָלן ניט אָנקומען אומגעריכט שטראָמען
און שפּילן אַ חתונה. נאַכט וועט איר שלאָפֿן,
פֿאַרקערט ווי מיר אַלע, און זײַן וועט איר אויפֿיק
בײַ טאָג, וועט פֿאַרהיטן דאָס הויז, לאָמיר האָפֿן,
און האַלטן אין האַנט פֿון קאַנאַל־נעץ דעם דופּק.
ווי נאָר אַ פֿאַרדעכטיקער שאָרך וועט אַ גיי טאָן —
אַ צי פֿאַרן הענגדראָט וואָס איכ׳ל פֿאַרגרייטן.

דעם פּליט אַראָנע, געשולט אין פֿינאַנצן,
האָט פֿאָליע באַשטימט ער זאָל ווערן דער מײַסטער
אין אויפֿקלײַבן געלט, עס באַהאַלטן אין גאַנצן
בײַ זיך, אין אַ גרויסן מלוכישן טײַסטער.
אַחוץ דעם, געקריינט איז ער אויך פֿאַרן היטער
פֿון שפּײַזקאַמער. ברויט וועט מען מוזן זיך שאַפֿן,
און זאָל ער פֿאַרטיילן מיט האַנט מיט געניטער,
דער הונגער זאָל קיינעם פֿון אונדז ניט פֿאַרשקלאַפֿן.
צו ערשט האָט דער פּליט געספּקט אַ ווײַלע,
נאָר אײַנגעשטימט נאָכדעם אָן פֿרעגעכץ, אָן שאלה.

— און איר — האָט זיך פֿאָליע געווענדט צו רב נתן,
באַשטימט וואָס איר ווילט. נאָר דער פּרוש דער גרײַזער
נאָך אַלץ אינעם בלעכענעם פֿאַרמעט פֿאַרשלאָסן,
האָט אומגעזען־שטיל זיך דערדרוקט ווי אַ ווײַזער:
— רבותי, דערלויבט מיר צו זײַן אײַער שוסטער,
איך וויל כאָטש מיט עפּעס באַהילפֿיק זײַן, דינען.
און אויסגעהערט האָט מען די רייד ווי אַ מוסטער
פֿון מענטשלעכער טרײַשאַפֿט, וואָס ניט צו געפֿינען.
זיי האָבן אייבצײַטיק דערפֿרייט און דערשראָקן.
מע האָט מיט אַן אָפּשײַ געקוקט אויף דעם זקן.

— און דו ווערסט אונדז וואַשן די קליידער, די בלוזעס, —
האָט פֿאַליע אַרײַנגעפּלוישט דבֿורלען אין אויער, —
אויב שווער, וועל איך צוהעלפֿן גערן, מע מוז עס.
און דו, חבֿר דיכטער, באַזון אונדזער טרויער
מיט לידער. אַ פֿאָלק זאָלבע צענט איז מסתּמא
אַ פֿאָלק. ס'וועט מײַן מאַמע באַזאָרגן מיט עסן
און איך — מיטן וואַרעמען ברויט פֿון נקמה,
דער קרבן זאָל קיין מאָל די האַק ניט פֿאַרגעסן.
אַזוי האָט ער, פֿאַליע, מיט שׂכל, באַקלערטקייט,
פֿאַרטיילט יעדער איינעם זײַן חלק באַשערטקייט.

ווי צווײַגן דורך נאַכטיקן רעגן באַקאַרשנט,
מיט היימישקייט האָט זיך צעבליט די מאַלינע.
דער הײַנט האָט בײַם נעכטן דעם ווילן געירשנט.
עס איז דאָ אַרײַן אַ תּנכישע שכינה.
און אפֿשר געקומען די גילדענע פּאַווע,
צעשפּרייט אירע ווייכע שמאַראַגדענע פֿליגל?
און אפֿשר האָט פּרצעס קונצמאַכער זשוואַווע
פֿאַרכּישופֿט דאָס הויז מיט אַ לאָמפּ, מיט אַ וויגל?
נאָר וויגל איז וויגל, דאָס פֿלעמעלע — ברעניק
און וועלט איז דעם בלאָטיקן מענטש אונטערטעניק.

דאָס קינד האָט געצאַנקט. וועדליק ליפּמאַנס טעאָריע
באַדאַרף מען פּריש בלוט אים אַרײַנגעבן אײַליק.
נאָר אסתּר זי האַלט ניט פון יענעמס דאָקטאָריע
כאָטש אָפּגעבן ס׳האַרץ פאַרן קינד וואָלט זי גרײַליק.
עס האָט זיך פאַרעקשנט די רויקע אסתּר,
אַז אויב מע וועט דאָדערט אַ ציגעלע ברענגען
וועט ס׳קינד פון דער ציגענער מילך ווערן פעסטער.
וועט ס׳נפשל מער אין דער לופטן ניט הענגען.
דעם זעלבן פאַרטאָג איז די פרוי שוין געקראָכן
פון גראַטע אַרויס צו מאַטייקען דעם שכן.

פאַרדרייט אַרום קאָפּ אַ געבלומטע פאַטשיילע
האָט אסתּר אָן מורא די גאַסן געמאָסטן.
ווי האָזנפּלייש רויט, ווען עס שמעקט מיט נבֿלה —
די שאַרלאַכע זון אויף אַ דאַך אַ פאַרראָסטן.
פאַרבײַגייער האָבן געצויגן פאַראומערט:
— ווו כאַפּט מען אַ ידל? ווו כאַפּט מען אַ גראָשן?
עס האָבן דיביימער שוין מער ניט געזומערט —
אין אייגענעם טויען־געפּריר זיך געלאָשן.
און איבער אַ גאַס — אַ פלאַקאַט אין געשימער:
„די שטאָט איזט בעפּרײַט פאַן דען יודען פיר אימער".

דורך סובאָטש, אויף רוזעלע, הינטערן בערגל,
דערקענט זי איר הײַזקע מיט שינדלען באַגראָזטע.
ס׳צעקרייט זיך אַ האָן מיט אַ האַרבסטיקן גערגל:
מיט ליב דיר דײַן היימישע ערד, באַלעבאָסטע.
אַ זונרויז מיט בלעטער ווי געלינקע פלעמלעך
פאַרנייגט זיך דורך פלאַנקען־שטאַכעטן פאַראָבֿלט.
דערנעבן — פאַרשרומפן די ייִדישע קרעמלעך
מיט קרעפּיקע בלעטער באַשיט, ווי אַ קראָ וואָלט
אַרויסגעפּיקט זייערע תּפֿילות, ניגונים.
דערבײַ — אַ מצבֿה: דער הילצערנער ברונעם.

אַהינטערן ברונעם, באַפּעדעמט מיט נעפּל,
איז קענטיק דער בעלמאָנט. אַנטקעגן, בײַם פּלאַנקען —
אַן עפּלבוים גלאָצט מיט אַן אײנציקן עפּל,
ווו בליצן בײַנאַכטיקע גאָלדיק נאָך צאַנקען.
צי האָט זיך דער עפּל פאַרעקשנט מיט העזה
און וויל ניט אַראָפּ אין די הענט פון פאַרשוועכער?
עס צערטלט איר בליק זײַנע בעקלעך די ראָזע
אויף צווײַגל פאַרריסן פון אַלעמען העכער.
נאָר טוט זי געגענען צום עפּל, איז פאַלט ער
אַליין איר אין האַנט ווי אַ קוש אַ צעשטראַלטער.

באַנאַנד מיטן עפּל — זי היפּערט שוין גיכער
צום שכן מאַטייקעס געהויקערטער כאַטע.
אַ קלאַפּ — און די טיר גיט אַ פּידל ניט זיכער,
ס׳באַווײַזט זיך אַ פויערל קנייטשיק, האַרבאַטע.
דאָס פויערל צלמט זיך איבער: עסטושאַ!
און אסתּר דערלאַנגט אים דעם עפּל אַן ווערטער.
דאָס מיינט: ס׳האָט דער בוים נאָך פאַרהיט די ירושה.
מאַטייקע פאַרשטייט ניט, ער גאַפּט אַ פאַרקלערטער.
נאָר באַלד ווערט מען היימיש און אסתּר נעמט ריידן.
די אַלטע גוטפרײַנדשאַפט באַגאַרטלט שוין ביידן.

אין כאַטע איז טונקל, אַ קאַפּעלע העלער
פון אירע בלאָ־שטאָלענע זשומיקע פליגן.
דער טיש ווערט באַוואָקסן מיט בלינעס אויף טעלער,
און אסתּר דערציילט וואָס די צײַט האָט פאַרשוויגן.
געהערט אַז אויך פאַליע ער לעבט, — האָט דער פויער
צעשמייכלט זיך אַזש, ווי ער וואָלט מיט זײַן שמייכל
געוואָלט פון דער כאַטע פאַרטרײַבן דעם טרויער,
און תּיכּף באַטראַכט מיט אַ גראָדיקן שׂכל:
קומט ביידע אַהער. אויב דײַן זון איז אַזאַ נאָר
ווי פריִער, באַדאַרף אים דער וואַלד, פאַרטיזאַנער...

— זײַ וויסן, די וועלט נאָך געהערט צום גערעכטן
(און אסתּר דערפֿילט: זי איז ניט אַזוי שפּל),
אַדאַמעק, מײַן זון, איז געקומען דאָ נעכטן
פֿון פּושטשע, ער דרעמלט פֿאַרשיט מיט קאַרטאָפֿל.
ס׳געדויערט ניט לאַנג און דער בלאָנדער אַדאַמעק
איז אויכעט בײַם טיש. דער פּיסטויל אין כאַליאַווע,
דאָס פּנים פֿאַרוואָקסן, באַוואַלדיקט און פֿלאַמיק,
און מעשׂיות דערציילט ער, משונה־טשיקאַווע.
דערציילט ווי זיי האָבן צעשלאָגן קאָבילניק
און וועגן אַ שלאַכט אויף אַן אַלטן מאָהילניק.

— איך וויל ניט באַהאַלטן די וואָר, מײַנע ליבע,
זאָגט אסתּר, אַן פֿאַליען איז שווער צו באַשליסן.
אַצינד איז מײַן קומען אַהער מיט אַ סיבה:
אין אונדזער קאַנאַל איז פֿאַראַן, זאָלט איר וויסן,
אַ קינד. עס איז קראַנק און צעפּײַניקט פֿאַר הונגער,
וואָלט גוט געווען ברענגען אַ ציגעלע דאָרטן.
עס גאַפּעט דער אַלטער, עס דומעט דער יונגער:
געהערט שוין געדאַנקען פֿון אַלערליי סאָרטן —
אַזוינס אָבער ניט. נאָר די פֿאַכטערקע אסתּר
פֿאַרטײַטשט איר געדאַנק איבערצײַגיקער, פֿעסטער.

פֿאַר נאַכט האָט אַ פֿרוי אין געבלומטער פֿאַטשיילע
געטריבן אַ ציג מיט אַ פּולינקן אײַטער.
דערבײַ אויך געטראָגן אַ בלעכענע כּלי,
די ציגענע זיסקייט צו מעלקן. וואָס ווײַטער
דאָס ציגעלע האָפּסלט, אַלץ מער ווערט עס קשה:
איך האָב אַזאַ וועג ביז אַצינד ניט באַטראָטן.
צי פֿירט ער אין לאַנקע צי אפֿשר צום רשע?
אַן ענטפֿער דערויף קען מען פֿרעגן בײַם שאָטן.
אַ שאָטן איז — אמת. פֿאַרשטאַנדיק זײַן ריידן.
ער שרעקט זיך פֿאַר איינס: פֿאַרן דאַרפֿן זיך שיידן.

די צײַט איז צעריסן. ווי האַמלעט זי פֿרעגט זיך
איר ״זײַן־צי־ניט־זײַן״ אין פֿאַרזשאַווערטע רערן.
דער טאָג הייסט דאָ נאַכט. ביז די אָוונטשײַן עקט זיך
פֿאַרבאָטן איז ריידן. — עס קען נאָך דערהערן
דער שפּירדײַטש וואָס לאָקערט מיט זיבן שפּאַן העכער,
איז ליגט׳ן פֿאַרקנוילט און מע גריזשעט אַ חלום
ביז וואַנען די נאַכטיקייט מויזט אין די לעכער —
און דענצמאָל איז טאָג. הייבט מען אויף זיך בשלום,
מע וואַשט זיך אין קוועלכל און מ׳איז זיך מתעסק
בײַם בויען אַ לעבן ווי נייטיק, ווי פּאַסיק.

נאָר פֿאַליע איז וואָך דורך די גאַרע מעת־לעתן.
אין אָדערן פֿלייצן אים שפּליטערס חלפֿים.
ער קען דאָס געוועזענע מער ניט פֿאַרגעסן,
זיך אָפּגעטאָן האָט פֿון די אויגן דער שלאָף אים:
צי מעג ער זיך דאָ פֿאַרקאַנאַלעווען ווײַטער?
דערוואַרטן באַפֿרײַונג — וואָס האָט פֿאַר אַ זינען?
עס יאָגט דער געדאַנק ווי אין שלאַכטפֿעלד אַ רײַטער:
פֿאַרלוירן דעם וועג, — איז אַן אויסוועג געפֿינען!
און בילדער נאָך בילדער, וואָס אָקערשט פֿאַרשוווּנדן,
זיי גיבן אַ בליאַסק ביזן ביין אָנגעצונדן.

די קאַמפֿן אין געטאָ... ער איז זיך מתוודה:
קיין איינציקע רגע ניט אָפּ פֿונעם פּאָסטן.
פֿאַרטיידיקט דעם גײַסט אין דעם גופֿס באַריקאַדע,
מיט שׂינאה אַקעגן דעם פֿײַנד זיך פֿאַרמאָסטן.
זײַן טאַטע דערבײַ האָט גערופֿן דעם גואל
און שופֿר געבלאָזן אי תקיעה, אי שבֿרים.
געהויבן צום הימל די הענט: שמע ישׂראל!
און נאָכדעם געפֿאַלן דעם זון אויפֿן אָרעם.
נאָר ווײַטער פֿון ״שמע״ האָט זײַן בליק זיך געריסן,
געבליבן אַ טשוואָק בײַ דעם זון אין געוויסן.

און שפּעטער? געוואָלט מיט די לעצטע חבֿרים
אַנטלויפֿן אין וואַלד. נאָר ווי לאָזט מען אַ מאַמען?
און רונד אַרום געטאָ איז פֿול מיט מערדיירים.
קיין קוילן — ניטאָ. זענען ביידע צוזאַמען
אין לעצטע סעקונדן אַנטרונען אַהער דאָ,
אין מלכות פֿון מײַז און ברילליאַנטענער בלאָטע.
צי האָט ער פֿאַרשוועכט פֿון אַ קעמפֿער די ווערדע,
באַדאַרף ער זיך שלאָגן אין ברוסט אויף חרטה?
ניין־ניין, ס׳איז ניט מעגלעך ס׳געבוירויז צו באַהאַלטן:
צערעדט ער זיך פֿראָסט פֿאַרן הײַפֿל געשטאַלטן:

— אָ, ברידער! אין פֿינצטערניש הערט מײַנע רייד אויס.
איך קען מער ניט וואַרטן אויף גוטע באַפֿרײַער,
כ׳וויל קעמפֿן אין וועלדער... כאָטש ס׳האַרץ איז מײַן עדות
ווי נאָענט איר זענט מיר געוואָרן, ווי טײַער.
עס עקלט מיך יעדער באַוועג מיט מײַן אָרעם
פֿון רגע ווען כ׳האָב זיך געשיידט מיט די וואָפֿן.
עס קנײַפּן מיך פֿינגער געוואַקסן אויס קבֿרים:
— קויף־אויס אונדזער אומקום, דערפֿיל אונדזער האָפֿן!
איז ווי קען איך אַנדערש אַן ענטפֿער זיי געבן?
ניט מיר — עס געהערט צו די טויטע מײַן לעבן.

נאָר דאָ האָקט אים איבער דער פּרוש רב נתן,
געהילט אין יריעות אַנשטאָט אין געווענדער,
וואָס תּמיד איז ער ווי אַ ברונעם פֿאַרשלאָסן
און לעבט מיט ירושה פֿון צײַטן און לענדער:
— קומט אויס וועדליק דיר, יונגערמאַן, אַז דאָס הרגען
איז חשובֿער איידער צו העלפֿן אַ ייִדן?
פֿון דײַנטוועגן קענען מיר אַלע זיך וואַרגן,
אַבי דו אַליין זאָלסט אַוועקגיין צופֿרידן?
צו ערשט מאַך זיך קלערער דײַן אייגענעם רעיון —
דערנאָך קענסטו יעדער מינוט זיך באַפֿרײַען.

— וואָס הייסט? נעמט אין פֿאַליען דאָס אײנגעווייד ברומען —
אַ זינד איז צו נעמען נקמה? און ס׳ענטפֿערט
רב נתן: דו האָסט מײַנע רייד ניט באַנומען;
מיר זענען דעם אַשמדאַי איבערגעענטפֿערט.
פֿאַראַן דאָ אַ טראַגיקע פֿרוי און אַ בלינדער,
די פֿרוי דאַרף בקרובֿ געבוירן, באַנעם עס.
נאָך אָטעמט אַ קינד אין דער בלאָטע אַצינדער,
נאָך טליִעט אַ פֿאָלק זאַלבע צענט מיט זײַן אמת.
און דו ווילסט אַנטלויפֿן, די עדה צעשפּאַלטן,
צי וועט דיך דײַן אייגענער גײַסט ניט פֿאַרהאַלטן?

נאָר אויבע, מײַן זון, דײַן געדאַנק איז אַן אַנדער —
נאַכסאַל דאַרף איך בינדן מיט שטריק זײַנע פֿליגל?
געבענטשט זאָלסטו זײַן מיט דער ביקס אינעם וואַנדער,
זי זאָל דיך באַשיצן ווי חונין זײַן עיגול.
דערנאָך האָט דער פּרוש באַגאָסן די נעגל,
גערופֿן די מענער און איז מיט כּוונה
אַוועק צו אַ גראַטע דורך זײַטיקן שטעגל,
כּדי דאָרט מחדש צו זײַן די לבֿנה.
— אוי, שלום עליכם, עליכם השלום.
דאָס ציגעלע האָט זיך געוועקט אויסן חלום...

ס׳איז פֿאָליע געבליבן פֿאַרחידושט: אַנטקעגן
עס האָפּקען גאָר ייִדן: אוי, שלום עליכם!
ווער האָט מיך פֿאַרכּישופֿט? — געלוסט זיך אים פֿרעגן.
ווער זענען די לײַט? נאָר עס גיט אַ דערגרייך אים
אַ מורמל־געשווײַג ווי אַ שנײַדיקער פֿאָדעם
און רײַסט זיך פֿונאַנדער בײַ ערשטער באַרירונג.
ס׳איז דבֿורל. זי שטיקט אירע זוניקע פּחדים.
אין טונקלעניש גלימצערט איר צאָרן ווי צירונג.
מיט ליפּן פֿאַרשלאָסענע צוימט זי די ווערטער.
און פֿאָליע, ער צײַנערט אַרויס אַ באַשווערטער:

— וואָס רעדסטו ניט, דבֿורל, דו ביסט אויף מיר ברוגז?
דורך וועלכן קאַנאַל איז דײַן שמייכל פֿאַרפֿלויגן ?
פֿאַרטרײַב פֿון די ליפּן דעם וואָלקן, וואָס טויג עס !
נאָר דבֿורל איז דווקא אין טרויער פֿאַרזויגן.
און בלויז אַ לבֿנה־שטראַל פֿאַלט ווי אַ ווענדע,
פֿאַרשפּרינגט אויף צוריק מיט אַ טרער אויפֿן אַנגל,
אין טראָפּן פֿאַראייביקט איז שוין די לעגענדע.
פֿאַרשפּיגלט, פֿאַרזיגלט דעם לעבנס געראַנגל.
נאָר דבֿורל דערלאַנגט זיך אַ ריס, נעמט פֿאַרשווינדן
דורך אָפֿענער קליאַפּע אין חלל דעם בלינדן.

צעטומלט איז פֿאָליע. זײַן שטאָלץ איז באַליידיקט.
אַ יאָג — און געכאַפּט זי, גענומען געפֿאַנגען.
נאָר ווי פֿון אַ פֿרעמדן איר לײַב זי פֿאַרטיידיקט
און איבער די שטראָמען צעלויפֿן זיך קלאַנגען:
— צום ווידערזען, פֿאָליע, נאָר ווי לאָזט׳ן איבער
אַ מאַמען ? פֿאַרשטייסטו וואָס מיינט עס: אַ מאַ — מען !
אַ וואַסערשטראָם פּאַטשט זיי די פּיס, יאָגט אַריבער.
פֿאַרגאָסענע ציט מען זיך נענטער צוזאַמען.
עס ענטפֿערט די שטומקייט מיט זילבערנע רינגען,
מיט מויזן־געפּליעסק און געפּײַפֿלטן שפּרינגען.

און פֿאָליען באַשלאָגט אַ פֿאַרליבטע פֿאַרשעמטקייט,
אַז פּאָפּעריק שטעלט זיך דער ענטפֿער אין גאָרגל.
צום אייגענעם אָטעם דערפֿילט ער אַ פֿרעמדקייט.
ער שווײַגט. נאָר דער וואַסערשטראָם שפּילט ווי אַן אָרגל
פֿאַרביידן. אין זעלבן מאָמענט זיי דערהערן
דער פּאַכטערקעס קול: ווו באַהאַלט איר זיך, קינדער ?
און ביידע זיי ענטפֿערן גלײַך דורך די רערן:
— אָט דאָ! אײַלט די מאַמע שוין דעמאָלט געשווינדער:
— אַ קריגעניש גאָר ? לאָזט געמאַך, אַ געלעכטער.
די צײַט וועט שוין פּסקענען ווער דער גערעכטער.

...און העט ביַי דער גראַטע מע האַלט נאָך אין טאַנצן
ביַי פֿרישן לבֿנהוועבס פֿול מיט הנאה.
ביז וואַנען דער מולד צעפֿאַלט זיך אין גאַנצן
אין ליכטזיַילן אָקערשט געבוירענע, בלאָע.
און זילבערנע כּרובֿימלעך פֿלאַטערן, טויכן
אין וואַסער, דערטרינקען זיך, שימערן ווידער.
זיי שמעלצן פֿונאַנדער מיט וואַרעמע הויכן
די פֿינצטערניש, טוען באַליַיכטן די גלידער.
דאָס ציגעלע בלויז, וואָס די ציַיט אים עגאַל איז,
קראַצט וויַיטער דאָס בערדל אין גאָלע התגלות.

די קבֿורה

בײַ נאַכט אויף זאַרעטשער בית־עלמין. עס רעגנט,
און פֿייגעלעך פֿאַלן פֿון חרובֿע נעסטער.
מיט בליציקע סטרונעס באַצויגן די געגנט.
עס ברענען אין רעגן מצבֿות. און אסתּר —
צעווישן די קבֿרים. זי רײַסט מיט די נעגל
די בייניקע ערד און פֿאַרשטעלט מיט דער פּלייצע
דעם שלאַקס. איר געקלייד, ווי אין שטורעם אַ זעגל.
ניטאָ פֿאַרן קוואַליקן וואַסער קיין עצה.
וואָס טיפֿער זי גראָבט, ווערט דאָס קבֿרל פֿולער.
דאָס פּנים פֿון טויט איז דער רעגן דער דולער.

באַפֿעסטיקט דעם קבֿר אַרום און אַרומיק
מיט ליים — נעמט זי אויסשעפּן אײַליק דאָס וואַסער.
און וויקלט אַרויס אין געהיים פֿון אַ קלומעק
אַ קינד. אין דער נאַכט אין דער בליציקער, נאַסער,
נעמט לײַכטן אַ מתל, די גרייס ווי אַן אָרעם.
זי איז עס מטהר אין רעגן. עס קומען
אַהער צו באַקלאָגן אַ מנין מיט קבֿרים,
באַוואַקסן מיט ברעטלעך ווי הילצערנע בלומען.
דער רעגן ווערט שטילער, אַצינד איז דאָס קינדל
פֿאַרהילט אין תּכריכים — אַ ווײַטינקער ווינדל.

זי ברענגט עס מיט ליבשאַפֿט אין קבֿר: שלאָף רויִק!
(אַזוי ווי אַ קינד ס׳ערשטע מאָל אין אַ חדר).
אַ בליץ ווײַזט אַ יידישן אות וווּ־ניט־וווּיִק,
ער איז דעם בית־עלמינס אַנטפּלעקער, באַשיידער.
און אפֿשר וועט קומען גבֿריאל המלאך
און וואַרפֿן אַ רענדל? ער וואַרפֿט ניט. פֿאַרשאָטן.
אַ שיכּורער בליץ ווײַזט איר אָן דעם מהלך
צוריק צום קאַנאַל, אין באַוואַלקנטן שאָטן.
אַ בינטעלע גראָז פּליקט זי אָפּ אונטערוועגנס
און ברומט אַ געזעגנס, און ברומט אַ געזעגנס.

פֿון וואַנען קומט דבֿורל?

פֿון וואַנען קומט דבֿורל? איך האָב זי עס זעלטן
געפֿרעגט. ווייס דער שטערן אַליין פֿון זײַן ליכטונג?
און ווייס דען דער פֿײַטן פֿון וואָסערע וועלטן
עס צוויבערט צו אים אין געהיימשטאָט זײַן דיכטונג?
זי קומט אומגעריכט ווי די פֿרייד, ווי די אומפֿרייד.
אַ דבֿורל אַזאַ מוז אַנטפּלעקן זיך אייביק
מיט זוניקן שמייכל ווי העלע טריומף־רייד,
כּדי דאָס געפֿיל זאָל זיך אויפֿהאַלטן גלייביק.
אָן דבֿורלען — גייט עפּעס פֿאַרלוירן אַן עיקר,
עס וויינט די באַשאַפֿונג צעריסן אויף שטיקער.

איר פּנים — ווי דורכזעיִק־ראָזלעכער פֿאַרפֿאָר
אַנטקעגן אַ פֿלעמל. ס׳באַוואַכן זי שטאָלצע
פֿאַרהויבענע צעפּ. און די אויגן — אַלץ שאַרפֿער,
ווי אָן דער לבֿנה־שײַן שלײַפֿן זיי וואָלט זי.
און שטראַלן געבויגן אין אָוונטיק וואַסער
דערמאָנען דיר גלײַך אירע הענט, ווען זיי גיבן
מיט צאַרטער באַוועגונג אַ לײַכטן פֿאַרמסר,
אַז איבער דעם אומקום עס קיניגט דאָס ליבן.
די הענט פֿלעגן קאָרמען קלאַווישן מיט קלאַנגען,
דער עכאָ פֿון זיי איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרגאַנגען.

געבראַכט אין קאַנאַל האָט זי אסתּר. געפֿונען
אַהינטער דער שטאָט, אין געקלייד פֿון אַ נאָנע.
דאָס מיידל איז טאַקע פֿון קלויסטער אַנטרונען
ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט אַהין די סכּנה.
און דאָ, אין געהיימשטאָט, מיט הונגער באַפֿלייטלט,
איז דבֿורל פֿאַרוואַנדלט אין הונגערס פֿאַרבײַטער.
אַ בליק נאָך אַ בליק ווערט אַרום איר געקייטלט,
פֿאַרטונקלט אַ רגע און קייטלט זיך ווײַטער.
ס׳האָט אסתּר באַמערקט די פֿאַרהוילענע יעגער
און דבֿורלען גענומען צו זיך אויף געלעגער.

עס העלפֿט ניט. ס׳וויל איטלעכער ליגן כאָטש נענטער
צו דבֿורלען. איר חלום זאָל ווערעמען. גדליה,
וואָס פֿירט דאָ אַ פּינקס — ער לוגט אַ צעברענטער
אין פֿינצטערניש. וואַרפֿן זיך גרייט אין באַטאַליע.
ווײַל זינט ער האָט חיִיש דערשמעקט אַז אין דבֿורלען
אַ צאָרן זיך קלייעט צו פֿאָליען, האָט כיטרע
געוומען בײַם לערער אַ זיכערקייט יוירלען.
אים אַרט ניט, וואָס דבֿורל, געשפּאַנט ווי אַ ציטרע,
טראַכט אַנדערש. דעריבער האָט אָפּט זיך געטראָפֿן
אַז א ו נ ט ע ר איר נאַרע אַוועק איז ער שלאָפֿן.

וועז ס׳נאַכטיקט די שטאָט, רוען אויך די קאַנאַלן.
עס ציִען זיך שטרעמלעך — פֿאַרוואָגלטע שעפּסן.
דער ״שטורעם־קאַנאַל״ מיט זײַן ליאַרעמען, שאַלן,
איז אײַנגעשטילט. פֿינצטערע, פֿײַכטע געוועבסן
באַטאַפּן די לופֿט. ווי אַ שנירל פֿון דימענט
אַ קוועלכעלע ציט זיך בלחש אין מיטן.
די נאַכט איז מיט אָפּגלאַנץ פֿון קוועלכל באַסימנט.
דאָס פּרוווט אין דער בלאָטע זײַן צורה פֿאַרהיטן,
כּדי ניט אַרײַנפֿאַלן סתּם אין ווילִיע...
נאָר שווער! ס׳איז די זומפּיקע נאַכט אַ מניעה.

אין ״שטורעם־קאַנאַל״ פֿון אַ מעטער מיט זעכציק
שפּאַצירט אונדזער דבֿורל כּמעט ניט געבויגן.
עס וואַנדערט אַ ווינטל פֿאַרזשאַווערט און קרעכציק
און באַלד — אין אַ צווייטער מאַלינע פֿאַרפֿלויגן.
און אָט פֿלייצט אַרײַן פֿון אַ זײַטנרער לעבלעך
דער שטראָם פֿון אַ וואַנע מיט ריח פֿון זייפֿן.
און דבֿורל זי שוועבט איבער ברונעמלעך, טרעפּלעך,
און ווייס אַקוראַט ווו זי איז, וועלכע הייפֿן
ס׳געפֿינען זיך אויבן, גלײַך דאָרטן געגאַנגען,
און האָרכט ווי די שטילקייט נעמט אויסקנײַפּן קלאַנגען.

צו ערשט קומען שטיקעלעך גלאָז און באַרירן
זיך איינס אָנעם אַנדערן. בלעכלעך און טשוועקעס
פֿאַרשטאַרקן דאָס פּלוישעכץ אין וואַסערס געהירן.
פֿאַרקלעזמערטע שאָטנס באַוווינען די שטרעקעס.
און ווי אויף קלאַווישן עס טראָגט זיך דאָס מיידל,
פֿאַרגעסן וווהין און צו וועמען זי וואַנדלט.
פֿאַרבאָרגענע טענער, געשליפֿן און איידל,
זיי האָבן די רער אין אַ גאָרטן פֿאַרוואַנדלט.
צאַף־צאַף, צאַף־אַצאַף, עס באַטרעלן, דערפֿרייען
אין גאָרטן, לבֿנהדיק־צאַרט, סאָלאָווייען.

זי ציילט אירע טריט, ניט צו ווערן פֿאַרלוירן,
און פּליושקעט מיט זיי אין די וואַסערן באַרוועס.
פֿון גאַרנישט עס ווערט אַ סימפֿאָניע געבוירן.
צי האָבן די טענער פֿאַרצויבערט זי נאַר־וואָס?
און דבֿורל דערמאָנט זיך: אַ צימער, אַ פּיאַנע;
דער שאָטן פֿון פֿענצטער שלאָגט אָפּ אויף קלאַווישן;
די פֿינגער וואָס זענען אַליין זיך מקנא
און פֿאַנגען די קלאַנגען אַרום און צעווישן.
עס ווערן די חושים געשליפֿן, געריייניקט
און דבֿורל — צוריק מיט איר פּיאַנע פֿאַראייניקט.

צאַפּ־צאַפּ, צאַפּ־אַצאַפּ. די מעלאָדישקייט — העכער.
אַנשטאָט סאָלאָווייען — גאַר מײַז אין די טשאַטעס
צעשטורעמטע יאָגן פֿון זײַטיקע לעכער
און שפּרינגען זיך ווילעריש אונטער די גראַטעס.
נאָר דבֿורלען באַהערשן אַלץ מער די צאַפּצאַפּן.
די פֿייגלמײַז מאַנען, פֿאַרשיכּורן, קלאַנגלען.
וויל דבֿורל אַ ווערק פֿון די טענער באַשאַפֿן!
זי פֿילט ניט די שטראָמען וואָס רינגלען זי, ראַנגלען.
פֿאַרצייכנט זי גיך אין דער פֿינצטער די נאָטן,
זיי זאָלן חלילה קיין קלאַנג ניט פֿאַרראָטן.

פֿון וואַנען זאָל פֿילן דאָס מיידל, אַז אויבן
איצט מבֿולט אַ רעגן און ריזלט דאָ האַסטיק?
זי שרײַבט, קאָמפּאָנירט מיט אַ פֿריידיקן גלויבן,
באַהערשט פֿון דער זעלטענער פֿײַנער פֿאַנטאַסטיק.
שוין גרייכט ביז די קני דאָס צעקאָכטע געוועסער
מיט פֿלייציקע פֿידלען, וואָס שפּילן אָן קיינעם.
עס טרילערן פֿלייטן, עס בויערן בעסער:
באַזונדער — אין איינעם, באַזונדער — אין איינעם.
עס פּלאַצט אַ געוויין! און עס ברויזן אַקאָרדן,
ווי איינער וואָלט וועלן — דעם צווייטן דערמאָרדן.

די נאָטן — אין מויל, אינעם שטראָם ביז די לענדן,
זי שווימט עלעהיי צווישן שטיינער אַ שיפּל.
פֿאַרשווונדן דער גאָרטן, די אָנהייבן, ענדן.
דאָס מיידל געדענקט ניט די גאַסן און וויפּל
אַריבער. זי פֿעסטיקט זיך איַין אין די רונדן,
דער שטראָם זאָל ניט מיטשלעפּן זי אין ווילדע,
און נישטערט איר היים... נאָר די היים איז פֿאַרשווונדן
אַזוי ווי אין פֿרילינג אַ זוניקע קריע.
זי שווימט אַזוי לאַנג ביז דאָס וואַסער נעמט פֿאַלן
און בלײַבט ערגעץ ליגן אין זאַמד פֿון קאַנאַלן.

גערולדיקער לייענער, זוך ניט אַרומעט
דעם דיכטערס פּערזאָן אין דער ווילדער פּאָעמע.
אַחוץ אים וועט אויך דאָ געגוג זײַן דער אומעט
און לײַדן דערפֿון וועט ניט לײַדן די טעמע.
נאָר אויב דו ווילסט דווקא דערשנאַפּן דעם דיכטער,
דערגיין זײַן באַציִונג צו זיך און צו יענעם —
גראָב טיפֿער זיך אײַן אין די שאָטנס און ליכטער
פֿון זײַנע חבֿרים, דאָרט וועסטו דערזען אים
נאָך בעסער ווי איך. און אַצינד וועל איך פֿירן
דיך ווײַטער אין אונדזער געהיימשטאָט שפּאַצירן:

ווען דבֿורל האָט פֿול מיט התלהבֿות געשאַפֿן
די מויזן־סימפֿאָניע אין קלאַנגיקן פֿינצטער,
און גאָרניט געפֿילט ווי עס קומט אין געלאַפֿן
דאָס וואַסער, — איז אויך ניט געווען קיין מינדסטער
פֿאָרויספֿיל בײַ אונדז. ס'האָט פֿאַרנומען זיך איטלעך
ווי תּמיד: בײַם פֿאַך, בײַ פֿאַרגרייטן דאָס עסן,
און ווער בײַ אַ שמועס געשמאַק און געמיטלעך,
אַזוי ווי מע וואָלט די סכּנה פֿאַרגעסן.
נאָר ווען ס'האָט דער בלינדער, וואָס שטייט אויף זײַן פּאָסטן,
געגעבן אַ צי פֿאַרן דראָט דעם פֿאַרראָסטן —

— אַלאַרעם! — האָט ס'וואַסער מיט רויש און האַרמידער
געיאָגט ווי פֿון דאַמבעס געפּלאַצטע, פֿאַרשוואַנקען
דעם חלל. און מיר האָבן אַלע זיך ווידער
געלאָזן אין שטראָמיקן קיניגרײַך בלאַנקען
און זוכן אַ מיקלט אַ צווייטן, כּדי צו
ניט ווערן פֿאַרטרונקען אין ווינונג. ס'האָט פֿאָליע
געטראָגן דעם בלינדן בײַ זיך אויף דער פּלייצע
און אסתּר — די ציג, וואָס איז פֿול מעלאַנכאָליע,
און ליפּמאַן — די טראַגיקע פֿרוי, און רב נתן —
דעם אָפּשײַן פֿון ספֿירות אין זעונג פֿאַרשלאָסן.

ערשט דעמאָלט, ווען זון איז אַרײַן אין די סאַליעס
דורך דעכעלעך־גראַטעס און שטראַליק צעברעקלט
איר גאַנצקייט אין רינגען באַרויִקטע כוואַליעס, —
האָט אונדזער טאַבאַר זיך אַ ווײַלע פֿאַרהעקלט
אויף עפּעס אַ וויספּע, ווי אויפֿן אַררט
די תּיבה. געטריקנט אין לעבלעכע שטראַלן
די אײַזקאַלטע בגדים. נאָר ס'האַרץ האָט געטאָרעט
פֿון וועגן דער דבֿורל, וואָס איז אונדז פֿאַרפֿאַלן.
דערווײַל האָט רב נתן געגומען אויך גרימען:
פֿאַרלוירן די תּורה אין מיטן דעם שווימען.

עס האָבן צוויי מענער זיך דענצמאָל געפֿעדערט,
אַוועק צו געפֿינען פֿאַרבלאָנדזשעטע וועלטן.
ניטאָ מער קיין מבול אין כוואַליעס געזעדערט.
אַ שטראָם טוט פֿאַרשפּרינגען די וועגן שוין זעלטן.
דער נאַקעטער פּרוש קען אַלץ ניט באַנעמען
ווער האָט אים געגזלט די תּורה — זײַן קליידונג?
און פֿאַליעס געוויסן — אין פּײַנלעכע קלעמען:
— ניט שוין זשע מיט דבֿורלען די לעצטע צעשיידונג?
נאָר אָט וואָס מיר זענען דערגאַנגען דאָ שפּעטער:
נאָך לאַנגען פֿאַרוואָגל, געבלאָנדזש און געקלעטער,

דערזען האָט דער פּרוש בײַם טײַך אַ דערפֿרייטער
זײַן תּורה, פֿאַרכאַפּט אין שטאַכעטן, צעריסן,
מיט אותיות צעגריזשעט פֿון מײַז. און דער צווייטער
מיט בליציקער בײַטש פֿון דער ליבשאַפֿט געשמיסן —
האָט דבֿורלען דערשמעקט ערגעץ העט אויף אַנטאָקאָל
מיט קאַלטע פֿאַרגליווערטע אָרעמס ווי שטיינער.
און האָט ער געטאָן פֿאַרן קאָפּ זי אַ שאָקל —
באַוויזט זיך אַ בלעטל פּאַפּיר אין די ציינער.
נאָך גוט וואָס אַ ליפּמאַן איז דאָ, זאָל באַוווסט זײַן:
ער האָט עס די קליינע געבראַכט צום באַוווסטזײַן.

ציאַנקאַלי

אין פּאַלאַץ ווו נאַפּאָלעאָן איז געזעסן
דאָרט הערשעוועט גרויזיק די האַק פֿון געסטאַפּאָ.
אַ האַקנקרייץ פֿלאַטערט: דער הערב פֿון מעת־לעתן,
און ס׳דריקט דער פּאַליי ווי אַ חײַשע לאַפּע.
עס יוכצעט פֿון דאָרטן אַ שלאַנגיש געלעכטער
פֿון הויכוווילגעבוירענע הערן און דאַמען,
און ס׳ציילט אויף זײַן רעכן־מאַשינקע דער שעכטער
די וואַרעמע, קעפּיקע צאָלן צוזאַמען.
אין פּאַלאַץ איז פֿריילעך. עס הוליען לזכר
פֿון ווילנע אָן ייִדן — די שוואַרצע דערגרייכער.

נאָר אונטערן פּאַלאַץ—דערציילט אונדז דער בלינדער
ווי ער איז געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט.
(מיר האָבן אַ פֿונק־נײַע דירה אַצינדער
אַליין זיך געבויט אין אַ מאָדנער געשווינדקייט,
צעווישן דעם פּאַלאַץ און קרייצונג פֿון רערן,
ווו ס׳איז אַזוי קונציק אַ טירל פֿאַרבאָרגן.
דערווײַל איז דאָ פֿינצטער. נאָר פֿאָליע קען שווערן,
אַז ער וועט אין קעלער עלעקטרע באַזאָרגן.
אַ דראָט פּרוווט ער ציִען אַהער צו פֿון קאַבל
און ליכטיק זאָל זײַן אונטער נעסט פֿון מחבל!)

דער בלינדער דערציילט: בעת אַ שחיטה אין געטאָ
האָט ער זיך בײַ נאַכט אין אַ קעלער פֿאַרמויערט
מיט ווײַב און מיט קינד. נאָר די פֿײַנד — ניט געזעטע,
זיי האָבן געריסן די ווענט און געבויערט
דעם גרונטפֿעסט. מע הערט דעם גאַלאָפּ פֿון די לויפֿער.
מע זעט דורך אַ שפּעלטל צעהוזשעטע פֿלאַמען.
— זיי וועלן פֿאַרברענען! די מורא אָן אויפֿהער.
באַשליסט מען: שוין בעסער אַליין זיך פֿאַרסמען,
אַזוי ווי ער טראָגט אין אַ קנאָפּ ציאַנקאַלי,
איז וועט ער פֿאַרטיילן חלקים פֿאַר אַלע.

עס דרינגען אַלץ נענטער די טריט פֿון פֿאַרצוקער.
עס קריכט ווי אַ שלאַנג דאָס פֿאַרשאָלטענע לשון.
זײַן טעכטערל רייזעלע האָט ווי אַ צוקער
גענומען דעם סם, זיך די ערשטע געלאָשן.
בײַם ווײַב האָט די גסיסה געדויערט שוין לענגער,
נאָר אויך אויס געווינשאַפֿט האָט זי אינעם שטאַרבן
דאָס קרעכצן דערשטיקט. אין באַהעלטעניש ענגער —
געבליבן בלויז ער מיטן אייגענעם שאַרבן.
נאָר דעמאָלט... אָ, וווּנדיקער, בייזער זכּרון!
זײַן טייל ציאַנקאַלי — ניטאָ, ניט געוואָרן.

צי האָט ער זיך ערגעץ אומישנע פֿאַרקײַקלט,
צי ס׳ווײַב האָט בטעות פֿאַרשלונגען אין גאַנצן?
ווער קען עס באַנעמען! דער מוח צעפּײַקלט.
זאָל קומען דער שונא מיט פֿײַער פֿאַרגלאַנצן!
עס ליגן צו פֿיס די פֿאַרגליווערטע גופֿן
און ער, זייער אָפּסמער, לעבט! זאָל שוין גיכער
צעשפּרינגען דער קעלער! נאָר ס׳העלפֿט ניט זײַן רופֿן.
עס האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער וויכער
און — — — שטיל. עס איז קענטיק אַ זכיה די שלאַכטונג.
און ער איז געבליבן. דעם טויטס אַ פֿאַרטראַכטונג.

און ער איז געבליבן. נאָר ס׳האָבן די אויגן
זיך אָפּגעזאָגט אָנצוזען פּנימער, אויסער
די צווייען פֿאַרסמטע. די זון איז פֿאַרפֿלויגן.
געבליבן אַ שאָטן אַ פֿלוכיקער, גרויסער.
נאָר איידער עס האָט נאָך דער בלינדער געענדיקט —
ערשט פּלוצעם אַ פֿלאַם, ווי די זון וואָלט געפֿאַלן,
האָט שטראַליקערהייט די מסיבה פֿאַרבלענדיקט.
עס האָבן אַ רגע די שפּרודליקע שטראַלן
נאָך מערער פֿאַרטונקלט די נאַכטיקייט. אָבער
ס׳האָט גלײַך זיך צעשימערט אין גאָלד און ציבאָבער.

און קיינער פֿאַרשטייט ניט... אין שרעק דורכגעאַקערט
די אַפּלען, ווי שקיעה־באַפֿאַלענע שויבן.
די שרעק האָט אַליין זיך געצונדן און פֿלאַקערט.
נאָר פֿאַליע צעלאַכט זיך. דאָס האָט ער פֿון אויבן
געצויגן עלעקטרישן שטראָם פֿאַר דער וווינונג.
פֿאַרשעמט ווערן בליקן. פֿאַרגאַפֿטע מע זעט זיך.
עס צאַפּלט אַ העמד אין געלאַטעטער שטווינונג,
און דבורל זוכט פֿאַליען, דאָס קליידל פֿאַרגלעט זיך.
בלויז איינער האַלט ווײַטער אין ריידן — דער בלינדער.
ס׳דערוועגט זיך ניט קיינער אים שטערן אַצינדער.

פֿון דאַנען, פֿון ירושלים של מטה —
עס האָט זיך רב נתן אַ נאַכט פֿאַר יום־כּיפּור
אַרויסגעגליטשט דורך אַ געעפֿנטער גראַטע
און איינער אַליין, אין געקריך און געהיפּער,
אַוועק אויפֿן שולהויף צו זאָגן די סליחות
ווי פֿאַר דער מלחמה. דערזען האָט ער דעמאָלט
צעגרובט און צעבערגלט זײַן געטלעכן ייִחוס, —
אַ חלום פֿאַרוואַנדלט אין ליים, ווו עס פֿלעמלט
דער נאַכטיקער טוי, און דער בייניקער זקן —
געזאַלבט האָט אין דעם זײַנע אַשיקע לאָקן.

דער שולהויף — אַ האַרץ ווו עס זשאַווערט אַ מעסער —
האָט קוים נאָך געצאַפּלט באַהאַנגען מיט שטערן.
פֿאַרהאַקט איז די שטילקייט אויף זילבערנע שלעסער,
מע קען דאָ אַפֿילו איר שווײַגן ניט הערן.
— ווו זענען די ייִדן, די דאַוונער, די לערנער,
דער ניגון אַרום די געבײַען פֿאַרפֿלאָכטן?
ער טאַפּט זיך אַליין מיט די פֿינגער פֿון דערנער,
צי מ׳האָט אים צוזאַמען מיט זיי ניט געשאָכטן.
אַנטקעגן ליגט אויך אין אַ מיטה פֿון ציגל
רזיאל המלאך, אַ טויטער, אָן פֿליגל.

ס׳דערלאַנגט אים דער ווייטיק אַ שלעפּ ווי אַ קאָרשון
און טראָגט פֿאַרן האַלדז, איבער הויקערס אין שימל.
ער שוועבט אויפֿן שולהויף די שטומקייט צו פֿאָרשן:
— ווו זענען די ייִדן, — אָ, פֿאָטער אין הימל?
אַ נס, ווײַז אַ נס אײנעם טאָג פֿון משפּטים,
עס זאָלן דיר כּאָטשבי די טויטע געטרויען!
און שוועביקערהייט, מיט צעשײַטערטן אָטעם,
ער פֿליגלט אַרײַן אין דער קלויז פֿונעם גאון.
בלויז ווענט. אויך דער באַלקן צעפֿליקט און צעבויגן,
ער קוקט דורך די לעכער. צי גלייבן די אויגן?

די שטערן דאָס זענען קיין שטערן ניט, זע נאָר:
דאָס זענען די ייִדן! קוק נענטער אַ ביסל:
מיט דעם אויף איין באַנק ביסט געשלאָפֿן, און יענער —
טראָגט עמערס אין הימל אויף זײַן קאַראָמיסל.
אָט זענען די האָלצהעקער, שנײַדער און שמידן, —
און אָט אַ מקובל בײַם חלבֿנעם שטענדער.
די שטערן דאָס זענען פֿון שולהויף די ייִדן,
זיי טוען וואָס פֿריִער, אָן מינדסטן געענדער:
מע בלעטערט די ש״סן, מע האַנדלט, מע אַרבעט,
דער רבי זאָגט תּהילים, דעם אייביקן האַר בעט.

און ווי נאָר עס פֿליִען די הענט צו דער מראה —
פֿאַרטונקלען די שטערן — די שכנים, די ברידער.
דאָס האַלט זיך אין רייצן אַ קונדס אַ כמאַרע
און לאָזט אים אין שולהויף אַן אײַנציקן ווידער.
— ווילסט ברענגען מיך צו אַ נסיון? דײַן שליטה
צעשמעלץ איך ווי בלײַ מיטן פֿלאַם פֿון מײַן גלויבן!
טוט זשיפּען דער פּרוש מיט אַפּלען צעגליטע
צום שׂטן, — דו וועסט מיר די זעונג ניט רויבן.
און מעגסטו מיט פֿעלדזן פֿאַרשטעלן די עדה —
זי לעבט, ווי מיר לעבן דערווײַלע נאָך ביידע.

פֿון בערגל צו בערגל פֿאַרהוילן ער ציט זיך
ווי איבער אַן אָפּגרונט אַ שפּין אויף אַ פֿאָדעם.
די שטערן זיי טראָגט ער אין האַרצן שוין מיט־זיך,
זיי לײַכטן אַזש אונטער די פֿאַרמעטענע בגדים.
עס וויגט אין דער לופֿט זיך די בלאָע גאַלעריע
מיט ניט קיין פֿאַרגאַנגענע פֿידל און צימבל.
זי שפּילט פֿאַרן פּרוש אַצינד איר מיסטעריע
אויף חרובֿער ייִדישער גאַס, ווי אַ סימבאָל.
נאָר אונטן — די קלויזן, די שטיבלעך זיי ליגן
ווי קלאַנגען צעהאַקטע פֿון יענעם־אַ ניגון.

— צי ביסטו געפֿאַלן באמת, קלויז־יִשן?
אַ שויב־מגן־דודל איז דײַן מצבֿה.
היכלים איר מײַנע, ווער האָט אײַך פֿאַרלאָשן
מיט פשוטן דאַוונער, מיט כהן און לוי?
פֿון הונדערט — געבליבן די שטאָטשול. ער נידערט
אַראָפּ אין דער טיף. איז צופֿרידן וואָס גאַנץ איז
אַ מירמלנע זײַל אין דער פוסטקייט פֿאַרגלידערט —
די האַנט פֿון באַשעפֿער האַלט אונטער דעם תּמצית.
פֿאַרוואַרפֿט אַרום זײַל זײַנע אָרעמס ווי רייפֿן
און האָרכט צו דעם גרילן־געזעג פֿון די שלייפֿן.

אַזוי אַרום זײַל טוט ער תּפֿילה. עס לײַכטן
די שטערן שוין ווידער דורך שמאָלן געגיטער.
און גלײַך ווי אַן אָמן, פֿון באַלקן דעם פֿײַכטן
אויף דר'ערד פֿאַלט אַ טראָפּן, אַ צווייטער, אַ דריטער.
און ענדיקט ער — טונקלט אַרײַן דורך די שפּאַלטן
אַ ליכט פֿון אַנטלאָפֿענעם דור. איז דערזעט ער
צעוואַלגערטע ספֿרים, — און טוט זיי באַהאַלטן
אין טאָרבע, זיי וועלן אים נוצן אויף שפּעטער,
געפֿינט אויך טליתים, צעפֿלויגענע שמות,
און אַלץ אין דער טאָרבע, צו ברענגען אַהיים עס.

אין פּאַליש פֿון שטאָטשול ווו ס'הענגט נאָך אַ קונע,
אַ גרייטע, די זינדיקע וועלט צו פֿאַרשמידן, —
דערהערט ער אַ שאָרך. און פֿאַרדעכטיק־משונה
עס בלינצלען די ווײַסלען בײַם שטראַליקן ייִדן.
נאָר באַלד גיבן היימישע ווערטער אַ צאַפּל:
— גוט מאָרגן, רב ייִד, אַ גוט מאָרגן אײַך, שכן!
איז אפֿשר אײַך שווער, וועל איך העלפֿן אַ קאַפּל
דערטראָגן די טאָרבע מיט ייִדישע יאָכן?
רב נתן באַשמעקט מיט די נאָזלעך דעם דברן —
ס'איז פֿאַליע — און פֿרעגט מיט אַ קול מיט אַ שלאַברען:

— דערציי̆ל, האָבן אַלץ דאָ געזען דײַנע בליקן?
און פֿאַליע: — איך האָב אין די חרובֿע היימען
געזוכט דורך די נאַכטיקע שעהען אַ תּיקון
און ענדלעך געפֿונען פֿון אונטער די ליימען.
— וואָס האָסטו געפֿונען? און אָט איז דער ענטפֿער:
אַ באָמבע, וואָס האָט ניט באַוויזן צו פּלאַצן.
איך דאַרף זי ווי לעבן אין אונדזערע ווענט פֿיר,
אין אונדזערע וואָסער־געבויטע פּאַלאַצן.
און ווען מ׳האָט צוריק אין געהיימשטאָט געענדערט —
האָט ספֿר מיט באָמבע געהיים זיך פֿאַרברידערט.

פֿאַרנומען סמאָלענסק! די געפּאַנצערטע רוסן
פֿאַריאָגן דעם שׂונא צוריק און צוריקער.
דאָס ברענגט אונדז מאַטייקע אַזעטיקע גרוסן,
צוזאַמען מיט ברויט אין צעשניטענע שטיקער,
און וואַרפֿט עס אַרײַן דורך אַ גראַטע פֿון אויבן —
און אסתּר צי פֿאָליע כאַפּט־אויף אין דער נידער.
חוץ עסנוואַרג ברענגט אונדז מאַטייקע אויך גלויבן,
אַז מיר'ן דערהערן גאָר אַנדערע לידער.
נאָך יעדער זײַן קומען דערפֿילט מען זיך פֿרײַער:
דער שׂונא אין וואַסער דער שׂונא אין פֿײַער.

אַריבער שוין עטלעכע וואָכן — ער קומט ניט.
אַהינגיין — אויף איטלעכן שפּאַן אַ זשאַנדאַרעם.
און גראָד אויף להכעיס דער הונגער פֿאַרשטומט ניט.
ווי גלײַקער היישעריק, אָן אַ דערבאַרעם,
פֿאַרשפּרייט איבער זאַנגען — באַפֿאַלט ער די ביינער
און גראָבט זיך אַרײַן מיט געפּליק און געגריזשע.
פֿאַרטרײַבן, — דאָס איז ניט בכּוח אים קיינער.
פֿאַרטיידיקן ס'לײַב — ווי פֿאַרטיידיקט מען, ווי זשע?
מע קליגלט זיך לאַנג. נאָר עס קען די אַסיפֿה
ניט לעשן דעם הונגער מיט מיינונגען טיפֿע.

אַ צולאָג איז אויך וואָס דער פּרוש און אסתּר,
פֿאַרעקשנטע, עסן נאָך אַלץ ניט קיין טרפֿות.
דאָ העלפֿט קיין געבאָט ניט, קיין שפּאָט, קיין געלעסטער.
זיי צאַפּלען ווי סטרונעס געפּלאַצטע אויף האַרפֿעס.
נאָר אויסער זיי ביידן איז אויכעט צעטומלט
אַראָנע, וואָס היט, אויב פֿאַראַנען, די שפּײַזן.
ווען ס'האָבן די זשאַווערס פֿון הונגער, אַנומלט,
צעפֿרעסן די פּנימער, גראָע ווי אײַזן, —
האָט יענער נאָך ערגעץ געפֿונען אַ לעצטע
פֿאַרוואַלגערטע ציבעלע, היפּש אַ צענעצטע.

מ׳איז אָבער געבליבן נשתומם בשעת ער
האָט יעדערן איינגעטיילט פינקטלעך דעם חלק
און זיך — ניט געלאָזן. — פאַר דיר? — האָט אַ בלאָסער
אים ליפּמאַן געפרעגט, ווילסט ניט אַנדערש נאָר ביילִיק?
אַראָנע האָט אָבער געפּלאָפּלט: עס קאָן אים
חלילה דער ציבעלע־ריח פאַרראַטן,
אַז ער איז אַ ייִד, מיט סעמיטישן פּנים,
ווען אויסקומען וועט צו אַנטלויפן ווי קראַטן
בשעת אַן אַבלאַווע. ס׳איז ניט אַזוי נאַריש:
דער ציבעלע־ריח איז עפּעס ניט אַריש.

געזען אַז מע הונגערט און ניט אויף צו פּלייסן,
איז ליפּמאַן דערגאַנגען צו פלענער אַזוינע:
דורך איינער אַ רער האָלט כסדר אין שמייסן
דאָס וואַרעמע בלוט פון דער שטאָטישער בוינע, —
און בלוט איז דאָך לעבן! ער האָט אין אַן עמער
עס אָנגעשעפּט, אויפגעקאָכט און אויף דאָס ניי עס
געקאָכט און גערייניקט, באַגלייט מיט אַ זמר,
ביז אָפּגעכאַפּט האָט זיך פּאַמעלעך דאָס חיות.
פאַרשמאַכט האָט עס קריינע געטרונקען די ערשטע,
דערנאָך — די אַרומיקע הונגער־באַהערשטע.

אויך יענער וואָס פירט דאָ אַ פּינקס, כ׳מיין גדליה,
האָט צוגעטראָכט עפּעס. באַמערקט האָט דער לערער,
אַז מייז ווען זיי שווימען אַנטקעגן אַ כוואַליע
און פאַנגען דאָס פּרעסעכץ פון וואַסער אַלץ מערער, —
פאַרטראָגן עס נאָכדעם אין טרוקענעם ווינקל
צו זיך אין קאַנורע. ניט מער, ווען זיי היפּן
פאַרלירן זיי אָפּט מאָל אַ ברעקל, אַ שפּרינקל,
וואָס זענען באַטעמט פאַר די מענטשלעכע ליפּן.
די שפּייז פלעגט מען שלינגען באַשלאָגן מיט שווייסן.
דער ״מויזנוועג״ האָט די אַכילה געהייסן.

דער מאָרד

געוועזן איז ער, גדליה, אין מיטעלע יאָרן —
אַ גראָער בוטשאַן מיט פֿאַרסמאַליעטע פֿליגל.
נאָר ווײַל אין די שחיטות האָט ער ניט פֿאַרלאָרן
קיין מאַמען, קיין שוועסטער, קיין קינד פֿון אַ וויגל,
ווײַל זינט ער געדענקט זיך געדענקט ער ניט קיינעם,
בלויז ביידעמער־שפּינען און ביכער אויף ביכער —
דעריבער האָט ער בײַ די אָבֿלע שכנים
געגאָלטן פֿאַר דעם וואָס איז האָנערדיק־זיכער.
מע האָט ניט פֿאַרגונען, געקרימט זיך אין צאָרן
וואָס ער האָט קיין איינציקן פֿרײַנט ניט פֿאַרלאָרן.

נאָר זינט מ׳איז דערגאַנגען: ער איז דער בעל־כראָניק,
און איטלעכנס טראָט ווערט דורך גדליהן געוויגן —
האָט עולם זײַן גאַל שוין פֿאַרביטן אויף האָניק,
פֿון דעמאָלט — צום לערער זיך אַנדערש באַצויגן.
ווײַל טאָמער פֿאַראייביקט ער שלעכטסקייט? און טאָמער
וועט שפעטער די מענטשהייט אַ מיש טאָן די בלעטלעך
און ווער ס׳זאָל אַן עדות זײַן איז שוין ניטאָ מער,
וועט, הייסט עס, פֿאַרריכטן די מיינונג זײַן שפעטלעך?
דערום איז מען העפֿלעך געוואָרן צו גדליהן,
ער זאָל אינעם פּינקס ניט שפּילן קיין תּלין.

ווען ס׳ברענט אין די ביינער דער הונגער ווי קוילן —
ווי קען מען זיך ווײַטער מיט ״מויזנוועג״ נערן?
איז גדליהס המצאה — דאָס ציגעלע קוילען.
און אַז די קאַנאַל־מענטשן ווילן ניט הערן —
האָט גדליה אַ בייזער געהויבן די פּויסטן.
עס האָט אים דער אָפּזאָג משונה באַליידיקט:
— שוין צײַט פֿון רחמנות־געפֿילן זיך אויסטאָן!
ס׳האָט איינער בלויז, ליפּמאַן, דעם לערער פֿאַרטיידיקט,
גערעדט צו די אַכט מיט אַ ביטערן שמייכל:
— געשוואָלענע געטער, וווּ איז אײַער שׂכל?

דער עיקר האָט אסתּר אַ וועלט אײַנגעריסן
מע זאָל ניט. אויך קריינע האָט היפּשלעך געליאַרעמט:
— ניט נעמען דאָס ציגעלע אויפֿן געוויסן!
מע האָט זיך אויף גדליהס געררייד ניט דערבאַרעמט.
אויך ערבֿ יום־כּיפּור פֿאַלט דורך זײַן אידעע,
מע זאָל מיטן פֿלייש פֿון דער ציג זיך פֿאַרפֿאַסטן.
ס'האָט ליפּמאַן אַפֿילו געביטן די דעה,
פֿון וועגן זײַן קריינען ווי קען עס אים פּאַסטן?
געזען אַז דער עולם איז קעגן, האָט גדליה
באַשלאָסן דערפֿירן צום זיג זײַן באַטאַליע.

— גוט יום־טובֿ אײַך, מתים, לשנה הבאה
בירושלים של מעלה אין פֿרידן!
אַזוי האָט באַגריסט צו כּל־נדרי אָט דאָ־אָ
דער לערער די נײַ אָנגעקומענע ייִדן.
דאָס זענען געוועזן די זעלביקע פּליטים —
עס טאַנצן זיי אויכעט די מײַז אויפֿן קישן.
איצט בלאָנקעט אַ ייִד נאָך אַ ייִד און ס'באַגלייט אים
דער יום־טובֿ־געררוך פֿון אַמאָליקע טישן.
מיט ליכט אין די בוזעמער וואַנדערט מען, ציט מען,
צו אונדז אויף כּל־נדרי, אין גלייַביקע ריטמען.

אין מיטן דער תּפֿילה, ווען ס'טובלט זיך פֿײַער
אין שטעכיקע טרערן ווי גלאָזיקער שפּליטער —
געשען איז דאָס אומגליק, אַ מאָרד אומגעהײַער:
אַ רויטע געשטאַלט אין צעבליצטן געוויטער
אַ שפּרונג האָט געטאָן מיט אַ "מע" אומגעריכטן
צעווישן די בלייכע פֿאַרקיטלטע דאַוונער.
מיט פּורפּור באַפּלעקט דעם פּרוכת, די ליכטן,
און וואָס אין דער מעשׂה געווען איז טשיקאַוונער, —
עס האָבן די יונגע און אַלטע מאַראַנען
קיין האָר ניט פֿאַרשטאַנען. די וואָר ניט פֿאַרשטאַנען.

אַ סבֿרה, דער פּרוש האָט ניט אויף געלעכטער
געמיינט ס׳איז דער גואל, האָט אָבער אַנשטאָט אים
דערזען ווי אַ ציג, ניט דערקוילעט פֿון שעכטער,
בלײַבט ליגן בײַם עמוד און כאָרכלט אָן אָטעם.
און גדליה, ער גליווערט מיט בליציקן מעסער
בײַם שמאָלן אַרײַנגאַנג — אַ זײַל פֿון אַ טעמפּל.
ס׳האָט ערגעץ אַ ציטער געגעבן דער כּתר — —
אַ כמאַריקייט האָט זיך פֿאַרקליבן אין לעמפּל.
דאָס ציגעלע גוססט אין בלוט, און צוקאָפּנס
אַ יאָרצײַטליכט קאַפּעט אַרונטער די טראָפּנס.

און איידער וואָס־ווען מיט אַ שפּרונג אַ געשווינדן —
איז גדליה בײַ דבֿורלען אַנטקעגן נר־תּמיד
און קניִענדיק בעט ער: פֿאַרגיב מײַנע זינדן!
פֿאַר דײַנטוועגן האָב איך געקוילעט, ווײַל תּמיד
מיך פּײַניקט דײַן בלייכקייט, דײַן שיינקייט. זײַ מוחל,
געוועלט דיר פֿאַרלינדערן, שטילן דעם הונגער.
פֿאַרגיב מײַן רציחה, דעם פּײַנלעכן שטרויכל.
און האָט זיך צעוויינט ווי אַ בחור אַ יונגער.
דאָס פֿאָלק איז פֿאַרגליווערט געוואָרן, געשוויגן,
ביז וואַנען מ׳האָט ווײַטער געצויגן דעם ניגון.

בײַ טאָג, ווען עס חלומט געוויינטלעך דער עולם
ביז ביין אויסגעהונגערט אין צײַטס קאַטאַקאָמבע,
איז פֿאַליע פֿאַרנומען מיט שאַפֿן אַ גולם
נאָר ניט פֿון קיין ליים, — פֿון געפֿונענער באָמבע.
פֿון אונטער די גרינע פֿאַרשימלטע קליידער
אין טאָרבעלע, — האַלט ער אין מעסטן, אין שיטן,
פֿון דאָרטן דעם שטאָל־גראָען פּולווער כּסדר,
כּדי פֿון דער עסיקער נעץ אים פֿאַרהיטן.
ער פּיצלט פֿונאַנדער די באָמבע געוואָרנט
און ס'איז ווי דער פּולווער זײַן פּנים פֿאַרצאָרנט.

דער קאָרפּוס — פֿאַראַן. אַ טשוגונענע רינע,
די גרייס ווי אַ פֿויסט. ער באַרעכנט אַצינדער
צי פּינקטלעך וועט געבן אַ דריק די ספּרוזשינע
דער שטאָלענער שלאָגנאָדל סאַמע אין צינדער.
ניטאָ קיין געצײַג. מיט אַ פּשוטן שטיינדל
צעזעגט ער אויף צווייען אַ שטעקעלע אײַזן —
פֿאַרשפּיצט עס פֿון אונטן, מאַכט אויבן אַ קריינדל, —
פֿון דעם וועט אַן אַנדריקער ווערן. און ס'קרײַזן
מחשבֿות ווי לעביקע פֿונקען פֿון אַש אויף.
אַזוי נעמט באַשווערן דער יונגער מכשף:

— דו פֿילעוודיק אײַזן, געבונדענער חומר,
דעם גאַנג פֿון מײַן ווילן איצט מוזסטו פֿאַרנעמען.
דו פּולווער מיט פֿליגל, פֿאַרטרוי זיך דײַן שומר,
ווײַל וועמען דען אַנדערש פֿאַרטרויען זיך, וועמען?
געבונדענע קראַפֿט, זיך אַליין אומבאַוווּסטע,
דערהער אין דײַן שטויבן־געוועב מײַן באַשווערונג.
איך בלאָז אין דיר אָטעם און אויפֿלעבן מוזסטו,
זאָלסט אײַן־זיך דערפֿילן די גלוסט פֿון צעשטערונג.
איך בלאָז אין דיר אָטעם, דו זאָלסט זיך באַוועגן,
דערפֿילן מײַן מענטשלעך געבאָט און ניט פֿרעגן.

איך וואַרעם דיך, אײַזן, ווי כ׳וואָלט דאָ געהאַלטן
אַ קינד אַ פֿאַרפֿרוירנס אָן אָטעם, אָן צאַפּל,
נאָר גלייב: ס׳איז נאָך ערגעץ דאָס לעבן באַהאַלטן.
איך שמעלץ מיט די ליפּן די הענט, דעם שוואַרצאַפּל,
דאָס אָפּגעשטעלט־אײַזיקע בלוט זאָל זיך וועקן.
זײַ וויסן, איך בין דײַן געבוירער, באַצווינגער,
מײַן האָפֿענונג מוז אין דײַן פֿלאַם זיך אַנטפּלעקן.
און זאָלן דערפֿילן אין פֿרייד מײַנע פֿינגער
דײַן אָדערן־קלאַפּ. מיטן כּוח פֿון שׂינאה,
ווער לעבעדיק, לעבעדיק, הייליקע מינע!

אַזוי האָט דער מײַסטער געקנאָטן, געשליפֿן
זײַן גולם. אָן אויפֿהער געשטאַלטיקט, געפֿורעמט,
ביז וואַנען ער האָט אין די פֿולווערשע טיפֿן
אַ קערנדל בליץ פֿון זײַן ווילן פֿאַרשטורעמט.
ער פֿילט: מיט זײַן אייגענער הויט ווערט באַצוויגן
דאָס אײַזן וואָס וויקלט זיך אויס פֿונעם חלום.
ס׳דערלאַנגט באַלד אַן עפֿן די פֿולווערשע אויגן
און ענטפֿערט מיט שאַרפֿן מעטאַלענעם קול אים:
— בין גרייט! און ער זוכט אינעם חלל די טראַפֿן,
די ווערטער פֿון גולם וואָס ער האָט באַשאַפֿן.

ויהי — אין אַ חודש נאָך יענעם כּל־נדרי
איז גדליה פֿאַרשוווּנדן. די ציג איז מסתּמא
מגולגל געוואָרן אין גרויליקער הידרע
און יאָגט זיך כּסדר נאָך גדליהס נשמה.
ס׳דערגייט פֿון קאַנאַל זײַן געלעכטער... דער טומל
נעמט דרייען־פֿאַרדרייען די צײַט ווי אַ וויוגע.
דאָס דאָזיקע אומגליק פֿאַרפֿעלט נאָך צום רומל,
מע זאָל אין געהיימשטאָט אויך ווערן משוגע!
באַשליסט מען צוזאַמען אים כאַפּן און ברענגען.
ער וועט אונדזער פּאַלאַץ קיין סך ניט פֿאַרענגען.

ווען עולם האָט אָבער געלאָזט זיך נאָך גדליהס
פֿאַרמויזטן געלעכטער, געקראָכן פּירפּיסיק
דורך גלימצערדיק האַלב־שוין־פֿאַרפֿרוירענע כוואַליעס,
וואָס נאָדלען זיך אײַן אין די פֿינגער ווי פּריסיק,
בכדי אין קאַנאַל דעם גערירטן צו פֿאַנגען —
איז אונטערן הייליקן אָרט אָסטראָבראַמאַ,
אַנטקעגן גאָטס מוטער, דער לערער געהאַנגען
אַ נאַקעטער, ווי ס׳האָט געהאַט אים זײַן מאַמע.
און ס׳פּנימל זײַנס מיט די האָר אין געקרויזל —
אַ דאָרפֿישער שנייען־באַשאָטענער יויזל.

און ווען מע האָט איבערגעשניטן דאָס שטריקל —
איז גדליה געבליבן פֿאַראײַזט און פֿאַרבייגלט
ווי פּריִער, אַזוי ווי באַגאָסן מיט ניקל,
נאָר פֿון זײַן העוויה דער טויט האָט געאייגלט.
אַרום־אים — ווי פֿעדערן פֿון אַ וואָראָנע
די בלעטער פֿון פּינקס דעם וועג נעמען שפּרייטן
און אויבן אין הימל די צאַרטע מאַדאָנע
טוט גדליהן באַשיטן מיט שנייִקע קווייטן
דורך שפּאַלטן פֿון גראַטע. — און מ׳האָט אים אָן ווערטער
געטראָגן אַהיים, צו זײַן רו דער באַגערטער.

אָ, ווער קען פֿאַרגעסן די שטומע לוויה!
די קופּקעס באַגלייטער מיט ליכט אין די זשמוטן,
וואָס האָבן פֿון הקדשלעך אַלטע און נײַע
געקראָכן, געצויגן צום אָרט צו דעם גוטן
אויף גלעזער־גאַס נײַן! ס׳האָט אַהין אַ געהיימטיר
געפֿירט פֿון קאַנאַל אין אַ קעלער. און דאָרטן
אַוווּ ס׳איז דער באָדן אַ טרוקן־געליימטער,
געגרייט איז דער קבֿר ווו גדליה וועט אָרטן.
און יונגע, און אַלטע, און שוואַכע און שטאַרקע —
מיט פֿינגער מיט קאַלטע מע רידלט די קרקע.

מקבר געווען האָט דער פּרוש. בעת־מעשׂה
געקווענקלט זיך שטאַרק: ס׳איז אַן אַנדער מין שטאַרבן,
ווען עמעצער טוט זיך אַליין אָן אַ מעשׂה.
נאָר שפּעטער געביטן דעם מישפּט דעם האַרבן:
ווען מענטש איז געריִרט איז דער צאָרן בחינם.
דערווײַל האָט אַ ייִד פֿון אַ נאָט אין פֿאַזוכע
אַרויסגעשלעפּט ארץ־ישׂראל־זאַמד גרינעם
און גדליהן באַשיט, ער זאָל האָבן מנוחה.
דערנאָך, ווי דער כּבֿוד המת טוט געבאָטן —
האָט איטלעכער שאָטן — געשאָטן, פֿאַרשאָטן.

און ווען ס׳איז געפֿאַלן דער אל מלא רחמים —
האָט עמעץ פֿאַרפֿלאַנצט אינעם קבֿר אַ ברעטל,
וואָס גליוועט ביז הײַנט ווי אַ כמוריקער וואַכמאַן:
„פּ. נ. גדליה זאַלקינד. געבוירן אין זשעטל.
געשטאָרבן אין יאָר... ווען געווען איז דאָס לעבן
אַן אָפּקום, דער טויט — אַ גענאָד פֿונעם הימל.
זײַן אָנדענק אין גליקלעכע טעג זאָל זיך וועבן,
און ווער עס וועט קומען — זאָל ברענגען אַ בלימל״.
מײַן פֿרײַנד, אויב דו וועסט דאָ פֿאַרוואָגלען אַ פֿרײַער —
לאָז איבער אַ בלימל, עס קאָסט דאָך ניט טײַער.

צוריק פֿון לוויה צעפּרוירן, צעטומלט,
האָט עולם דערשפּירט עפּעס גאַז... דאָס האָט קענטיק
אַ גאַזרער געפּלאַצט פֿון די קעלטן אַנומלט!
און פֿאַליע האָט טאַקע דערטאַפּט אייגנהעענטיק
די רער. אויפֿן מויל מיט אַ טוך מיט אַ נאַסער —
מיט ליימיקס פֿאַרליאַפּעט די שרעקלעכע שפּאַלטן.
ס׳האָט ליפּמאַן אים שפּעטער געמיינטערט מיט וואַסער,
ווײַל פֿאַליע ער האָט זיך קוים־קוים שוין געהאַלטן.
האָב אָבער געצויגן דורך צײַנערשע קריצן:
— דער גאַז וועט נאָך אפֿשר אַ מאָל אונדז באַשיצן.

דערווײַל האָט דער גיפּטיקער אָטעם, אומזעיִק,
צעזעגט די געהיימשטאָט, די שטיינערנע, דיקע.
געוויזן די שאָטנס אויף וואָס ער איז פֿעיִק,
פֿאַרזויערט דאָס קוואַליקע וואַסער בשתיקה.
און איידער די דרויסנלופֿט האָט אים פֿאַרשלונגען
איז ער אויף די פֿליגל פֿון טײַוולס געלעכטער
פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך אין דבֿורלען געדרונגען.
עס האָט ניט געהאָלפֿן דער דאָקטער, דער וועכטער...
נאָר לאָמיר דעם גאַז ניט באַזינגען אין סטראָפֿן,
אַזוי פֿיל נאָך דאָ צו דערציילן, צו האָפֿן!

געשטאָרבן איז גדליה. נאָר מיר זענען ווידער
אַ פֿאָלק זאַלבע צענט. ווײַל בשעת דער לוויה
אַן אורח האָט אָנגעשפּאַנט: קאַפּל דער שמידער,
געפֿונען בײַ אונדז אַ משפּחה געטרײַע.
ס׳האָט פֿאַליע מיט אים זיך באַזונדערס געבּרידערט,
געוויזן די מינע, דערציילט זײַנע פּלענער.
און קאַפּל מיט קאָפּ די סטראַטעגיע צעגלידערט,
ער ווײַזט זיך אַרויס פֿאַר אַ פֿאַכמאַן, אַ קענער.
אויך דבורל האָט פֿײַנט זיך צו האַלטן בײַוועגיק
און עצהט אין הילכות מאָדערנע סטראַטעגיק.

ער קומט פֿון די נאַראָטשער וועלדער... אַנטרונען
פֿון שטעטלשער געטאָ מיט בראַנד אויף די קליידער,
נאָר ביטערניש אויך אין די וועלדער געפֿונען.
די רײַסיקע לאַטע האָט נאָכגעשוועבט, ליידער!
עס האָבן אים אַ נ ד ע ר ש באַגעגנט די טײַכן,
פֿאַרפֿרעמדט האָט געשאָרשעט די נאָנטע בעריאָזע,
צום פּײַערל מינדסטן ער קען זיך ניט גלײַכן.
די ווערבע האָט עפּעס געביטן איר פּאָזע.
אַפֿילו די זשאַבעס, די זשאַבעס — ניט זײַנע,
נאָר האָב צו די נאַראָטשער זומפּן אַ טענה...

אַנטוישט, מיט צעשמאָלצענעם בלײַ אין מחשבֿה,
האָט קאַפּל דער שמידער צוריק זיך געלאָזן
געפֿינען אַ ייִד, נאָכן קלאָג פֿון דער סאָווע.
געקומען אין ווילנע, וואָס יתומט אין גראָזן.
אַ פּאַליאַק האָט קאַפּלען דערציילט אויפֿן אויער,
אַז טויזנטער אײַערע "זשיאָן וו׳קאַנאַלאַך" *
איז קאַפּל אַראָפּ צו דערפֿאָרשן גענויער,
געוואָגלט אין חושך אַ לאַנגן מהלך,
ביז וואַנען געפֿונען די ייִדן־מלוכה,
און, מ׳שטיינס געזאָגט, אויכעט די ייִדן־מנוחה.

* לעבן אין די קאַנאַלן (פּויליש)

אַן כּוח צו גיין, ווי צעריסענע זעגלען,
פֿאַרזונקען איז איינער אין אָפּגרונט פֿון צווייטן.
איז ליפּמאַנס אַן אײַנפֿאַל געווען, מע זאָל פּרעגלען
די ציגענע פֿעל און אַ וואַרעמעס גרייטן.
און טאָקע דער דאָקטער אַליין האָט מיט חשק
צעשניטן די פֿעל, זי געווייקט און געשונדן.
דער אָפּטעם געווען איז האַמעטנע־פֿליישיק,
אַ זיבן מעת־לעת פֿון דער צונג ניט פֿאַרשוווּנדן.
עס האָט זיך געשווירן אַ חשובֿער עסער,
אַז בירגער אויף יענער־וועלט שפּײַזן זיך בעסער.

מיט אונדזער אַראָנען האָט דענצמאָל געטראָפֿן
אַן אויסגליטש אַ ביטערער, שאַנד פֿאַר די מענער!
עס האָט פֿון זײַן אַרבל בײַם לייגן זיך שלאָפֿן
אַ קײַקל געטאָן זיך אַ גאָלדענער צענער.
פֿאַרשעמט האָט דאָס גאָלד אויף דער ערד זיך גערייטלט,
געוואָרפֿן אַ גיריקן אָפּשײַן אַ ראָזן.
אַראָנע — ווי גאַרניט, די ליפּן פֿאַרקייטלט —
געשווינד נאָכן קײַקעלע גאָלד זיך געלאָזן.
געכאַפּט אים ווי ס׳כאַפּט זײַן געפֿאַלנס דער יעגער
און ווידער פֿאַרקראָכן אין סטויג פֿון געלעגער.

נאָר אײַנשלאָפֿן — מער ניט געהאַט שוין די זכיה.
מע האָט אים באַרינגלט מיט ווערטער ווי דלאָטן,
דעם הלום אַרויסגעהאַקט הינטער זײַן וויִע
און תּיכּף דעם האַמבורגער פּליט געבאָטן
באַשיידן, ווי קען זיך אַ מענטש דאָס פֿאַרגינען
זײַן גאָלד צו פֿאַרקניפּלען, ווען יעדער אין פּרײַוויל
געגעבן האָט אים זײַן פֿאַרמעגן, ס׳זאָל דינען
צו אײַנקויפֿן עסנוואַרג. ווי זשע, צום טײַוול,
באַהאַלט מען אַ גאָלדשטיק אַזוי פֿיל מעת־לעתן
ווען בײַטן מע קען די מטבע אויף עסן?

נאָר דאָ האָט אַראָנע זיך וואַזשנע געמעכטיקט,
פֿאַרהויבן דעם קאָפּ אַראָטאָריש און פֿלײַסיק
אַרויסגעלייגט לשון, זײַן טועכץ באַרעכטיקט:
— ס'איז שולדיק אַן אַנדערער... ס'יאָר דרײַ און דרײַסיק,
די ערשטע פֿאַרשאָלטענע שטיינער אין שויבן,
דערנאָך — דער געשלײַדערטער שפּיז אין מײַן ראַסע,
די שאַנדיקע לאַטע, די קלעפּ, דאָס באַרויבן.
כ'האָב דעמאָלט פֿון גאָרן פֿאַרמעג אין דער קאַסע
באַוויזן בלויז נעמען אַ צענדליקל צענער,
זיי זאָלן צעשמעלצן די פֿײַנדלעכע פּלענער.

די דײַטשקע — מײַן פֿרוי, אַ דערשראָקענע ענטל —
אַנטלאָפֿן, בשעת דער שטורמיסט האָט געטריבן
פֿון אייגן געשעפֿט. מיטן קינד פֿאַרן הענטל,
אַ דאַנק דעם געפֿינקל פֿון גאָלד, זיך דערקליבן
קיין עסטרײַך. פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן קיין פּוילן —
בײַם גרענעץ האָט ווידער אַ ווײַל מיר געהאָלפֿן
דאָס שטיקל מעטאַל. ניט דערוואַרעמט די זוילן,
צוריק האָט בײַם האַלדז מיך געפֿאַנגען אַ וואָלף — און
געביסן דעם גאָרגל. דער גאָלדענער צויבער
האָט אויסגעלייזט אָבער אַ מאָל מיך פֿון רויבער.

און ווען אין פּאָנאַר מ'האָט באַפֿוילן זיך אויסטאָן,
אַוועקגעבן ערבֿ דערשאָס יעדער שפּרינקל,
באַגלייט דורך אַ האָגל נאַגײַקעס און פֿויסטן —
דערמאָנט כ'האָב זיך דעמאָלט דעם גאָלדענעם פֿינקל
און עטלעכע גאָלדשטיק פֿאַרשלונגען ווי פּילן.
און ווען כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אונטער הרוגים —
געזוכט אין מײַן מיסט און געפֿונען. דער ווילן
צו לעבן — ער לעבט! נאָר דער טויט — ניט גענוג אים, —
אויף ס'נײַ מיך געפֿאַנגען, געטריבן צום שײַטער.
אַ בלענד מיט אַ גאָלדשטיק — זיך אויסגעקויפֿט ווײַטער.

געבליבן בײַם לעצטן. טאָ זאָגט, קאַמעראַדן,
ווי קען איך מײַן א י י נ צ י ק ן שיצער פֿאַרהאַנדלען?
צי האָב איך באַהאַלטן דאָס גאָלד פֿאַר אַ נדן?
איך האָב דאָך ניט קײנעם! קען אַנדערש ניט האַנדלען.
דער האַמבורגער פּליט האָט אױפֿגעהערט רײדן.
צװײ טרערן װי טריװאַקס פֿאַרזיגלען דאָס מױל אים.
און הױקערדיק־שװער איז געװען צו באַשײדן
זײַן רײנװאַשן־זיך דעם אַרומיקן עולם.
בלױז אײנער, דער פּרוש, פֿאַרזשמורעט אַן אײגל:
— דעם גאָט פֿון ישׂראל פֿאַרקױפֿט פֿאַר אַן עגל!

צו מאָרגנס פֿאַר טאָג איז דער האַמבורגער פּליט
אַנטלאָפֿן אין שטאָט, ניט געזאָגט קײן "אַ גוטן".
צי האָט מען אים צו פֿיל פֿאַרשעמט און פֿאַרזאָליעט?
צי האָט ער אַן אומגליק דערשמעקט, — זײַן מחותּן?
װײַל זינט עס האָט פֿאָליע גענומען זיך פֿאָרען
מיט פּולװער — האָט ער אים געװײַכט װי אַ שרץ.
און אפֿשר איז אַלצדינג אַ ליגנערשער צאָרן,
דער פֿאַל מיטן גאָלד — בײַ דעם פּליט אַ תּירוץ
אױף קענען אַנטלױפֿן? כּדי ניט באַדאַרפֿן
דעם תּלין די לעצטע מטבע צו װאַרפֿן?

דאָס טאָגיקע אָפּגאָלד אין נאַכטיקע שנייען —
ווי פּראָסטיקע פֿונקען פֿאַרזיגלט אין געגנט.
בײַם ברעג פֿון אַ יאָדלעוואַלד גייען זיי, גייען
צום ערשטן מאָל ביידע. די רחבֿות באַגעגנט
מיט אָפֿענע אָרעמס. און ווי אַן אָרקעסטער
זיי שלינגען די פֿרישקייט. ביז וואַנען זיי ווערן
די רחבֿות אַליין! אין אַ קעלט אַ פֿאַרפֿרעסטער —
ווי קוילן אין אויוועלע — וואַרעמען שטערן.
עס האָט נאָך קיין שניי ניט דערפֿרייט אַזוי גוואַלדיק
ווי דבֿורלען און פֿאָליען וואָס לויערן וואַלדיק.

זיי שעמען זיך אָנצוזען איינער דעם צווייטן,
בלויז פֿינגער אין פֿינגער זיך פֿלעכטן. די מינע —
בײַ פֿאָליען אין בוזעם. ער וועט זי באַלד גרייטן.
די ליבשאַפֿט פֿון איין זײַט, פֿון צווייטער — די שינאה,
באַמערקט ער ניט דבֿורלס אַ בליק, וואָס זי האָט אים
אַרויסגעגליט זײַטיק. אין בלענדיקער קרירה
עס וואָגלט פֿאָרויס, ווי די בענקשאַפֿט, איר אָטעם,
און טרעפֿט זיך, באַהעפֿט זיך מיט זײַנעם. אויף אירע
צעעפֿנטע ליפּן אַ שנייעלע־שנייכל
זעט אויס ווי אַ דימענט אין רינג פֿון איר שמייכל.

די שטערן — געפֿאַנגען אין שנייִקן שפּיגל.
די לופֿט — אַ געשליפֿענער זילבערנער חלף,
צעשנײַדט האָריזאָנטן. און אָט בײַ אַ היגל,
דורך צווײַגל־געפֿלעכט, גיט אַנטקעגן אַ שטראַל־אויף
אַ רעלס אַ געזילבערטער. איצטער זיי שליטלען
אַראָפּ אין אַ נידערונג, הילן זיך ביידע,
מע זאָל ניט באַמערקן, אין שנייענע קיטלען
(ס'דערמאָנט — ווי אום פּסח אין ווײַסן דער זיידע),
און שטיל. אַז די שטילקייט וואָס וועבט די לעגענדע
זאָל גאָרניט באַמערקן, זאָל גאָרניט דערזען דאָ.

ער שמעלצט מיטן מויל דעם פֿאַרפֿרוירענעם באָדן
וואָס אונטערן קלעפּיקן רעלס. אין אַ ווײַלע —
שוין לאָקערט די מינע אין גריבל פֿאַרלאָדן,
באַשאָטן מיט שניי. עס איז איצטער די שאלה,
צי ס׳נענטערט אַ באַן. זיי דערקלעטערן דעמאָלט
צוריק צו דעם היגל, צום וואַלדיקן באָרטן.
אין סימן פֿון זייערע שאָטנטריט פֿלעמלט
די שטילקייט. קיין צווײַגעלע קרעכצט ניט. און דאָרטן —
פֿאַרגעסן די מײַז, די קאַנאַלן, עינוייִם, —
דערוואַרט מען, ס׳זאָל ווערן דער אויפֿרײַס מקוים.

עס ציט זיך אַ שנירל פֿון בײדנס געדאַנקען
אַהין צו דער מינע. דאָס שנירל גיט איבער
אַ תּפֿילה, אַ מענטשלעכן ווילן. עס בלאַנקען
פֿון ווײַטן די רעלסן. אַ שעה גייט אַריבער,
און — גאָרניט. באָר באַלד נעמט זיך טראָגן אַ סאָפּע.
דאָס שנירל גיט איבער אַ פֿונק צו דער מינע,
דער פֿונק ווערט אַ פֿלאָם, און ״די נײַע אייראָפּע״ —
צעשפּרינגט ווי אַ טאָפּ אין געצונטערטער שינאה.
אַ בוים שיט אַרונטער זײַן צירונג אויף ביידן,
און ליפּן אויף ליפּן פֿאַרבײַטן דאָס ריידן.

צוריקוועגס דורך שנייזקן, וואַלדיקן שוויַגן,
געזעטיקט מיט שׂינאה, פֿאַרהונגערט מיט ליבשאַפֿט
ווען פֿאַליע האָט דבֿורלען געקושט אונטער צווייַגן
און זי — אים געצערטלט אין ליבער פֿאַרקניפּטשאַפֿט,—
האָט אָנגעיאָגט פֿון דער לבֿנה אַ רייַטער:
— ווּהין אין דער נאַכט? און אַ שפּרונג פֿונעם זאָטל
פֿאַרויס מיטן שפּייַער: פֿון וואַנען, ווער זייַט איר?
פֿון וואָסער בריגאַדע? ניט געבן קיין טראָט! — —
נאָר ווען ס׳האָט דער פֿרעמדער גערעדט אַזוי פֿלאַמיק,
האָט פֿאַליע דערקענט אים: דער בלאָנדער אַדאַמעק.

דערנאָך אין זעמליאַנקע, בייַם פּאָספּאָרנעם בראַנפֿן —
צעאייגלען זיך גיפֿטיק די טעג וואָס פֿאַרגאַנגען.
אַדאַמעק דערציילט וועגן בימערע קאַמפֿן
און אַז מ׳האָט זייַן טאַטן געכאַפּט און געהאַנגען
פֿאַר דורכשטופּן ברויט דורך אַ גראַטע. — — — אַ דודע
צעשפּילט זיך אין ווינקל, פֿאַרוווערבעט און טרעריק.
און פֿאַליע ער ענטפֿערט אין מיטן דער סעודה:
— דערפֿאַר האָט מען הייַנט זיי באַצאָלט ווי געהעריק.
די שׂריפֿה געזען? דאָס האָט דבֿורל, זייַ וויסן,
דעם פֿייַנדס עשאַלאָן אין דער לופֿטן צעריסן!

—איך וועל ראַפּאָרטירן אין שטאַב, איך וועל מעלדן.
פֿאַרפֿילט ער די גלעזער, אַדאַמעק. מע וועט אייַך
געדענקען, דערמאָנען ווי אמתע העלדן.
פֿאַרבלייַבט אין זעמליאַנקע, חבֿרים, איך בעט אייַך.
נאָר דבֿורל אים ענטפֿערט: — מיר קענען ניט לאָזן
די נאָנטסטע. זיי וואַרטן אויף אונדזער צוריקקער.
אַצינד — ניט געחלומט, אין וועג זיך געלאָזן,
ווייַל שפּעטער אַ ווייַל קען מען ווערן צו־שיכּור.
מיט ברויט און קאַרטאָפֿל האָט פֿאַליע און דבֿורל
געלאָזט זיך אין וועג, ווי געבונדן צום גורל.

— אין נאָמען פֿון וואַלד — איז פֿאַרשפּרונגען זיי ביידן
אַדאַמעק — אָט האָט איר אַן אָרדן: דעם שפּיִער.
דער וואַלדמענטש באַגלייט זיי. און פֿאַרן צעשיידן
באַשטימט מען אַ טרעפֿונג. דורך זילבערנעם פֿייַער
מאַרשירן געאָרעמט די צוויי דיווערסאַנטן.
די פֿאַנצער־לבֿנה גייט נאָך זיי פֿאַרטייַעט.
פֿאַרגלייבט אין דער זויבערער וואַלדיקייט שפּאַנט׳ן
צו ברענגען אין דר׳ערד די צעשטערנטע פֿרייַהייט.
און הינטער זיי ביידן עס גליִען נאָך, בלאַסן
פֿון באַן דעם פֿאַרברענטן די פֿאַמסענע פֿאַסן.

ווען איבערן טײַך פֿליִען דאָרשטיק די שוואַלבן,
באַרירן זײַן פֿלאַך מיט די בײַכעלעך ווײַסע, —
ווער ספּקט, אַז ערגעץ אין וואָלקנשע פֿאַלבן
דערנענטערט זיך אומגעזען שטורעם בעת־מעשׂה?
מיר האָבן דאָך אַלע געריכט זיך מעת־לעתיק
אַז קריינע, די טראַגיקע פֿרוי, וועט געבוירן.
פֿאַר וואָס איז צעגאַנגען ווי פּערל אין עסיק
די בלומרשטע רו, און מיר האָבן פֿאַרלוירן
די גלײַכוואָג, ווען זי האָט געגומען צעוויגן
די אייביקע זײַלן פֿון וועלט מיט איר ניגון?

אַ זעלטענע קראַנקייט בײַ קריינען: כּסדר
איר דאַכט, ס'איז אַ גלאָזיקע ערד. און דער שׂונא, —
פֿון ווײַטן אַפֿילו, ער זעט וואָס אין חדר.
ניט דווקא די ערד. אויך פֿון גלאָזן אַזוינע
איר חלום. ניטאָ קיין באַהאַלט פֿאַר די בילדער
וואָס צאַפּלען אין טורמע, געשמידטע בײַם נעכטן.
זיי רײַסן די קייטן אין ברומעניש ווילדער
און לעבן אין איר מיט אַ לעבן אַן עכטן.
פֿון גלאָז אירע ווערטער, פֿון גלאָז די נשמה,
און עמעצער זעט די געדאַנקען מסתּמא...

פֿלעגט עמעץ זי פֿרעגן: דער מאַן אירער — לעבט ער?
איז שטענדיק געווען אַ תּשובֿה דעם פֿרעגער
אַ ביטערער שמייכל, פֿון גאַל אַ געוועבטער.
אַצינדערט, אויף איר עשאַפֿאָט פֿון געלעגער,
די האָר ווי אַן עק פֿון אַ פֿאַווע צעלאָזן,
דערציילט זי פֿאַר אַלעמען: ניין, כ'האָב אים קיין מאָל
ניט אָנגעזען. דאָרטן, צעלייגט אויף די גראָזן,
בײַם רויש פֿון אַ ווײַסן צעפּרילינגטן ביימל,
האָב איך מיט פֿאַרמישפּטע יידן אַ קופּע
געוואַרט, אַז דער טויט זאָל אונדז שפּרייטן זײַן חופּה.

פֿאַר טאָג. פֿון די פֿעלדער קומט ריח פֿון היישניט.
מע שלעפּט פֿון דער קופּע צום קלעפּיקן גראָבן.
איך וואַרט אויף מײַן אומלעבן, פֿיל שוין מײַן פֿלייש ניט,
אַ מעסער אַ טעמפּער די גענגט נעמט שאָבן!
נאָר דעמאָלט, פֿאַרשפּרונגען איז מיר ווי אַ חיה
אַ ליבשאַפֿט־באַגער און געמאָנט זײַן דערפֿילונג.
אַ ליבשאַפֿט נאָך שטאַרקער פֿון אומקום, אַ נײַע.
געמאָנט אין מײַן לעצטקייט אַ קילונג, אַ שטילונג.
און איך האָב אָן זינען געמאָנט און גערופֿן,
אַ מאַן אַ געליבטן צעווישן די גופֿן.

און ערבֿ דעם זונאויפֿגאַנג, ווען אויף די זעמדער
געפֿאַלן איז טוי, — האָב איך יענעם געפֿונען.
— טרינק־אויס מײַנע ליפּן, דו ליכטיקער פֿרעמדער,
און שעפּ מיך אַרויס, ווי מע שעפּט פֿון אַ ברונעם
אַרויס די לבֿנה. כ׳וויל אויסער דער לאַטע
אויך מיטנעמען תּענוג אין טויטן זכּרון
און קומען אין קבֿר אַ זאַטע, אַ זאַטע,
אַ זאַטע מיט ליבשאַפֿט אויב ניט מיט קיין יאָרן.
די לופֿט האָט געגוסט. נאָר אונטער די קוילן
עס האָט מיר אַ כּוח צו ליבן באַפֿוילן.

און ער, וואָס געבליבן פֿאַרהוילן זײַן נאָמען, —
ער האָט מיך געקושט מיט אַ גרויזיקער צאַרטקייט,
אין לײַב מיר פֿאַרשמאָלצן אַ געטלעכן זאָמען,
אַזוי ווי איך האָב עס געמאָנט אין דערוואַרטקייט
מיט אויגן פֿאַרמאַכטע אין פֿריידיקן פֿיבער.
קיין וואָרט ניט גערעדט און זײַן בליק ניט באַגעגנט.
דערנאָך האָבן הינט אונדז געשלעפּט אין די גריבער
און ס׳האָט זײַן צעשאָסענער גוף מיך באַרעגנט.
נאָר קענטיק דער טויט אין דער שטאָלענער שחיטה
האָט מער אויף מײַן גוף ניט געהאַט שוין קיין שליטה.

ס׳האָט ליפּמאַן פֿאַרדינט די געהויבענע מיצווה
פֿון אָפּנעמען ס׳קינד. און ווען קריינע האָט ברוויזיק
דערציילט איר געשיכטע, געצאַפּלט אין היך־וויי,
האָט ליפּמאַן געטראָגן מיט פֿרייד אויף אַ שטרויזאַק
אַ לעבן... דער עולם אין שטומען באַרינגל
האָט אָנטייל גענומען אין גליק, אינעם ליידן.
— אוי, מזל־טובֿ, יידן, אַ יינגל, אַ יינגל,
און טאַקע געבוירן אין העמדל פֿון זיידן!
און עולם אים בענטשט ווי אַ ליכט ביי הבֿדלה:
— דאָס קינד זאָל דערלעבן דעם שונאס מפּלה!

די װעשערין דבֿורל שױן זאָרגט עס זאָל שטענדיק
דעם דאָקטערס כאַלאַטל, פֿאַרװאָגלט אַהער דאָ,
זײַן ריין װי אַ שטערן. װאָס ריין? ממש בלענדיק!
עס פֿאָדערט אַזױ די דאָקטאָרישע װערדע.
ער האָט דעם כאַלאַט, װי אַ פֿרומער זײַן טלית,
געכאַפּט װען די שטוב האָט געפֿאָכעט אין פֿלאַמען,
און דאָ בײַם געשװױם, אין די שױמיקע כװאַליעס, —
געטראָגן אין מױל מיטן מעסער צוזאַמען.
איז טאַקע דאָס בלאַנקע כאַלאַטל אים הײליק
און ער מיטן בגד — כמעט אומצעטײליק.

פֿאַרשטעלט מיט אַ שפּאַנישן װענטל, אין רײנעם
געפּרעסטן כאַלאַט, װי אַ מאָל אין שפּיטאָל־צײַט —
באַװײַזט ער זיך גאַנצענע טעג ניט פֿאַר שכנים,
אויך דעמאָלט װען גרײט איז דער טיש מיטן מאָלצײַט.
ס׳איז ליפּמאַן פֿאַרטאָן אין זײַן לאַבאָראַטאָריע.
מעת־לעת נאָך מעת־לעת מיט עקשנות און ליבע
אַנטװיקלט ער דאָרטן אַ נײַע טעאָריע
פֿון ייִדישע אַנטי־טאָקסינען, — די סיבה
הלמאַי אונדזער גוף איז געפּאַנצערטער, גרײטער
אַקעגן פֿאַרשײדענע קרענק װי אַ צװײטער.

נאָך ליפּמאַנס טעאָריע קומט אױס, אַז מיר האָבן
אין משך פֿון טױזנטער יאָר נע־ונדע
אויף בוידעם, אין קעלער, געשאַפֿן מיקראָבן
אַקעגן מגפֿות, און יענע אַװדאי —
באַפּאַנצערן ס׳פֿאָלק. עס איז גאָר ניט קײן מיסטיק.
ער שרײַבט דאָ אַ ביכל און פּרוּװט עס באַגרינדן
אויף סמך פֿון באַטראַכטונג און קאַלטער סטאַטיסטיק
אין געטאָ צװישן די מחנות געזינדן.
דער פֿלעקטיף, למשל, האָט גאָר קײן ממשלה
כמעט ניט געהאַט אין די געסלעך די שמאָלע.

פֿאַרטאָן איז אויך ליפּמאַן אין זוכן אַ תּרופֿה
אַקעגן געשווילעכץ וואָס האָט אונדז באַשלאָגן,
מאַכט עקספּערימענטן אויף אייגן לײַב גופֿא,
פֿאַרגלײַכט אין זכּרון מיט הונדערטער פּלאָגן
און גיט אויף לאַטיין עס אַ נאָמען, אַ שטייגער:
Nephritis Canalica. אָבער אַ נאָמען
איז ווינציק. און ווי ער דערוויסט זיך דעם זייגער
בײַ נאַכט, ווערדליק מויזן־געפּײַף אין די שטראָמען —
דערוויסט ער זיך אויך פֿון דער קראַנקייט די סיבה:
דער B־וויטאַמין איז אונדז נייטיק אַכיבֿע!

און ליפּמאַן גייט ווײַטער: אַזוי ווי עס קוואַלט דאָ
אַ שטראָם פֿון אַ ביר־ברײַערײַ, — וועט ער טויגן
דעם B־וויטאַמין צו באַשאַפֿן. און באַלד־אָ —
ער לאָזט זיך אַוועק ווו עס טראָגן די אויגן
געפֿינען דעם אָפּשוים. און אויף פּאָהוליאַנקע
(מע רופֿט דאָ די גאַסן ווי אויבן) געפֿינט ער,
גרייט צו ווי געהעריק, און ס'ווערן די קראַנקע
בײַ יעדער מאָל טרינקען — געזינטער, געזינטער.
דער דאָקטער איז ווערט אַז מע זאָל אים באַקריינען!
זײַן אויסגעפֿינס האָט אים דערהויבן בײַ קריינען.

עס וועט שוין פֿאַרבלײַבן אַ סוד ניט צו לייזן
פֿון וואַנען דער פֿײַנד האָט דערוווסט זיך די ערטער
אַוווּ אונדזער היים איז. די דאָזיקע בלייזן
עס וועלן ניט קענען פֿאַרפּילן קיין ווערטער.
קען זײַן, ס׳האָט אַ שײַכות מיט הענגען מאַטייקען,
אַראָנעס אַנטלויפֿן. קען זײַן, עס האָט אויבן
דערגרייכט אַ גערויש. ווײַל דאָס מינדסטע געשריי קען
די גאָרע געהיימשטאָט פֿאַרראַטן, באַרויבן.
און מעגלעך איז אויך: דורך אַ גראַטע, אַ שפּאַרע,
האָט אויבן דערקלעטערט אַ מענטשישע פּאַרע.

פֿון מויזהימלען ווייכע גייט אויף דער באַגינען
אין גליטשיקע, פּראָסטיק־באַרעמטע קאַנאַלן.
מיר זענען — פֿון שטורעם פֿאַרטריבענע בינען —
אויף אונדזערע האַרטע געלעגערס געפֿאַלן.
און ווי ס׳האָט אַ לצל אַהינטערן אַפּל
געעפּנט דעם פֿאַרהאַנג פֿון רויזיקן חלום —
דערלאַנגט דער אַלאַרעם־גלאָק הילכיק אַ צאַפּל
ווי ראָסטיק צעשפּרונגען וואָלט ערגעץ זײַן שטאָל אים.
צעפּאַלמעסט די שטילקייט, דעם קלעפּיקן דרעמל
און פֿאַנגט אין אַ שטאָלענעם קרײַז דאָס געזעמל.

און איידער וואָס־ווען, האָט זיך דײַטלעך דערטראָגן
אַ צאָקען פֿון שפּירהינט, געווירצט און געוויקלט
מיט דײַטשע באַפֿעלן, און הינטער די ראָגן
אַ שאָס אין מיליאָניקע עכאָס צעשטיקלט.
און פֿאַר אַ פּראָזשעקטאָרס באַוועגלעכע בלענדן
עס יאָגן סאָלדאַטן אין מאַסקע און העלעם
אַהין, וווּ די גיפֿטיקע שפּירהינט זיך ווענדן.
זיי שאָטענען, קריכן פֿאָרויס, ווערן נעלם
און ווײַזן זיך ווידער. אין אונדזערע מײַלער —
פֿאַראײַזיקט דאָס לשון בײַם הערן די קײַלער.

— צו גלעזער־גאַס גײן! דורכן סאַמע געדרייטן
און שמאָלן קאַנאַל! — גייט אַרויס אַ קאָמאַנדע
די מיטוויינער פֿאַליע. און אײנער דעם צווייטן
העלפֿט מיט. זענען אַלע, דער עיקר, פֿאַראַן דאָ?
ס׳יאָגט ליפּמאַן, פֿאַרפֿאַנצערט דאָס קינד אין זײַן פֿאָלע.
דער בלינדער און קריינע פֿאַרנעמען זיך נאָך אים.
און דורך די שטאָכעטן פֿאַרזשאַווערטע, שמאָלע, —
די זון גרינט אַרײַן אין צעגלימצערטע שטחים.
דאָס ליכט פֿאַרמשוגעט די מײַז מיט די לויפֿער
און שפּירהינט פֿאַרוואַיען דעם הילל אָן אויפֿהער.

ס׳איז פֿאַליע געבליבן צו שיצן — דער לעצטער,
בײַם אָפּצווײַג פֿון ברייטן קאַנאַל מיטן שמאָלן.
ער ליגט אינעם וואַסער־געפּריר אַ פֿאַרנעצטער,
געגרייט מיטן שפּײַער דעם פֿײַנד צו באַצאָלן,
ווען יענער וועט פּרוון אַהער זיך פֿאַרקערוועז.
דערבײַ איז אויך דבֿורל און קאָפּל דער שמידער.
און פֿאַליע מיט קאַלטע פֿאַרשטאָליקטע נערוון
ער ענטפֿערט מיט קוילן אַ צווייטן מאָל, ווידער,
בשעת די געשטאַלטן אין מענטשלעכן אויסזען
פֿון זײַטיקע ווינקלען דערקריכן, דערפֿויזען.

אַ ווײַלע איז שטיל, נאָר די שטילקייט צעגראַבלט
אַ שפּירהונט, וואָס קענטיק באַלוינט מיט אַ קויל איז.
און באַלד פֿון אַנטקעגיקן אויסבייג עס מבולט
מיט פֿײַער צוריק. און פֿאַרחיהטע קולות
דערטראָגן זיך בענטער. — אַנטלויף און געשווינדער —
זאָגט פֿאַליע צו דבֿורלען, פֿאַרזאַמל דעם עולם,
גיב אַכטונג עס זאָל ניט פֿאַרבלאָנדזשען דער בלינדער,
און אַלע — אויף גלעזער־גאַס, אויפֿן בית־עולם!
זי האָט ניט געוואָלט. נאָר זײַן בליק האָט באַפֿוילן,
ערשט דעמאָלט אַנטרונען בײַם אָפּגלאַנץ פֿון קוילן.

אַצינד, ווען געבליבן איין קול, האָט זיך פֿאַליע
דערמאָנט אָן דער גאַזרער. מיט קאָפּלען צוזאַמען —
דערשאַרט זיך אַהין צו אָן אָטעם, פּאַוואָליע.
און איידער דער פֿײַנד האָט באַוויזן פֿאַרצאַמען
דעם וועג — שוין געעפֿנט דעם גאַז בחיפּזון!
פֿון שפּאַלט האָט גענומען זיך צ׳ען אַ נעפּל
אין קרײַזעלעך גראָע, דערנאָך זיך געלאָזן
אין ווײַטער געהיימשטאָט, אַ טרעפּ נאָך אַ טרעפּל.
די לופֿט האָט געזויערט. אוןביידע חבֿרים —
זיי האָבן דערוויַיטערט זיך פֿון די מערדיירים.

— אַ שוועבעלע! בליציק האָט פֿאַליע געצונדן
אַ שטיקל פּאַפּיר, עס געלאָזן אין סימן
פֿון יאָגיקן שטראָם. ווען ס׳פּאַפּיר איז פֿאַרשוווּנדן,
צו אָפֿענער גאַזרער גענומען דערשווימען, —
האָט פּלוצעם אַ הייב זיך געטאָן ווי אַ כוואַליע
אַ פֿלאַם. און בעת־מעשׂה איז פֿאַליע אַנטלאָפֿן
מיט קאָפּלען אַהין צו דעם קבֿר פֿון גדליה, —
אויף גלעזער־גאַס נײַן, ווו דער וועג איז נאָך אָפֿן.
דאָרט האָט זיך מיט גלויבן דער עולם פֿאַרמויערט
און הינטער דער וואַנט אויפֿן שׂונא געלויערט.

אויף גלעזער־גאַס נײַן

אויף גלעזער־גאַס נײַן, אויפֿן קליינעם בית־עולם,
האָט אסתּר געפֿונען איר מקום מנוחה.
(אויף זעלביקן אָרט איז פֿאַראַנקערט דער עולם
פֿון זינט דער מהומה, געלאַף, זאַווערוכע).
באַקומען אַ שטויב פֿון גראַנאַט אינעם שאַרבן,
איז אסתּר געפֿאַלן: באַווײנט מיך ניט, מילא.
זי האָט נאָך באַוויזן אַ פֿונק פֿאַרן שטאַרבן
צו אָפּגעבן דבֿורלען איר אַלטע פֿאַטשיילע.
אַצינדער איז אסתּר אַ בערגל ניט מערער,
אַ הויקערל ערד לעבן גדליה דעם לערער.

ווי אומהיימלעך־ליב ס׳איז צו וווינען מיט טויטע!
באַנעמסט ניט דעם חילוק פֿון דיר ביזן יענע
וואָס לעבן זיך אונטער די בערגלעך די רויטע.
ס׳פֿאַרגינט זיי ניט אָבער די צײַט, די היענע,
און גריזשעט ביז וואַנען עס בלײַבן סקעלעטן!
און שטענדיק עס דאַכט, ווען דו עסט בײַ די קבֿרים,
אַז אויכעט די טויטע, פֿאַרהונגערטע בעטן
אַ קרישעלע ברויט און זיי שטרעקן אַן אָרעם.
נאָר וויפֿל אָקרײַעצן זאָלסט זיי ניט געבן —
וועט מער זיי ניט זעטיקן קיין מאָל דאָס לעבן.

אַ לויב צו דער שפּין, וואָס האָט גרײַלעך אַ שטילע
געשפּונען אין ליימיקן קעלער איר צײַגנס,
איר אויסגעבענקט־גראָע געפּײַניקטע תּפֿילה,
אַזוי ווי אויס פֿעדעם פֿון אונדזערע שווײַגנס.
די ערשטע האָט דבֿורל באַמערקט זי. אין שטוינונג
באַוויזן פֿאַר אַלעמען: זעט אינעם ווינקל!
און עפּעס האָט גלײַך זיך געביטן אין וווינונג.
די שפּין, אויף איר וויכן פֿאַרטרוילעכן שפּין־קול
האָט שמייכלדיק אײַנגערוימט זוניקע קלאַנגען
וואָס האָבן אַרויסגעלעבט נײַע פֿאַרלאַנגען.

אַן ענלעך געפֿיל האָט געהאַט פּעטער נח
ווען טויב איז מיט גרינינקן בלעטל דערפֿלויגן.
די שפּין האָט פֿונאַנדערגעשפּונען אַ כּוח,
אַז מיר האָבן גיריק איר וווּנדער געזויגן.
און ליפּמאַן האָט פֿילאָסאָפֿירט דאָ אַנוסטן:
עס קלעטערט אַזוי ווי די שפּין אויף אַ פֿאָדעם
דער מענטש, אין אַ חלל אַ פֿרעמד־אומבאַוווּסטן.
און בלינד אין זײַן וויסיקייט זוכט דער בן־אָדם
דאָס פֿעדעמל. נאָר ער דערזעט ניט דעם קאָנטור
און פֿרעסט זײַנע קינדער פֿאַרשפּונען אין פּלאָנטער.

באַשיצט פֿון דער שפּין, פֿון איר גראָער ממשלה, —
דאָס לעבן גייט ווײַטער. נאָר דווקא ניט גרינגער.
אין עטלעכע טעג נאָך דער וויסטער בהלה
האָט אויבן פֿאַרמויערט מיט שטיין דער באַצווינגער
אַ טייל פֿון די גראַטעס, און חושך מצרים
פֿאַרפֿילט די געהיימשטאָט. נאָר מיר זעען ווידער
אַ פֿאָלק זאַלבע צענט ווי געוועזן עד־היום,
עס זעען אין אייביקס פֿאַרוואַנדלט די גלידער.
אַ פֿאָלק זאַלבע צענט וואָס מע קען ניט צעטיילן.
דו פֿרעגסט ווי אַזוי? כ׳וועל דיר זאָגן, דערציילן:

מיר האָבן אין קעלער געפֿונען באַהאַלטן
אַ פֿרוי מיט איר צען־יעריק ייִנגל, — טאַמאַרע
און יוליק. און אויפֿן בית־עלמין דעם קאַלטן
איז היימיש געוואָרן, ווי ס׳וואָלט דורך אַ שפּאַרע
דער פֿרילינג אַרײַן. אויך דאָס ייִנגעלע קריינעס,
וואָס אָ ד ם זײַן נאָמען, — זיך עלטערט אין פֿריידן
און קלערט ניט פֿון אומגליק וואָס הויערט בשכנות.
אָ, ווער קען די רעטעניש העלפֿן באַשיידן?
ווי שטעלט זיך דעם שטורעם אַנטקעגן אַ זאַנגל?
אויף וועמעס באַפֿעל איז דער גאָרער געראַנגל?

אַ פּײַנע געשיכטע! ווען פּאַליע מיט קאָפּלען
אָוועק זענען איבערן שלאַכטפעלד דעם גרויסן,
כּדי ניט צו בלײַבן פֿאַרפּלאָנטעט מיט די נאָפּלען,
געפֿינען אַן אויסוועג, אַ טיר צו דעם דרויסן, —
געפֿונען זיי האָבן אַ מענטשן אין בלאָטע,
אַ בלאָטע־געשטאַלט, וואָס ניט מעגלעך דערקענען
קיין חילוק צווישן זײַן הויט און קאַפּאָטע.
נאָר ווען מיטן אורח אין איינעם זיי זענען
דערקראָכן אַהיים און זיי האָבן דאָרט קוים אים
דערוואַשן, — איז יעדער געבליבן נשתּומם:

אַ האַקנקרייץ האָט זיך אַנטפּלעקט אויף זײַן קליאַפּע!
און ער האָט זיך מודה געווען בעתן פֿאָרשן
אַז־אַז... מ׳האָט אַרײַנגעגנאַרט אים אין געסטאַפּאָ,
דאָרט אַרבעט ער קעגן זײַן ווילן אַ יאָר שוין.
מע רופֿט אים פּיצוקאַס, פֿון שטאַם — אַ ליטווינער,
פֿאַרבלאָנדזשעט דאָ נעבעך אין פֿרעמדע קאַנאַלן.
דערנאָך איז דער זעלבער — אַ יאַשטשער אַ גרינער,
אויף דר׳ערד פֿאַר די עטלעכע ייִדן געפֿאַלן:
— אַ ווײַב מיט דרײַ קינדער, דאָס ייִנגסטע אַ פּיצל...
דערבײַ האָט אויף גאָט זיך פֿאַררופֿן דער היצל.

— אָט איז דײַן נקמה, דער מענטש דער געשענדטער,
דו זעסט? האָט צו פּאַליען געוווּנקען דער פּרוש —
אים צוגעפֿירט צו דעם געפֿאַנגענעם נענטער.
די מעשׂה, גוט־ברודער, איז גאָר ניט היסטאָריש...
נאָר פּאַליען — אים האָבן אַ גלאַנץ געטאָן טרערן,
צעשמעלצט די נקמה, די גלוסטונגען אירע,
צעגאָסן ווי קוועקזילבער זײַנע באַגערן.
מיט פֿײַנלעכן עקל צו גאָר דער יצירה, —
פֿאַרדעקלט די אויגן אין מידער אַליינקייט
ניט אָנצוזען מער דאָ די מענטשישע קליינקייט.

דאָס הויכע געריכט איז אַוועק זיך באַראָטן.
באַשטימען דעם פּסק ווערליק אייגענעם קאָדעקס,
ביים פרישינקן בערגל, ווו ס׳לעבט נאָך דער שאָטן
פון אסתרן. אמת, מע האָט קיין גענאָדיקס
אויך דאָרטן ניט אויסגעזוכט. אָבער די שופטים
זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומווערדיק הרגען
מיט אייגענע הענט. — סיידן נעמט און באַשטראָפט אים —
זאָגט ליפּמאַן, — דער שד זאָל אַליין זיך דערוואַרגן!
— אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר זאָל ער פאַרשווינדן!
האָט ממש געשלאָגן אַ דיבוק פון בלינדן.

אַזוי האָט געגאָלטן דער מישפּט: פאַרטרייבן
פיצוקאָסן קריק אין געדריידלטע שמאָלע
העט־ווייטע קאַנאַלן, און זאָל ער דאָרט בלייבן
געיאָגט פון זיין אייגענער פינצטערער קללה.
און זאָל דער באַשעפער, וואָס האָט אין זיין צלם
געפורעמט דעם מענטשן — באַשטימען וואָס ווייטער:
צי מייז אין קאַנאַל זאָלן גריזשען די פעל אים,
צי זאָל ער אַנטרינען אַ גאַליק־פאַרשפּייטער.
אַזוי איז געשען. און זאָל פּסקען אַ דיכטער
צי אָרנטלעך האָבן געהאַנדלט די ריכטער?

— טאַמאַרע, דו העלדישע מאַמע, ווי האָסטו
געראַטעוועט יוליקן, ווער איז דער שיצער?
— אויף סובאָטש, אַהינטער די צוימען פֿאַראָסטע,
דאָרט האָט מען — איך וועל עס דערציילן בקיצור —
די קינדערשע הויטן ווי שאָלעכץ פֿון עפּל
געשיילט פֿון די צאַרטינקע פּנימלעך, וואָרעם
עס טויג פֿאַר קאָסמעטיק. ביי נאַכט, אין אַ נעפּל,
פֿאַרשלעפּערט כ׳האָב יוליקן מיט כלאָראָפֿאָרם,
גענומען אין זאַק, און עס איז מיר געראָטן
זיך דורכגליטשן אונטער עלעקטרישע דראָטן.

— ווי מוראדיק־פּשוט דיין ריידן, טאַמאַרע!
דערציילסט מיט אַ שטים, אַ יעגוועלטיקע, שטילע,
אין ליכט האָסטו איבערגעשמאָלצן אַ כמאַרע,
איך לייען דיין פּנים — דעם היינטס אַ מגילה.
נאָר זאָג מיר, טאַמאַרע, איז יוליק בכּוח
ווי דו צו פֿאַרוואַנדלען אין ליבשאַפֿט די שׂינאה?
נאָר זאָג מיר, טאַמאַרע, פֿאַרמאָגט ער נאָך כּוח
צו זינקען אַזוי אין דער צענטער מאַלינע?
צו טרינקען די ביטערניש? פֿרעגט ער ניט קיין מאָל
אַוווּ איז אַ פֿויגל, אַ שטערן, אַ ביימל?

— ס׳איז יוליק באַהאַוונט און האָט ניט קיין טענה...
אָט זעסטו: פֿון קבֿרשן ליים פֿונעם פֿייכטן
באַשאַפֿט ער אין ווינקל די וווּנדערוואָר זיינע —
אַ משה־געשטאַלט פֿאַר די דורות צו לייכטן.
דער שטראַליקער קאָפּ ווי געקנאָטן אויס פֿייער, —
אין טונקלקייט הערנערט באַפֿעלעריש, מאַכטיק.
ס׳וועט ביז דער באַפֿרייונג שוין זיין דער באַפֿרייער.
זיין בליק, — איבער פֿעלדזן אַ זונאויפֿגאַנג, פּראַכטיק,
וועט יעדן קאַנאַלמענטש די בענקשאַפֿט אַנטפּלעקן.
און ליים, זאָגט דער קינסטלער, פֿון קבֿרים וועט קלעקן.

אַצינדער באַקען זיך, דו לייענער מײַנער,
מיט נאָך אַ פֿאַרשוין: מיטן שלײַפֿער פֿון מעסערס
אויף גלעזער־גאַס דרײַצן: פּעטראַ דער ציגײַנער,
וואָס יאָרן שוין לאַנגע ער ווייס ניט קיין בעסערס
ווי ציִען זיך איבער די הויפֿן און קלינגען
אין גלעקל פֿון וואַרשטאַט. אַ סימן, מע קאָן אים
אַרויסטראָגן שלײַפֿן פֿאַרטעמפּיקטע קלינגען.
און שלײַפֿנדיק — בייגט ער זײַן בייַנערן פּנים
אַלץ נענטער צום שטיין, אַז עס זאָלן די פֿונקען
אַרײַנגיין אין הויט אים און בלײַבן פֿאַרזונקען.

די פֿונקען זיי האָבן זיך טאַקע פֿאַרשפּיזלט
אין בראָנדזיקן אויג, אינעם קאַרביקן שטערן;
ניט קלעפּיקס אין אָדערן זײַנע אים ריזלט,
נאָר שטאָלענע פֿונקען אַ שטראָם, וואָלט איך שווערן!
און ווי אַ קינזשאַל מיט בריליאַנטן באַשלאָגן —
די פּראַכט פֿון זײַן שבֿט פֿײַן פּנים נאָך בלענדיקט.
שוין לאַנג זיך געזעגנט מיט פֿערד און מיט וואָגן,
ס׳קען דאַכטן: ער האָט מיט זײַן אָפּשטאַם געענדיקט.
נאָך פֿופֿצן יאָר קאַטאָרגע האָט ער פֿאַרלאָרן
זײַן וואַלד און זײַן וועלט, איז אַ שלײַפֿער געוואָרן.

נאָר ווען ס׳איז געקומען דער דײַטש, האָבן גאָר די
פֿאַרשווונדענע מעסערס געשאַרפֿט אין זײַן לעבן —
פֿון לײַב אים אַרויסגעטאַנצט קעגן דער האָרדע
און מער שוין זײַן אומרו קיין רו ניט געגעבן.
אַוועק איז פּעטראַ אין די וועלדער פֿון געגנט
באַנאַנד מיט אַ קינד וואָס אַנטרונען פֿון שחיטות.
און ווען ער האָט בוידן ציגײַנער באַגעגנט, —
געגעבן דאָס קינד אַ ציגײַנערטע: היט עס!
דאָס קינד איז פֿון טויזנטער מאַמעס געבליבן,
מיט ליבשאַפֿט פֿון טויזנטער זאָלסטו עס ליבן.

און שפּעטער האָט ווידער פּעטראָ אין די וועלדער
געבראַכט אַ געיאָגטן געפּײַניקטן ייִנגל,
פֿאַרברוינט אים דאָס פּנים, געוויקלט אין טרעלדער
און אָנגעטאָן אים אויפֿן אויער אַ רינגל,
מע זאָל אים דערקענען. אַזוי האָט כּסדר
זיך איבערגעחזרט. ביז איין מאָל געקומען
אין וואַלד מיט אַ מיידעלע אונטער די קליידער —
געפֿונען ער האָט שוין ניט קיינעם, בלויז בלומען
באַטויט מיט געוויין. און צעריסענע בוידן
ווו שנירלעך מיט ראַבינע־קרעלן זיך הוידען.

אויף גלעזער־גאַס דרייצן בײַם אַלטן ציגײַנער
פֿאַראַן איז אַ קעלער. אין קעלער — אַ ברונעם.
און קוקסטו אין קוואַליקן ברונעם אַרײַן נאָר —
דערהערסטו ניט מער ווי דעם וואַסערס ניגונים.
נאָר עטלעכע שפּאַן פֿון דער וואַסערהויט נעמט זיך
אַ דעקל אַרויס און אַצינד קענסטו קריכן
דורך שמאָלן טונעל, ביז די ריכטונג פֿאַרנעמט זיך
אויף לינקס, דאָרטן הייבסטו אַ שטיין אויף און גיכן
ביסט דו שוין אויף גלעזער־גאַס ניין, ווו עס וווינען
פֿון דער־אָ פּאָעמע די אַלע פּאַרשוינען.

צו ערשט האָט אַ בולבע, פֿאַרוואַלגערט אין קעלער,
אַרויסגעשטראַלט ווײַסינקע שפּראָצן. אַ סימן —
דער פֿרילינג שוין פּראָוועט אין שטאָט זײַנע בעלער.
עס האָבן דערזוניקט זיך מונטערע שטימען
אַרום דעם בית־עלמין. דאָס ליאַרעמט אַ כאָפּטע
צעזונגענע שטראָמען פֿון שטאָטישע גאַסן
דורך רעגן־קאַנאַלן מיט שנייען פֿאַרשטאָפּטע.
זיי רוישן, צעשינדן דעם אומעט אין פּאַסן
און שפּריצן שוואַרצערדיקע ריחות צעבליטע —
אַן אָנדענק פֿון ווינטער, אַמאָליקער ליטע.

פֿון שנייען צעגאַנגענע, ערדן וואָס יערן,
פֿאַרמויערטע קוואַלן, פֿרישגראָזיקע רעגנס,
וואָס פּליעסקען דורך גראַטעס, צעגאָלדיקטע רערן,
פֿון ווינטערס צעגאַנגענע פֿרײַע פֿאַרמעגנס, —
עס האָבן די שטראָמען געזונגען אַן אָדע
צום פֿרילינג, אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אָרעם
דעם קעלער און ס׳האָט זיך אַ ליניע אַ גראָדע
געצויגן פֿון פֿרילינג אַהער צו די קבֿרים,
דערוויכט און דערוואַרעמט פֿאַרגליווערטע האָרבן
און אויפֿגעוועקט יענע וואָס זענען געשטאָרבן.

דער פּרוש, פֿאַרטאָן אין געהויבענער פּראַצע,
האָט זאָרגעוודיק־ערנסט געכשרט די כּלים,
גערעדלט, געבאַקן, ווי ס׳דאַרף צו זײַן מצה.
באַיום־טובֿט די קנייטשן פֿון הײַפּל אבֿלים.
דער רויך האָט געצויגן זיך ווײַט, דורכן קוימען
פֿון גלעזער־גאָס דרײַצן, ווו ס׳וווינט דער ציגײַנער.
און דאָ, אינעם היכל דעם ברייטן, גערוימען,
געוואָרן איז וואַרעמער, זויבערער, פֿײַנער.
דער פּרוש האָט אָבער אין קומער געטענהט:
— ס׳איז נאָענט דער פּסח, מיר האָבן קיין ווײַן ניט!

האָט פֿאָליע זיך פּלוצעם דערמאָנט: זײַן געטרײַער
געפֿאַלענער טאַטע, ער האָט פֿאַר אַ יאָרן
בײַם סדר אין געטאָ באַהאַלטן אויף הײַיאָר
אַ פֿלאַש ייִן צימוקים! באַגלייט פֿון זכּרון, —
אַצינד האָט געצויגן דער זון דורכן ברונעם
צו יאַטקעווער געסל און דאָרט אונטער גרינגע
צעפֿאַלענע ווענט די ירושה געפֿונען.
בײַם אָנזען דעם ווײַן האָט געטענצלט אין שכינה
דער פּרוש: אַ האַלבע פֿלאַש ווײַן דאַרף מען ווידער
באַהאַלטן אויף איבער אַ יאָר, אין דער נידער.

בײַם סדר. דער פּרוש געלענט אָן אַ קישן.
צוויי וואַקסענע ליכט. אַ פֿאַרטריפֿטע הגדה.
ס׳איז אמת, מע זעט ניט קיין הינער, קיין פֿישן,
פֿאַראַן אָבער מרור, אַזוי איז די מאָדע.
די שפּין וואַרפֿט אַ ציפֿערבלאַט־שאָטן אַ רונדן
דעם פּרוש אַנטקעגן און פֿרעגט: מה נשתּנה?
עס קניפּן זיך אַלטע צעריסענע בונדן.
דער איצטיקער קנעכט איז דעם זיידן מקנא.
— עבֿדים היינו... ווער זענען מיר, קינדער,
נאָך עטלעכע טויזנטער יאָרן אַצינדער?

מיט זאַנגענער האַנט הייבט דער פּרוש אַ בעכער
פֿון טונקעלן זילבער מיט ראַנדן פֿון גינגאָלד.
באַקריצלט מיט הירשן וואָס רײַסן זיך העכער,
די ווענטלעך מיט פּסוקים ווי טויען באַרינגלט.
עס האָט אים געראַטעוועט אסתּר, לזכר
די ייִדישע דורות צעאַשט און פֿאַרלענדיקט.
איצט גייט ער פֿון ליפּן צו ליפּן אַ בלייכער,
מסתּמא זײַן שליחות נאָך אַלץ ניט געענדיקט.
— צו איינציקע זופּן! דער ווײַן איז מחיה.
אַ זופּ — און עס קוואַלן שוין ווײַנכוואַליעס נײַע.

דער פּרוש — איז ניט צו דערקענען, אַ צווייטער.
זײַן פּנים — אַ בליציק־באַלויכטענע מאַפּע.
פּאַמעלעך, אין קיטל דעם ליכטיקן, גייט ער,
פּראַלט־אויף מיטן אַקסל די שטיינערנע קליאַפּע
וואָס פירט אין געהיימשטאָט דורך בײַוועגן שמאָלע
און ברומט: שפוך חמתך! פֿאַרגיס מיט דײַן צאָרן
עמלקן, זאָל אים פֿאַרשרפֿען דײַן קללה,
ווי ער האָט פֿאַרשײַטערהויפֿט אונדזערע יאָרן.
אַ ראָב זאָל זיך מיאוסן קראַקען זײַן נאָמען.
און אַלע אים ענטפֿערן אײַנשטימיק: אָמן.

פֿאַרזשאַווערטע ביקסן

פֿאַרזשאַווערטע ביקסן, געפּוקלט אין פּליאַמעס,
אַלטמאָדישע, קרומע סקעלעטן פֿון אײַזן, —
ווער האָט אײַך באַהאַלטן אין ד י דלד אַמות
איר זאָלט אין געהעריקער צײַט זיך באַווײַזן ?
צי האָבן געטראָגן אײַך שטאָלצע סאָלדאַטן
און רום איז דער נאָמען פֿאַר אײַער געזשאַווער ?
צי זענט איר געהאַנגען אויף אַקסלען פֿון קאַטן,
צי האָט איר געשאָסן אין אייגענעם חבֿר ?
אָ, ביקסן אין דר׳ערד, וואָס מיר האָבן געפֿונען
בײַם גראָבן אין קופּערנעם קעלער אַ ברונעם !

און אפֿשר געפּולווערט אין אײַך האָט אַ האָפֿן
אין מאַרש פֿון די צײַטן, אַז גלייביקע פֿינגער
דערגראָבן זיך וועלן אַ מאָל צו די וואָפֿן,
זיי נאָך אַ מאָל אָנצילן קעגן באַצווינגער
און ענדיקן זיגעריש יענע מרידה
ווו זינגענדיק זענען געפֿאַלן די שלאַכטלײַט ?
דערגלעקערט אין מיר זייער שטאָלענעם ווידוי,
דעם סוד פֿון געשיכטע אַנטפּלעקט פֿאַר די נאַכטלײַט !
אָ, ביקסן אין דר׳ערד, וואָס מיר האָבן געפֿונען
בײַם גראָבן אין קופּערנעם קעלער אַ ברונעם !

און וואָס איז מיט אָדמלען, אונדזער מיזיניק,
פֿאַרטריבן אַהער פֿונעם אַלטן גן־עדן?
ס׳איז ניט צו פֿאַרזינדיקן. לעבט ווי אַ קיניג
און גאָר־גאָר אין גיכן וועט נעמען שוין ריידן.
אַ קוועקזילבער־פֿלייט איז דערווײַלע זײַן שטימל,
און וויפֿל דו זאָלסט ניט די קלאַנגעלעך זוכן —
אַנטרינען זיי אין אַ באַזונדערן הימל.
אַ שמייכל פֿאַרהוילן אין זײַדענע פּוכן
באַווינטלט זײַן פּנים. עס איז די געהיימשטאָט
זײַן אמתע, ניט קיין פֿאַרלייקנטע היימשטאָט.

געוויס, אין קאַנאַלן־מלחמה, אויך שפּעטער
אין וואָגל דורך קעלטן, דורך פֿינצטערן הונגער,
געווען איז אונדז טאַקע אַ שאלה, צי וועט ער
באַזיגן די פֿײַנד אונדזער הערשער דער יונגער.
נאָר ווייס דען אַ פֿידל איר ניגון, קוים האָבן
איר טיפֿקייט ניט אויפֿגעקושט פֿינגער ווי רעגנס?
וואָס מער ס׳האָט דער אומגליק זיך קראָטיש דערגראָבן,
האָט אָדם דאָס לעבן באַהערשט אונטערוועגנס
ווי אים וואָלט גערופֿן די זון, וואָס געפֿאַנגען
אויף יענער זײַט וועלט קען אַהער ניט דערלאַנגען.

אויף גלעזער־גאָס נײַן, אין דער ייִדישער פֿעסטונג,
צעווישן דער גאָס און קאַנאַל, אין דער נידער, —
האָט אָדם געפֿונען אַ וואַרעמע נעסטונג
און ס׳וויגן אים אַלע און קושן די גלידער,
ווי יעדערער וואָלט אים געבוירן. דער עיקר
איז ליפּמאַן צעשויבערט. נאָר זאָל מען ניט מיינען
ס׳איז פּשוט. ווײַל יענער פֿון לאַנג איז ווי שיכּור,
עס האָט אים פֿאַרווירבלט זײַן קאַנטשאַפּט מיט קריינען.
ער קאָרמעט דאָס קינד און דערהויפּט איז ער גליקלעך,
ווען קריינע געטרויט אים צו וואַשן די וויקלעך.

און קריינע? ווי אויסטערליש האָט זיך עס קריינע
געביטן! איר הויט, אַ צעקאַרבטע אין ליידן,
אַצינד איז געוואָרן אַ שעמעוודיק־ריינע,
באַוועלטיקט ביז גאָר פֿון אַמאָליקע פֿריידן;
אַזוי ווי זי וואָלט דורך אַ כּישוף געוווּנען
איר יוגנט. די האָר זעגען בלויז איר אַ זכר,
אַז דאָ האָט די טויטשרעק איר גראָקייט פֿאַרשפּונען.
אַז דאָ האָט דער טויטגאָט געפֿלאַקערט אַ בלייכער.
נאָר דווקא דער שאַרפֿער קאָנטראַסט האָט נאָך מערער
גערייצט און געמאַניעט איר ווילן פֿאַרערער.

ס'איז קריינע אין אים אויך פֿאַרליבט, ווי בשעתו
ביי נאַכט ביי די אָפֿן־צעמיילערטע גריבער
ווען זי האָט אין בענקשאַפֿט צו שטאַרבן אַ זאַטע,
גערופֿן אַ פֿרעמדן: "מיין איינציקער, ליבער!"
ס'האָט קריינען געדאַכט, אינעם גלאָזיקן פֿיבער,
אַז ליפּמאַן איז דער, וועמען זי האָט גערופֿן
אין שחיטה־באַגינען: „מיין איינציקער, ליבער!"
עס האָבן זיך איבערגעביטן די גופֿן!
און שטענדיק ווען ליפּמאַן צו איר טוט געגענען —
ווערט זי דורכן דאָקטער פֿאַרבונדן מיט יענעם.

און ליפּמאַן — ער קען ניט דערגרונטן דעם אמת.
ער גלייבט: ער איז יענער. עס צווינגט אים איר גלויבן.
ער גלייבט אויפֿן שמייכל, ער גלייבט אויפֿן רמז.
ווייל דווקא אַזוי ווערט זיין ליבשאַפֿט דערהויבן.
צי קען ער זיך אויף די געדאַנקען פֿאַרלאָזן,
געדענקען די נאַכט לעבן אָפּגרונט, די דאַטע?
געוויס... ער האָט קריינען געליבט אין די גראָזן.
ס'איז ליפּמאַן — דעם יינגעלעס גליקלעכער טאַטע.
בפֿרט נאָך, די ענלעכקייט גיט אַ פֿאַרמסר:
דער דאָקטער און אָדם — ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

און ליפּמאַן דערמאָנט זיך. דער גײַסט פֿון דערמאָרדטן
לעבט װײַטער אין אים, װי אַ קוסט װאָס מע האָט אים
אַריבערגעפּלאַנצט אין אַן אַנדערן גאָרטן,
און בינען די זעלביקע זייגן זײַן אָטעם.
עס האַלטן אים קרײַנעס צװיי אויגן אין צװאַנגען.
אַפֿילו זײַן חלום אַנטפּלעקט אים די װאָר ניט.
אויך דאָרטן דורך זעלביקן כּישוף געפֿאַנגען —
אין צװייטן פֿאַרװאַנדלט. אַליין איז ער גאָרניט,
אַ שאָטן פֿון זיך. נאָר אין פּלאַזמע פֿון שאָטן
אַ צװייטער זכּרון אַצינד איז פֿאַרקנאָטן!

און איבער זיי ביידן, דעם פּיצינקן אָדם,
און איבער דער ליבשאַפֿט װאָס גלאָצט אין בײַנאַכטן —
די שפּין מיט איר גראָען אומזעיִקן פֿאָדעם
טרײַבט װײַטער דאָס שפּינראָד פֿון מענטשלעכן טראַכטן.
די ליסטיקע שפּין איז דאָ אויכעט אַ שותּף
צום װיגליד װאָס קרײַנע פֿאַרזייט אַרום װיגל,
צום תּענוג דעם נײַעם װאָס ריזלט אין בלוט אויף,
צום לעבן װאָס קען ניט דערזען זיך אין שפּיגל.
מסתּמא װעט איר קיניגרײַך באַלד זיך פֿאַרשפּרייטן
און אַלעמען שמידן אין זײַדענע קייטן.

טאַבאָרן ציגײַנער פֿון ליטע און פּוילן,
איר בערדיקע מענער, שוואַרצערדיקע טעכטער, —
בערלין האָט אײַך אַלעמען טייטן באַפֿוילן,
געקוילעט אַ וואַלד מיט געזאַנג און געלעכטער.
באַנאַנד מיט די ייִדן מע האָט אײַך געשײַטערט,
די ערד האָט געריסן פֿאַר ביידן איין קריעה.
אַ רעגן פֿון אַש האָט די ביינער געלײַטערט,
אַ רעגן פֿון אַש איבער מאַמע ווילִיִע.
און אײַערע וועגענער זומפּיקן, פֿוילן,
טאַבאָרן ציגײַנער פֿון ליטע און פּוילן.

ס׳האָט פּושקין אַנטפּלעקט אײַער פּראַכט, אײַער וואַנדער.
זײַן האַרץ האָט געפֿײַקלט אין אײַער באַנדורע.
צי וועט דעם ציגײַנערשן אומקום אַן אַנדער
באַזינגען מיט זעלביקער קלאַנגיקער גבֿורה?
דער נאַכטיגאַל סײַדן, בלויז ער, דער מקונן
וואָס האָט אײַך באַגלייט צו די שלאַנגענע ראָוועס.
פֿאַרבייגן זיך טונקל די ווערבענע קרוינען
און זאַפּן אײַך אײַן אין די גרינע מחשבֿות.
אָ, שטאָם, איבערהויפּט פֿון פּאָעטן געשעצטער!
פּעטראָ איז געבליבן, קען זײַן, אײַער לעצטער.

ס׳איז הײַנט ערשטער מײַ. ניט קיין טרויערטאָג, נײַערט
באַפֿליגלטער גלויבן. מיט אים ווערט צוזאַמען
דער יאָרטאָג פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשע געפֿײַערט.
אַן אָפּגלאַנץ פֿון יענע געהייליקטע פֿלאַמען
באַשײַנט די געקוילעטע לופֿט ווי אַ פֿאַקל.
און דבֿורל, וואָס איר איז באַפֿאַלן אַ הוסטן,
האָט פֿאָנעלעך רויטע געשפּינט פֿון איר יאַקל.
די פֿאָנעלעך בעזלען אַצינד אויף די ברוסטן.
און אויך בײַם ציגײַנער פּעטראָ אונדזער שכן —
אַ פֿאָנעלע בליט מיט אַ שטילן נצחון.

נאָר דווקא באַהאַלטן? ס׳איז יעדער אַ בעלן
די וועלט זאָל דערזען, אויף להכעיס דעם שענדער.
קריכט עולם אַרײַן אין די שמאָלע קאַנאַלן,
מע טשלאָפּעט אין פֿינצטערניש מיט די געווענדער
אין וואַסער, ווו מײַז טוען שפּילן טעאַטער.
ביז וואַנען די זון דורך אַ גראַטע באַווײַזט זיך, —
אַ ריזיקער פּערל, אַ מילכשײַניק־מאַטער.
און דעמאָלט בײַ דבֿורלען אַ פֿאָנעלע רײַסט זיך
אַרויס פֿון די פֿינגער, און יאָגט אין די הייכן
אַהין, ווו עס קען דער רוצח ניט גרייכן.

און פּלוצעם — אַ באָמבע־געהילך איז דערגאַנגען
אַהער אין געהיימשטאָט און תּיכף אַ צווייטער.
פֿאַרמירמלטע פּנימער שלינגען די קלאַנגען,
אַזוי ווי בײַם הערן משיחס טרומייטער.
מע נישטערט פֿאַרפּראָפּט אונטער איינציקער גראַטע
צו זען די זיגזאַגן פֿון רעטער, וואָס האָגלען.
מע קושט זיך שוין אָפּן... מע פֿירט אַ דעבאַטע
צי ס׳וועט נאָך געדויערן לאַנג אונדזער וואָגלען.
צי ווערן מיר אויסגעלייזט פֿריִער צי שפּעטער?
עס פֿאָכען מיט ווײַסינקע טיכלעך די רעטער...

משיחס טרומייטער — פֿאַרשווונדן. אין צונטער
דער הימל, ווי ד אַ ר ט וואָלטן מענטשן זיך שלאַכטן.
אַ שטערנדל ווינקט פֿון די וואָלקנס אַרונטער,
נאָר ס'איז ניט כּדאַי וועגן שטערן צו טראַכטן.
פֿאַרנעסטן זיך ווידער אין האַרבעריק אַלע
מיט אָדערן־בליקן געשפּאַנטע אין תּאווֹת.
מע שנאַפּט אין די נעכטנס די גרויזיק־פּאַטאַלע,
דאָס גליק ווערט פֿאַרוואַנדלט אין שולד, אין התחייבֿות
אַנטקעגן די בערגלעד, אַנטקעגן די צאָלן,
פֿאַר וועלכע מע קען שוין מיט גאָרניט באַצאָלן.

— כ'האָב מורא פֿאַר איינס: פֿאַר דער נאָנטער ישועה,
זי פּײַניקט מיך! — טענהט דער בלינדער, געבויגן
דעם נאַקן צו דר'ערד ווי אַ פּלאַציקע דוהע.
פֿאַרשאָלטענע פֿרײַהייט, קוק אָן מײַנע אויגן:
אין איין אויג — מיט לאַכיקער ליאַלקע מײַן טאָכטער,
אין צווייטן — מײַן פֿרוי מיט די טרערן פֿאַרסמטע!
מײַן לעבן — איז לעבן אָן אייביק געיאָכטער
ביז וואַנען די פֿינצטערניש וועט אַ צעפּלאַמטע
פֿאַרשלינגען מײַן שפּיציק געביין ווי אַ מעסער,
נאָר אײַך וועט זי אויסשפּײַען, אײַך די פֿאַרגעסער.

— פֿאַרגעסן? זאָגט פֿאַליע, זאָל ווערן בײַ יענעם
פֿאַרגעסן דער נאָמען ווער ס'וועט ניט געדענקען
דעם תּלין און רויזן פֿאַרזייען אין גיהנום.
נאָר מער ווי געדענקען, — זאָל יעדערער בענקען
צו ווערן אַ יידישער ציגל אין גרונטפֿעסט
פֿון אייגענער היים. — און פֿאַר וואָס ניט אַ ציגל
אין אייגענער וועלט, און ניט שליסן קיין בונד פֿעסט
מיט אַנדערע? — גיט זיך דער דאָקטער אַ קליגל.
בין זיכער, וועט זײַן אויף דער וועלט סאָציאַליזם
וועט אויכעט פֿאַרשווינדן דער אַנטי־יידיזם...

איר הויט — אַ לבֿנה־שטראַל וואָלט זיך דערשראָקן —
באַלייַכט דעם געלעגער. נאָר שוואַרצער פֿון בלינדקייט
פֿאַרוואָרפֿן איז איבערן האַלדז אירע לאָקן.
דער שמייכל — צעבויגן. אין הייסער געשווינדקייט
באַוועגט זיך די ברוסט ווי אַ כוואַליע אין שטורעם.
דער דאָקטער בייַם ציילן איר פּולס, און אַהינטער —
עס קאָרטשעט זיך פֿאַליע אין א י ר ע יסורים.
— איך האָב נאָך געוואָרנט דעם פֿאַריקן ווינטער —
זאָגט ליפּמאַן בלחש צו פֿאַליען, אַז דבֿורל
איז קראַנק אויף די לונגען, איז קראַנק אויפֿן גורל.

— וואָס הייסט ”נאָך דעם פֿאַריקן ווינטער געוואָרנט?”
דו ביסט דאָך אַ דאָקטער! נעמט צוקן די פּלייצע
ביי פֿאַליען און ס׳פּנים ווערט אַשיק־פֿאַרצאָרנט, —
מיר מוזן אַ צ י נ ד ע ר געפֿינען אַן עצה!
און ליפּמאַן פֿאַרטראַכט זיך: די עצה איז, ברודער,
צו בייַטן די לופֿט. אַז מיר זאָלן דאָס מיידל
פֿון דאַנען אַרויסטראָגן שטיל, אָן גערודער,
צו איינעם אין שטאָט, וואָס זאָל זייַן אַזוי איידל,
באַהאַלטן די קליינע ביז נאָך דער מלחמה,
ביז וואַנען דער פֿייַנד וועט אַרייַן אין אדמה.

און פֿאַליע צו דבֿורלען גענענט אַ פֿאַרקלערטער:
איז ווילנע שוין טאַקע אַ סדום אָן צדיקים?
די שטאָט ווו עס קלינגען מיצקעוויטשעס ווערטער?
געשטאַלטן פֿירפּיסיקע טונקלען זייַן בליק אים.
נאָר באַלד נעמען אַנדערע אויפֿגיין צוזאַמיק
אַנשטאָט די פֿירפּיסיקע, גראָע געשטאַלטן —
מאַטייקע פֿאַרוויגט אויף דער תּליה, אַדאַמעק,
פּעטראַ, וואָס מיט פֿאַלק זאַלבע צענט וויל זיך האַלטן.
עס מ ו ז זיך אין ווילנע געפֿינען אַ פּערטער!
אין שטאָט ווו עס קלינגען מיצקעוויטשעס ווערטער...

איר האַנט אין געקלעם, נעמט זיך ציִען פֿון זײַנער.
אַלץ שטאַרקער דער הוסט, ווי אַ האָגל אין בלעכן.
עס פֿײַלט אַ פֿאַרזשאַווערטע ביקס דער ציגײַנער,
אַן אַנדערע — קאָפּל. נאָר איר נעמט זיך ברעכן
די ערד, ווי אַ הײַטל פֿון אײַז חודש ניסן.
און פֿאָליע פֿאַרוואַנדלט ער איז אין אַ תּפֿילה.
און ליפּמאַן ער טענהט צו דבֿורלס געוויסן:
— דײַן שטאָלץ וועט ניט ווערן געמינערט, חלילה,
נאָר קראַנק ביסטו, מיידל, די לופּט דײַן פֿאַרסמער.
מיר מוזן אין שטאָט דיר געפֿינען אַ קאַמער.

דאָס מיידל נעמט וואַרפֿן דעם קאָפּ ווי אַ טרילער
ווען מענטשן אים שטערן צו פּיקן די קערנער.
און פֿאָליע: באַרויִק זיך, ליבינקע, שטילער.
און דבֿורל: פֿאַרבלײַבן אָט־דאָ וויל איך גערנער,
אַבי — ניט אַליין. און די שפּין ווי אַ באָבע
זי שפּינט איבערביידן דאָס זײַדנס פֿון שווײַגן,
פֿאַרצירעוועט שאָטנס — דער נאַכטס גאַרדעראָבע.
ביז פֿאָליען די קראַנקע ס׳געראָט איבערצײַגן.
און דבֿורל שוין שמייכלט: געהאָרכיק זײַן מוז איך,
און פֿירט זײַן טשופּרינע אַלץ נעענטער צו־זיך.

Maria Fedecka

די זומערנאַכט — אָדערדיק־צערטלעך און וואַרעם,
אַזוי ווי דער האַלדז בײַ אַ פֿערד. נאָר סירענעס
צעשנײַדן דעם האַלדז מיט אַ שאַרפֿן אַלאַרעם.
זשאַנדאַרמען אויף איטלעכן ראָג, ווי היענעס.
פֿאַרבײַגייער לויפֿן. די הימלישע רעטער
באַקראַנצן די שטאָט. ערגעץ פֿלאַקערן שויבן.
צעווישן די לויפֿער — פּעטראָ אין אַ סוועטער.
נאָך אים, דורך קופּאָליקע זײַלן מיט שטויבן —
יאָגט פֿאָליע מיט דבֿורלען. עס דאַרף נאָך די קראַנקע
דערשוועבן צום טויער אויף קלײן־פּאָהוליאַנקע.

און פֿאָליע — ער הערט ניט אַצינד ווי עס זשומעט
דער הימל. איר הוסטן צעשניקערט די חושים.
ער יאָגט ווי אַ קרעציקע מאַלפּע דעם אומעט.
עס ברענען ווי שויבן אויף אים די מלבושים.
אַיעדער איר הוסט איז אַ לאָפּעטע רויערד
אויף זײַנע ביז פּלאַצן־געשפּאַנטע פֿאַרלאַנגען.
און דבֿורל אין אייגענעם שאָטן פֿאַרבויערט —
זי וואַקלט פֿאָרויס, ווי עס וואָלט זי געפֿאַנגען
זײַן ווילן. דער זונפֿאַרגאַנג הינטער זיי בײדע —
אַבֿרהם פֿירט יצחקן צו דער עקדה.

עס וואָלקנט די נאַכט. דער אַלאַרעם שוין איבער.
די לופֿט איז אַ ווייך־אומגעזעענער דאָרן.
עס פֿירן צוויי מענער אַ מיידל אין פֿיבער
צו מאַריאַ פֿעדעצקאַ, וואָס האָט פֿאַר אַ יאָרן
אַרײַנגעבראַכט דבֿורלען אין קלויסטער אויף ראָסע.
נאָר פּלוצעם לײַכט עמעץ אַרײַן מיט אַ לעמפּל:
— פּאַספּאָרטן! — פּעטראָ גיט אַ בלישטש ווי אַ קאָסע:
— מיט גרויס פֿאַרגעניגן, אַ שײַן מיט אַ שטעמפּל...
נאָר ס'בלײַבן אָן קלאַנגען בײַם פֿרעגער די ליפּן,
אַ בליץ פֿון אַ מעסער שנײַדט דורך זײַנע ריפּן.

אַרײַן צו פֿעדעצקאַן דער ערשטער איז פֿאַליע.
די קליאַמקע — אַ יאָזש, האָט די פֿינגער צעשטאָכן.
״ניט אײַנגענעם״ טאָר דאָ ניט שפּילן קײן ראָליע.
ווײַל דבֿורל... אין איר איז געווענדט דער נצחון!
— גוט נאָוונט! איך וויל איר זאָלט העלפֿן אַ פֿרײַלן,
אַ ייִדישער, קראַנקער, — האָט פֿאַליע שוין פֿעסטער
געריסן פֿון גומען די ווערטער ווי פֿײַלן.
איר קענט זי, דערמאָנט זיך, געמאַכט פֿאַר אַ ״שוועסטער״.
נאָר ווען ס׳איז דער טײַוול דעם קלויסטער באַפֿאַלן, —
אַרײַן אין געהײמשטאָט, דאָס מײנט — די קאַנאַלן.

— דעבאָראַ? ווו איז זי? — צעווישן די בײמער,
אין גאָרטן, זײַט מוחל. און מאַריאַ: פֿאַר וואָס זשע
אין גאָרטן? אַ ווײַלע, כ׳וועל געבן אַ הײם איר.
נאָר ווער איז אַנטקעגן דער פֿרעמדער? אָך, באָזשע!
— פּעטראָ, אַ באַגלײטער, אַ פֿרײַנד... — ווי אַ לעמל
אין גראָז ליגט דאָס מײדל און אָטעמט די שטערן.
זײ טוען ווי באַלזאַם באַשפּריצן איר דרעמל,
עס גלימערט אין היץ איר באַטויִקטער שטערן.
און גריל־עראָפּלאַנען פֿון אַלינקע סאָרטן
צעזעגן דעם גראָזיקן הימל אין גאָרטן.

ס׳איז מאַריאַ פֿעדעצקאַ שוין איבער די פֿערציק,
אַ פּױלישע טאָכטער אי שטאָלצנע, אי גרעפֿיש.
און מיטן געוויסן דורכויס אָפֿנהערציק,
פֿאַר ייִדן — זי שטעלט אין סכּנה איר נפֿש.
אַ קראַנקײט מסתּמא: האָט דווקא ליב ייִדן,
באַהאַלט זײ, באַזאָרגט מיט געפֿעלשטע פּאַספּאָרטן.
מע האָט זי אין תּפֿיסה געטאָן שוין פֿאַרשמידן,
אַ נס האָט געראַטעוועט מאַריאַן פֿון דאָרטן.
זאָל יעדער געדענקען איר נאָמען, די פֿרײַנדשאַפֿט,
אין שרעקלעכן דור פֿון משוגענער פֿײַנדשאַפֿט.

אַ ווינקל פֿאַרהױלן פֿון אויג אויף אַ סאַלקע,
ס׳האָט מאַריאַ שוין דבֿורלען געוואַשן, געבאָדן,
געלייגט אין אַ בעט ווי אַ קראַנקע בת־מלכּה.
אַנטקעגן דעם זײבערן בעט, אויף אַ לאָדן —
קאָסציושקאָ אין פֿולן גאַלאָפּ, מיט אַ קרומער
אַלטפּוילישער שווערד. און דערבײַ — טוליפּאַנען.
דאָס האָט אײגנהענטיק געבראַכט זיי דער זומער
פֿאַר דבֿורלען מיט ריח און קלאַנג — ניט פֿון דאַנען,
כּדי ס׳זאָל ניט זײַן אַזוי אומעטיק, כמאַריק.
און ס׳טרילט אין געשפּרינקלטן ליכט אַ קאַנאַריק.

זיבן פֿלאַשן

דערשוווּמען אַהיים דורך אַ הילצערנעם אַלטן
קאַנאַל, וואָס באַרינגלט אין דר'ערד די קאַטעדרע,
באַפֿאַנצערט מיט מײַז און מיט שימל פֿאַרגאַלטן,
דערוואַרט האָט דאָ פֿאָליען אַ נײַע מין סדרה —
פֿון קריינען. מע האָט ניט געהערט נאָך אַזוי פֿיל...
זי האָט זיך פֿאַרקערט אין אַ וועלפֿיכע ממש
און וואָיעט: הלמאַי לאָזסטו איבער אַן עופֿל
און ראַטעוועסט דבֿורלען? ס'איז מיאוס און כאַמיש!
געוואַלד זשע, אויף וועמען איך האָב זיך פֿאַרלאָזן!
קום אָדמל, קום, לאָמיר אַלעמען לאָזן.

ס'האָט פֿאָליע פֿאַרשעמט זיך אַנטקעגן ציגײַנער:
— געווען איז די עצה דאָך ליפּמאַנס, צו בײַטן
פֿאַר דבֿורלען די לופֿט! איז אויך ליפּמאַן אַ טענהר,
אַז אָדם איז בילכער? וואָס זאָל עס באַטײַטן?
נאָר אויב דו ביסט מסכּים, — רייד קלאָרע דיבורים
און הײַנטיקע נאַכט וועל איך אָדמלען אײַליק
אַוועקטראָגן ערגעץ — ביז איבערן שטורעם.
טאָ מאַך ניט אומזיסט דײַנע ליפּן זיך הײַליק,
דערווײַל — אָט איז מילך פֿאַרן זונדל צו נאַשן.
אַרײַנגעבראַכט זיבן פֿאַרזיגלטע פֿלאַשן.

צערודערט איז ליפּמאַן: — זײַ מוחל די ווערטער.
דו ווייסט דאָך, ס'איז קריינע באַהערשט פֿון שגעון,
אַז אונדזער געהיימשטאָט, אַז אַל אירע ערטער,
געמאַכט איז פֿון גלאָז פֿון אַ דורכזעיִק־בלאָען
און אויבן דער שׂונא, — ער זעט דורך די גרונטן
דאָס קינד. ס'איז אַן אײַנרייד אַזאַ בײַ דער אישה.
פֿיל בעסער אַז אָדם זאָל בלײַבן דאָ אונטן
ווו ער איז געבוירן. די פּלוצעמדיק פֿרישע
צעזומערטע לופֿט קען חלילה אים שאַטן.
און דאָ איז אים היימיש בײַ מאַמען און טאַטן.

בײַ אײַער באַפֿרײַונג וועט קיינער ניט שאַלן
אין רויטן טרומייט עלעהיי אויף אַ סעודה.
עס וועלן אײַך ציִען צוריק די קאַנאַלן
אַזוי ווי דעם הונט זײַן פֿאַרשאָלטענע בודע.
מקנא זײַן וועט איר די חורבֿות און בעטלען
אַ פֿונק נאָך באַהאַלטן צעווישן די ציגל.
איר וועט אײַער פֿרעמדקייט ניט קענען פֿאַרפּשטלען.
אַ שלאַנג וועט אײַך זײַן פֿון דער קינדשאַפֿט דאָס וויגל.
און בלויז דורך די לעכער פֿון שולן און קלויזן
וועט גאָט זיך פֿאַר אײַך אין די הימלען אַנטבלויזן.

אַ כּוס פֿון צעמישונג וועט זײַן אײַער זומער,
ווײַל נאָכהענגען וועלן די נעכטנס ווי קייטן.
בײַ יעטוועדער חתונה וועט זייער קומער
דאָס יונגע פֿאָרפֿאָלק צו דער חופּה באַגלייטן.
בלויז איך, וואָס אַליין פֿײַניק אויס מײַן גאולה,
וועל שמייכלען און קושן די מײַז אויפֿן זוהר. —
אַזוי האָט דער פּרוש מיט אויגן מיט דולע
געברומט אין זײַן איבערגעפּלאַקערטן טרויער,
ווען ס'האָט שוין דערגרייכט דורך צעריסענע גראַטן
דער דומפּיקער אָפּהילך פֿון ווײַטע האַרמאַטן.

אַ שיפֿעלע גרויס ווי אַ שוואַלב

אַ שיפֿעלע גרויס ווי אַ שוואַלב איז געשוואומען
אין רעגן־קאַנאַל מיט פּאַפּירענעם זעגל.
געבראַכט אַ געשריפֿטס מיט אַ ריח פֿון בלומען,
באַפֿינקלט פֿון שטערנדלעך דרײַ ווי אַ סגל.
מיט אומגעדולד האָט שוין געוואַרט בײַ דעם האַפֿן
דער ליכטיקער האַר פֿון דער נאַכטס מעטראָפּאָליע,
און דורך אַ בינאָקל געהאַלטן אין גאַפֿן
אין שטראָמיקן גאָרנישט. ביז ענדלעך האָט פֿאַליע
דערוואַרט זיך. געלייענט בײַם גלאַנץ פֿון די שטראָמען
די אותיות באַהויכט מיט איר טײַערן נאָמען.

וואָס א י ם האָט דאָס מיידל געשריבן באַזונדער
וועט בלײַבן אַ סוד פֿאַר זײַער דאָזיקער כראָניק.
נאָר אויכעט פֿאַר אַלעמען, וואָס איז דער וווּנדער?
אַ בריוו איז פֿאַראַן, וואָס מע שלינגט אים ווי האָניק.
עס לוינט זיך אים איבערצושרײַבן אין גאַנצן:
— אַ גרוס דער געהיימשטאָט, אַ גרוס אירע וווינער,
וואָס בענקען נאָך זון ווי פֿאַרשלאָסענע פֿלאַנצן.
זײַט וויסן, די שטאָט איז באַלעגערט, דער "ברוינער"
פֿאַרמעסט זיך אומזיסט, האָט געמאָלדן דער ראַדיאָ.
ער וועט נאָך מקנא זײַן אונדזער חד־גדיא.

פֿאַר מיר, מײַנע טײַערע, זאָלט איר ניט דאגהן.
מיך וועט ניט פֿאַרשלינגען אַצינד קיין געוועסער.
אַ באַרנבוים אָטעמט צו מיר זײַנע צווײַגן
און אויב מע קען זאָגן, איז ער מײַן פּראָפֿעסאָר.
צוריק מײַנע הענט פֿאַרמלחמהדיק־שטײַפֿע,
מײַן ווילן צו לעבן — פֿאַרעקשנטער, פֿעסטער.
איך לעב מיטן האָפֿן צו קומען קיין חיפֿה,
נאָר וועט מיך דערקענען מײַן איינציקע שוועסטער?
איך בין דאָך געבליבן בלויז איינע פֿון צענען!
קיין שאלה ניט, זי וועט שוין מ ו ז ן דערקענען.

ס׳איז טאַקע ניט פּאַסיק צו טראָגן אַ צלם
און קלערן פֿון חיפֿה. זײַט מוחל. מיר טאָרן
כּסדר ניט בלײַבן אַבֿלים, אַבֿלים,
נאָר אָניאָגן מוזן מיר בעסערע יאָרן,
ווי יעדער פֿון אונדז האָט געבענקט, זיך געווונטשן.
אַ גרוס אײַך פֿון מאַריאַ, די רעטערין מײַנע,
מיר שיקן אײַך ביידע די זוניקסטע ווונטשן.
און נאָך אַ מאָל, טײַערע, האָט ניט קיין טענה
וואָס איך בין באַזונדער אין אָנהייב גאולה.
דאָס שרײַבט אײַער דבֿורל. דעם זיבעטן יולי.

ערשטע טאַנקען

ס׳האָט פֿאָליע געזוכט מיט זײַן קלײנעם בינאָקל
אַ סימן פֿון אויסלייז, דורך גראַטע ווו ס׳רעגנט
מיט זונפֿאַרגאַנג. ערגעץ בײַם אָנהייב אַנטאָקאָל
די ערשטע סאָוועטישע טאַנקען באַגעגנט.
עס שפּאַלטן פֿונאַנדער די שטאָלענע טאַנקען
די לופֿט־עשאַפֿאָטן, ווי לעביקע ווענס.
צעעפֿנטע קלימפּערן־מיט די געדאַנקען.
עס ווײנט אָבער הינטערן קלאַנג דאָס געוועזנס
אַזוי ווי אין וואַלדיקן שטורעם אַ פֿידל.
נאָר ווער זשע וועט הערן אין שטורעם איר לידל?

פֿון גראַטע אויף שלאָסגאַס, בײַ דאָמיניקאַנער,
ווי פּראָפּנס פֿון פֿלעשער אַליין אומגעריכטע, —
עס האָבן געגעבן אַ שפּרונג פּאַרטיזאַנער,
גענומען פֿאַרקריצן אין ווענט די געשיכטע
מיט קויל־היראָגליפֿן. דערשפּרונגען צום קלויסטער,
און פֿריילעך באַשאָסן דעם טורעם, ווו ס׳האָבן
פֿאַרבאַריקאַדירט זיך אין שלאַכט אין צעברויזטער
פֿאַרביסענע דײַטשן ווי שטאָלענע ראָבן.
פּעטראָ האָט געזונגען, דערמוטיקט די שלאַכטלײַט,
באַפֿליגלט מיט וואַלדיקע הימנען די נאַכטלײַט.

פֿאַרקלעמט אין באַלעגערונג זענען זיי ענדלעך,
די נעכטיקע העלדן, געקראָכן פֿון מויער
מיט אַנגסטיק־פֿאַרהויבענע שמאַטיקע פֿענדלעך.
די צײַט האָט זיך איבערגעשפּיגלט קאַפּויער.
נאָר קאָפּלען — בײַם גלאָק פֿונעם קלויסטער, אַנטקעגן
דעם שלאָסבאַרג — האָט גראָד אין די זעלביקע רגעס
געטראָפֿן אַ קויל, און זײַן גוף איז געלעגן
מיט האַנט אויסגעצויגן צו נאָענטע ברעגעס...
די נאַכט האָט געוויינט ווי אַ נאַכטיגאַל. ס׳האָט אים
אַ שטילקייט־מצבֿה פֿאַרזיגלט דעם אָטעם.

די רויטע אַרמיי ווי אַ לאַווע האָט ברעניק
אַוועקגעשטראָמט ווײַטער אויף קאָוונע און שאַוול,
און דאָ איז געבליבן אין שטאָט ווידערשפעניק
אַ שוואַרצער, אַ דינער צעצויגענער באַוול.
אַ באַוול אַ שוואַרצער בײַם טרינקען פֿון לאַדיש,
בײַם אויפֿשנײַדן ברויט, בײַם באַגעגענען ייִדן.
פֿון יעדער געזאַנג האָט גערידלט אַ קדיש,
געשראָקן די פֿרײַהייט, דעם כּלומרשטן פֿרידן.
און ס'איז ניט געווען אַזאַ שער צו צעשערן
דעם באַוול, וואָס האָט זיך געצויגן דורך טרערן.

כאָטש מיר האָבן צוגעשטימט אַלע, זיך טרעפֿן
צוזאַמען בײַ דבֿורלען אויף קליין־פּאָהוליאַנקע,
ווי נאָר ס'וועט זיך טאָן די געהיימשטאָט אַן עפֿן,
צו טרינקען לחיים פֿאַר "דבֿורל די קראַנקע" —
פֿון דעסטוועגן האָט מען פֿאַרגעסן דעם צושטים.
דער מענטש האָט געצערטלט בײַם האַרצן זײַן רגע
און זי ווי אַ פּיאַווקע האָט דאָרשטיק געקושט אים,
געזויגן דעם ערגעץ באַהאַלטענעם עגאָ.
אַן ווערטער — געזויגן, געזויגן, געזויגן,
געמאַניעט, גענאַרט, מיט אַ פֿאַרביקן בויגן.

אַזוי ווי דער נעכטן וואָלט זײַן בלויז אַ פֿילם —
געלאָפֿן איז ליפּמאַן צו זיך אין דער דירה,
ניט בענטשן קיין גומל, ניט זאָגן קיין תּהילים,
נאָר אויפֿגראָבן כּלים אין גרונטפֿעסטן אירע.
אויף מאָרגן אַ וויוועסקע איז שוין געהאַנגען
בײַ אים אויפֿן שטידל, געזאָגט ווען דער דאָקטער
איז גרייטוויליק זײַן קליענטור צו אַנטפֿאַנגען.
באַדאַרף ער נאָך מער, ווען אַ זויבער־געצוואָגטער
עס פֿלאַפּלט גן־עדנדיק אָדמל: טאַטע?
בלויז קריינע איז אַלץ נאָך פֿאַרגלאָציקט לעת־עתּה.

דער בלינדער — אַ וואָרצל אַנטפּלעקט דורך אַ שטורעם,
האָט אײנער אַלײן איבער געסלעך געהונקען.
געפּלאַצט האָט זײַן בלינדקײט. אין פֿינצטערן פֿורעם
אַרײַן איז אַ רעגן פֿון זעיִקע פֿונקען!
די ראיה, זי האָט זײַנע בעלמיקע הײַטלעך
פֿאַריאָגט װי אַ װאָלקן. ער װאָלט זיך געשװוירן:
נאָך קײן מאָל זײַן תּהום ניט געזען אַזױ דײַטלעך
װי איצטער, װען ס'האָט זיך זײַן בלינדקײט פֿאַרלוירן,
װען בלויז די פֿאַרגאַנגענע װאָר איז פֿאַראַניק.
און ער האָט געגריזשעט דאָס האָלץ פֿון זײַן גאַניק.

נקמה־באַזױפֿט, װי אין קרעטשמע מיט בראַנפֿן,
האָט ערגעץ געלאַטכנט אַ פֿערדל אַ װײַסן
פּעטראָ, זיך געלאָזן אין גאַנג פֿון די קאַמפֿן
צו זוכן ציגײַנער אין ליטע און רײַסן.
און װען ער האָט קײנעם אין װאַלד ניט באַגעגנט, —
באַשפּיגן די שטערן, געשאָלטן די גראָזן,
צעבראָכן די בײַטש אויף דער װערבענער געגנט
און גיך װי אַ פֿײַל זיך קײן רוסלאַנד געלאָזן.
װײַל ס'האָט אים דערצײלט אויפֿן װעג אַ װאַנדראָװניק:
— אין לענינגראַד לעבט אַ ציגאַן אַ פּאָלקאָװניק.

אַזױ האָט גערעדט צו דעם ייִנגל טאַמאַרע
װען ער האָט געענדיקט זײַן משהן דערקנעטן:
— קום, לאָמיר אַװעקגײן, די שטאָט איז אַ כּמאַרע,
די ערד איז פֿאַרפֿול מיט געװױיש פֿון סקעלעטן.
קום, לאָמיר אַװעק אין דער װײַטער אױסטראַליע,
אַבי ס'זאָל דאָס פּנים אין שפּיגל ניט שרעקן,
קײן שטוב זאָל ניט אײַנשלינגען אונדז װי אַ כװאַליע.
האָט יוליק אָן װערטער גענומען אַ שטעקן,
באַנאַנד מיט דער מאַמען אַװעק איבער קבֿרים.
מיט משהן דעם אױסלײזער — אונטערן אָרעם.

ווען ס׳האָבן אין שטאָט נאָך געברומט די סנאַריאַדן —
געלאָפֿן דער דיכטער איז אונטער געשפּליטער
אין אַשיקער געטאָ, געזוכט די כּתבֿ־ידן,
באַגראָבן בײַם שײַטערשן אָפּגלאַנץ אין ציטער.
און דאָרטן, ווו דערנער פֿאַרשטעלן זײַן מאַמען, —
בײַ אײנציקער וואַנט, ווי דעם כּותל־מערבֿיס,
געפֿונען זײַן בינטל דערשראָקענע גראַמען,
בײַ נאַכט זיי געלייענט דעם גאָט פֿון די אָבֿות,
נאָר גאָט האָט געמיינט ס׳איז ניט מער ווי אַ מעשׂה,
געקנייטשט פֿון דער הייך מיט די שטערן די ווײַסע.

בלויז אײנער, דער פּרוש, איז ווײַטער געשווומען
אַנטקעגן דעם שטראָם אין קאַנאַל, מיטן זוהר.
געפֿרעגט בײַ די מײַז ווען משיח וועט קומען
צו ספֿירה צו לעצטער אַ פּראַל טאָן דעם טויער.
אויף זילבערנע טרעפּלעך פּאַוואָליע געשטיגן,
כּדי דורך אַ גראַטע צו זען די סימנים.
צו הערן אַ ניגון, געבורט פֿון אַ ניגון — —
ביז איבער דעם זקנס געכּתרטן פּנים,
וואָס דאַוונט אין דר׳ערד מיט מלאָכים בציבור —
אויף יענער זײַט גראַטע אַ טאַנק איז אַריבער.

ווי אונטן די ערד וואָלט צעגאַנגען, איז פֿאָליע
געלאָפֿן צו דבֿורלען, אין קאָפּ האָט געקלונגען:
דעם אמת אַנטפּלעקן — איך זאָל ניט, איך זאָל יע?
און האָט פֿאַרן מיידלס געלאַטעטע לונגען
געטראָגן זײַן אָטעם. און גלײַך ווי פֿון קיזל־
שטיין פֿונקען פֿון גומען אַרויסגעהאַקט ווערטער
צו ברענגען דעם מיידל די זומערפֿרייד. ביזל
אין זונפֿאַרגאַנג־שלייער דערזען זײַן באַשערטער.
דערזען — ניט דערקענט. סאַראַ מעטאַמאָרפֿאָזע!
איר פּנים איז געל ווי אין האַרבסט אַ בעריאָזע.

צוקאָפּנס — פֿאַרשטײַגלט דער זעלבער קאַנאַריק
(די פֿרײַשאַפֿט פֿאַר אים איז אַ בלענדעניש, ליגן),
ער היפּערט ווי זײַן וואָלט דער באָדן אים זשאַריק
און דזשאָבעט דורך דרעטלעך זײַן אייגענעם ניגון.
און דבֿורל — דאָס זעלבע. אויך זי אַ פֿאַרשפּאַרטע
ווי פֿריִער אין אײַזערנער צעל פֿון באַצילן.
ס'באַוועגן קוים־קוים זיך די פֿינגער די צאַרטע
אויף זונען־קלאַווישן. זיי רעגענען, שפּילן.
ביז פֿאָליע באַרירט די שפּיצפֿינגער מיט קושן
און דעמאָלט אַנטצאַפּלען די מיידלשע חושים.

— דערשראָקן? דערקענסט ניט אַן אַלטן באַקאַנטן?
אַ גרוס פֿון די פֿאַרביקע בליִונגען, שלום!
צעעפֿנט זי מער די באַטרערטע בריליאַנטן:
— אַרויסגעשוועבט האָסטו מיר אָקערשט פֿון חלום...
אַצינד וועל איך שפּילן פֿאַר דיר די סימפֿאָניע
פֿון מײַן אין געהיימשטאָט. געדענקסט? כ'האָב די נאָטן
געהאַט אין די ציינער. קען זײַן די האַרמאָניע,
אָט־דאָ אויף דער פֿרײַ, וועט מיר מינער געראָטן.
נאָר מעג איך די קלאַנגען אין מיר דען פֿאַרצאַמען?
געשווינד צו דער פּיאַנע, איך זאָל ניט פֿאַרזאַמען.

— באַרויִק זיך, דבֿורל, וועסט זײַן מיך מהנה
אַ צווייטן מאָל, בעסער דערצייל ווי עס גייט דיר.
נאָר זי אַ באַגײַסטערטע שוועבט צו דער פּיאַנע.
עס פֿלאַקערט דאָס טונקעלע זײַדענע קלייד איר
אין שקיעה. און אויסטערליש־הויך נעמט זי וואַקסן —
אַ וואַקסליכט מיט קרעפּ אין אַ טונקעלן היכל.
די ליכט איז געבויגן, עס טריפֿן די וואַקסן.
און אָט בײַ דער פּיאַנע עס צויבערט איר שמייכל:
דעם צלם — אַ ריס פֿונעם האַלדז, און עס גייען
די פֿינגער באַהערשן דער פּיאַנעס אַרמייען.

עס טרינקט זיך אין פּיאַנעס פּאָלירטן געשפּיגל
אַלץ טונקעלער־טיפֿער דאָס געל פֿון איר פּנים.
נאָר ס׳עפּנט דער האַר פֿון די קלאַנגען אַ ריגל, —
די מיידלשע פֿינגער צעוויגן זײַן טראָן אים.
זיי צוויטשערן, טרערענען, לאַכן פֿאַרפּײַניקט,
זיי תּחית־המתימען איינער אַליין זיך.
מע הערט ווי אַ שטראָם צו אַ שטראָמעלע תּענוגט:
— צאַף־צאַף, צאַף־אַצאַף... און ס׳דערטראָגט אַ געוויין זיך
פֿון אַל דאָס פֿאַראַנענע, אַל דאָס ניטאָע,
אין פֿענצטער — אַ באַרנבוים קניט אין הכנעה.

אין אָפּגרונט פֿון פּיאַנע, ווו ס׳דרייען זיך, מישן
לבֿנהשע פּערל מיט הייסע רובינען —
דערהערט זיך אַ קרעכץ. און די מחנה קלאַווישן
ווי טויבן דערשראָקענע פֿליִען אָן זינען.
און איידער די טויבן־קלאַווישן באַווײַזן
נאָך אויפֿהאַלטן, כאַפּן דעם מיידל־גוף, — ליגט ער
אויף דר׳ערד שוין פֿאַרלאָשן, אין אייביקן פֿרײַ־זײַן,
פֿון פּורפּלנעם שטראָם אויסן מויל אַ באַזיגטער.
די ליפּן זיי צוקן בלויז גליווערדיק־שטײַפֿע:
— איך שטאַרב... לאָז געריסן מײַן שוועסטער אין חיפֿה.

*

פֿאַרוואָרפֿן די שיך אויפֿן אַקסל, איז פֿאָליע
אַוועק מיטן גרוס איבער פֿעלדער פֿאַנאַרער.
געוואָרצלט אין מענטשן דאָרט רוישט אַ טאָפּאָליע
אין זון־פֿאָוועטינע. און ער איז אַ שטאַרער
געגאַנגען, געגאַנגען ווי ס׳וויגן זיך, באַמבלען
די בלעטער ווי העמטלעך. פֿון גראָז, אין געהוידע —
אַ פֿלאַמיקער פֿראַנדז פֿון אַ שאַל ווי אַ מאָנבלום.
און פֿאָליע ער ברומט אין די גריבער אַזוי דאָ:
— איך בין זיך געקומען געזעגענען, בעטן,
איר זאָלט מיך דערמוטיקן, ברידער סקעלעטן!

אויב ערגעץ פֿאַראַן איז אַ לעבעדיק וואַסער
וואָס זאָל אײַך אַנטדאָרשטן, — איך גיי עס געפֿינען.
אַניט — כ׳וועל אַליין זיך פֿאַרוואַנדלען אין וואַסער,
אין אײַערע דאָרשטיקע מײַלער צערינען,
איר זאָלט ניט פֿאַרגיין מיטן ווינט ווי אַ פּלעווע,
די אייניקלעך זאָלן מיט אײַך זיך ניט שעמען.
אַזאַ איז בײַ איטלעכן יורש די טבֿע:
פֿאַרדעקן מיט שטיינער געקוילעטע נעמען.
און ווי עס האָט פֿאָליע גערעדט צו די קדושים —
פֿון קראָפּעווע־גראָבן דערגייט אַ גערויש אים:

— גיי, פֿאָליע, בשלום און זײַ דער שליח
פֿון אַלע געשמידטע אין ערדישע קייטן.
באַגעגענען וועסטו דעם מלך משיח, —
אַהער צו דעם אָפּגרונט אים זאָלסטו באַגלייטן.
פֿיל אָן זיך אַ זעקעלע שטויב, זײַ מקיים
די בענקשאַפֿט פֿון גאָר דעם פֿאַרשניטענעם זאָמען.
און טו עס צעשפּרייטן אין ירושלים,
כּדי עס זאָל דאָרטן צעבליִען זיך. אָמן.
און פֿאָליע ער אָטעמט די טונקעלע שטימען,
פֿאַרקריצט אויפֿן טאָוול פֿון האַרץ זייער סימן.

און פֿאָליע מיט זעקעלע ערד אינעם גאַרטל
איז איבערגעקראָכן דעם דראָטענעם פּלאַנקען,
געגאַנגען צוריק דורכן ייִדישן קוואַרטל,
אַרײַן אין געהיימשטאָט, ווו גליוועדיק צאַנקען
פֿאַרבלאָנדזשעטע נעכטנס. אין קעלער דעם ליבן,
ווו ס׳בערגלט זײַן מאַמע און גדליה דער טרוימער —
געזען ווי פֿון אַלעמען איז דאָ געבליבן
די לאַכיקע שפּין, ווי אַן איינציקער שומר.
די שפּין קען אים אָבער שוין מער ניט פֿאַרשפּינען,
און ער איז אַוועק זיך אַליין צו געפֿינען.

נאָכליד

גערעדט? קינדער? איז בכלל פֿאַראַן אַן ענד?
האָט עמעץ אויסגעפֿונען דעם פּלאָנעט, וואָס
מע רופֿט אַ טרער? האָט עמעץ אים דערקענט
און זײַנע שטראַלן אײַנגעזויגן עטוואָס?
געגליכן צו אַ יעגער, וואָס בײַ נאַכט
אַרײַנגעפֿאַלן איז בײַ זיך אין פֿאַנגנעץ, —
געבונדן בין איך אין דער ווילדער פּראַכט
פֿון מײַן פֿאַרשפּרייטער אייגענער געזאַנגנעץ.
און מעג איך וואָגלען, קושן זיך בײַם ים,
כ׳וועל סײַ ווי אין דער אמתן דאָ הויזן,
איך פֿיל אין ״שיינקייט״ מערער ניט קיין טעם,
אַ בלאָטע איז מיר היימישער פֿון רויזן.
ניטאָ קיין צווייטע וואָריקייט ווי די,
וואָס קוואַלט אין מײַנע אָדערדיקע סטראָפֿן.
זי ברענגט דעם שם המפֿורש אין מײַן קני,
איך זאָל דערשוועבן דאָרט ווו ס׳איז דערלאָפֿן
דער אייביק־נעכטן. און אַצינד בײַ אײַך,
געשטאַלטן וואָרעמע, איך בעט מחילה,
פֿאַר יעדער ניט געראָטענעם פֿאַרגלײַך,
פֿאַר אַלע גראַמען גרילציקע צי שטילע;
פֿאַר דבֿורלס גסיסה אין מוזיק, וואָס מאָנט
אַ תּיקון אין די שורות. און בײַם בלינדן
וואָס אַלע שטערן פֿונעם האָריזאָנט
זיי קענען זײַן פֿאַרפֿינצטערטקייט ניט צינדן.
איך בעט פֿאַרגעבונג אויכעט בײַ דער ציג, —
כ׳האָב אפֿשר טאַקע ניט באַדאַרפֿט זי קוילען.
זײַ מוחל, גדליה, אַדמל אין וויג,
דו פֿאַרמעטענער פּרוש, גאָרער עולם.
ווו ביסטו פֿאָליע? ס׳קלאַפּט אין מיר דײַן ברוסט
אויף נאָכמלחמה־וועגן נע־ונדע.
כ׳האָב ניט געזונגען סתּם. איך האָב געמוזט
אַרויסוואָיען פֿון זיך די קאַנאַליאַדע!

גערשריבן אין מאָסקווע־לאָדזש־פּאַריז, 1945־1947

צו פּוילן



צו פּוילן

א

דו עלטערע שוועסטער פֿון היימערד פֿון מײַנער!
עס וואָגלט אויף ס׳ניי דײַן פֿאַרבענקטער ציגײַנער.
אויף ס׳ניי איבער דײַנע פֿאַרלאָשענע וועגן
און זוך דעם גערוך פֿון געוועזענעם רעגן.
די פֿאַרבן פֿאַרקלעפּט און פֿאַרלעבט אין מײַן חלום,
דײַן הימל, וואָס איך האָב געטרונקען אַ מאָל אים
צוזאַמען מיט פֿייגל־געזאַנג און לעגענדע.
אין פּ ו י ל ן איך זוך דיך. נאָר וואָס איז געשען דאָ?
דו ענטפֿערסט מיר ניט אויף דײַן שפּראַך, וואָס געזויגן
האָב איך ווי דעם בליאַסק פֿון באַפֿליגלטע אויגן
אין ערשטער פֿאַרליבטשאַפֿט. מיצקעוויטשעס לשון
באַגעגנט מיך שטויביק. זײַן גלאַנץ איז ניטאָ שוין.
ס׳איז ניט ווי אַ מאָל, ווען געקלונגען האָט גרויס עס
צוזאַמען מיט ייִדיש. — קרישטאָלענע כּוסות
וואָס קלאַפּן זיך צו איינס דעם צווייטן לחיים.
כאָטש ליב האָב איך דײַנע פּאָעטן עד היום
און וויפֿל עס זאָל מיך ניט וואָרגן דער ייִאוש —
דערפֿרישט מיך דער זוניקער קוואַל פּאַן טאַדעוש.
די וועלדער אין היימישן באָדן פֿאַרקערנט,
די מענטשן וואָס ע ר האָט זיי לעבן געלערנט
און ס׳נאָגט זייער בענקשאַפֿט אין יאַנקלס קאַפּעליע.
און ליב איז מיר אויך דער פּאָעט פֿון אַנהעלי,
זײַן גוף — אַ געפֿלעכט פֿון פֿאַרכּישופֿטע פֿלייטן
וואָס הילכן גאָר אָפּ מיט צעקלימפּערטע קייטן —
די קייטן אויף ברידער אין אײַזיקן צפֿון.
אויך נאָרוויד וואָס זינט כ׳האָב געזען זײַנע סטראָפֿן
אין פֿוקערס טרינקאַרניע, פֿאַרקריצט אויף דער אַלטקייט

פֿון פורפלנע ווענט — האָט אויף מיר די צעקוואַלטקייט
פֿון זײַנע משיחישע נעכט אויפֿגעפֿלעמלט,
אַז איך האָב געקניט און באַזונגען אים דעמאָלט.
ביז איצטער באַגלייט מיך דורך אַלע ירידן
זײַן ליד, וואָס ער הייליקט די וואַרשעווער ייִדן.
בין מוחל אַפֿילו און האָב ניט קיין טענה
צו זיי, דײַנע זינגער, די שטאָמלינגען מײַנע;
פֿאַרליבט אין דײַן מיאוסקייט ווי אין דײַן שיינקייט,
זיי וואָיען ווי הינט צווישן וועלף אין אַליינקייט.
נאָר וויפֿל זיי האָבן געפּרווווט זיך פֿ אַ ר וו אָ ל פֿ ן —
האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן, האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן.
בין מוחל! צי וואָלט דען ווי ליעשמיאַן, למשל,
באַזונגען אַ צווייטער דײַן בלימל, דײַן פֿראָשל?
די זון, וואָס דער אָוונט צעבלאָזט אין פּמליות,
אַ לאָנקע דערטרונקען אויף יענער זײַט כוואַליעס
און ברעזעס, וואָס טאַנצן אין חלום ווי כּרובֿים?
פֿאַרמאָגסטו אַ צווייטן ווי יוליאַן בן טובֿים?

נאָר ווער האָט די וווּנדיקע סתּירה פֿאַרענטפֿערט?
עס זענען דעם הפֿקר נאָך איבערגעענטפֿערט
די אָקערשט באַפֿרײַטע. זיי וואָגלען פֿאַרגאַלטע
און כאַפּן זיך אָן בײַ די שטידלען די אַלטע
פֿון זייערע היימען. (אַזוי ווי פֿאַר צײַטנס
געיאָגטע, וואָס זענען פֿון נאָענט און ווײַטנס
דערלאָפֿן צום מישכּן אויס רייִנגאָלד געהאַמערט
און דאָרט זיך בײַם ראַנד פֿון מזבח פֿאַרקלאַמערט).
כאָטש דערנער פֿאַרבײַטן די ברידער, די שוועסטער,
אין דײַנע פֿאַרשׂרפֿעטע, חרובֿע נעסטער.
נאָר אַנשטאָט מיט ברויט און מיט זאַלץ און מיט ליבע,
פֿאַרשטיי איך ביז הײַנטיקן טאָג ניט די סיבה
אַלמאַי זיי באַגעגנט גאָר זײַטלדיק־ביטער

דער פּאָליאַק, וואָס האָט דאָך געשמט פֿאַר אַ ריטער.
קומט אויס, אַז מיט הונדערט יאָר פֿריִער דײַן נבֿיא
געווען איז גאָר בלינד, ווי אין טאָגליכט אַ סאָווע,
ווען ער האָט אין גלות געשאַפֿן לעגיאָנען
פֿון פּוילישע ייִדן מיט פּוילישע פֿאָנען?
טאָ וואָס איז געשען מיט זײַן אייניקל, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

ב

דאָס ווײַסל פֿון אויג איז געווען מיר דײַן ווײַסל!
און וויפֿל געטרער האָט געשטראָמט פֿונעם ווײַסל
אין וואַסער אַרײַן דורך די דורות געשליפֿן.
און אויבן — די שיפֿן, די גילדענע שיפֿן.
אָ, ברעגן בײַטײַכיקע, פֿאַרביק און ראַשיק,
ווּ חתונות ווירבלען אַרום שלום־אַשיק.
ווּ ס'פֿינקלען נאָך בענטשליכט אין באָבעשע לײַכטער,
ווּ גויִשער ווינט איז אַ ייִדישלעך־פֿײַכטער!
מײַן שטאַם האָט מיט גלויבן די וואָרצלען געלאָדן
ווען ער איז אַרײַן אין דײַן פֿרוכטיקן באָדן.
פֿאַר דײַנטוועגן האָט ער געשאַפֿן, געמײַסטערט,
אין יאָרן פֿון קנעכטשאַפֿט — דערהויבן, באַגײַסטערט.
די ליבשאַפֿט צום אייגנלאַנד האָט ער פֿאַרביטן
אין ליבשאַפֿט צו דיר און אין איינעם געליטן,
כאָטש ער האָט זיך כּלומרשט פֿאַראײַנדזלט באַזונדער.
מײַן שטאַם האָט אַריבערגעפֿלאַנצט דאָ אַ וווּנדער
געבראַכט פֿון באַרג סיני דורך מידבר, נבֿיאים — —
און דאָס האָט, קען זײַן, דיר געגעבן אַ קיום
אַז דו ביסט געוואָרן געגרייסט און געווילקט
אַז דיך האָט קיין צאַר און קיין האַר ניט פֿאַרטיליקט.
און די, וואָס דיך האָבן געבויט און געקנאָטן,
זיי זענען געבליבן פֿאַרקליינט אין אַ שאָטן, —

אַ הילצערנער קראַנץ פֿון בית־עלמינשע ברעטלעך.
דערפֿאַר האָבן שטעט זיך געטורעמט און שטעטלעך.
באַדאַרף מען דען זאָגן אַ דאַנק צווישן ברידער?
עס האָבן זיך איבערגעפֿלאָכטן די לידער
פֿון פויליש מיט יידיש, פֿון יידיש מיט פויליש.
און כאָטש דײַן גלין־גלאָן האָט געשראָקן קאָטויליש —
האָט ער מיט אַ תּפֿילה באַרירט זיך צוזאַמען,
ווי צווײַגן פֿון צוויי גאָר באַזונדערע שטאַמען
באַרירן זיך קעגן אַ זונפֿאַרגאַנג ביידע.
אַ טעות געהאַט עס האָט אָבער מײַן זיידע
און איך שוין אַוודאי. צי הערסטו מײַן ריידן?
צי ווײסטו מיר קענען אויף אַלעם באַשיידן?
דו קרוין, וואָס דײַן איידלשטיין האָט אין פֿאַרנאַכטן
פֿונאַנדערגעשימערט פֿאַרגאַנגענע פּראַכטן.
צעשפּרודלטער קוואַל פֿאַר בונטאַרן, פֿאַר בעש״טן
ווי לעשט׳ן דעם דאָרשט פֿון די דורות, ווי לעשט׳ן?
איך האָב דאָך געמיינט: די מלחמה פֿאַרענדיקט,
וועט זײַן אויך די פֿינצטערע שׂינאה געבענדיקט.
אַ רויז טויזנטבלעטערדיק וועט אויף רויִנען
אַרויסבליִען ווידער אַ פֿרישן באַגינען.
דער יידישער לייב און דײַן אָדלער — די שכנים,
געשמידט אויף די קופּער־מנורות אין איינעם,
זיי וועלן געוויס מיטן אויפֿשטראַל דעם זעלבן
באַלײַכטן די קבֿרים, דעם טרויערס געוועלבן.
מיר וועלן צונויפֿזאַמלען ווילן צו ווילן,
און אונדזערע וווּנדן די ווײַסל וועט קילן.
די שטעט וועלן אָפּוואַקסן — ציגל אויף ציגל,
אַ שויב וועט אַ פֿאָך טאָן אויף ס׳נײַ ווי אַ פֿליגל,
און גלײַך מיט די שטעט וועלן דור׳לען זיך קינדער.
נאָר האָב איך אַ רעכט עס צו גלייבן אַצינדער?
טאָ וואָס איז געשען מיט דער ברודערשאַפֿט, וואָס זשע?

Smutno mi, Boże!

ג

איך ווייס, ביסט ניט שולדיק, וואָס פֿייַנדלעכע האָרדעס
דיך זענען באַפֿאַלן, ס'איז איטלעכן קלאָר דאָס.
און האָט דיך דער בלוטפֿייַנד געפּליקט און באַליידיקט, —
האָסטו זיך פֿאַרטיידיקט, די ב י ר ג ע ר פֿאַרטיידיקט
אין וועסטערפּלאַט, קוטנע. צי וועסטו דערקענען
די בערגלעך און זייערע ווייַנער ווער זענען,
פּאָליאַקן צי ייִדן? ווי קען עס געמאָלט זייַן!
זיי זענען געפֿאַלן, דייַן אָדלער זאָל שטאָלץ זייַן.
נאָר קוים האָט פֿאַרקנעכט דיך דער קנעכטישער שונא —
האָסטו שוין בייַם טרייַבן די ייִדן אין בוינע
אַ שרעקלעכע פֿרייַהייט באַקומען ווי קיין מאָל,
און האָסט אויפֿן פֿייַער געגאָסן נאָך בוימל.
נאָר איך האָב געפּרוווט זיך אַליין צו באַצווינגען,
איך זאָל וועגן דאָזיקן אמת ניט זינגען.
פֿאַר מיר האָבן אייניציקע העלפֿער און רעטער
אַריבערגעוויגן פֿיל טויזנט פֿאַררעטער.
אין זכות פֿון דעם אייניציקן בין איך געקומען
דיך ווידער צו ליב האָבן מוכן ומזומן,
אין זכות פֿונעם פּאַסטעך וואָס האָט אין אַ נאָרע
באַהאַלטן דאָס מיידעלע רויזנוואַלד שׂרה,
איר יאַגדעס דערלאַנגט אין איר אויסגעשטרעקט הייַפּל,
און שפּילן ער פֿלעגט אויך ניט ווייַט, אויף זייַן פֿייַפֿל
איר זאָל אין דער פֿוקסענער נאָרע זייַן היימיק.
(אַצינד האָט זי אים שוין געשריבן פֿון עמק).
אין זכות פֿונעם סטרוזש, וואָס האָט אונטערן בנין
אַוווּ די געסטאַפּאָ באַהאַלטן אַ מנין.
אין זכות פֿון אַמאַליאַ דער טייַערער נאָנע
וואָס האָט פֿאַרן געטאָ געבראַכט אַ מתּנה
אַ זעקל מיט פּולווער. אין זכות פֿון אַ פּויער,
געהאַנגען אין מיטן דער שטאָט אויף אַ טויער

מיט רײַסיקער אויפֿשריפֿט: געהאַלפֿן אַ יודע.
אין זכות פֿון דעם הינטשלעגער וואַצעק. אין בודע
ווו ער פֿלעגט די הינט די געכאַפּטע פֿאַרשליסן,
דאָרט האָט ער פֿאַררוקט, עס זאָל קײנער ניט וויסן,
דרײַ קינדער אַהינטער אַן אָפּצוים פֿון ברעטער.
אין זכות אויך פֿון די אײדלמוטיקע רעטער
וואָס אומבאַוווּסט זענען די נעמען אַפֿילו,
פֿאַרקלער איך זײ נעמען און טו פֿאַר זײ תּפֿילה:
פֿאַר די, וועלכע לעבן — די לעביקסטע פֿרײדן,
און פֿאַר די פֿאַרשניטענע — רו אין גן־עדן.

נאָר זע איך די קויל די צעגליטע פֿון וואַרשע,
וואָס האָט זיך אין האַרץ מיר געטאָן אַ פֿאַרירשע —
דערמאָנט זיך מיר אויך, ווי עס האָבן געשלײַדערט
מיט שיכּורן חוזק די לײַט פֿון דער פֿרײַ דאָרט
ווען ס׳האָבן אין געטאָ ווי ברעניקע לײבן
געקעמפֿט מײַנע ברידער, דעם כּבֿוד צו הײבן
פֿון לאַנד און זײַן פֿאָלק, ווו מע וועט עולה רגלען
צו שעפֿן דעם רום. "ווי זײ טוען זיך פֿרעגלען",
געשפּאָט האָבן דײַנע געפּודערטע דאַמען
און דורך די לאָרנעטן געקוקט אויף די פֿלאַמען.
נאָר שוין בײַ די רײד וועגט אַריבער מיר ווידער
אַ צענדליק פּאָליאַקן וואָס זענען ווי ברידער
געקומען אַלײנוויליק, פֿול מיט פֿאַרמעסטונג.
און העלדיש געפֿאַלן בײַם שיצן די פֿעסטונג.
און זײ וועט דער שטראַליקער האַר פֿון די יאָרן
פֿאַרקריצן מיט דימענט בײַ זיך אין זכּרון.
נאָר זענען כאָטש יענע גיבורים דיר טײַער,
צי היטסטו דעם גײַסט פֿונעם וואַרשעווער פֿײַער?
וואָס האָט ער, אַ שטײגער, געלערנט דיך, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

ד

ווי קען איך דיך בענטשן? איך בין דאָך דער עדות
פֿון דײַנע פּאָגראָמען אויף קינדער און זיידעס.
איך האָב דאָך געזען, ווי מיט פּרענגטן און פֿלעקער
עס מאָרדט דײַן המון אונטער קופּערנע גלעקער.
און שפּעטער — געזען דײַנע פֿרויען און מענער
אין שטומען באַגלייט אונטער בלוט־רויטע פֿענער
די לאַנגע לוויה, די פֿרײַע, די נײַע.
שאָפּען האָט געוויינט און געפֿירט די לוויה.
און אויבן — די פֿענער ווי פֿייגל געפֿאַנגען
זיי האָבן אַנטלויפֿן געוועלט פֿון די שטאַנגען.

— — —

און אמת איז אויך, אַז די ערד אויפֿן רידל,
געפֿאַלן אין גרוב ווי אַ פּלאַנביקע פֿידל,
איז גלײַך ווי זי וואָלט מיר פֿאַרשאָטן מײַן בענקשאַפֿט.
און מער פֿונעם ווייטיק און טיפֿער געקרענקטשאַפֿט
בײַם זען ווי די זון איז מטהר און צערטלט
מײַן חבֿר, דורך דײַנע מערדיירים צעפֿערטלט —
צעפֿרעסט מיך דער זשאַווערדיק טעמפּער בזיון
וואָס נאָך דער מלחמה עס ווידמענען, ראָיען
אַרום אונטער דײַנע פֿאַרשׂרפֿטע דעכער
ווי גיפֿטיקע עקדישן פּוילנס פֿאַרשווער.
און כאָטש מיר איז שווער צו דערטראַכטן זיך סטראָפֿיק
דײַן צוקונפֿט — דאָך איז שוין בײַ מיר ניט קיין ספֿק,
אַז ווו נאָר עס וועט זיך איר מזל ניט ריכטן —
ס׳געוועזענע וועסטו ניט קענען פֿאַרריכטן.

און מייַנסטו, איך זאָג עס דערפֿאַר ווײַל איך וואָרן
און בעט זיך: דערבאַרעם זיך, מינער דײַן צאָרן,

לאָז בויען דעם יידן צוריק דײַנע גיטער?
ווי קום איך צו זײַן אויף דײַן ערד אַ געביטער!
עס האָט דאָך אַ צווייטער געמאַכט דעם סך־הכּל
און איך בין דאָ בלויז ווי אַ צווײַג אין געוואַקל.
אַ צווײַג, וואָס ביגוואַלד וויל כאָטש איין מאָל נאָך גרינען!

— — —

איך שפּרײַז דורך דער מידבר פֿון וואַרשע, געפֿינען
אַ ווײַסל אַ צווייטע, כּדי אויף די שטראָמען
זאָל זעגלען זיך ווײַטער מײַן סלאַווישער נאָמען.
ס'באַגלייט מיך אַ ווערבע, אַ ליד אַ פֿאַרבאַקנס,
אַ תּורה געוויקלט אויף בראַנדזענע נאַקנס,
צעפֿינקלטע בענטשליכט אין איטלעכן אבֿר,
אַ שטיינדעלע פֿון אַנילעוויטשעס קבֿר,
וואָס קײַקלט אַרײַן אין די דורות זײַן סימן.
און ווי בײַ סלאָוואַצקין אין פֿלאַמיקן הימען
בײַם זונפֿאַרגאַנג — רוישן אויך איצטער בוטשאַנען
און טראָגן אַוועק מײַנע טרערן פֿון דאַנען
אין שקיעה. נאָר אים האָט געצויגן קיין פּוילן
און איך וויל שוין אָפּרוען ווײַט פֿון די גרוילן.
— בוטשאַנען, וואָס האָט איר געלאָזן מיך, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

ה

ס'איז אומעטיק, גאָט מײַנער! ווי לאָזט מען איבער
דעם עמק הבכא, די שטיבער, די גריבער?
ווי שטעלט מען דער פּוסטקייט אַ דענקמאָל, אַ צייכן,
עס זאָל צו מײַן אייניקלס אייניקל גרייכן?
וואָס טוט מען, דער נעכטן זאָל ווערן נתגלה
דעם מאָרגן? ווי פֿאַנגט מען דעם עכאָ פֿון אַלע

פֿאַרשניטענע תּפֿילות? ווי טרינקט מען פֿון לאָגל,
פֿון וואַנען דער טויט האָט געטרונקען? איך וואָגל
און פּרווו די אָנצאָליקע קבֿרים פֿאַרשטעמפּלען
מיט לידער. איך שפּריַיז דורך די מירמלנע טעמפּלען
פֿון דיַינע בית־עלמינס לובלינער און קראָקער,
אַהינטער אַ בערגל פֿאַרשרומפּ איך זיך, לאָקער,
און ס׳דאַכט: עלעהיי איך בין ווידער אין יענעם
שוואַרצבערדיקן פּוילן אַ טאָג פֿאַרן גיהנום.
עס גריסן מיך תּחית־המתימדיק נעמען.
פֿאַרליימיקטע פּנימער הייבן זיך, נעמען
אַריַין אין אַ ווירבל מיַין גוף בהפֿזון,
אַ רגע... און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין גראָזן
צעצינגלט אויף בערגלעך מיט גרינעם דערבאַרעם.
איך שפּיר אָבער אונטער די גראָזן אַ ליאַרעם,
ווי ס׳וואָלטן די טויטע פֿאַרטיידיקט אַ ביתּר
און שאַלן אַרויס דורך אַ שוואַרצן טרומפּייטער
דאָס לעבן. און אויבן די דעמבבעס ווי שילדן
פֿאַרהאַלטן די ציַיט אין געצוויַיג און באַגילדן
די קרישל־מצבֿות מיט האַרבסטיקע בלעטער.
— בית־עלמינס, בית־עלמינס, ווּ זענען די רעטער?
ווּ זענען די פֿעלדזן־געקנעטע טיטאַנען
וואָס זאָלן אויף זייערע פּלייצעס פֿון דאַנען
אַוועקטראָגן איַיך איבער נאַכט דורך אַ כּישוף
און איַינפֿלאַנצן דאָרט, ווּ אַ ייִדישער ייִשובֿ
אויף ס׳נײַ ווערט געבוירן! — —

אָ, וויי מיר, אָ, וויי מיר,
מע זעגט אויף די שטילע בית־עלמינס די ביימער!
דער שפּיגל פֿון דורות פֿאַרלירט באַלד זיַין אויסזע.
און ערבֿ יום־כּפּור ביַים קבֿר פֿון חוזה

אין פוסטן לובלין — ליגט אַ כאַפּטע שיכּורים.
און שימלדיק שטיל איז ווי ערבֿ אַ שטורעם
בײַם שטיין פֿון רמ״אָ אין אַלטפּעטערשער קראָקע.
אַ ציג בלאָנקעט אום אין די שאָטנס קאָסאָקע,
אַנטפּאַרעמט די רו בײַם באַטרעטן אַ ריטל
און צופּט אינעם גראָז אַ פֿאַרוואַלגערטן קוויטל.
און דאָרט אויף דער גענשע נאָך וואַרט אויפֿן גואל
מיט פֿליגל צעבויגענע פּרצעס אוהל
און היט דעם ברילִיאַנטענעם שטויב פֿונעם דיכטער
וואָס האָט אין די געטאָס געשפּרייט זײַנע ליכטער.
געלאָדן פֿאַרזשאַווערט געווער מיט בטחון.
איך שטיי בײַ דעם אוהל און זע: אין די מאָכן
בײַם ראַנד איז אַ שמאָלע באַהעלטעניש קענטיק.
אַ געטאָ־ייִד האָט עס מיט פֿאַרכט, אייגנהענטיק
אַ היים זיך געבויט בײַם אַנטרינען פֿון שחיטה, —
די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה
און היטן דעם לעצטן וואָס טוליעט זײַן גלויבן
צו פּרצעס אייביקע, גלייביקע שטויבן.
בײַ טאָג פֿלעגט ער ליגן פֿאַרדרייט אין זײַן פֿאַלע
און ווערעמלעך פֿלעגן אים לערנען קבלה.
נאָר ווען די לבֿנה מיט ביינערנע פֿינגער
נעמט אָנקלאַפּן אויבן — פֿלעגט ווערן אים גרינגער.
אַרויסקריכן פֿלעגט ער אין דרויסן פֿאַרטײַעט
און זאָגן מיט ליימיקן קול ווי אַ פּייט
ס׳געשריפּטס אינעם אוהל־געוועלב: ״אַזוי גייען
מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק...״ דאָס פֿלעגט דערפֿרייען,
דערהייבן זײַן גײַסט אין צעגליטע צירופֿים
און אויפֿהאַלטן, שטאַרקן זײַן דערנערשן גוף אים.

און איך, וואָס אַהער בין געקומען כּדי צו
געזעגענען זיך — נעם אַרויף אויף מײַן פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זײַן ניגון
וואָס גאָר די פֿאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן:
— „אָט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פֿלאַקערן!"

פּוילן, יולי־סעפּטעמבער 1946

גרינער
אַקוואַריום



גרינער אַקוואַריום

קורצע באַשרײַבונגען

גרינער אַקוואַריום

א

— דײַנע צײַן זענען בײַנערנע קראַטן. הינטער זיי, אין אַ קרישטאָלע־נער צעל, דײַנע געשמידטע ווערטער. געדענק די עצה פֿון אַן עלטערן: די שולדיקע, וואָס האָבן אַרײַנגעטאָן אין דײַן בעכער פֿאַרסמטע פּערל — זיי לאָז אַרויס אויף דער פֿרײַ. ווי אַ דאַנק פֿאַרן געגאַד, וועלן זיי בויען דײַן אייביקייט; נאָר יענע, די אומשולדיקע, וואָס טרילערן פֿאַלש ווי סאָלאָווייען איבער אַ קבֿר — זיי זאָלסטו ניט שאַנעווען. הענג זיי, ווער זייער תּלין! ווײַל קוים לאָזסטו זיי אַרויס פֿון דײַן מויל, צי פֿון דײַן פּען — ווערן זיי שדים. די שטערן זאָלן אַזוי ניט אַראָפּפֿאַלן ווי איך זאָג דעם אמת! —

אַט די צוואה האָט מיר איבערגעלאָזן מיט יאָרן צוריק אין מײַן לעבעדיקער היימשטאָט, אַן אַלטער בחור, אַ צעדרומשקעטער פּאָעט, מיט אַ לאַנגן צאָפּ אַהינטער, ווי אַ פֿרישער בעריאָזעווער בעזעם. ס׳האָט קיינער ניט געוווּסט זײַן נאָמען, פֿון וואַנען ער שטאַמט. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז ער שרײַבט אין תּרגום־לשון געגראַמטע בריוועלעך צו גאָט, וואַרפֿט זיי אַרײַן אין רויטן פּאָסטקעסטל בײַ דער גרינער בריק, און באַדאַכט און געדולדיק שפּאַצירט ער בײַ דער ווילִיע און וואַרט, דער פּאָסטטאַליאָן פֿון הימל זאָל אים ברענגען אַן ענטפֿער.

ב

— גיי איבער ווערטער ווי איבער אַ מינענפֿעלד: איין פֿאַלשער טראָט, איין פֿאַלשע באַוועגונג, און אַלע ווערטער, וואָס דו האָסט אויפֿגעציליעט אַ גאַנץ לעבן אויף דײַנע אָדערן, וועלן צעפּליקט ווערן מיט דיר צוזאַמען —

אַזוי האָט צו מיר געשעפּטשעט מײַן לײַבלעכער שאָטן, ווען מיר ביידע, געבלענדט פֿון רעפֿלעקטאָרן־ווינטמילן, האָבן געצויגן בײַ נאַכט איבער אַ בלוטיקן מינענפֿעלד, און מײַן יעדער שפּאַן, וואָס איז געשטעלט געווען אויף טויט אָדער לעבן, האָט אַ ריץ געטאָן אין האַרץ, ווי אַ טשוואַק אין אַ פֿידל.

ג

קיינער האָט מיך אָבער ניט געוואָרנט, איך זאָל זיך היטן פֿון ווערטער, וואָס זענען שיכּור פֿון יענוועלטיקע מאַנבלומען. דעריבער בין איך געוואָרן דער קנעכט פֿון זייער ווילן. און זייער ווילן קאָן איך ניט פֿאַרשטיין. און אַוודאי ניט דעם סוד צי זיי האָבן מיך ליב אָדער פֿײַנט. זיי פֿירן מלחמות אין מײַן שאַרבן ווי טערמיטן אין אַ מידבר. זייער שלאַכטפֿעלד שלאָגט פֿון מײַנע אויגן מיטן אָפּשײַן פֿון רובינען. און קינדער ווערן גראָ פֿאַר שרעק ווען איך זאָג זיי: גוט־חלום...

אַנוסטן, אין מיטן העלן טאָג, ווען כ׳בין געלעגן אין גאָרטן, און איבער מיר — אַ צווײַג מאַראַנצן, אָדער קינדער שפּילן זיך מיט גאָלדענע זייפֿנבלאָזן, האָב איך דערפֿילט אַ באַוועגונג אין דער נשמה. אַהאַ, מײַנע ווערטער קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן... בײַ איינעם אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, האָבן זיי, קענטיק, באַשלאָסן אײַנצונעמען פֿעסטונגען, וואָס קיין שום ווערטער האָבן ביז איצט ניט געקאָנט. בײַ מענטשן, בײַ מלאָכים, און פֿאַר וואָס ניט בײַ שטערן? פֿאַרשיכּורט פֿון יענוועלטיקע מאַנבלומען שפּילט זייער פֿאַנטאַזיע.

טרומייטן שאַלן.
פֿאָקלען ווי ברענענדיקע פֿייגל.
ס׳באַגלייטן זיי ליניעס. ראָמען פֿון מוזיק.

צו איינעם אַזאַ וואָרט, וואָס האָט געריטן פֿאָרויס אין אַ קרוין, ווו עס פֿינקלען מײַנע טרערן, ווײַזט אויס דער אייבערהאַר, בין איך געפֿאַלן אויף די קני.
— אַזוי לאָזסטו מיך איבער, אָן אַ זײַ־געזונט, אָן אַ צום־ווידערזען, אָן גאָרניט? יאָרן האָבן מיר געוואַנדערט צוזאַמען, פֿון מײַן צײַט האָסטו געגעסן, איז איידער מיר צעשיידן זיך, איידער גייסט אײַננעמען

וועלטן — איין בקשה! נאָר גיב אַ וואָרט אַז וועסט ניט אָפּזאָגן...
— מסכּים. איך גיב מײַן וואָרט. נאָר אָן לאַנגע זאַצן. ווײַל די זון בייגט זיך אויף דער בלאָער צווײַג און בלויז אַ רגע פֿאַלט זי אין אָפּגרונט.
— כ׳וויל זען די טויטע!
— אַזאַ פֿאַרלאַנג... נו, מילא. מײַן וואָרט איז מיר טײַערער... ז ע!

אַ גרינער מעסער האָט אויפֿגעשניטן די ערד.
ס׳איז געוואָרן גרין.
גרין.
גרין.
גרינקייט פֿון טונקעלע יאָדלעס דורך אַ נעפּל;
גרינקייט פֿון אַ וואָלקן מיט געפּלאַצטער גאַל;
גרינקייט פֿון מאָכיקע שטיינער אין אַ רעגן;
גרינקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך אַ רייף, געקײַקלט פֿון אַ זיבן־יעריקן; גרינקייט פֿון קרויטבלעטער אין שפּליטערס טוי, וואָס צעבלוטיקן פֿינגער; ערשטע גרינקייט אונטער צעשמאָלצענעם שניי אין אַ קאַראַהאָד אַרום אַ בלאָ בלימעלע;
גרינקייט פֿון אַ האַלב־לבֿנה, וואָס מע זעט זי מיט גרינע אויגן פֿון אונטער אַ כוואַליע;
און פֿײַערלעכע גרינקייט פֿון גראָזן, באַזיימט אַרום אַ קבֿר.
גרינקייטן שטראָמען אין גרינקייטן. לײַב אין לײַב. און אָט איז שוין פֿאַרוואַנדלט די ערד אין אַ גרינעם אַקוואַריום.
נענטער, נענטער, צו דער גרינער ווימלעניש!

איך קוק אַרײַן: מענטשן שווימען דאָ ווי פֿיש. אומצאָליקע פֿאָספֿאָרנע פּנימער. יונג. אַלט. און יונג־אַלט אין איינעם. אַלע, וואָס כ׳האָב זיי געזען אַ גאַנץ לעבן און דער טויט האָט זיי געזאַלבט מיט אַ גרינער עקסיסטענץ; אַלע שווימען זיי אינעם גרינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זײַדענער, לופֿטיקער מוזיק.
דאָ לעבן די טויטע!
אונטער זיי טײַכן, וועלדער, שטעט — אַ ריזיקע פּלאַסטישע מאַפּע, און אויבן שווימט אַרום די זון, אין געשטאַלט פֿון אַ פֿײַערדיקן מענטש.

איך דערקען באַקאַנטע, פֿרײַנד, שכנים און צי פּאָר זיי מײַן שטרויע־נעם הוט:

— גוט־מאָרגן.

זיי ענטפֿערן מיט גרינע שמייכלען, ווי אַ ברונעם ענטפֿערט אַ שטיין מיט צעבראָכענע רינגען.

מײַנע אויגן פּאַטשן מיט זילבערנע ווערסלעס, יאָגן, שווימען, צווישן אַלע פּנימער. זיי נישטערן, זוכן א י י ן פּנים.

געפֿונען, געפֿונען! אָט איז דער חלום פֿון מײַן חלום — —

— דאָס בין איך, טײַערע, איך, איך. די קנייטשן זענען בלויז אַ נעסט פֿון מײַן בענקשאַפֿט.

מײַנע ליפּן, פֿאַרלאָפֿענע מיט בלוט, ציִען זיך צו אירע. נאָר ווײַ, זיי בלײַבן הענגען אויף דער שויב פֿון אַקוואַריום.

אויך אירע ליפּן שווימען צו מײַנע. איך פֿיל דעם אָטעם פֿון ברענענדיקן פּונש. די שויב איז אַ קאַלטער חלף צווישןביידן.

— איך וויל דיר לייענען אַ ליד, וועגן דיר... מוזסט הערן!

— אויסווייניק, ליבער, קען איך דאָס ליד, איך אַליין האָב דיר געגעבן די ווערטער.

— וויל איך דײַן לײַב נאָך איין מאָל פֿילן!

— מע קאָן ניט נענטער, די שויב, די שויב...

— ניין, די גרענעץ וועט באַלד פֿאַרשווינדן, אָט צעזעץ איך די גרינע שויב מיטן קאָפּ — —

נאָכן צוועלפֿטן זעץ האָט געפּלאַצט דער אַקוואַריום.

ווּ זענען די ליפּן, ווּ איז דאָס קול?

און די טויטע, די טויטע, — זענען זיי געשטאָרבן?

ניטאָ קיינער. אַנטקעגן מיר — גראָז. און אויבן — אַ צווײַג מאַראַנצן, אָדער קינדער שפּילן זיך מיט גאָלדענע זייפֿנבלאָזן.

אין איינעם אַ טאָג פֿון דער שחיטה־צײַט בין איך געזעסן אין אַ טונקל חדרל און געשריבן. גלײַך דער מלאך פֿון שירה וואָלט מיר פֿאַרטרויט: "אין דײַנע אייגענע הענט איז די ברירה. וועט דײַן געזאַנג מיך באַגײַסטערן, וועל איך באַשיצן דיך מיט אַ פֿלאַמיקער שווערד, אַלאַ ניט — זאָלסטו ניט האָבן קיין טענה... מײַן געוויסן וועט בלײַבן ריין".
כ'האָב זיך דערפֿילט אין חדרל ווי די הענגענדיקע צונג אין אַ גלאָק.
אַ ריר, אַ צאַפּל — און דער גלאָק וועט זיך באַלד צעקלינגען.
אין דער שטילקייט האָבן זיך געפּיקט ווערטער.
ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פֿון אַ פֿינגערביין אין טיר.
די שטילקייט איז זיך צעלאָפֿן איבערן דיל, ווי קוועקזילבער פֿון אַ געפּלאַצטן טערמאָמעטער.
„אַ סכּנה, אַ פֿרײַנד וויל וואָרענען". איך האָב אָפּגעצויגן דעם ריגל.
ס'באַווײַזט זיך אַ פּרוי. דער אײַנדרוק — אַ בעטלערין. ס'איז ניט קיין נאָווינע. אין דער פּויזע צווישן טויט און טויט, ווען ס'קיניגט דער הונגער אין זײַן פּולער סקעלעטישער גלאָריע, ציִען זיך המונים בעטלערס ווי געשוואָלענע הײשעריקן. נאָר די בעטלערין האָט איבערראַשט מיט איר קליידונג: אַ שטרויענע זומערהוט, אַ מין פּאַנאַמע, באַפּוצט מיט פֿאַרטריקנטע פּאָזעמקעס; אַ לאַנגע אַלט־מאָדישע קרינאָלינע — אַ רעגן־בויגן פֿון שמאַטעס; ביי דער זײַט אַ טאָרבע; פֿון איר האַלדז הענגט אַראָפּ אַ דין שוואַרצגלאָזיק שנירל און אויף אים אַ בינאָקל אין העלפֿאַנדביין; און די שפּיצן פֿון אירע לאַקירקעס—צוויי ראָבן גלאַנציקע מיט אָפֿענע בלוט־רויטע שנאָבלען.

כ'האָב גאָרנישט געפֿרעגט, נאָר דערלאַנגט אַן אָקרײַעץ ברויט, ביי די ראַנדן פֿאַרשימלט.
זי שטעלט אַ פּאָר טריט פֿאָרויס, נעמט דאָס ברויט, לייגט אַוועק אויפֿן טיש און דערנאָך — מיט דער שטים פֿון אַ קוקאַווקע:
— אויב כ'האָב קיין טעות ניט זענט איר ד ע ר פֿאַרשוין, און אויב אַזוי וועל איך ס'ברויט ניט נעמען.
— איר קאָנט זיך צוזעצן, מומינקע, וועט אײַך זײַן האַנטיקער. און דאָס ברויט? יע, טאַקע שימל. נאָר אויף מײַן וואָרט, קיין אַנדער ברויט האָב איך ניט. מ'עט נאָך דערלעבן צו עסן חלה.

און איך ווײַז דער פֿרוי דעם אײנציקן טאַבורעט און אַלײן זעץ איך זיך אויפֿן טישל, אַנטקעגן.

— אוי, ניט דאָס מײן איך, בנאמנות, — פֿאַרהײבט זי די קרינאַלינע ניט אײַנצוקנײטשן, װי אַ טענצערין, און זעצט זיך אויפֿן טאַבורעט.— איז דערלויבט צו פֿרעגן אַ קלײניקײט?

— אַ קלײניקײט איז אַ קלײניקײט, מומינקע. איר דאַרפֿט ניט צו מיר קײן הענטשקעס.

— אַט ליגן בויגנס פּאַפּיר. נאָך פֿריש דער טינט אויף זײ. װער האָט געשריבן?

— איך...

— זענט איר אַ שרײַבער?

— אַ שרײַבער.

ניט בלויז פֿון די אויגן־ווינקלען — פֿון אַלע קנײטשן אירע נעמען קאַפּען טרערן. אַ ראָזע, שמײכלענדיקע פֿרישקײט, װי אַ נעפּל נאָך אַ מאַיאָװן רעגן, בליט אַרויס פֿון איר נשמה.

— אויב אַזוי איז גוט. און אַצינד לאָזט מיר אויסגיסן ס׳האַרץ, פֿאַר די מינוטן װעט אײַך דער אײבערשטער באַצאָלן מיט יאָרן.

זי ציט אַרויס פֿון אַרבל אַ ראָז טיכעלע מיט זילבערנע באַזײמונגען און באַרירט די ליפּן. פֿון טיכעלע — די גסיסה פֿון אַן אַלטן פּאַרפֿום. און זי דערצײלט:

— מײַן נאָמען איז פֿעליציע פּאָזנאַנסקי. דער שרײַבער י. י. זינגער האָט מיך פֿאַראײביקט אין אַ ראָמאַן. אַ מאָל האָב איך אויסגעזען אַנדערש. נאָר דאָס איז ניט וויכטיק.

זי ציט אַרויס פֿון צווייטן אַרבל נאָך אַ טיכעלע פֿון אַ בונטן פּאַווע־קאָליר, מיט אַן אַנדער פּאַרפֿום־ריח, ווישט אָפּ די פֿײַכטקײט אונטער די אויגן און דערצײלט ווײַטער:

— איז אָט די פֿעליציע, לאָמיר זאָגן ס׳איז אַ צווייטע, ניט די בעטלע־רין וואָס זיצט דאָ לעבן אײַך, אַ מאָל געווען אַן עושרטע. ס׳הײסט — איר מאַן איגנאַץ איז געווען אַ מיליאָנער. נײַן פֿאַבריקן, הונדערטער וועבמאַשינען. אין אײנעם פֿון זײַנע פּאַלאַצן האָט געוווינט דער פּרעזידענט פֿון שטאַט. אויסער דעם איז ער געווען ערן־קאָנסול פֿון פּאָרטוגאַל — — —

דער זונפֿאַרגאַנג באַלײַכט אירע קנײטשן מיטן ליכט פֿון גרינע

גליווערעם. זי ווערט דינער, אײַנגעשרומפּענער און זעט אויס ווי אַ מומיע פֿון אַן אַלט־עגיפּטישער פּרינצעסין.

— איגנאַצן האָט קיינער ניט ליב געהאַט, זײַן פֿאַמיליע אויך ניט. מ׳האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ מיזאַנטראָפּ. נו, אפֿשר. מע טאָר אַזוי לײַכט ניט משפּטן. זײַן מענטשנפֿײַנדשאַפֿט האָט געהאַט אַ סיבה. ער האָט קינדוויַיז צעבראָכן די נאָז ווי אַ ליימענעם טעפּל און די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן אין דער וועלט האָבן ניט געקאָנט צונויפֿקלעפּן. האָט ער געמוזט אָנטאָן אַ צוגעשטעלטע נאָז, אַ גומענע. מחמת דעם האָט ער פֿאַרלאָרן די שטים פֿון אַ מאַנצביל, האָט גערעדט דין־דין, שוין צו דין, ווי אַן ערשט געבוירן קעצעלע.
פֿעליציע האָט אים יאָ ליב געהאַט. און ניט פֿאַר זײַן רײַכקייט, פֿאַר זײַן באַנעמונג, ביין, זי האָט אים ליב געהאַט פֿאַר זײַן שרײַבן. ער האָט געשריבן אין פּויליש אַ פּאָעמע וועגן איובֿן.
אין די נעכט בײַ זיך אין קאַבינעט, פֿלעגט ער אויסטאָן די גומענע נאָז, ער זאָל פֿרײַער קאָנען אָטעמען און שרײַבן ביז אין העלן טאָג אַרײַן. און פֿעליציע פֿלעגט זײַן די גליקלעכסטע אין דער וועלט. ביין, ס׳איז ניט פּאָזנאַנסקי דער פֿאַבריקאַנט, ס׳איז הײַנע, בײַראָן! בײַראָ־נען האָט געפֿעלט אַ שטיקל פֿוס — נו, איז ער ניט געווען דער גרעסטער פּאָעט פֿון זײַן יאָרהונדערט? אַזוי אויך פּאָזנאַנסקי וואָס אים פֿעלט אַ שטיקל נאָז...

דער זונפֿאַרגאַנג צעגליט פֿון דרויסן דעם קופּערנעם גלאָק פֿון מײַן ביידעמל. דאָס געוויין פֿון אַ באַהאַלטן קינד וואָגלט צו זײַן באַשעפֿער.
און די פֿרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע האַלט אין דערציילן:

— אין ערשטן מלחמה־טאָג האָט זיך אַ דרייי געטאָן ס׳רעדל. אַ שפּליטער פֿון אַ באָמבע האָט געטראָפֿן איגנאַצן אין קאָפּ. פֿאַר זײַן אויסהויכן די נשמה האָט ער פֿאַרשווירן: פֿעליציע, טײַערע, זע צו ראַטעווען מײַן ווערק, אין דעם איז מײַן גאַנץ לעבן. מײַן עולם־הזה און עולם־הבא — —

מיט איין וואַליזקע אין האַנט איז פֿעליציע אַנטלאָפֿן פֿון דער שטאָט. אינעווייניק — די פּאָעמע וועגן איובֿן, אַ בינטל דימענטן און איר

קאָסטיום וואָס זי האָט געטראָגן אויפֿן מאַסקנבאַל, ווען זי האָט זיך באַקענט מיט איר מאַן. ביַים איבערשוואָרצן די ליטווישע גרענעץ אין אַ שיפֿל איבער אַ טיַיך, האָט זיך דאָס שיפֿל איבערגעקערט און די וואַליזקע איז אַריַינגעפֿאַלן אין וואַסער. דורך אַ נס איז פֿעליציע דערשווומען צום ברעג און דערציילט דעם גרענעץ־פֿירער וועגן אירע דימענטן, האָט ער זיך עטלעכע מאָל אונטערגעטונקט אונטערן וואַסער און אַרויסגעצויגן די וואַליזקע. געווען אַן ערלעכער פֿויער, ווי מ׳האָט פֿריִער אָפּגערעדט אַזוי האָט מען זיך שפּעטער צעטיילט: ער האָט באַקומען אַלע דימענטן, און זי — איר מאַנס אייביקייט, זיַין ווערק, און דעם קאָסטיום וואָס זי האָט געטראָגן אויפֿן מאַסקנבאַל... איר קאָנט אים זען, פֿעליציע טראָגט אים אויך איצטער... זי וויל אין אים טאַנצן אויפֿן מאַסקנבאַל פֿון טויט...

די פֿרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע דערלאַנגט זיך פּלוצעם אַ שטעל אויף און מאַכט אַ רעווערענס ווי אַ מאָל, אויף יענעם הימלישן מאַסקנבאַל. נאָר וואָס איז געשען? זי קאָן זיך צוריק ניט אָפּבייגן. איר פּנים טונקלט, מיניעט זיך ווי דורכגעברענט פּאַפּיר און אויף די ראַנדן פֿון איר שטרויענער פּאַנאַמע בלוטיקן די פּאָזעמקעס.

— מען דאַרף ניט קיין וואַסער, מען דאַרף ניט. אַ צוויק אונטערן האַרצן, אַ נאַרישקייט. ווו האַלטן מיר? יאָ, כ׳וועל מאַכן בקיצור — זי האָט שטייענדיק מיך באַקוקט מיטן בינאָקל און איר קול האָט באַקומען אַ קלאַנג, ווי ס׳וואָלט געפּלאַצט אין איר אַן אָדער:

— אַצינד בין איך אַ בעטלערין. שוין באַלד אַ יאָר אַזוי. געווען אַ ציַיט ווען כ׳האָב געלערנט מיט צוויי מיידלעך פּאָרטוגעזיש און פֿאַר יעדער לעקציע גענומען צוויי קאַרטאָפֿל. נאָר זינט די מיידלעך זענען פֿאַרשווונדן האָב איך ניט מיט וועמען צו לערנען פּאָרטוגעזיש. גיי איבער די היַיזער. אָבער ניט בלויז צוליבן שטיקל ברויט. איך האָב געוואָלט געפֿינען אַזאַ איינעם ווי איר, אַ שריַיבער, און אים איבער־געבן דאָס מיַיסטערווערק פֿון מיַין טיַיערן מאַן. וויַיל איך, ליבער מענטש, וועל שוין לאַנג ניט ציִען, וועל גיין באַגעגענען די צוויי מיידלעך... גיט אַ האַנט, אַז איר וועט אויסהיטן די פּאָעמע וועגן

איובֿן אַזוי ווי איַיערע אייגענע פּאַפּירן, און נאָך דער מלחמה — פֿאַרשטייט איר דאָך אַליין... גיט אַ האַנט!..

ווען איר בייניקע רעכטע האַנט מיט די איידעלע פּיאַנאָ־פֿינגער האָט זיך איַינגעשלאָסן אין מיַינער, האָט די לינקע האַנט אַרויסגעצויגן פֿון טאָרבע אַ ברוליאָן אין קעשענע־פֿאָרמאַט און אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש לעבן פֿאַרשימלטן ברויט.

אַז די פֿרוי איז אַראָפּ — האָט דער גלאָק זיך צעקלונגען. ער האָט ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן די שטומקייט. די שטומקייט פֿון אַלטע מענטשן, וואָס מען כאַפּט אין די גאַסן.

— — אַן איינציקע, פֿאַרפֿרוירענע שויב אין אַ קעלער. אויף דעם יאַדלעוואַלד פֿון שויב — דער אָפּדרוק פֿון צוויי קינדערשע הענטלעך ווי בײַם דוכנען. דער וואַלד אַנטפּלעקט דורך די הענטלעך דעם דרויסן און אין קעלער פֿאַלט אַרײַן די זון ווי אַ מת אין קבֿר.
די ווענט זענען באַצויגן מיט האַריקן שניי און גלימצערן ווי אין אַ זאַלצגרוב. אויף דר׳ערד, אין אַ ווינקל, — צעוואָרפֿענע שמאַטעס פֿון אַ געלעגער און צווישן זיי, ווי גאָלדענע ציין, ווינקען אַרויס באַהאַל־טענע שטרויען. אויף די שמאַטעס — אַ דיקער, פֿאַרטריפֿטער קרבן־מנחה בדפֿוס האלמנה והאחים ראָם.
דערבײַ, אין אַ טאָפּ זאַמד — אַ פֿאַרגליווערטע, וואַקסענע ליכט, גלײַך אַ פֿויגל וואָלט זיך פּיקן דאָס האַרץ מיט אַ טויטן שנאָבל.
און אין מיטן קעלער, צווישן דעם אָפּדרוק פֿון די קינדערשע הענטלעך אויף דער שויב און דעם קרבן־מנחה אויף די שמאַטעס פֿון געלעגער — אַ קאָפּ אַ בראַנדזענער פֿון אַ פֿערד, מיט אַ זילבערנעם פֿלעק ווי אַ קינזשאַל אויפֿן שטערן, און קאַלטע, פֿאַראייביקטע אויגן פֿון שוואַרצן מאַרמאָר.
און עס ריידן די קינדערשע הענטלעך פֿון שויב:
ליבער קאָפּ, זײַ מוחל. פֿון לעבעדיקן האָלדז ניט מיר האָבן דיך אָפּגעהאַקט. ווען די לעצטע, לעצטע זענען זיך צעפֿאַלן אין אַש — דיך אין אַ יאַטקע געפֿונען, און פֿאַוואַליע, אונטער אַ לאַנגן, פֿרעמדן מאַנטל, דערשלעפּט אין קעלער. מיט דיר — געוואָלט זעטיקן אַ זקנה. עלנט ווי דו אַצינד אויף דער ערד איז געלעגן די זקנה דאָ אין ווינקל. צוקאָפּנס — אַ ברענענדיקע ליכט. נאָר פּלוצעם — הינט. הינט. הינט. זיי באַפֿאַלן די זקנה, דײַן פֿאַרפֿרוירן פֿלייש. באַפֿאַלן דעם יינגעלע צו וועלכן מיר געהערן... אוי, ווי מיר האָבן געוואָלט אים העלפֿן... צו דער שויב זיך געצויגן, צום פֿאַרשנייטן וואַלד, און ווו זענען מיר, ווו זענען מיר?

ווען די קינדערשע הענטלעך פֿון שויב דערציילן — שמעלצן זיך די אײַזיקע צאַפּנס פֿונעם בראַנדזענעם קאָפּ. גלאַנציק, אָטעמדיק ווערט זײַן הויט. זײַן לינקער אויער פֿאַלט אַרונטער ווי אַ לאָק. און אין די אויגן פֿון שוואַרצן מאַרמאָר באַווײַזן זיך טרערן.

פֿון צעפֿאַלענע ליימיקע נעסטן, פֿון קראַטן־פֿענצטערלעך און צעבוי־גענע טירן ציִען זיך צום זונפֿאַרגאַנג ברענענדיקע שמות — קינדער מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך — ווי די זון וואָלט זיי געבוירן אויפֿן שולהויף און אַצינד פֿלאַטערן זיי צוריק צו זייער מאַמען.

אַז די זון באַהאַלט אירע קינדער הינטער אַ וואָלקן, לאָזן זיי איבער זייערע שוואַרצע טרערן — דורכגעגליטע סאַזשע — אויף דער גאַלעריע פֿון דער שטאָטשול.

די צוויי־גאָרנדיקע גאַלעריע, דערהויבן אין אַ פּיראַמיד איבער הענגענדיקע רויִבעז פֿון געסלעך און זאַווולקעס, איז ניט די זעלביקע ווי זי האָט אויסגעזען תּמיד.

אַצינד איז פֿאַרוואַנדלט די גאַלעריע אין אַן אָדלער איבער אַן אָדלער! דער אייבערשטער אָדלער, וואָס האָט אַ קאָפּ פֿון אַ חיה און אַ בלאָע ברוסט צווישן פּורפּורנע פֿליגל, ווי אַ קוואַל צווישן רויזן, איז אײַנגעביסן מיט די נעגל פֿון זײַנע פֿיר בראָנדזענע פֿיס אינעם אונטערשטן.

און דער אונטערשטער אָדלער, וואָס זײַן קאָפּ איז ווי דער קאָפּ בײַ אַ מלאך, מיט אַ בלישטשענדיקער שלאַנג אַרום האַלדז, און זײַנע פֿליגל — צוויי קעגנאיבערדיקע פֿעלדזן איבער אַן אָפּגרונט — שטייט אַ געבויגענער איבער דער שטאָטשול. זײַנע צען פֿיס — קאָלאָנעס אויסגעהאַקט פֿון זאַלץ — וואַקלען זיך אונטער די שווערע פֿליגל.

אויבן, בײַ די בראָנדזענע פֿיס פֿונעם אייבערשטן אָדלער, אויף דעם הינטערגרונט פֿון זײַן בלאָער ברוסט, זע איך אַ באַהאַלטן מענטשעלע.

— מענטשעלע, ווער ביסטו?

— כ'בין דער מאָלער יאַנקל שער, דער מאָלער פֿון די געסלעך...

אין זײַן גרינער, סאַמעטענער מאַרינאַרקע שטייט ער אַנטקעגן אַ לײַוונט. די מאַרינאַרקע האָט ער אַ מאָל אײַנגעהאַנדלט אין פּאַריז. איינציק איז זי געווען אין אונדזער שטאָט. מענטשן פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אין גאַס און באַוווּנדערן איר שיינקייט. מיט אַ גרויסן מעשענעם העקל האָט ער זי פֿאַרשפּיליעט בײַ זײַן גאָרגל. אירע פֿאַלבן האָבן זיך געמיניעט ווי די פֿעדערן פֿון אַ פּאַווע. זי האָט

פֿאַרמאַגט אַ צענדליק פֿאַרשיידענע קעשענעס פֿול מיט פענדזלען, בלײַערס און בלאָקנאָטן.
איצטער הענגט אויף אים די מאַרינאַרקע אַ געשוואָלענע, באַדעקט מיט שימל, גלײַך ניט קיין מענטש נאָר אַ האָן וואָלט זי געטראָגן.
און דער פענדזל, וואָס ער האַלט אין זײַנע ציין, זעט אויס ווי אַ חלף.
די קאַסאַקע, וואָסערדיקע אויגן זענען אויסגעפּוקלט ביז איבער דער נאָז און צוויי ברידערלעכע טרערן שליסן זיי צוזאַמען.
ער קוקט, דער מאָלער, דאָ אויף די צעקרימטע געסלעך, דאָ אויפֿן לײַוונט, און גלייבט ניט זײַנע אויגן. זינט ער באַהאַלט זיך אויף דער גאַלעריע זעט ער הײַנט צום ערשטן מאָל ווי זײַן וועלט האָט זיך געביטן.
ווער האָט אַנטקעגן אַרויסגעבלאָזן אַ קלויסטער? און דאָ, ווו די קײַלערשע יאַטקע, ווי קומט דער ראַטוש?
ווער האָט אָנגעצונדן די לאַמטערנעס אויפֿן טויטן שולהויף?
נאַכסאָל, טאַטעניו, קומט סקילה דעם גאָונס קלויז? און הלמאי קומט שׂרפֿה דעם ביימעלע אויפֿן טויער?
בלויז די רינשטאָקן האָבן זיך ניט געביטן.
זיי אויך! גלאַנצן פֿון בלוט...
יאַנקל שער וויל פֿאַרשמירן דעם לײַוונט. ווו איז דער אמת, אין אים צי אין דרויסן?
און אפֿשר איז גאָר שולדיק זײַן פּאַליטרע, האַ?
ער האָט אַ מאָל געזען אַ פֿידעלע אין די הענט פֿון אַ מײַסטער. אין מיטן שפּילן — אוי, פֿאַרלוירן די קלאַנגען. עולם שטוינט און האַלט אין שטוינען. דער מײַסטער איז בלייך, ווי דער שטויב פֿון קאַלאָפֿאַניע אונטער די סטרונעס. נאָר באַלד לייגט ער צו זײַן אויער און זאָגט: חשובֿער עולם, ס'פֿידעלע האָט אָקערשט אויסגעהויכט די נשמה. איך בעט זיך אויפֿשטעלן און אָפּגעבן כּבֿוד.

ער לייגט צו זײַן אויער צו דער פּאַליטרע. זי לעבט, זי לעבט.
הענגלעך סאַזשע, פֿון די ברענענדיקע שמות, פֿאַלן אויף זײַנע האָר, פֿאַלן אויפֿן לײַוונט.
אַציינד גיט ער אַ כאַפּ פֿון די ציין דעם פענדזל. דער פענדזל, גלײַך אין אים וואָלט אַרײַן דער הונגער פֿונעם קינסטלער, שלינגט און

שלינגט פֿאַרבן. עס פֿאַרשווינדן אויפֿן לײַוונט די פֿלעקן שניי. פֿון דער יונגער, פֿרישער, וועסנעדיקער ערד בליט אַרויס אַלץ בולטער אַ זקנה.

אַזוי האָט זי אויסגעזען, די אַכציק־יעריקע. אָט לעבט זי ווידער, לעבט ווידער! אַ שוואַרצע שבתדיקע קלייד מיט קרישטאָלענע קנעפּעלעך. די האָר ווײַס, בלענדיק ווײַס, ווי פֿאַרפֿרוירענע מילך. דאָס פּנים — אַ קנויל זילבערנע קנייטשן. אין זיי צאַפּלען פֿרילינגדיקע ריטשקעס. פֿליו, פֿליו. אין די ריטשקעס טאַנצט די זון. וואַרפֿט העזעלעך אין קאַלטע באַגנעטן. און די זקנה, אַ קאָפּעטשקע געבויגן, טראָגט באַראַנטשיק אַ בלאָנד מיידעלע — —

הינטער דער זקנה — פּנימער. פּנימער. אַ קוימען מיט אַ געקוילעטן האָלדז. אויף איין קני בוקט זיך אין דער לופֿטן אַ פֿענצטער. און דער טויער איבערן געסל, אונטער וועלכן עס באַוועגט זיך די זקנה, איז מיט אַ שוואַרצן שפּאַלט.

יאַנקל שער מאַכט אַ שפּאַן אַהינטער. יע, אַזוי האָט זי אויסגעזען, די אַכציק־יעריקע. עס פֿעלט בלויז... האַ, וואָס פֿעלט?

זײַנע וואָסערדיקע אויגן ווערן אויסגעפּוקלט מער. גיסן זיך איבער אויף דער פּאַליטרע. אַ גאָסע פֿלעמלדיקע ראָזקייט באַדעקט זײַן פּנים. די זקנה איז געגאַנגען... מיט אַ של־ראָש אויפֿן שטערן... דעם של־ראָש האָט זי אויפֿגעהויבן פֿון דר׳ערד, פֿון רינשטאָק...

— יאַנקל, ביסט אַ מאָלער, מאָל דעם של־ראָש!

ער טונקט דעם פּענדזל אין די געפּאַלענע טרערן, אין אַ שפּריצל רויט; און די זקנה, מיט דער בלאָנדער מיידעלע באַראַנטשיק, שפּאַנט שוין אונטערן צעשפּאָלטענעם טויער, צווישן באַגנעטן, מיט אַ קליין שטיבעלע אויפֿן שטערן, ווו עס ווײַנט גאָט.

— די א י ו ב ט ע, אַזוי וועט הייסן דאָס בילד.

ס׳דערלאַנגט אַ ציטער די גאַלעריע. ביידע אָדלערס גיבן זיך אַ הייב. צוויי פּאָר שטורעמדיקע פֿליגל. צוזאַמען מיטן מאָלער יאַנקל שער, צוזאַמען מיט דער איובֿטע, צוזאַמען מיטן קנײַענדיקן פֿענצטער, מיטן געסל, אַנטרינען די אָדלערס אין אַ בליצנדיקן וואָלקן.

אירע אויגן זענען פֿאַרפֿליישט ניט דאָ ווו בײַ אַלעמען. זיי לעבן אינעווייניק, אין אַ באַזונדער פּנים — צוויי מאַגנעטישע נעדעלעך.
אָט די נעדעלעך ציִען־צו בלײַענדיקע צווײַגן, זון און שאָטן, קאָלירן ווי קלאַפּנדיקע אָדערן, פּנימער און, דער עיקר, דאָס פּנים פֿון איר בלינדן געליבטן.
זיי האָבן ביידע זיך באַגעגנט ווי צוויי נעכט און זייער שטיינערנע בלינדקייט האָט אַרויסגעשלאָגן פֿונקען.
און אַז ער, מיט אַ פּנים פֿון אַ שויב אין רעגן, קלעטערט בײַ נאַכט איבער מויערן, די לבֿנה זאָל אים אַראָפּוואַרפֿן אַ זילבערנעם הערינג, שפּילט ער אויף זײַן לאַנגן ירושהדיקן פֿײַפֿיאָל, שפּילט אַ נאָגנדיקן ניגון, אַ מין פֿייגלשע לוויה, און זי, אין ביידעמל, זעט איר געליבטן אינעם שפּיגל פֿון זײַנע קלאַנגען.

איין מאָל האָט ער זיך ניט אומגעקערט. אַ טויבע סאָזשע האָט באַצויגן דעם שפּיגל. און זי — ווי נאָך אַ בלינדקייט וואָלט אַרײַן אין דער בלינדער!
זי טאַפּט זײַן שאָטן. די שעוועליורע פֿון זײַן שאָטן. די מאַגנעטישע נעדעלעך ציִען אים ניט צו...
עמעץ האָט אַרײַנגעהאַקט אַ מעסער אין אַ טויטן!
אירע פֿינגער — צען זשוזשענדיקע בינען — קרײַזן איבער דעם בוידעמדיקן חלל, ווו די לופֿט איז איבערגעברענט ווי ווײַסער אַש.
— קום, שוועסטער!

איר קליינע, זעענדיקע שוועסטער, אַ האַלב נאַקעטע, אַ בוך אונטערן אָרעם, צוויי צעפּלעך ווי אַן אָפֿענע שער, קוואַלט אַרויס פֿון שימערדיקן ווינקל מיט אַ לעמפּעלע אין האַנט.
— לערן מיך אויס טאַנצן, איך האָב קיין מאָל ניט געטאַנצט, קיין מאָל ניט אין לעבן.
דאָס לעמפּל — אַ סאָווע מיט איין אויג — בלײַבט הענגען אויף אַ בעלקע. אונטער אים, אין שײַן פֿונעם בלוטיקן אויג, טאַנצן די צוויי שוועסטער. ס'באַגלייט זיי דער פֿאַרשווונדענער פֿײַפֿיאָל, די פֿייגלשע לוויה.

— אַ דאַנק, טײַערע, אַצינד לאָז מיך אַליין, איך וויל זען צי גאָט איז אַ בלינדער.

אַ ציטער גײמט דורך דאָס ביידעמל, ווי אַ נעסט ביים דערפֿילן אַ זעג. און די בלינדע געזעגנט פּאַוואַליע צום לעמפּל, די זשוזשענדיקע פֿינגער דרייען אַראָפּ דעם קאַפּטור, באַנעצן מיטן קעראָסין אירע צעפּ, איר קליידל, און דער סאָוועס אויג טוט אַ פֿלייץ מיט פֿײַער.

איבער געסלעך ווי היילן פֿון גײַסטער — זון. זון. זון.

זון אין באַנדאַזשירטע שויבן. זון אין פּנימער. זון אין מתים, וואָס געפֿינען ניט דעם טויט.

מענטשן, צעשפּאָלטענע אין צוויי באַזונדערע פּראָפֿילן, פֿאַרביינערן זיך ווידער ביי דעם רויזיקן אָפּשײַן פֿון איר טאַנץ.

און זי אַליין, די בלינדע, דורכויס אין פֿײַערדיקע אויגן, צינדט אָן מיט איר טאַנץ די געסלעך, צינדט אָן די שטאָט, צינדט אָן די וואָלקנס:

— ביסטו בלינד, מײַן גאָט, נעם צו מײַן פֿײַער!..

ווי דער זכּרון פֿון מלאך־הדומה שווימט האַסטיק די לבֿנה צו די רויִנען פֿון אַ שוואַרצער גאַס און בלײַבט הענגען צווישן צוויי קוימענס. לאַנגע, זידנדיקע שאָטנס קוואַלן אַרויס פֿון אירע אָדערן, ווי שוואַרץ בלוט פֿון אַ דערהרגעט פֿערד, און צעשמעלצן אונטער זיך, ביזן ברוק, די שנייען. אַ מענטש אַנטפּלעקט זיך פֿון אַ קוימען, ווי אַ ווילדע קאַטשקע פֿון אַ טונקעלן וואַסער:

— שיינ—דע—לע!

פֿונעם קוימען, אויף דער אַנדער זײַט גאַס, קריכט אַרויס אַ צווייטער:

— צאַל—קע!

— שיינדעלע, מיר מוזן לעבן.

— יע, צאַלקע. ווי לאַנג ליגן מיר אָדער שטייען מיר אין די קוימענס?

— ניט לאַנג, סך־הכּל די דריטע לבֿנה. איז דיר קאַלט, שיינדעלע?

— קאַלט? אַז די לבֿנה באַלײַכט זעט אויס אויף מיר די סאַזשע ווי אַ זילבערפּוקס. פֿאַר קעלט האָב איך ניט קיין מורא. מע זאָל נאָר אונטן, אין מויער, ניט אײַנהייצן. מיר דאַכט, פֿונקען ציִען זיך פֿון קוימען.

— קיינער וווינט ניט אין דער שוואַרצער גאַס. און די פֿונקען זענען שטערן. מזלדיקע שטערן.

— ניין, צאַלקע, שטערן זענען קאַלט און די פֿונקען — הייס, נאָדלדיק. הייס ווי קושן, יע, נאָר אַ סך געפֿערלעכער.

— שיינדעלע, ווען האָסטו אין זינען, לאָמיר זײַן אָפֿנהאַרציק. כ׳האָב אַליין געזען...

— אַז מע קושט זיך זעט מען ניט, ווי אַזוי האָסטו געזען?

— לעבן גרוב... איידער מיר זענען אַנטלאָפֿן, איידער מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין די קוימענס, האָסטו צו עמעצן געשמייכלט, אַזוי געשמייכלט, ווער איז ער?

— אײַ, צאַלקע, זײַן אייפֿערזיכטיק אין אַ קוימען... גוט, כ׳וועל דיר זאָגן, ס׳איז געווען — —

אַן אָפּקלאַנג פֿון געקאָוועטע שטיוול האַקט איבער דעם זאַץ. איןביידע קוימענס, איינער אַנטקעגן אַנדערן, איבער דער שוואַרצער גאַס, פֿאַרשווינדן די פּנימער.

אין אַ האַלבן קרײַז, ווי אַן אָנגעשפּאַנטער בויגן, שטייען אַרום קאַנאַווע די שיסער מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל און צילן אין ״רעדעלע פֿון מזל״ — אין אַ קופּע פֿאַרמישפּטע.

דער אָפּשײַן פֿון אַ מעשענעם שײַטער אין דערבײַיִקן ווערדל, מיט ביימער פֿון האַלב צעפֿאַלענע סקעלעטן, באַשימערט מיט ברענענדיקע שאָטנס דאָס געביין פֿון לעבעדיקע טויטע, וואָס אַלע זעען זיי אויס ווי איינער — אַזוי זעט אויס ערד, ווען אַן אַקער צעשנײַדט און קערט זי איבער.

בלויז די באָבע, מיטביידע אייניקלעך בײַ די זײַטן — אַ גרויז גראָע אָדלערין מיט צעשפּרייטע פֿליגל, בלויז זי האַלט־אויף די אייביקייט פֿון איר פּנים.

די באָבע איז פֿאַרבליבן פֿון די לעצטע.

ביידע אייניקלעך קושן אירע הענט מיט פֿאַרחלשטע ליפּן:

— באָבע, נאַכסאָל פֿאַלן דאָ אַזוי פֿיל מענטשן?

די באָבע פֿאַרהייבט דעם קאָפּ. ס׳איז בלאָ און לויטער. איין ריזיקע לבֿנה. פֿון דער באָבעס אויגנקוועלכל שווימט אַרויס אַ טרער, וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן לאַנגע יאָרן. די טרער שווימט, ריזלט און פֿאַרפֿלייצט די לבֿנה. ס׳נעמט וואַלקענען, רעגענען, מיט וואַרעמע באָבישע טרערן. זיי, די טרערן, פֿאַרלעשן דעם שײַטער, פֿילן אָן די קאַנאַווע.

באָבע פֿאַרמאַכט די אויגן און בלינדערהייט אַזוי כאַפּט זי איין אייניקל — און לאָזט זיך לויפֿן.

ווען גערעטעוועט — חנהלען צי מירעלען? מע טאָר ניט קלערן. ס׳קינד שלאָפֿט און די באָבע שעפּטשעט:

— חנה־מירעלע, חנה־מירעלע...

זי בלאָנדזשעט אין דער צעווייקטער פֿינצטערניש. אויף די אַקסלען שלאָפֿט חנה־מירעלע.

באָבע קומט אין אַ דאָרף. הינטערן שויב פֿון אַ כאַטע צאַפּלט אַ פֿײַערל.

באָבע טאָפּטשעט אין וואַסער. פֿאַלט, הייבט זיך אויף, און קלאַפּט אָן אין כאַטע ווי אין האַרץ פֿון אַ מלאך.

— קטאָ?

— גוטער מענטש, לאָז אַריין.

ס'עפֿנט זיך פּאַוואָליע די טיר, און אַ פֿויער, האַלב באַקעט, מיט אַ לעמפּעלע אין איין האַנט און אַ בײַטש אין דער אַנדערער, באַווײַזט זיך אויפֿן גאַניק.

און ער פֿאַרהייבט די בײַטש איבער דער זקנה.

נאָר דעמאָלט שלאָגט אַרויס אַ קול, ווי אַ ווײַסער פֿליגל, פֿון דער אַלטיטשקעס ליפּן:

— מענטש, וואָס טוסטו, ביסטו בלינד, זעסטו ניט אַז אין רעגן איז גאָט?

די לאַנגע בײַטש אין האַנט פֿון פֿויער, פֿאַרמאָסטן אויף דער באָבען, דערלאַנגט אים אַ ביס ווי אַ שלאַנג. ער קאָן די האַנט ניט הייבן, ער קאָן זי ניט אַראָפּלאָזן.

אין שײַן פֿונעם לעמפּעלע זעט ער:

אַן אַלטיטשקע מיט לאַנגע, ווײַסע האָר ווי באַגאָסן מיט קאַלך. די וו״עס באַהאַנגען מיט קליינע טראָפּנס — באַנאָדלטע קישעלעך. אויף די אַקסלען טראָגט זי אַ קינד — אַ בלאָ שעפּסעלע.

און הינטער דער באָבען, צווישן פֿעדעם רעגן, באַצויגענע מיט צאַפּלדיקע פּערל, שוועבט אַרום אַ געשטאַלט און ציט אויס צום פֿויער אַ לאַנגן בליציקן פֿינגער.

די קני בייגן זיך. דאָס לעמפּל פֿאַלט אַרויס פֿון האַנט. און דאָס בלאָע שעפּסעלע, אַרום האַלדז, וואַכט אויף:

— באָבע!

...אַ בינטל סאַפּענדיקע שאָטנס — האָבן מיר געצויגן בײַ נאַכט איבער די האַלב פֿאַרפֿרוירענע זומפּן, וואָס זייער דינער, אָפּנאַרערישער לבֿנה־אײַז האָט יעדער ווײַלע, דאָ־דאָרטן, זיך געשפּאָלטן מיטן געהויל פֿון אַ וואָלף אונטער די מידע, צעשניטענע פּיס.
די וואַסערן — אַלט און שטאַרק, מיט כּלערליי קרײַטעכצער און וואָרצלען, פֿאַרזונקענע פֿייגל און חיות־לונאַטיקער, וואָס די לבֿנה האָט פֿאַרמאַניעט פֿון די וואַרעמע היילן און זיי פֿאַרפּלאָנטערט אין די זומפּנעצן — האָבן געשלאָגן מיט אַ שאַרפֿער זויערקייט, ווי אַ מין ווישניאַק, וואָס עמעץ האָט "געשטעלט אײַנצושטאַרקן" מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

דאָס בינטל האָט זיך פֿאַרנומען אַלץ טיפֿער אין די זומפּן. און כאָטש איינער האָט ווינציק באַטראַכט דעם אַנדערן, האָבן אַלעמענס פֿאַרלאַנגען זיך פֿאַרקניפּט אין אַ סודותדיקער שוואַרצאַפּל־שפּראַך, און מיר אַלע, פֿאַרשיכּורטע פֿון מידקייט, האָבן זיך אַרויפֿגעוואַליעט אויף אַ מאָכיק בערגעלע און זענען פֿאַרזונקען אין ליימיקן דרעמל. בלויז די אָטעמס — רינגען אין אַ וואַסער — עגבערן זיך שטיל אין הילכיקן קלינגענדיקן חלל און פֿילן אים אָן מיט שוועבנדיקע קרײַזן. קיינער באַפֿעלט ניט מע זאָל אויפֿשטיין. די ליפּן, ווי אָפּגעהאַקטע פֿינגער, קאָנען זיך ניט באַוועגן.
די לײַבער נעפּלען אַרויס די פֿײַכטע וואַרעמקייט, און די קליידער, מיט אײַזיקע, גאָלדיקע בערשטעלעך, קלעפּן זיך צום לײַב.
ניין, כ'וועל ניט אײַנשלאָפֿן. איינער *מוז* וועכטעווען, ווי אויבן די לבֿנה. אויך זי איז פֿאַרמאַטערט פֿון בלאָנדזשען אינעם הימלזומפּ. אויך דאָרטן, אין הימלזומפּ, איז פֿאַראַן אַ מאָכיק בערגעלע, ווי דער נאַכטלעג פֿונעם זומפּקיניג. נאָר די לבֿנה איז קליגער, לאָזט ניט אָנטאָן זיך אַ כּישוף...
מײַנע פּיס פֿאַרשווימען אין אַ זיסער פֿאַרפֿרוירנקייט. איך קאָן זיי ניט רירן. מיטן צודריקן ס'לײַב צום אויפֿגעפּוישטן בערגעלע, וואָס האַלט אין זײַן שוואָמיקייט דאָס אײַזיקע וואַסער, הייבט זיך דאָס וואַסער אויף פּאַוואָליע פֿון דער טיפֿעניש און פֿאַרשמידט מײַן שאַרבן אין אַ דינעם גלאָזיקן פֿורעם. נאָר דעמאָלט דערשפּירן די

שפּיצפינגער פון מײַנע פּיס אַ צערטלעכע גן־עדנדיקע וואַרעמקייט. און פּונקט אַנטקעגן, אין דער לופטן, שמייכלען צו מיר זילבער־גרינע אויגן, אַדורכגעשטרײַפּט מיטן בליאַסק פון דער לבנה. — קיין וואָלף איז דאָס נ י ט — איז דורכגעלאָפן אַ מחשבה. אַ וואָלף איז אַ שונא פון יעטוועדער שמייכל...

און טאָקע באַלד האָט זיך אַנטפּלעקט, אַז די שמייכלענדיקע זילבער־גרינע אויגן זענען דאָס אייגנטום פון אַ מיידל־פּנים און אַז די מיידל אַליין וואַרעמט עס מײַנע אײַזיקע פּיס מיט דער זײַדענער זוניקייט פון איר לײַב. ז י האָט עס אַראָפּגעצויגן מײַנע שווערע, צעפּליקטע שטיוול און פאַרלאָקט מײַנע פּיס אין איר וואַרעמער נעסט אַרײַן.

— דו־דו, שעפּטשעט די מיידל, און איר אָטעם טוליעט זיך צו מײַנעם, און איר פּנים — ווי בלאָער מירמל וואַלט זיך באַוועגן: שוין איבער דרײַ יאָר ווי כ׳האָב אַרויסגעשיקט מײַנע בליקן, וואַנדערנדיקע טרערן, דיך צו געפינען. ווען די ערד האָט זיך איבער מיר פאַרשלאָסן — בין איך אויפגעגאַנגען ווי אַ בוים, און ווען אַ בײַטש האָט מיך פאַריאָגט אין שײַטער־הויפן — האָב איך ס׳פײַער פאַרשלונגען אין־זיך און עס אונטערטעניקט. מיט וועמענס כּוח? — מיט דײַנעם. דעמאָלט אין גאָרטן, ווען מיר האָבן זיך צעשיידט, האָסטו אַ רינגעלע, דײַן מאַמעס אַ גאָלדן רינגעלע מיט אַ פינקלדיקן רובין, אַ מתּנה מיר געגעבן. זײַ זיך מודה: האָסט דאָס רינגעלע פאַרכּישופט, און מײַן ליבשאַפט האָט ניט אויפגעהערט צו גליִען ווי זײַן רובין. דאָס איז מײַן גוטער מלאך, אין אים האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אַלע טויטן און ווי מילבן אונטער ליכט, זיך צעשמאָלצן.

זי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס רינגעלע, צודערלאַנגט נענטער, כ׳זאָל עס דערקענען, און אויסגעקריצט מיט אים אין דער לופטן, ווי אין קאָרע פון אַ בוים, זיסע ווערטער. ערשט דעמאָלט האָבן איך דערפילט די ווירקלעכקייט, וואָס פאַרשטעלט זיך אָפּט אין חלומות.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטעפּערײַ פון אַ קוילן־וואַרפער, וואָס האָט אויפגעהויבן פון זומפּ אַ וואָרצל ווי אַ נאָז פון אַ העלפאַנד.

דאָס בינטל שאָטנס האָט זיך אַ הייב געטאָן פון מאָך און צוריק זיך געלאָזן אַלץ ווײַטער אין די זומפּן.

צווישן די דאַרע, הוילעביימער, די "סוכאָסטאָיען", האָט זיך געררייכערט דער טאָג ווי געלער שוועבל.

אַ בוטשאַן מיט לאַנגע, רויטע פּיס, איז געשטאַנען אין שימערדיקן זומפּ מיטן שנאָבל איינגעשמידט אין אייז.

הינטער אונדז פאַלט מען. די פאָדערשטע אויגן זעען עס ניט, אָבער די הינטערשטע אין פאַטילניצע — יאָ.

מיט אַ מאָל שטעלט זיך אָפּ די מיידל:

— איך מוז לויפן צוריק, צום בערגל, כ'האָב פאַרלוירן ס'רינגעלע.

און איידער איך באַוויַיז זי אָפּצוהאַלטן, איז שוין איר האַנט פאַרפלויגן פון מייַנער, ווי אַ וויַיסע טויב.

כ'בין געבליבן אַליין.

אַליין ווי דער בוטשאַן, וואָס זיַין שנאָבל איז פאַרשמידט אין אייַז.

ווער פון די חברים ס'איז געפאַלן, און ווער ס'איז אַנטרונען אין דער ווילדערניש.

איך שרייַ: אַהו! ניוכע ווי אַ וואָלף נאָך איר אָטעם, לויף אַ באָרוועסער אַהין און צוריק, און באַץ! — פאַרזונקען ביזן האַלדז אין אַ וואַסערגרוב. דער טאָג האָט זיך פאַרלאָשן ווי אַ שוועבעלע. דאָס פאַרברענטע "העלצל" אין אַ דינעם רויטלעכן צאַנקען האָט נאָך באַלויכטן אַ ווייַלע דעם האָריזאָנט.

דערנאָך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די נאַכט ווי אַן עקדיש.

אויף מאָרגן, אין דולער בלאָנדזשעניש, האָב איך ענדלעך דערטאַפּט דאָס בערגל. נאָר פון מיידל איז דאָרט פאַרבליבן נאָך ווינציקער ווי פון אַ חלום. כ'האָב זיך קוים באַפרייַט פון וואַסערגעץ און דערשלעפּט זיך צו אַ וועלדל, — אַ באַוווינטן פון לויטער בעריאָזעס.

פאַרשיכורט פון ייִאוש און גלויבן האָב איך אויסגעריסן פון דר'ערד אַ שטיין און געגומען זעצן מיט אים אין אַן אויסגעהוילטער בעריאָזע, דער עלטסטער אין וואַלד. איין זעץ מיטן שטיין, נאָך אַ זעץ, נאָך אַ זעץ, ביז די קלעפּ, ערבֿ־דונערדיקע, דומפּע, האָבן זיך צעשפּליטערט אין עכאָס. דער שטיין האָט זיך צעקרישלט צוזאַמען מיט מייַנע לעצטע מחשבֿות. און דעמאָלט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ געשטאַלט — זיך אַנטפּלעקט צווישן די הויכע צעשוינדענע בעריאָזעס, ווי אַ בעריאָזע פאַרוואַנדלט אין אַ מענטשן.

צו ערשט האָבן זיך באַשאַפן שוואַרצאַפּלען — זאַלציקער בורשטין, אָקערשט פון ים אַרויס.

אַ ווײַלע שפּעטער — אַ צעפּלאָשעטער קאָפּ אין אַ קרוין פֿון דערנער.
אַרום האַלדז אַ שלאַנג.
אַרום לײַב די קליידער — צעפּליקט, צעדריבלט אין זיך הוידענדיקע צויטן.
צווישן זיי — דאָס אַנטבלויזטע לײַב, אין מאָן־רויטע פּליאָמעס.
— העי, ווער ביסטו, די כּלה פֿון זומפּקיניג?
די שלאַנג אַרום האַלדז האָט געשאָקלט מיטן קעפּעלע אויף ניין.
די געשטאַלט האָט זיך דערנענטערט.
און פּלוצעם — פֿון איר לינקער האַנט פֿינקלט אַ רינגעלע, דאָס רינגעלע מיטן טראָפּן בלוט פֿון רובין.

...פֿון דעמאָלט אָן, ווען אין חלום, ווו קלאַנגען גייען אַרום ווי מענטשן, אַנטפּלעקט זיך מיר אַ ליד, אַן אויסגעבענקט ליד וואָס כ׳האָב ליב, נאָר בײַם אויפֿוואַכן ווערט דאָס ליד נעלם, ווי די טײַערע מיידל אין יענע זומפּן. — נעם איך זעצן מיט אַ שטיין פֿון ווערטער זיך אין האַרצן אַרײַן, זעצן אַזוי לאַנג, ביז דער שטיין צעקרישלט זיך, ביז איך פֿאַל מיטן לעצטן אָטעם אויף דר׳ערד. אין אַזאַ מינוט, טרעפֿט עס, קומט צו מיר אין דערווירקלעכקייט דאָס פֿאַרשווונדענע ליד, נאַקעט און צעבלוטיקט, נאָר מיט אַ גאָלדן רינגעלע פֿון ליבשאַפֿט — און עס שמייכלט דורך טרערן.

צום אָנדענק פֿון אַ פּעלצל

בײַם װערן אַ פּעלצל ביסטו פֿאַרבליבן אַ שעפּעלע.

װען מײַן מאַמע האָט דיך אױסגעקױפֿט בײַ אַ קירגיז אַ הונדערט־יעריקן פֿאַר אַ טאָרבעלע זאַלץ און מיך דערפֿרײט מיט דער מתּנה צום זיבעטן געבױרן־טאָג — איז אַזױ װי דער מאַמעס אָטעם װאָלט אַרײַן אין מײַנע בײנדלעך, װי איך װאָלט אָנגעטאָן אַ לעבעדיקע זון...

קרומאױגיק און צעשניטן פֿון קינזשאַלן האָבן מאַרשירט אין שנײיִקע די טעג. אין דיר האָב איך באַשאַפֿן מײַן ערשט ליד — אַ שנײמענטש.

אַ גײַסט בין איך געװען אין דײַנע פֿליגל. פֿון זיך אַלײן פֿאַרשװוּנדן. זיבן שטראַליקע טױבן האָבן מיך געבראַכט אַהײם.

האָסט מיך באַגלײט איבער צײַטן, לענדער, מיטן ניגון פֿון דער קינדהײט — אַ װאַרעם פֿידעלע.

האָסט געזען װי דער צפֿון־שטערן האָט מיך געטאָן אַ ראַץ...

װען כ׳בין געװאָרן פֿאַר דיר צו גרױס, האָסטו מיר אָפּגעגעבן דײַנע הענט — די צװײ אַרבל, צו פֿאַרלענגערן די פֿרײַנדשאַפֿט.

דיר, מײַן פּעלצל, האָב איך פֿאַרטרױט מײַנע לבֿבֿהדיקע פּאַפּירלעך, מיט בלינדע צעהאָפּקעטע שורות, װי דער טאַנץ פֿון אַ שיכּור אין שניי.

און שפּעטער, װען מײַן טױבנשלאַק איז אַװעק מיט די װאָלקנס, װער נאָך, אױסער דיר און אַ טשאַטע װוּנדן, האָבן מיך באַגלײט!..

װען מײַן פּנים האָט זיך פֿאַרביטן אין אַ פֿאַרקװעטשטן פֿינגער, האָסטו ניט דערלאָזן דעם פֿיאָלעטן אײַז צו פֿאַרגליװערן מײַן שמײכל.

און אײן מאָל בײַ נאַכט, אין אַ װאַלד, איבער שלאַנגען באַלזאַמירטע אין אײַז, האָט אַ פֿרױ באַקומען װײען... און אין דיר, אין דײַן װאַרעמער נעסט, איז אַרײַן דאָס בלאָע קינדעלע, — בלאָ װי דו.

און אַ צװײטן מאָל, — אַ נאַקעטער, בלױז מיט דיר אױף די אַקסלען, האָב איך געריטן צו דער מאָרגנדיקער זון איבער אַ שלאַכטפֿעלד.

דער שניי — אַ לױטערער בײַנאַכטיקער הימל. מײַן פֿערד — אַ הימען איבערן שניי. פֿונעם שניט אין זײַן אָדערדיקן האַלדז פֿאַלן גאָלדענע פֿישעלעך. מײַנע ריפּן זענען באַצױגן מיט זײַנע. הױט איז איבעריק.

ביסטו אױך געװאָרן איבעריק, צי האָסטו דערפֿילט מײַן ראַנגלעניש און, װי אַ בליק װאָס איז אָנגעבלױט פֿון קלוגשאַפֿט, זיך אַראָפּגעלאָזן אין שניי?

דיבאָם האָט זיך געשטעלט דאָס פֿערד. זײַן רײַטער האָט דערזען — אַ בלאָ שעפּעלע בלאָנקעט אין דער אייביקייט:

— מע — מע... מאַ — מע...

און אַ וואָלף, אין שניי אַ געשליפֿענער, אַ בלאַנקער, פֿירפּיסיקער מעסער, שנײַדט די געגנט.

מיט ברענענדיקע הערנער, צוויי אויסגעקרימטע וואַקסענע ליכט, אונטער אַ געלן שטראַליקן אָרעאָל, טראָגט זיך אַן אָקס מיט אַ הייזעריקן רעווען פֿונעם פֿלאַמענדיקן שטאַל אַרויס, ווי אין זײַן האַלדז וואָלט געבליבן שטעקן אַ גילדענער חלף. דאָס צוגעקלעפּטע טרוקענע מיסט פֿון זײַן הינטערטייל רייכערט זיך אין פֿיאָלעטע קנוילן און זײַנע פֿאָדערשטע פֿיס, אַרויף ביז דער געמבע, פֿלאַקערן בײַם סאַמע פֿלייש ווי אונטערגעצונדן ווילדגראָז.

דער פֿאַלנדיקער ערשטער שניי, גלײַך עמעץ וואָלט פֿאַריאָגט פֿון הימלשלאַק אַ ריזיקע טשאָטע פּערל־ווײַסע יונגיטשקע טויבן, פֿאַרטריבן זיי אויף דער זינדיקער ערד אין מיטן זייער וואַרעמען שלאָף — דער שניי קאָן דעם פֿײַער ניט אײַנלעשן. ווען די פֿונקען, די רויטע פֿליִענדיקע נאָדלען, וועקן אויף מיט אַ דינעם שטאָך די פֿאַלנדיקע טויבן — דויערט ניט קיין „אוי" — און די טויבן ווערן פֿאַרשלונגען פֿונעם זשעדנעם פֿײַער. און מיטן כּוח פֿון די פֿאַרשלונגענע שנייטויבן בושעוועט נאָך ווילדער, מיט מער הנאה, דאָס פֿײַער אויף זײַן קרבן, שמידט אים אין קופּערנע ריפּן, זיצט אויף זײַן רוקן ווי אַ נאַקעטער סאַטיר און שמײַסט דעם אָקס מיט שײַטערדיקע בײַטשן.

צו זײַנע אויערן דערטראָגט זיך אַ ממוו, אַ גרויליק בענקענדיקער ממוו, אַ דונער מיט אָפּגעהאַקטע פֿליגל.

ער קען ניט ענטפֿערן. ס׳מויל איז אָפֿן, נאָר ניט אַנדערש — ער האָט פֿאַרלוירן די צונג.

זײַן אימפּעט יאָגט אים ווײַטער, ס׳פֿײַער הייבט פֿון דער ערד, פֿון די שקיעהדיק פֿינצטערע זומפּן וואָס ציִען זיך ביז צו אַן אָזערע.

ערשט דעמאָלט, ווען ער שטורעמט אַרײַן ביז די קני אין אָזערע, און מיט די פֿאַרטאָפּלטע עליפּסענע אויגן, ווי צוגויפֿגעשמאָלצן גלאָז פֿון אַ סך קאָלירן, דערזעט ער אין וואַסער נאָך אַן אָקס, אַ קאַפּויערדיקן, מיט די ברענענדיקע הערנער אַראָפּ, אין הימל אַרײַן — נעמט זיך קנייטשן אויף זײַן פּנים אַ מענטשלעכער שמייכל.

עס פּלאַצן זײַנע קופּערנע ריפּן.
דער שנײי שיט און שיט.

און דער אָקס, דרייט אויס דעם קאָפּ אויף לינקס, אין דער ריכטונג צו זײַן היימישן דערפל, וואָס פון אים איז בלויז פאַרבליבן אַ פינצטערער קוימען, ווי אַ טויטע האַנט, און ער טוט זיך קיין ריר ניט.

אַ ווײַלע פּלעמלען נאָך די הערנער, ווי ליכט צוקאָפּנס פון אַ טויטן, און לעשן זיך צוזאַמען מיטן טאָג.

די זון, אין גרינע פּלעקן, אַ הענגענדיקער זומפּ, האָט זעט אויס, באַשלאָסן קיין מאָל ניט אונטערגיין.
פֿאַרפֿרוירן אין מיטן גאַנג זענען די טריט פֿון בלישטשענדיקן פֿרילינג. זײַן אָטעם אין וואַלדס טיפֿעניש — אַ נאַסער שפּיגל.
בײַם ראַנד פֿון וואַלד — צוויי גייער.
יאָאַכים, דער שמיד פֿון זאָסלע, — פֿאָרויס. אַרום פּעלצל אַ שטריק, אויף זײַן פּלייצע די שטעך פֿון אַ געלער לאַטע, וואָס דאָ אין וואַלד איז זי פֿאַרשוווּנדן. און אויפֿן אַקסל טראָגט ער אַ האַק. די האַק — אַ בלאַנקער סקעלעט פֿון אַ וואָלף, מיטן קאָפּ דעם פּלאַטשיקן אַהינטער. אַ וואָלף אַזאַ, וואָס האָט אַליין זיך צעריסן...
דער צווייטער גייער בין איך. אַ זעג, אַ באַצײַנערטער פּאַנצער, באַשיצט מײַנע ריפּן, יאָאַכים האָט דאָס אַזוי מיך אויסגעלערנט אָנצוטאָן די זעג. „ס'איז האַנטיקער און מע לאַכט פֿון קוילן".

גלײַך יעגער בײַם אויסשמעקן אַ חיה, לויערן מיר ביידע אויף אונדזער קרבן, דער קרבן באַדאַרף זײַן אַ בוים. אַזאַ בוים, וואָס מע רופֿט „סוכאָסטאָי", וואָס זײַן קאָרע צעפּאַלט ווי גלידער פֿון אַ מצורע, די שטאָלענע וואָרצלען האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אָדערן אַש, און דאָס נאַקעטע צעשפּאָלטענע לײַב איז העל־בלאָ ווי ברענענדיקער ספּירט —
מיר לויערן אויף אַ טרוקענעם בוים, זײַן האָלץ זאָל פֿלאַקערן מיט דער ערשטער שוועבעלע.
דער פֿאַרבלאָנדזשעטער אָקס אין וואַלד, מיט וועמעס בלוט ס'האָט יאָאַכים געלאָשן זײַן האַק — פֿרירט שוין אייניקע מעת־לעת בײַ אונדזער ערדשטיבל און ניטאָ קיין לײַטיש האָלץ פֿאַר אַ באַטעמטן מאָלצײַט.

דער טויטער אָקס ליגט אין שניי, אויף אַ זײַט, און זײַן קאַרשיקע פֿעל איז האַלב אָפּגעשונדן, פֿון האַלדז ביזן דיקן בויך — ניט ווײַטער. ס'קומט אויס: ער ליגט אין אַ ווײַס בעט אונטער אַ זײַדענער קאָלדרע.
— העי!

— וואָס איז געשען, יאָאַכים?
— שאַ. אַנטקעגן אַ "סוכאָסטאָי"...
— דײַן פֿאַנטאַזיע!
— ניין, ברודערקע, אַזאַ בוים דערקענט מען בײַ נאַכט. אַרום אים, זעסט, — אַ גאָלדענער שלייער.
מיר קומען־צו נענטער און יאָאַכים האָט געטראָפֿן: אַ דיקער, אַלטער, קנאָכיק־צעפּוילטער דעמב, אָן לײַב און אָן לעבן.
— ער וועט קלעקן אָפּצובראָטן אַ סטאַדע אָקסן, טרוקן ווי פּעך, — זעצט יאָאַכים די האַק אין בוים אַרײַן.
איך באַטראַכט דעם קרבן נאָך אַ מאָל און די זעג פֿליט אַרונטער פֿון גוף מיט צוויי שטאָלענע פֿליגל.
— יאָאַכים, דער בוים איז אײַנגעהילט אין רויך, עס טרערן מיר די אויגן.
— אַ טומאַן איז בײַ אים רויך! וועסנעצײַט וואַנדערן די טומאַנען ווי מענטשן, און זייערע מידע פֿיס רוען אָפּ אויף דיביימער. די זעג, לאָמיר פֿידלען!
און די זעג בײַסט אײַן די ציינער אינעם דעמב און דער שניי אונטן ווערט באַזיפּט מיט פּורפּורנעם זעגמעל.
— יאָאַכים, אַ טומאַן זאָל זײַן ביטער? אַ האַרץ — נו, יע, אָבער ניט קיין טומאַן...
יאָאַכיםווישט מיטן אַרבל די אויגן און די זעג בלײַבט שטיין אין בוים ווי אַ שיף צווישן קריִעס.
מיר טרעטן אָפּ עטלעכע שפּאַנען פֿון דעמב און וואַשן אויס מיט שניי די פֿאַרביטערטע אויגן.
— יאָאַכים, וואָס זאָגסטו אַצינד? וועסנעצײַט וואַנדערן די טומאַנען ווי מענטשן...
דער שמיד פֿון זאַסלע האַלט זיך בײַם זײַניקן:
— ביטערע טומאַנען. לאָמיר זעגן ווײַטער!
מיר זעגן, זעגן און דאָ, ניט צו גלייבן, פֿון טויטן בוים — אַ לעבעדיקער ניגון.

און אַ ייִד אַנטפּלעקט זיך אונטער הענגענדיקער קאָרע, אין אַ טלית, און ער שמייכלט מיט דער זעלבער גאָליקער גרינקייט ווי די זון וואָס וויל ניט אונטערגיין:

— אין אָט דעם בוים לעבן מיר שוין אַ צוואַנציק חדשים. יע, מײַנע ייִדן, מײַן ווײַב און איך. אונטן, אין אַ פֿוקסנהייל באַקט זי בולבעס און איך, אויבן, זאָג תּהילים. אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס איך בין ניט אײַנגעשלאָפֿן, אַ נס, אַ נס. וואָלט איך ניט געזאָגט תּהילים וואָלט איך דאָך אײַנגעשלאָפֿן און די זעג אײַערע וואָלט מיך דעמאָלט צעשניטן.

אַ מאַן מיט אַ שווערן זאַק אויף דער פּלייצע דערנענטערט זיך צו אַ פינצטערער שטאָט אין אַ גאַסרעגן. אַ בליץ — דאָס בלוט פון אַ צעשפּאָלטענעם שפּיגל — צינדט אָן דעם רעגנס פּלייצנדיקע זײַלן.

צווישן זיי — דער מאַן מיטן שווערן זאַק.

אַ שוואַרצע האַלבע לבֿנה, באַזיימט מיט גליִענדיקע ראַנדן, אַזוי זעט ער אויס.

ניין, אַזאַ רעגן־טעם האָט זײַן צונג נאָך קיין מאָל ניט געפּילט. ניט קיין רעגן — אַ הימלישער כּישוף־מאַכער האָט צעשמאָלצן די צײַט! נעכטן, הײַנט, מאָרגן — ניטאָ. ניטאָ. דער פרילינג פון אָדם הראשון און דער ווינטער פון אָדם האַחרון זענען צעשמאָלצן אין אַ ריזיקן קעסל וואָס איז אויסגעשמידט פון וואָלקנס. דער קעסל האָט געפּלאַצט. און די צעגאַנגענע צײַט מבולט אַכזריותדיק איבער דער ערד, און באַלד־באַלד וועט זי פאַרשלינגען דעם גייער מיט זײַן שווערן זאַק אויף דער פּלייצע.

ער קאָן ניט לייקענען: די פיס ג י י ע ן, עס גייען די פיס און עס גייט דער רעגן. אַ סימן, ברודערקע, אַז אָרט איז נאָך אַלץ אויפן אָרט, אַז אַ שפּליטער פון דער צײַט־נשמה איז ערגעץ פאַרבליבן. ניט סתּם ערגעץ — נאָר טאַקע אין זײַן ברוסט. קלאַפּ־קלאַפּ — די צײַט אַרבעט. צײַט און אָרט האָבן זיך, קענטיק, ליב. דער שׂכל דער נאַרישער קאָן זיי ניט צעשיידן...

אַ גראָע צעכוואַליעטע וואַנט, ווי אין דער וואַנט וואָלטן זיך געטרונקען וועלף, שווימט אַרויס הינטער די זײַלן פון רעגן.

— דער מאַנאַסטיר פונעם הייליקן פּאַווועל.

דאָ, אין מאַנאַסטיר, אין געוועלבטן רויט־ציגלדיקן קאַמער פון דער שוועסטער אורשוליאַ, טרעפן זיך וואַלדמענטשן. אַ מאָל אַנטרינט אַהער אַ פאַרמישפּטער, מיט קוילן אין לײַב, וואָס אין מיטן פּלי האָבן זיי חרטה געהאַט... אַ מאָל — אַ טיפוס־קראַנקער, אין אַ צעפליקטן סאָלדאַטסקן שינעל ווי אַ צעשאָסענע פאָנע, וואָס בלויז דער אָדלער אויף זײַן איינציקן קנאָפּ טראָגט אים נאָך אויף זײַנע זוניקע פליגל. דאָ, אין מאַנאַסטיר, האָט אים אורשוליאַ געראַטעוועט. שפּעטער איז

זי געוואָרן די פֿאַרבינדלערין מיטן וואַלד און ער, דער מאַן מיטן זאַק, פֿלעגט קומען אַהער נאָך ידיעות.

ער געדענקט, אַז לינקס, בײַם צעשויבערטן וועלדל, איז דאָ אַ קאַנאַווע אונטער דער וואַנט, וואָס איז פֿול מיט ברײַענדיקע קראָפּעווע. דורך דאַנען באַקומט מען זיך אַרײַן אין הויף.

אַצינד וואָלט ער גרייַלעך וועלן, אַז קראָפּעווע זאָל אים ברײַען און ברענען די פֿיס, די הענט, דעם זכּרון — אַבי אים זאָל וויי טאָן. זענען דווקא אירע גלאָזיקע נעדעלעך באַהאַלטן פֿון רעגן... אוי, ברודערקע, ווי עס בענקט זיך אַ מאָל נאָך ווייטיק. נאָך אמתן, געשמאַקן ווייטיק! דאָס קאָן בלויז פֿאַרשטיין אַ געליימטער, וואָס די נעגל פֿון זײַנע פֿינגער זענען איבערגעצויגן איבערן גאַנצן לײַב.

דאָס זיבעטע פֿענצטערל. זעקס. זיבן. און אָנקלאַפּן צו דער שוועסטער אורשוליאַ דאַרף מען זיבן מאָל.

פּאַוואָליע עפֿנט זיך אַ בלײַענע טיר.

אַ געלע, דערשראָקענע ליכט, מיט אַ וואַקסענעם פֿײַערל — בינען זענען אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים פֿון זייער זשומענדיקן וואַקס, — בלאָנדזשעט הינטערווײַלעכץ אין פֿינגער דינע, איידעלע פֿון אַ גליקלעך־דערשראָקענער פֿרוי און מאָלט־אויס אויף די רויטע קוואַדראַטענע ציגל פֿון קאָרידאָר אַ געדרייטן, וואַסערדיקן שטעג.

די יונגע פֿרוי, זײַן רעטערין, אין אַ נעפּלדיק־צעפֿאַלדעוועט באַכטהעמד, שוועבנדיק אַהינטער, מיט די אויגן צום גאַסט, זעט אויס אין קאָרידאָר ווי אַ רוסאַלקע אין פערל, וואָס טונקט זיך, שווימט און מאַניעט אים פֿון טונקל־ברענענדיקע כוואַליעס. און ער, מיטן זאַק אויף דער פּלייצע — אַ פֿישער מיט אַ נעץ...

ער לאָזט איבער דעם זאַק אין אַ נישע פֿון קאָרידאָר און די שמאָלע טיר פֿון אורשוליאַס קאַמער, אַ צודעק פֿון אַ דעמבענער טרונע, ווערט פֿאַרהאַקט הינטערביידן.

— קאָליאַ, וואָס איז געשען, זעסט דאָך אויס ווי דײַן זיידע?

קאָליאַ, אָדער קאָפּל, ווי מ׳האָט אים גערופֿן אין שטוב, ציט זיך אויס אויפֿן דיל, אין אַ ווינקל, מיט די האָריקע הענט איבערן קאָפּ — ער, דער קאָפּ, זאָל ניט אַנטלויפֿן.

— גערעכט, אורשוליאַ, איך זע אויס ווי מײַן זיידע, ווײַל די

אייביקע יונגשאַפֿט איז אַרײַן אין דיר.
זי ברענגט אַ האַנטעך, אַ פּעקל בגדים.
— טו זיך איבער. די קליידער זענען דײַנע. האָסט זיי דאָ איבער־געלאָזן מיט אַ יאָר צוריק.
— אורשוליאַ, וויפֿל איז דער זייגער?
— צוויי.
— אַ דאַנק, ניט כּדאַי בײַטן די קליידער. אין אַ שעה אַרום וועל איך ציִען ווײַטער. זעסטו, אַ גלעזל מילך...

ווען אורשוליאַ קומט מיטן גלעזל מילך, שלאָפֿט שוין קאָפּל אַ געשמידטער אין זיסע קייטן.
זי פֿאַרלייגט זײַנע אָפּהענגטיקע הענט אַרום איר נאַקעטן האַלדז און ברענגט אים, עלעהיי אַ האַלב דערטרונקענעם, צו דעם אינדזל פֿון איר בעט.
אירע ליפּן, שפּיציק־וואַרעמע, שפּרינגען איבער זײַן בייניקן פּנים, ווי פֿייגעלעך וואָס קאָנען נאָך ניט פֿליִען — איבער דערנער.
ס׳נאַכטהעמד נעפּלט פֿון איר אַוועק. איר זוניק לײַב טריקנט אויס פֿון זײַן געביין דעם רעגן.
— קאָליאַ, כ׳האָב דיך פֿריִער געזען אין חלום. ביסטו איינער צי צוויי? ניין, ביסט איינער, בלויז דעמאָלט ווען דו ביסט ניטאָ ביסטו צוויי.
ס׳פֿײַער פֿון ליכט — אַ קאַרליק מיט אַ ברענענדיקן הויקער — פֿאַרזינקט אַליין מער אין זײַן וואַקסענעם קבֿר.
— בלויז דעמאָלט ווען דו ביסט ניטאָ ביסטו צוויי...

דער רעגן טוט אַ זעץ אין שויב מיט זײַנע בלײַענע פֿויסטן.
אַ זעץ אין קאָפּלען.
זײַנע ווײַעס פּלאַצן.
ווער טוליעט אים? ווער זייגט דעם סם פֿון זײַנע גלידער? אוי, ער קאָן נאָך פֿאַרשפּעטיקן!
ער באַפֿרײַט זיך, קאָפּל, פֿון איר זוניקן צויבער, שפּרינגט אַרויס פֿון בעט, קומט צו לויפֿן מיטן זאַק, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין קאָרידאָר, און געשווינד גיט ער אים אַ לייג אויפֿן גלעגער.
אורשוליאַ פֿאַלט צו זײַנע פֿיס מיט אַ געוויין:

— מײַן זאַק מיט זינד, מײַן זאַק מיט זינד!
— אורשוליאַ, ניט דײַנע די זינד, קאָנסט זיך איבערצײַגן.

אַ יונגע אַנטבלױזטע פֿרױ אין אַלט־גראָען פֿאַררײכערטן גאָלד פֿון דער קאָפּטשענדיקער ליכט, אױפֿן הינטערגרונט פֿון רױטע ציגל, בינדט פֿונאַנדער אין בעט, זיך שטיקנדיק פֿון טרערן, דעם ערדענעם צעאַקערטן זאַק און פּלוצעם דערלאַנגט ער זי פֿון זיך אַ שלײַדער װי אַן עלעקטרישער שטראָם —— און אַ מתים־ריח גיט אַ שלאָג אין קאַמער:

אַ טױטער ייִנגל — אַ צעבראָכענע סקולפּטור פֿון בלאָען, דורכזױקן מאַרמאָר, די האָר — אַ לאָרבערקראַנץ פֿאַרפּלאָכטן אַרום דעם שטערן, און די אונטערשטע ליפּ, אַ ליגנדיקער פּרעגצײיכן, קוקט אַן פֿון זאַק אַרױס מיט קבֿרדיקע בליקן די צװײ געשטאַלטן.

— קאַליאַ, װער איז דער ייִנגל, װער איז דער טױטער מלאך?

ער ציט אַריבער דעם זאַק איבער דער צעבראָכענער סקולפּטור און דערצײלט:

— װער איז דער טױטער מלאך? ס'איז יוליק, מײַן צען־יאָריקער פֿרײַנד. אױף אַ דעמב, אין אַ שנײיקער נעסט, האָב איך דערזען לעבן דער אָזערע נאַראָטש אַ פֿאַרשנײטן ייִנגל. זײַנע װוּנדן האָבן געלױכטן דורכן שנײ, װי דאָ אין קאַמער דאָס געבליץ דורכן שײַבל. אַרום דעמב האָט זיך געדרײט אַ װאָלף מיט אַ צעגרײזשעטן שאָטן. קױם כ'האָב זיך צו אים דערגענטערט, איז דער װאָלף, מיטן שאָטן אין די צײן, פֿאַרשװוּנדן.

איך האָב אַראָפּגענומען דעם ייִנגל פֿון דעמב. ער האָט אױסגעזען װי אַ פֿאַרפֿרױרענע סאָװע. און שטעל זיך פֿאָר, אורשוליאַ, מיר האָבן זיך דערקענט: אָט די, װאָס איז אַרומגעשװוּמען אין מײַן לײַב װי אַ נאָדל, איז געװען זײַן שװעסטער. און װײסטו װער ס'האָט אים אין שטאָט, אײדער ער איז געקומען אין װאַלד, געראַטעװעט? ניט צו גלײבן — אַ היצל! װען אַ האָרדע צװײפֿיסיקע פֿײַערן האָבן זיך געיאָגט נאָך מײַן יונגן פֿרײַנד, האָט אַ היצל פֿאַרװאָרפֿן איבער זײַן האַלדז אַ פּעטליע און אים באַהאַלטן צװישן געקאַפּטע הינט אין װאָגן. זינט איך האָב געפֿונען דעם ייִנגל אױפֿן דעמב, איז ער געװאָרן מײַן שװאַרצאַפּל.

צוריק אַ חודש, װען די ערשטע פֿיאַלעטע בוטשאַנען האָבן אַ צי

געטאָן אַ וועסנעדיקן שמייכל איבערן וואַלד, האָט דער שונא אַרײַנגעגנומען אונדזערע מענטשן אין אַ פּאַדקעווע. ס׳האָט אויסגעזען, אַז מיר האָבן בלויז איין וועג: זיך פּאַראײניקן מיט די וואַלדמענטשן פֿון קאָמאַנדיר טשאַרנאָהוז אויף דער אַנדער זײַט נאַראָטש.

ס׳איז געווען אַ פּאַספּאַרנע לבֿנה־נאַכט.

אין אַ לאַנגער שורה, ווי מוראַשקעס, ציִען מיר איבערן אײַז פֿון דער אָזערע. יוליקן טראָג איך אויפֿן אַקסל. אַ לעבעדיקע תּפֿילה. אויפֿן דעמב האָט ער אָפּגעפֿרוירן ביידע פּיסלעך. באַבסקע רפֿואות האָבן ווינציק געהאָלפֿן. זײַן אָטעם און מײַנער — איין אָטעם. ניין, מיר האָבן זיך ביידע געביטן מיט די אָטעמס.

אין מיטן אָזערע, אויס בערגלעך שניי, האָט פּלוצעם זיך אַ הייב געטאָן דער שונא. די נאַכט, אַ פּיאַלעטער פּאַזשאַר, האָט אָנגעצונדן אין אײַז אונדזערע פּנימער. איך האָב אויסגעוואָשן מיט בלוט מײַנע אויגן, די שווערדיקייט פֿון שניי און פֿײַער זאָל ניט ווערן טעמפּ, און מיט דער לעבעדיקער תּפֿילה אויפֿן אַקסל, און מיט פּיס וואָס זענען געוואָרן חיות, לויף איך צווישן קוילן אַלץ נענטער, נענטער צו די יאָדלעס אויפֿן אַנדערן ברעג. און דאָ — ערשט אַ וואָלף, אַ גרינער פֿונקען־שפּריצנדיקער וואָלף, מיט זײַן שאָטן אין די ציין, יאָגט, יאָגט זיך נאָך אונדז ביידן, און שוין דערלאַנגט ער אַ שפּרונג אויף דעם ייִנגל, דעם פֿאַרקלאַמערטן אַרום מײַן האַלדז. נאָר אין יענעם אויגנבליק, ס׳קלינגט ווי אַ מעשׂהלע פֿון תּנך, ווען דער וואָלף איז געהאַנגען אין דער לופֿטן, האָט דעם שונאס קויל אַדורכגעהאַקט זײַן שאַרבן.

אין אייניקע טעג נאָך דער שלאַכט, זי איז געבליבן פֿאַרקריצט אין דער אײַזיקער מגילה, איז יוליק פֿאַרשוווּנדן. ווי אַזוי? ער איז דאָך קוים געשטאַנען אויף די פּיסלעך? אויף דעם קאָן איך ניט ענטפֿערן. האָב אים לאַנג־לאַנג אַרומגעזוכט און ענדלעך אים געפֿונען לעבן טויטן וואָלף.

יוליק האָט באַווײנט זײַן רעטער. כ׳האָב ניט געקאָנט אים אָוועקנעמען פֿונעם טויטן וואָלף.

— ס׳איז ניט קיין וואָלף — האָט ער געטענהט, — אַ הונט, אַ הונט!

אין שטערן האָט באַשיצט ביידן, ווען דער היצל האָט זיך דער־באַרעמט איבערן ייִנגל און אים באַהאַלטן אין וואָגן. שפּעטער, באַנאַנד מיטן באַפֿרײַטן הונט, איז ער געקומען אין וואַלד.

ביי נאַכט, ווען יוליק איז געשלאָפן אויף דער אָזערע, צוגעטוליעט צו דער אײַזיקער פּעל, האָב איך צוגענומען פון אים די באַשעפעניש און ערגעץ באַגראָבן. נאָר דער יינגל האָט ניט אויפגעהערט כליפּען:

— איך וויל צו אים. וואָס איז אַריין אין דער לבנה...

פון דעמאָלט האָט ער ניט געגעסן. בלויז איז געשלונגען. און אַליין געוואָרן איז. אַ פאַרפרוירענער ניגון.

זאָג אַליין: זאָל איך מקבר זיין יוליקן אין אַ המס? איבערלאָזן אין זשאַווערדיקן הפקר זיין געביין? אַ חודש האָב איך געטראָגן מיין טויט ברודערל אויף דער פּלייצע. איך וויל אים באַערדיקן אין שטאָט פון זיין געבוירן. אורשוליאַ, וויפל איז דער זייגער?

— דריי.

— ניט פאַרשפּעטיקט. ביז באַגינען וועל איך אַלץ באַווייזן.

— קאָליאַ, אין שטאָט איז פול מיליטער. אויף דער גרינער בריק הענגען חברים.

— רעגן איז אַ גוטער פאַנצער. די הימלישע חילות וועלן פאַריאָגן די ערדישע. אַ רידל, אַ קליינער רידל איז דאָ פאַראַן?

אורשוליאַ טוט זיך אָן אין קאָפּלס קליידער, וואָס ער האָט איבער־געלאָזן מיט אַ יאָר צוריק אין מאָנאַסטיר. זי קומט מיט אַ רידל און שטעלט זיך לעבן בעט.

— קאָליאַ, דער פאַנצער וועט באַשיצןביידן!

קאָפּל נעמט דעם זאַק אויף דער פּלייצע. ווידער זעט ער אויס אין זיין געבויגנקייט: אַ שוואַרצע האַלבע לבנה באַזיימט מיט גליִענדיקע ראַנדן. אורשוליאַ ריגלט אויף די טיר. און איידער זיי קנוילן זיך אַרויס פון קאַמער, נעמט זי מיט דעם ליילעך פון בעט אונטערן מאַנטל.

און די ליכט — אַ קאַרליק מיט אַ ברענענדיקן הויקער — באַגלייט מיט איר לעצטער וואַקסענער טרער די לוויה אין רעגן.

ער געדענקט שוין אַליין ניט ווער ס'האָט אים פּאָרטרויט די געהיימעניש. קאָן זײַן אַ חלום.

אַ חלום־קאַרליק, אויף קוועקזילבערנע פּיסלעך, האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין זײַן נשמה, דורך אַ פֿענצטערל אַזאַ, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן אינעווייניק צושליסן און אים דערציילט דעם סוד.

ס'קאָן אויך זײַן, אַזוי מיינט ער, אַז דער זקן, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ אוהל אויפֿן בית־עולם און געוואַרט ביזקל זײַן לאַנגע פּורפּורנע באָרד, ווי אַ צווײַג ראַבינעס, וועט אַרײַנוואַקסן אין דער ערד און אים צוואָרצלען צו די טויטע — האָט עס אים דערציילט מיט זײַנע שטאַמלענדיקע ליפּן.

און אפֿשר — ער קאָן ניט שווערן אַז ניט — האָט דעם סוד אים אויסגעקלאַגט אויף מאַמע־לשון אַ קוקאַווקע.

ער געדענקט ניט ווער, נאָר עמעץ האָט אים אין יענער צײַט אַרײַנגעשושקעט, אַז דאָרטן־און־דאָרטן, אויף טאַטערשע גאַס אין אַ ברונעם, איז באַהאַלטן אַ קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ, וואָס איז פֿול מיט די טײַערסטע דימענטן — איינציקע אין דער וועלט.

דער פֿײַערדיקער עק פֿון מלחמה האָט זיך נאָך געצויגן דורך דער טויטער שטאָט, ווי אַ ריזיקע, פּרעהיסטאָרישע באַשעפֿעניש.

די שוואַרצע פּלעצער פֿון אָפּגעברענטע טויערן האָבן באַלאַגערט ליימיקע וואָלקנס, גלײַך די וואָלקנס וואָלטן אַראָפּגענידערט אָפּצוביען די שטאָט...

אין איינער אַ נאַכט האָט דער מענטש, אָנגעטאָן אין פּאַפּירענע בגדים, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אויפֿגעניייט פֿון שמות פֿון הייליקע ספֿרים, זיך געלאָזן פֿון בית־עולם צו טאַטערשע גאַס אויפֿצוזוכן דעם ברונעם.

ווײַל כאָטש ער איז געווען עלנט ווי אַ פֿינגער, האָט די מעשׂה מיטן קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ דערוואַרעמט זײַן געביין.

לאַנג זוכן דעם ברונעם האָט ער ניט באַדאַרפֿט. די לבֿנה האָט מיט בליציקן שימל אַרומגעלעקט זײַנע ווענטלעך און דערבײַ איז געלעגן דער ברונעמשטאַנג, ווי אַ תּליה וואָס קניט פֿאַרן געהאַנגענעם.

און דער מענטש האָט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק און גאָרנישט ניט

געזען, ווײַל זײַן פּנים איז באַפֿלעקט געוואָרן פֿון שפּינוועבס בײַם בייגן זיך איבערן מויל פֿון ברונעם.

האָט ער צעריסן אויפֿן פּנים די בלינדע שפּינוועב־נעץ און אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברונעם אַ שטיין אויסצומעסטן, ווערליק דער צײַט פֿון זײַן פֿאַלן, די טיפֿעניש.

דער שטיין האָט אים געענטפֿערט.

און דעמאָלט האָט ער פֿון בוזעם אויסגעפּלאָנטערט אַ שטריק, זי פֿאַרקניפּט אַרום אַ האָק און ווי אַ קוימען־קערער אין אַ קוימען זיך אַרונטערגעלאָזט אין ברונעם.

לעבלעך איז געווען דאָס וואַסער ווי דאָס האַרץ פֿון אַן אָקאָרשט געשטאָרבענעם.

און ערשט דעמאָלט ווען די לבֿנה, ווי אַ פּערלנע טורקלטויב, האָט אַרויסגעפֿליגלט מיט אַ זיפּץ פֿון ברונעם, האָט דער מענטש אויסגעפֿונען אונטערן וואַסער דאָס קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ, אין בוזעם עס באַהאַלטן, און זײַנע ביינער האָבן געזונגען בײַם אַרויפֿציִען זיך אויבן. דער מאָרגן־שטערן איז געהאַנגען איבער דער געגנט ווי אַ טראָפּן בלוט.

און דער מענטש איז געלאָפֿן איבער טליִענדיקע האָלאָוועשקעס, ביז וואַנען ער איז דערלאָפֿן צום אַלטן בית־עולם.

ערשט דאָרטן, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און מיט אויגן ווי ווילדע מאָנבלומען, האָט ער איןביידע הענט אַרײַנגענומען דעם אוצר און עס געהאַלטן אַנטקעגן.

און ער האָט דערזען אַ — שאַרבן.

אַ שאַרבן ווי אַלטער פּאַרמעט, מיט שטויבנדיקע צוויי לעכער און מיט אַ קלוגן, לעבעדיקן שמייכל, האָט אים אָנגעקוקט אין דער מפּולת און — ניט אויסגערעדט קיין וואָרט...

— שאַרבן, ווי איז דײַן נאָמען?

און אַז די ציין די פֿאַרביסענע פֿונעם שאַרבן האָבן אויף דעם ניט געענטפֿערט, האָט דער מענטש מער ניט אויסגעהאַלטן און אים אַ שלײַדער געטאָן אָן דר׳ערד ווי משה די לוחות.

נאָר באַלד איז אים געקומען אויפֿן רעיון, אַז דער שאַרבן איז ענלעך צו זײַן טאַטן.

האָט ער באַדעקט מיט קושן דעם לעבעדיקן שמייכל און זײַנע

פֿײַערדיקע טרערן האָבן זיך איבערגעגאָסן אין דעם שאַרבנס לעכער. בײַם קושן אים האָט ער דערפֿילט אַ היימישקייט. אַ וואַרעמער ניגון האָט זיך צעשפּילט אין זײַנע אָדערן.

אָבער פּלוצעם האָט אים אַ ווילסטער כּוח אַ זעץ געטאָן אַהינטער:

— ניין, ס'איז ניט דער טאַטע, יענער האָט אַזוי ניט אויסגעזען.

און ער האָט נאָך אַ מאָל אין ביידע הענט אַרײַנגענומען דעם שאַרבן און ווי אַ הונט אַ צעשלאָגענער דערלאַנגט אַ וואָיע:

—ווי — איז — דײַן — נאָ — מען ?

און דעמאָלט האָט דער מענטש דערהערט זײַן אייגענעם נאָמען. און ער האָט דערפֿילט, אַז דער קאָפּ, וואָס ער טראָגט שוין אַזוי פֿיל יאָרן אויף די אַקסלען, איז ניט זײַנער.

האָט ער אויף זײַן קאָפּ אַרויפֿגעטאָן דעם שאַרבן, און צוהאַלטנדיק אים אַזוי מיט ביידע הענט, אין די פּאַפּירענע בגדים, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אויפֿגענייט פֿון שמות פֿון הייליקע ספֿרים — האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער טויטער שטאָט צו באַגעגענען די גאולה.

אַז באָמקע, נאָך אַ יאָר פּינצטערניש, האָט אין דער באַפֿרײַטער שטאָט זיך אַרויסגעהויבן פֿון די קאַנאַלן, האָט ער דערמאָנט אָן אַ בירגער פֿון פּאָמפּיי, וואָס די לאַווע האָט אים באַגאָסן מיט צעשמאָלצענע דימענטן.

זײַנע דינע, דורכזעעוודיקע פּיס, לעבעדיקע טיילן פֿון אַ טויטער שפּין, זענען שטיין געבליבן אין אַ שמאָל געסל — אַ שוואַרצער אָרון.

די זון איז אים באַפֿאַלן ווי אַ היישעריק.

מויערן פֿון ביידע זײַטן געסל — שפּילצײַג פֿון דער קינדהייט.

ראָז און ראָז אין אַ וועלט פֿון ראָזקייט.

ס'האָט אים ווער אַ צי געטאָן בײַם אַקסל. אַ דריי דעם קאָפּ — אַ מײַזעלע.

—אַך, דאָס ביסטו, פֿאַרבענקט זיך נאָך באָמקען? ווײַזט אויס, ניט פֿאַראַן קיינער, וואָס זאָל דיר זינגען אין קאַנאַל אַ זמרל? נו, מיר וועלן בלײַבן גוטע פֿרײַנד אויך דאָ. זע נאָר ווי ראָז די מויערן! פֿון וואַנען אַזאַ ראָזקייט?.. און באָמקע צערטלט זי, די גראָ־ינקע, אויף זײַן אַקסל. דערמאָנט זיך, אַז אַ מאָל פֿלעגט ער אַזוי האָלובען זײַן בלימעלען.

בײַם קלאַנג ב ל י מ ע ל ע פֿאַרשווינדט די ראָזקייט. די מויערן — ניט קיין שפּילצײַג נאָר ליימענע סקעלעטן. איבער זיי שוועבט אַ וואָלקנדל — אַ מלאך מיט פֿאַרסאַזשעטע פֿליגל.

— באָמקע — צופּט אים דאָס מײַזעלע — און וואָס ווײַטער?

זײַן זכרון — אַ שטעג צווישן זאַנגען. די זאַנגען שנײַדט מען, און מיטן אויסשנײַדן — ניטאָ דער שטעג.

— באָמקע, ביסט אַ מײַזעלע ווי איך, ניט פֿאַר דײַנטוועגן די באַפֿרײַטע שטאָט. ווו איז די נקמה?

דער מלאך מיט די פֿאַרסאַזשעטע פֿליגל טראָגט אַוועק דאָס געסל — דעם שוואַרצן אָרון.

אַנטקעגן, ווי די קאָרעטע פֿון אַ טײַך אָן אויסגעטריקנטן, מיטן זאַמדיקן זילבער פֿון טויטע פֿיש, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אים אַ מגושמדיק ברייטע גאַס אָן אַ לעבעדיק הויז בײַ די קאַנטן, און איבער איר מאַרשירן די נײַע סאָלדאַטן מיט אַן אָרקעסטער, וואָס דערלאַנגט אַזאַ מעשענע מוזיק, ווי דונערן וואָלטן טאַנצן אויף אַ חתונה.

ווען דער אָרקעסטער אין איינעם מיט די סאָלדאַטן ווערט נעלם, בלײַבן נאָך זײַנע קלאַנגען — שטויבזײַלן פֿון צעהאַקטן שטיינקויל. באָרוועסע ייִנגלעך, מיט קורצע, פֿאַררויכערטע ביקסלעך אין האַנט, פֿירן צווישן די זײַלן אַ געבונדענעם פּאַרשוין.

— ווער איז דער בר־מזל? — שטעלט באַמקע אָפּ אַ דערבײַזיקן.

— אַ פֿויגל מיט קעשענעס. דער פֿריִערדיקער תּלין פֿון שטאָט. מע פֿירט אים הענגען.

— אַזוי, דער תּלין, מײַן תּלין?

און באַמקע נעמט יאָגן איבערן ברוק און יאָגט אָן דעם "פֿויגל מיט קעשענעס".

נאָר איינער וואָס פֿירט דעם געבונדענעם, אַ ייִנגל אין אַ באַראַשקענער פּאַפּאַכע, מיט אַ פּנים אין גרינע זומער־שפּרינקלעך, ווי די זון וואָלט אים באַלויכטן דורך אַ נעץ, שטעלט אָן זײַן ביקסל אַנטקעגן באַמקען.

— בירגער, וווהין?

— זען דעם תּלין.

— דאָ — ניט. אין בערנאַרדינער גאָרטן.

דער זכּרון, אַ מאָלער, מישט אין באַמקען זײַנע פֿאַרבן. ער מישט זיי אויף דער פּאַליטרע ווי נשמות. און מיט אַ לאַנגן בליץ טונקט ער אין זיי און מאָלט, מאָלט:

...אַ מאַרצאָווע נאַכט. בײַם פֿויער אין דער כאַלופּע, וווּ ער מיט בלימעלען באַהאַלטן זיך, שלאָגט אַרויס אַ פּאַזשאַר. קעץ יאָמערן אין משוגענער זיסקייט. מיטן קינד אין בוזעם ווי אַ קענגור, שפּרינגט באַמקע פֿונעם בוידעם אין אַ בערגל שניי. זייערע קוועקזילבערנע שאָטנס ווילן אַניאָגן אַ צווייטע וועלט. די צווייטע וועלט איז אויפֿן אַנדער ברעג טײַך. נאָר הײַנטיקע נאַכט איז באַלעבאָס דער טײַוול. דער אײַזדעק פֿונעם היימישן טײַך — פּלאַצט. פּלאַצט פֿון געלעכטער. ווי אָקסן בײַם דערשמעקן בלוט רעווען זײַנע קריִעס; און איבער זיי — באַמקע און בלימעלע. די טריט געמאָסטן און געוווגן ווי אוצרות. אַ קריִעלע צעווײנט זיך מיט אַ קינדיש געוויין. נאָר טײַוול צו דאַנקען! — אַריבער, אַריבער!

זייער שאָטן אויפֿן ברעג — ווער האָט אָפּגעטאָן אַ כּישוף מיט זייער

שאָטן? אַ שאָטן מיט פּיאַווקענע אויגן, אַ שאָטן מיט אַ לעמפּל!

...אַרום אַ קאַרשנבוים ווי אַ ליוסטרע — צוויי תּליות. דער, וואָס מע פֿירט אים איצט אַ געבונדענעם, הענגט צו ערשט בלימעלען. ווי אַ פֿרילינג־בלימעלע צאַפּלט זי אין דער יום־טובֿדיקער בלאָקייט. און איבער איר — שוואַלבן. צוויטשערדיקע שוואַלבן.
ווען ער הענגט באָמקען — רײַסט זיך אָפּ די שטריק, און אַ גאָלמעסער פֿאַלט אַרויס פֿון זײַן קעשענע.
— ווי אַזוי האָסטו באַהאַלטן דעם גאָלמעסער? — פֿרעגט דער תּלין.
— ס'איז מײַן געהיימעניש.
— באַנוצן קאָנסטו אים?
— יע...
— בלײַבסט לעבן. איך באַדאַרף אַ גאָלער.
און אָט זייפּט ער אים די מאָרדע, דעם תּלין, און פֿירט מיטן גאָלמעסער. ווען עס קומט צום גאָנערדיקן האַלדז, טוט זײַן האַנט אַ ציטער.
— דיר גלוסט זיך איבערשנײַדן, האַ?
— איך לייקן ניט.
— איז וואָס? מורא, האָסט מורא?
— ניין, אַזאַ נקמה איז קיין נקמה ניט, ס'איז אַ צו קליינע.
און ווײַטער, ווײַטער גאָלט ער דעם תּלין, ביז איין מאָל, ווען יענער הוליעט אויף אַ באַל, גערעט באָמקען צו אַנטרינען אין „געהיים־שטאָט".

אין בערנאַרדינער גאָרטן, צווישן אַקאַציעס, קווענקלט זיך באָמקע. בײַ אַ קליאָן, מיט אַ שטריק אויף די צווײַגן — דער פֿאַרמישפּטער תּלין.
— באָמקע — פֿרעגט אים דאָס מײַזעלע — וואָס האָסטו דעמאָלט געמיינט: "אַזאַ נקמה איז קיין נקמה ניט, ס'איז אַ צו קליינע"?
— כ'האָב געמיינט... איך האָב דעמאָלט געמיינט...
צום טײַוול! ער קאָן ניט ענטפֿערן.
נאָר באַלד — אַ מאָדנער אײַנפֿאַל, אַ געדאַנק ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן:
ער וועט צולויפֿן צום ייִנגל אין דער באַראַשקענער פּאַפּאַכע, דערציילן אים זײַן שײַכות מיטן תּלין, און זאָל ער אים אַצינד דערלויבן, מיטן

זעלביקן גאָלמעסער, נאָך אַ מאָל דעם תּלין אַרומגאָלן. און לאָמיר הערן איצטער דעם זיגערישן קול:

— דיר גלוסט זיך איבערשנײַדן, האַ?

נאָר ווען באָמקע האָט איבערגעלעבט די נקמה אין געדאַנק, האָט זיך צעלאַכט דאָס מײַזעלע.

און באַלד איז ער אַוועק פֿון בערנאַרדינער גאָרטן, אַוועק צום הויז ווו בלימעלע איז געבוירן, און א י י ן שטאַרקן קוש געטאָן זײַן צעפּאַלענעם רויטן ליים.

אַזאַ וועט שוין בלײַבן די נאַכט: אַן אַלטע, אַ פֿאַרזעסענע ביז אין גראָען צאַפּ אַרײַן.

די לבֿנה, וואָס האָט אַלע אירע נאָענטע איבערגעלאָזן אויף דער ערד און קיינעם זעט ניט, זאָגט ווידוי אויף איר מירמלנעם טויטנבעט פֿאַר דער איינציקער באַשעפֿעניש אין שטאָט, דעם קבֿרן ליימע, וואָס קאָרטשעט זיך אונטן, אויף רודניצקער גאַס, אין אַ קופּע זיפּצנדיקע בלעטער.

ליימע, וואָס זינט ער געדענקט זײַן פּנים, איז ער אַ קבֿרן, ער, וואָס האָט פֿאַרזייט מיט מענטשנקינדער אַ האַלבן בית־עלמין, וועט שוין מער קיינעם ניט מקבֿר זײַן.

קינדער, זקנים, אַלע דאָ געבוירטיקע, אַלע זענען אַרײַן אין מלכות פֿון די שטערן. צו ערשט — געוואָרן פֿלאַמענדיקע שײַטן. ביינערנע ווינטן, אין צעפֿליקטע העמדער מיט מגן־דודס, האָבן צעטראָגן און צעהאַנגען איבערן שאַרבן פֿון דער וועלט זייערע פֿונקען אין אַ בלוטיקער קרוין.

פֿאַרשעמט זײַן בית־עלמין.

פֿאַרשעמט די מצבֿות.

דעריבער זינקען זיי מיט געבויגענע קעפּ, עלעהיי באַליידיקטע מחותּנים, ווען די כּלה איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אונטער דער חופּה.

פֿאַרשעמט איז ליימע.

— רידל, ווי ביסטו, מע דאַרף מקבֿר זײַן די לבֿנה...

אַצינד זעט ער די לבֿנה מיט זײַן גלעזערן אויג. אויף דעם אַנדערן הענגט אַ שלאָס. דער זילבערנער שליסל איז ניט מער אויף דער־וועלט.

אַ מאָל, אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, האָט אים אַ ווילדע בין אויסגעשטאָכן דאָס לינקע אויג.

די מעשׂה מיט דער ווילדער בין איז פֿאַרשריבן אין אַ פּינקס:

אין אַ שיינעם זומערטאָג, ווען ליימע האָט אַראָפּגעלאָזן אַ מת אין קבֿר, איז מיטגעפֿלויגן אין גרוב דעם בר־מינגס נשמה פֿאַרשטעלט אין אַ ווילדער בין. באַדאַרפֿט אײַנרוימען אַ סוד איידער מע געזעגנט זיך אויף אייביק.

ליימע, אַ פּראָסטער חי־וקים, האָט ניט באַנומען די שפּילערײַ פֿון גײַסטער. אים איז ניט געפֿעלן דער גאַנצער קונקל־מונקל, און ער האָט אַ זעץ געטאָן די בין מיט זײַן ליימיקער לאַפּעטע.

די בין האָט אַרויסגעלאָזן אַ קינדעריש געוויין. איר געשליפֿן, זוניק פּנימל האָט באַקומען דעם אָנבליק פֿונעם טויטן. אײן מינוטקעלע שפּעטער האָט מען דערהערט אַ קוויטש. ליימע האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן לינקן אויג, ווו די ווילדע בין איז אַרײַן ווי אין אַ בינשטאָק; און דאָס אויג איז באַלד אויסגערונען אין אַ רויטן זשיפּענדיקן וואַקס אונטער דעם קברנס האַריקער לאַפּע.

שטאָט איז דעמאָלט געגאַנגען אויף רעדלעך. זײַן קברנשאַפֿט איז געשטאַנען אין קאָן. מ׳האָט אים ניט צוגעלאָזן צו אַ חשובֿערן מת. נאָר ליימע האָט ניט נאָכגעגעבן און די ״רעדלעך״ זענען געוואָרן שטיל. אַ דאָקטאָר מיטן נאָמען צירולניק האָט אים אַרײַנגעשטעלט אַ גלעזערן אויג, אַזוי בלאָ און כּמעט אַזוי גרויס ווי אַ הינערשער פּופּיק. און צוזאַמען מיט די גרודעס ערד אויף דעם זאַרעטשער בית־עלמין האָט ליימע באַגראָבן די מעשׂה וועגן דער בין.

ווינטן, ווי קעץ בײַם פֿאַרן זיך, מיאַוקען אים צוקאָפּנס.
ניטאָ קיין גואל. די מתים זענען ווײַט. זאָל אים איינער צוטראָגן אַ קענדל וואַסער...
— עי, רידל, ווו ביסטו, מע דאַרף מקבר זײַן די לבֿנה!
נאָר זײַן רידל, זײַן בית־עלמינדיקע ווײַב, קאָן ער ניט אָנטאַפּן.
שאַ. אָט וואַנדערט זײַן רידל איבער אים. וואַנדערט אַליין צווישן העגנעגנדיקע פֿונקען. זי גראָבט, זײַן רידל, דעם קלינגענדיקן אין־סוף.
ליימע ציט אויס אַ לאַנגע האַנט צו דער לבֿנה. לייגט צו אַ שטערן צו אירע נאָזלעכער.
דאָס זילבערנע פֿעדערל גיט זיך ניט קיין צאַפּל...

דעמאָלט — איך האָב אַליין געזען — איז די ווילדע בין אַרויס־געפֿלויגן פֿון זײַן גלעזערן אויג און אַרײַנגעשטאָכן אין מײַן האַרץ איר לעצטן פֿײַערדיקן האָניק.

1954־1953

די קאַרש פֿון דערמאָנונג



תחית המתים

איך האָב געזוכט דעם שופר של משיח
אין פּלעקן גראָז, אין אָפּגעברענטע שטעט,
צום אויפוועקן חברים. האָט גערעדט
מײַן בייניקע נשמה:
זע, אָט גלי איך
אין דיר אַלײן,
וואָס זוכסטו מיך אין דרויסן?

האָב איך אין גרויסן
אײַנגעשמידטן צאָרן
אַרויסגעריסן פונעם לײַב מײַן גײַסט,
ווי אַ שאַרפן האָרן,
פון אַ לעבעדיקער חיה
און אָנגעהויבן בלאָזן:
תקיעה,
שברים.
ווערט לעבעדיק, די וועלט איז איצט אַ פרײַע.
לאָזט איבער אײַער ניט־זײַן אין די קבֿרים
און שפּרינגט אַרויס מיט בענטשונג.
זעט, ווי ריין
עס וויגן זיך פון וועגן אײַך די שטערן!

איז אָפּגעשווומען ווי אַ טײַך
די ערד מיט גראָז און שטיין
און מענטשנגרייד האָב איך געטאָן דערהערן:
— מיר ווילן ניט, אַוועק, דײַן ערד איז טמא!
— פון שטראָף צו זײַן געבוירן האָט מען איין מאָל אונדז באַפרײַט!
— מיר דאַרפן ניט דײַן צײַט,
דײַן בלינדע, לאָמע
און ניט די שטערן,

אונדזער אומליכט שימערט מער ווי זיי!

— די וואָר דאָס זענען מ י ר,

דו טרוים פֿאַרשאָלטענער, פֿאַרגיי!

פֿאַרשפּילט און אויסגעשפּילט איז דײַן מלחמה.

בלויז איינער, מיט אַ שטים אַ ניט־געהערטער

ווי דאָס בלײַען פֿון אַ וואַלד, מיך האָט

פֿאַרבענקט גערופֿן: לייז מיך אויס, באַשערטער — — —

— ווער ביסטו, איך זאָל האָרכן דײַן געבאָט?

און גראָזנשפּראַך האָט מיר געענטפֿערט: גאָט,

איך האָב אַ מאָל געלעבט אין דײַנע ווערטער.

מאָסקווע, 1945

פֿאַרן נירנבערגער טריבונאַל

מע זאָגט: איך מאָן געֿרעכטשאַפֿט פֿאַר מיליאָנען.
אַז אייביק וועט פֿאַרבלײַבן אָט די שעה, —
נאָר די מיליאָנען זענען דאָך נ י ט אָ, —
איז וואָס פֿאַר אַ גערעכטשאַפֿט קען איך מאָנען?

איך דאַרף גאָר זײַן אַ טויזנטפֿאַכער שײַלאָק
אויף אויסשנײַדן די רישעות פֿון דער ערד.
— מײַן פֿאָלק! דו וועסט נאָך שמידן אַזאַ שווערד,
אויב גאָט איז שוואַך צום אויפֿמאָנען דעם חלק! —

נירנבערג, 27סטן פֿעברואַר 1946, נאָך מײַן עדות זאָגן
פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל.

דרײַ נעגערס

דרײַ נעגערס מיט נאַכט אַנשטאָט הויט און מיט פֿרײלעכע ציין,
דרײַ זודיקע נעגערס נאָך אָקערשט אַרויס פֿון אָקאָפּע, —
צעהענגען די פֿאָן פֿון נצחון בײַם שמוציקן ריין
און שפּרײַזן מיט הענט אין די קעשענעס איבער אייראָפּע.

איך זאָג צו זיי: שלום עליכם! ווי איך וואָלט אַוווּ
די דרײַ שוין באַגעגנט. זיי שטעלן זיך אָפּ און באַטראַכטן.
און איינער דערקענט אָן מײַן אומרו, אַז איך בין אַ ד ז ש ו,
עס גיבן אַ בליץ זײַנע ווײַסלען מיט אָפּגלאַנץ פֿון שלאַכטן.

דערציילט ער אויף לשון פֿון קופּערנעם גאַנג, ווי ער האָט
קיין בעלזען געאײַלט אויף אַ טאַנק פֿון אַ ווײַטן מהלך
און גריכישע ייִדן געראַטעוועט הינטערן דראָט,
און איינע אַ פֿרוי האָט געקושט אים: שוואַרצהויטיקער מלאך.

דער צווייטער — אַ שאָטן בײַם אָניאָג פֿון ליכט, נעמט זיך אויך
דערמאָנען אַ רגע: ווען ער האָט דעם טויער צעשמעטערט —
געגאַנגען איז נאָך פֿונעם קוימען אַ פּיצעלע רויך,
ווי ס'וואָלט דאָרט אַ קינד מיט אַ ליאַלקע אין הימל געקלעטערט.

דער דריטער — מע זעט ווי עס ריזלט זײַן בלוט אונטער הויט —
מיט ליפּן פֿאַרביסענע דזשאַמדזשעט אַ לידל בעת־מעשׂה.
ער קוקט אויף די מענטשן אין גאַס — עלעהיי אויפֿן טויט:
— „אַ שאָד, מײַנע פֿרײַנד, וואָס די טרערן בײַ אונדז זענען ווײַסע!"

נירנבערג, מאַרץ 1946

די וועלפּיכע

אין די נאַראַטשער וועלדער די אײַזיקע,
לעבט אַ וועלפּיכע, לעבט זיך אַליין.
אונטער פּעל, שוין צעריסענע, גרײַזיקע,
ווי אַ בליצן־געוועב, איר געביין.

אין גערעאַנגל אַ מאָל האָט די וועלפּיכע
אָנגעווירן איר וואָלפיש געזינד.
זי פאַרמאָגט ניט קיין העלפּער, קיין העלפּיכע,
אַ שוואַרצאַפּל — צעשאָסן און בלינד.

איז געשען: אין אַ נאַכט אַ טײַוולאָנישער
פּונעם יאָר נײַנצן פּערציק און צוויי, —
בײַ איר נאָרע, אין שײַן אין לבֿנהשער
ליגט אַ מענטשעלע, דרעמלט אין שניי.

ס'איז דאָס מענטשעלע באָרוועס, קוים לעבעדיק
דאָ אַנטרונען בײַם זוכן אַ שוץ.
און עס חלומט, אין צויבערלאַנד שוועבנדיק,
פֿון אַן ערגעץ פֿאַראַנענעם גוטס.

ברענגט די וועלפּיכע צאַרט אים אין הייל אַרײַן,
ווײַל זי הערט דעם פֿאַרפֿרוירענעם רוף.
און זי ווערט אים אַ מאַמע, אַ היילערין,
מיטן אָטעם דערוואַרעמט זײַן גוף.

אויפֿן לשון פֿון גליקלעכער וואָיענײש
ריידן חיה און מענטש זיך צוזאַם.
און די וועלפּיכע טאַנצט פֿאַר הנאהגײש
עלעהיי — ער איז איינער פֿון שטאַם.

און אַלץ מער ווערט פֿאַרוועלפֿלט דאָס מענטשעלע,
ווײַל באַפֿרײַט פֿון דער מענטשלעכער שפּאָט.
אין אַ האָריקן, וואַרעמען פֿרענטשעלע
טוט עס תּפֿילה צום וואָלפֿישן גאָט.

נאָר דער שטאָלענער האַר דער פֿאַרשאָלטענער
ער געדענקט אָן זײַן קרבן, ווי דען?
און ער אײַלט דורך די וואַלדיקע קאָלטענער
נאָך די צייכנס אין שניי, אים צו זען.

ווערט די וועלפֿיכע גרין פֿאַר באַליידיקונג,
און באַפֿאַנצערט איר שכן אין הייל.
ביז אַ קויל האַקט אַדורך איר פֿאַרטיידיקונג,
אַקוראַט ווי איך שרײַב און דערצייל.

1946

ייִדישע גאַס

בּיסט ניט פֿאַרגאַנגען. דײַן פּוסטקייט איז פֿול.
פֿול מיטן פֿאָלק ווי מײַן אויג מיט דער מאַמען.
ערגעץ נאָך פֿלאַטערט אַ שיימע, אַ שול,
ס׳האָבן אויף זיי ניט קיין שליטה די פֿלאַמען.
איך וואָלט געשווירן: אומערדיש דײַן גבֿול,
טיף אין געוועזן און וועט־זײַן — דײַנע שטאַמען.
אָט איז די באָרד אויפֿן בלוילעכן ש״ס,
אָט איז דאָס הייליקע קרעמל מיט קוואַס.
ייִדישע גאַס.

דו בּיסט דער ניגון, וואָס דורות צוריק
האָבן אַרויסגעשפּילט מײַנסטער כּלי־זמרים.
ס׳האָט זיך פֿאַרשטעלט אין אַ גאַס די מוזיק,
בלויז פֿאַרן אָרעמען דאַכט זיך: בּיסט אָרעם.
ווען ס׳איז אָבער געשאָנקען דאָס גליק
זאַמלט דײַן פּראַכט מיט אַן אָפּענעם אָרעם.
אָט איז די פֿאָנע פֿון בלוטרעגן נאַס,
אָט איז די לערערין מירע אין קלאַס.
ייִדישע גאַס.

אויב נאָר דײַן שטערן־פּרוכת איז וואָר —
איז אויך דײַן וואָר ניט קיין חלום קיין בלינדער.
אָט איז דער נבֿיא מיט שטיינערנע האָר,
מאָלט די נבֿואה פֿאַר נאַקעטע קינדער.
קען דען די וואָג פֿון אַ פֿינף הונדערט יאָר
ווינציקער וועגן פֿון פּיצל אַצינדער?
ווער זאָגט פֿאַרשוווּנדן? אַ ליגן, אַ שפּאַס,
ערגעץ נאָך בּומקעט דער באַסער אין באַס.
ייִדישע גאַס.

לעבט ניט דער ניגון, ווען טיף אויף זײַן גרונט
שטראַלט דאָס געביין פֿון געפֿאַלענעם שפּילער?
שטיינערנע צערטלעניש וויקלט מיך רונד, —
מיך, דײַן פֿאַרוואָגלטן, מיך, דײַן דערפֿילער.
ייִדישע גאַס, לאָמיר שליסן אַ בונד!
לאָז מיך דערהערן דײַן אייביקייט, שטילער:
אָט ביסטו ווידער אַזוינס און אַזאַס,
העכער פֿון האַס און פֿון צײַט דער מרשעת —
ייִדישע גאַס!

פּאַריז, דעצעמבער 1946

דענקמאָל

א

זינט דו ביסט פֿאַרגאַנגען, איז מײַן וואָרט אַ ליקוי־חמה.
האָסטו זיך שוין אײַנגעלעבט אין טויט, מײַן גוטע מאַמע?

כ׳ווייס ניט ווו דײַן קבֿר. גאָר די ערדקויל איז דײַן קבֿר.
אונטער מײַנע פֿיס — די כוואַליעס פֿון דײַן יעדער אבֿר.

זומערבליצן אַקערן אַדורך צו דיר אַ שטעגל,
צו די אויגבלעכער איז אַ רעגן עולה רגל.

נאָר אַן איובֿ קלאָגט פֿון די נשמה־גרונטן סאַמע:
האָסטו זיך שוין אײַנגעלעבט אין טויט, מײַן גוטע מאַמע?

ב

קיינער האָט ניט אָפּגעטיילט מײַן שנירלדיקן נאָפּל.
אָפּגעבערענט אַ לעבן — לעב איך צווייגעשטאַלטיק, טאָפּל.

ווען אַ שטילקייט ליידיקט אויס דעם שאַרבן אין פֿאַרנאַכטן —
ריזלט, קומט אין מיר דײַן מילך — דער ניגון פֿון דײַן טראַכטן.

און מײַן קינד, געזאַלבט אין אומקום־רגעס מיט דײַן נאָמען,
בלײַבט דערשראָקן ווען אין מיר די תּפֿילות דײַנע שטראָמען.

אָבער אויך פֿאַרזיגלט אונטער ערדן שוואַרצע, דיקע,
וועט מײַן שאָטן פֿון דײַן שאָטן ציִען די יניקה.

פּאַריז, 1947

ביסט געקומען אַ נאַקעטער

ביסט געקומען אַ נאַקעטער,
אין גאַנצן אין פֿײַער.

דײַנע בגדים —
פֿון מאַמישע פֿינגער גענאָדלט,
ווי שפּילנדיק פּיאַנאָ אויף סאַמעט און זײַדנס —
פֿאַרסמאַליעטע זענען געפֿאַלן אין שאָטן.
די נאָדלען, די נאָדלען —
זיי האָסטו פֿאַרהיט.

ביסט געקומען אַ נאַקעטער.
ס'איז דײַן אַליינקייט
כּולל די גאַנצקייט פֿון כּמה וכמה.
אין איין אויג — אַ וואָלף,
אינעם צווייטן — דײַן מאַמע.
וועסט זיי שויןביידן
ניט קאָנען צעשיידן.

ווער קאָן באַקליידן
דײַן גוואַלדיקע הוילקייט?
אַפֿילו ווען ס'וואָלט דיך באַגעגנט ישעיה —
ער וואָלט מיט אַראָפּגעלאָזט בלײַענע וויִעס
און ליפּן פֿאַרשעמטע
געבראַכט זײַן נבֿיאות.
טאָ מאָן ניט קיין טרייסטונג
בײַם אייגענעם ברודער.

צווישן אײַך ביידן ליגט אַ וואַרשעווער אויפשטאַנד,
ווי אַן אייביקער פלאַמען־סמבטיון,
וואָס שלײַדערט
מיט ייִדישן גורל
אַפילו אום שבת.

ווי קאָנען די מענטשן פון דאַנען דיר גלייבן,
אַז דו האָסט אין וואַרשע
פאַרטיידיקט דעם קאַסטעל?
אַז דו האָסט אין טויטן־מדינה געפּורעמט
די לעבעדיק־היימישע
יונגע מדינה?

נאָר גלייבן דיר וועט דער וואָלקאַנישער האַרצקלאַפּ
פון לאַנד,
יענער האַרצקלאַפּ, וואָס דו האָסט דערהערט
ווען דײַן האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן אַ ווײַלע.
און אַז צונייגן וועסטו דײַן אויער צו דעם,
אַזוי ווי אַ זעגל צום סוד פון די אינדן —
וועט אויפגיין אַ קול,
ווי דאָס קול פון אַ פּסוק אַ טײַטש־חומש־לינדן:
— ביסט מײַנער,
געבענטשט זאָלסטו זײַן מיט דײַן קומען.
ס'איז מײַנע שאָף — דײַנע,
ס'איז מײַן גאָרטן — דײַן גאָרטן,
מיט אַזאַ מין אַכזריות ווי דו האָסט געשאָסן פון ביקס,
מיט דער זעלביקער צערטלעכקייט פלאַנץ דאָ דײַן ווײַנגאָרטן.

תל־אביב, 1948

פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט

פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט מיט מתמיד און מיט מאַניש,
מיט כּלה־ייִדיש אויסגעפּוצט אין פֿאָלקסלידער באַהאַרצטע.
אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען אַימהדיק־האַרמאַניש,
באַגלייט פֿון שפּילנדיקע פֿידלען — קינדערלעך די צאַרטסטע.

נאָר ווען דאָס לעצטע פֿאָלקסליד האָט געצאַפּלט אויף אַ תּליה,
און מיט אַ גרינעם איילבערטבלאַט קיין טויב איז ניט געקומען;
ווען טויט־לבֿנה האָט פֿאַרבײַטן שוין געוואָלט די שקיעה —
אַ ריס געטאָן האָט זיך פֿון מויל דעם אויסגעקרימטן, שטומען,

אַ גאָלדענע נשמה, איז געפֿלויגן איבער ימען,
און אויפֿגעלעבט אָט דאָ, אין לאַנד פֿון חלום, יענע אַלע,
וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַשן מיט דער פֿאָן צוזאַמען,
און ווידער איז די ייִדנוועלט געוואָרן מיר נתגלה.

נבֿיאים גיבן זיך די הענט מיט שפּאַנענדיקע עולים,
ווי קאָנען זין פֿון אייביקייטן אײַנליגן דערנעבן?
עס נידערן פֿון הימל מתים... און ס'באַגלייט דעם עולם —
אַ וואָלקנזײַל פֿון אומקום און אַ פֿלאַמענזײַל פֿון לעבן.

1948

בײַם דענקמאָל אין יד־מרדכי

אַצינד ווען מיר שטעלן די טויטע אַ דענקמאָל,
די טויטע, וואָס האָבן בײַם פֿאַלן געשטעלט
אַ דענקמאָל פֿאַר אונדז, אַז מיר זאָלן געדענקען
דעם פֿעניקס, געבוירן אין אַש פֿון דער וועלט —
אָ, לאָמיר זיך אַלע פֿאַרקלײַבן אויף מילע,
מילע־גאַס אַכצן — איעדער געצעלט,
און לאָמיר באַזונדער און לאָמיר צוזאַמען
זיך פֿילן ווי אותיות אין יענער מגילה —
און לאָמיר זיך קאָרטשען אַ ווײַלע אין פֿלאַמען!

...מיר זענען דער דענקמאָל וואָס וועט ניט פֿאַרשווינדן,
ס'באַשיצט אונדז דאָס פֿײַער פֿון מילע־גאַס אַכצן.
די אייניקלעך־מאַמעס מיט אונדז וועלן צינדן
די בענטשליכט פֿון לעבן אין פֿרײַטיק צו נאַכטסן.

1951

שפּילצייג

דיינע שפּילצייג, מיין קינד, האַלט זיי טייער,
דיינע שפּילצייג נאָך קלענער ווי דו.
און ביי נאַכט, ווען ס׳גייט שלאָפן דאָס פייער,
מיט די שטערן פון בוים דעק זיי צו.

לאָז דעם גאָלדענעם פערדעלע נאַשן
די פאַרוואָלקנטע זיסקייט פון גראָז.
און דעם יינגל טו אָן די קאַמאַשן
ווען דער אָדלער פון ים גיט אַ בלאָז.

און דיין ליאַלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט.
ווייל ס׳האָט קיינער פון זיי ניט קיין מאַמע,
און זיי וויינען צו גאָט ביי דער וואַנט.

האָב זיי ליב, דיינע קליינע בת־מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — ווינט און ווינד —:
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

אויטאָפּאָרטרעט

די שטאָט —
ווי אַן אָזערע וואָלט זיך געשטעלט
אויף די הינטערשטע פּיס
און געבליבן אין אימה,
באַצויגן מיט אײַזיקע שופּן—
האָט אַ ציטער געטאָן מיט די גרײַז־פּיאָלעטענע קנייטשן
ווען כ׳האָב מיט די פֿינגער
צערונצלט איר גלאָזיקן פּנים.

עכאָ פֿון שאָטנס.
געקרייציקטע קלאַנגען.

און איך בין געגאַנגען.

זײַלן פֿון ליכט,
ווי צעבראָכענע זאַנגען.

און איך בין געגאַנגען.

וווהין?
צו געפֿינען אַ מענטשלעכן אָטעם,
אַ לעבעדיק וואָרט איבער ליימיקע ליפּן,
אַ פּנים צו קאָנען אים זאָגן: גוט מאָרגן!
צוזאַמען מיט דיר האָט די וועלט נאָך אַ קיום,
און ס׳קריכן ניט מער פֿון די אָרבל קיין שלאַנגען...

און איך בין געגאַנגען.

אַ מאָל האָט דער הונגער פֿאַרבלענדט מיך ווי לילית,
און כ׳האָב אויף אַ בוידעם אַ שוואַלב אויפֿגעגעסן.
אַצינד, זיך דערמאָנט, האָט די שוואַלב אויסגעצוויטשערט
פֿון מײַנע שוואַרצאַפּלען איר שוואַלבן־נקמה.
ניטאָ מער אין זיי מײַנע טרערן,
דער פֿויגל
האָט אויסגעפּיקט אַלע
אין דולן געצוויטשער.

אַ מאָל, ווען איך בין אין אַ קעלער געלעגן,
בײַנאַנד מיט אַ מת ווי אַ בויגן פּאַפּיר,
באַלויכטן מיט פּאָספּאָרנעם שניי פֿונעם באַלקן —
פֿאַרשריבן האָב איך מיט אַ שטיקעלע קויל
אַ ליד אויף פּאַפּירענעם לײַב פֿון מײַן שכן.
אַצינד איז אַפֿילו קיין טויטער ניטאָ מער, —
באַליידיקטע ווײַסקייט
מיט סאַזשע באַהאַנגען.

און איך בין געגאַנגען.

אַ לאַנג שוין געפֿאַלענער שניי איז געפֿאַלן.
און ס׳האָט זיך באַוויזן מיט פֿײַערלעך קליינע
מײַן היים,
ווי אַ טעמפּל
צעגריזשעט פֿון בליצן...
איך האָב זי דערקענט ווערליק חלום פֿון קינדהייט.

פֿאַרהאַקט ווי אַ שלאָס האָט זיך הינטער מײַן פּלייצע
אַן אָטעם.
און טשוועקעס
געשלאָגן אין לײַב האָט די אײַזערנע שטומקייט.

און בלאָנדזשענדיק איבער די שנייען אין טעמפּל
אַנטפּלעקט האָט זיך מיר אַ באַוואַקסענער מענטש,
געבויגן ווי איך,
צעפּאַטלט און קנאָכיק,
באַשײַנט פֿון אַן איבערגעפֿילטער לבֿנה.

— העי, וואַנדלער, ווער ביסטו?
און ס׳האָט דער באַוואַקסענער טעמפּ זיך צעוואָיעט:
— ווער ביסטו?

— דערקענסט מיך?
און יענער מיט זעלביקער שאלה:
— דערקענסט מיך?

— נשמה?
און ס׳האָט דער באַוואַקסענער צוגעטאַנצט נענטער:
— נשמה?

נאָר ווען כ׳האָב דערזען אויף זײַן פּנים די קאָרבן,
דערלאַנגט זיך אַהין מיט נצחון אַ לאָז, —
האָט עמעץ אַ סמאַליע געטאָן מיר אין שאַרבן,
און איך בין געפֿאַלן בײַם גרענעץ פֿון גלאָז.

1951

קאָמענטאַרן צו אַ פּנים אין שפּיגל

1

און ווען דו וועסט פֿאַרמאַלן דאָס בילד פֿון דער ייִדישער גאַס,
מיט פּענדזל געטונקט אין דײַן זוניקן, נײַעם פּאַלעטער, —
זײַ וויסן: די פֿאַרבן די איצטיקע וועלן זיך שיילן.
דאָס געוועזענע בילד מיט אַ האַק וועט באַפֿאַלן דיך שפּעטער,
פֿאַרוווּנדן אַזוי, אַז דאָס נײַע וועט קיין מאָל ניט היילן.

2

ביסט נײַגעריק געווען צום טויט,
באַליידיקט פֿונעם לעבן.
האָסט איינצײַטיק זיי ביידע ניט געהאַט.
געמיינט: דו וועסט בײַם טויט געפֿינען לעבן,
צו ווערן זאַט.

באַווײַז אַ צייכן, אַז דו האָסט געפֿונען
בײַם לויער אויפֿן טויט ס׳געהאַפּטע גליק.
נאָר האָסטו ניט געפֿונען —
קום צוריק.
אַנטוישט פֿון ביידע וועלטן — קום צוריק.

3

עס גייען אויס די פֿלעקן צײַט
ווי שטילע גליווערעם באַגינען.
אָ, נאָענטסטע מײַנע אָן פֿאַרבײַט,
אַוווּ זשע וועל איך אײַך געפֿינען?

אַ שווײַגן שטאַרק ווי משוגעת —
צעווישן אונדז די לאַנגע פּויזע.
כ׳לויף נאָך די פּנימער אין גאָס —
גילגולים־ליכט פֿון אײַער אויסזע.

4

פֿון גאַנעק דערווײַטערט —
איז וואָס דיר געבליבן?
— אַ נאָמען, וואָס לײַטערט
און אים זאָלסטו ליבן.
אַ נאָמען, וואָס לײַטערט
און אים זאָלסטו ליבן.

צעהאַקט ווי אַ דימענט
אַ שטאָט אַ פֿאַרמעגן.
דער שפּליטער פֿון דימענט
באַלײַכט דײַנע וועגן.
דער שפּליטער פֿון דימענט
באַלײַכט דײַנע וועגן.

אַזאַ וועט ניט ווערן
קיין עפֿר ואפֿר,
ווי לאַנג ס'וועלן טרערן
באַלעבן אַ ספֿר.
ווי לאַנג ס'וועלן טרערן
באַלעבן אַ ספֿר.

אין בליאַסק פֿון שוואַרצאַפּל —
אַ הייליקער גאָרטן.
און פּלוצעם — אַ צאַפּל:
אויס לענדער, ביסט ד אָ ר ט ן.
און פּלוצעם — אַ צאַפּל:
אויס לענדער, ביסט ד אָ ר ט ן.

5

מוזיק פֿון נאָך מוזיק —
צו דעם קאָן מען דיך גלײַכן.
דײַנע אויגן זענען זונען
אַוועקגעשווומען אויף טײַכן.

פיל־פנימדיקע שטומקייט
פלייצט פון דײַן יעדער מינע,
אַ געלער אָקסענער האָרן
איז געוואָרן דײַן טשופרינע.

6

כ׳האָב געהאַט אַ שכן. אויף אַ ביידעמל אַ טויבן,
צווישן רויטן זונגעוועבס און דרימלענדיקע טויבן,
האָט ער ס׳גאַנצע לעבן ברויט געזאַמלט און באַהאַנגען
מיטן ברויט זײַן בוידעם — פון אַ לײַדנשאַפט געפאַנגען.

קיינער האָט ניט מיטגעפּילט דעם טעם פון זײַן קמצנות,
אפשר בלויז די טײַבעלעך — באַפליגלטע מאַדאַנעס.
קיינער האָט ניט מיטגעלעבט, ניט זקן און ניט יונגער.
און באַשיצט מיט ברויט — געשטאָרבן איז דער מאַן פון הונגער.

הײַנט אין חלום האָט צו מיר דער קמצן וואָס געשטאַמלט, —
אויפגעוועקט געדאַנקען, אַז ווי ע ר האָב איך געזאַמלט
ס׳גאַנצע לעבן מײַנע ווערטער און מיט זיי באַהאַנגען
הוילע ווענט פון שטיבל, פון אַ לײַדנשאַפט געפאַנגען.

קיינער האָט ניט מיטגעפּילט אַ דיכטער אַ מתבודד,
ניט קיין טײַבעלעך־מאַדאַנעס האָבן צאַרט געסודעט.
קיינער האָט ניט מיטגעלעבט, ניט זקן און ניט יונגער
און באַשיצט מיט מײַנע ווערטער — גיי איך אויס פון הונגער.

7

בין מוחל יעדער לויב און טאַדל,
בין סײַ ווי ביזן ביין צעשונדן.
מײַן טרויער שטאַמט פון ריינסטן אַדל:
טורמעניקעס, וואַגאַבונדן.

8

קום, היישעריק דו בליציקער,
שווין אויסגעבענקט פֿון לאַנג,
באַפֿאַל, צעפּיק דעם פֿרעמדן מענטש —
די פֿלייש־געוועבטע זאַנג.
דעמאָלט וועט דער אַנדערער,
אויסגעטאָן פֿון טויט,
שלינגען די באַשאַפֿנקייט,
איר קוואַלנדיקן קערן.
און איך
וועל זײַן דאָס מינדסטע גראָז
פֿון אונטער אַלע שטערן.

9

די שטילקייט קוואַלט אין מיר ווי סם, —
און דו, מײַן קינד, וואָס ווייסטו?
פֿאַרבלענדט, ווי ס'גייט אַ מילב צום פֿלאַם,
צו מײַנע ליפּן גייסטו.
און ביידע, ביידע בלײַבן מיר
פֿון שרעק ניט־אויסגעלייזטע.

10

פֿאַראַן אַ ביין צעווישן אַלע ביינער,
וואָס אומבאַוואָרעמט בלײַבט ער איינער, איינער,
ווען אַלע פֿעלדזן פֿונעם לײַב צעשוועבן,
און ווען דער גײַסט נעמט בײַטן זײַן יסוד.
פֿון יענעם ביין — איך וועל נאָך בײַ מײַן לעבן
אויסהאַקן מיט האַמער און מיט דלאָט
מײַן פּנים־דענקמאָל, וואָס אים זעט ניט קיינער.

1949

ערבֿ מײַן פֿאַרברענונג

ניט פֿון מערבֿ קומט צו מיר דער זונפֿאַרגאַנג צו קוואַלן
אַלע אָוונט, — נאָר פֿון אײגן האַרץ, וואָס קײנער זעט ניט.
אַלע זונען, ביז־אים אָפּגעוועלטיקטע, זײ פֿלײצן
פֿונעם האַרצקוואַל, שלינגען און פֿאַרשלינגען גאַסן, מענטשן,
און איך בלײַב אַלײן אין וועלט־סוד, ווי אין אַ פֿאַרפֿלײצונג
ס׳בלײַבט אַ בוים שטאָק עלנט מיט משוגע־גרינע אויגן,
וואָס דערקענען ניט די צײַט, די אַלט באַקאַנטע לאַנדשאַפֿט.
וועגן־שטעגן, זאַנגענפֿעלד אַנטקעגן — ניט בנמצא.
בלויז אין דער קאַפּויערקײט פֿון אָפּשפּיגל אַנטפּלעקט זיך
אײגן פּנים...
גאָרנישט זע איך, אָוונטצײַט אין אָפּגלאַנץ
פֿון צעקוואַלטן זונפֿאַרגאַנג מײַן אײגענעם, באַשערטן.
גאָרנישט זע איך. בלויז אין דער קאַפּויערקײט, פּאַוואָליע,
רונצלט קדמונדיק מײַן פּנים, עלעהיי אין אורטרוים
וואָלט איך אים געזען שוין ווי אַ מאַסקע פֿון מײַן שפּעטער:

אָט — אַ בלאָער האַרבסט. געשפּונען פֿון די זעלבע שטאָפֿן,
וואָס פֿון זײ, מסתּמא, שפּינט און העקלט די באַשאַפֿונג
בלאָ געבליץ פֿון קינדעראויגן, — פֿול מיט צער און צאַרטקײט.
און די פֿײגל פּאַטשן הײַנט פּאַמעלעך מיט די פֿליגל,
אַז מע זעט ווי יעדער פֿויגל פּאַטשט מיט צווײ פּאָר פֿליגל.
פּוסט די גאַס. ווי זאַנגען וואָלטן וואַקסן פֿון די שטײנער
און אַ קאַסע וואָלט זײ נאָר־וואָס אָפּגעשניטן אַלע.
גלעקער קלינגען, און זײ לאָזן אין דער לופֿטן פּאַסטקעס
פֿאַר די שווימענדיקע פֿײגל מיט די צווײ פּאָר פֿליגל.
און — מע פֿירט אונדז בײדן צו פֿאַרברענונג, — אים, דעם זקן
מיט דער תּורה אויף די הענט, ווי אָקערשט פֿון באַרג סיני,
מיך, — אַלײן אַ פֿײַער אין אַ מענטשגעשטאַלט פֿאַרוואַנדלט,
צו פֿאַרוואַנדלען אויף דאָס נײַ מײַן מענטשגעשטאַלט אין פֿײַער.
גלעקער קלינגען. אויפֿן שפּיץ פֿון קלויסטער זיצט אַ טײַוול

און ער ציט די לייצעס בײַ די פֿערדישע צוויי גלעקער.
גלעקער קלינגען, קלינגען און זיי קלינגען אויס אַ שײַטער
לעבן אַלטער קלויז. מע צווינגט אונדז אויסצוטאָן זיך נאַקעט.
נאַקעט. נאַקעט. און אַנטקעגן אויף די ווילדע
עקלדיקע עפּלביימער זיצן מײַנע "שכנים",
בײַסן עפּל, יאָגן אָפּ די פֿליִענדיקע פֿונקען.

— "זיידע, שעפּטשען מײַנע ליפּן, דאָס איז די באַלוינונג
פֿאַר מײַן ניט דערלעבטן לעבן? האָט עס אַלץ אַ זינען?
זיידע, ענטפֿער!"... נאָר דער זקן מיט זײַן לייבן־גריווע
בלאָזט אַוועק די ספֿקות: — "וואָלטסטו וועלן זײַן ווי יענע
אויפֿן עפּלבוים אַנטקעגן, אָדער ווי די שלעגער?
זײַן אַ ייִד באַטײַט: זײַן שטענדיק גרייט אויף אַ נסיון,
אויף נסיון און אויף נס". די ווײַסע באָרד באַפּאַנצערט
דאָס געשאַנק פֿון סיני. און די פֿיס דעם זקנס גייען,
טרעטן אויף די הייסע קוילן, ווי אַ גאַנג אויף גראָז.
זומערפֿעדעם ווערן די באַגנעטן. און די היטער
שמעלצן זיך ווי וואַקס. די פֿלאַמען טאַנצן אָפּ ווי באַלעמס
פֿונעם זקנס בלענדנדיקן גוף. עס טוט ניט וויי אים
ס'בלינדע פֿלייש. געצונדן איז די ווײַסע באָרד, ניטאָ מער, —
ווי לבֿנה פֿון אַ וואָלקן זי באַווײַזט זיך ווידער.
מיט אַ פֿונק צוזאַמען יאָגט פֿון פּאַרמעט דער אָנכי, —
אָבער אינעם זקנס לײַב און לעבן איז צו זען אים.
ווײַל איך פֿאַנגען מײַן אָנכי, אַז ער זאָל באַצווינגען
אַלע פּײַנען, — פֿאַל איך אונטער אים אין סאַמע פֿלאַקער,
ווײַל באַשאַפֿן איז מײַן וואָרט אין אומבײַט פֿון די הײַנטן,
און אַ נאַריש פֿלעמל האָט אים אויסגעבערענט פֿון צונג מיר.
נעם איך מיט די ליפּן די צעביסענע פֿון ווייטיק
איבערזאָגן טראַף נאָך טראַף די פּסוקים פֿונעם זקן,
פּסוקים אַלט געבוירענע אין אייביקע אַמאָלן,

און מײַן לײַב װערט אָנגעטאָן אין זינגענדיקן פּאַנצער.
װאָס פֿאַר אַ באַטײַט שױן האָבן איצט די האַלאָװעשקעס?
מײַנע הענט, געצונדענע, זײ ציִען זיך צום זקן:
— ״זײַ געבענטשט פֿאַר דײַנע פּסוקים!״ נאָר ניט מעגלעך דאָ־אָ
אָנצוטאַפּן אים שױן. צו די שטערנדלעך די פֿרישע
שװעבט ער אין אַ פֿײַער־װאָגן, שװעבט װי אליהו,
און איך הײב זײַן שאָטן־מאַנטל װי אַ מאָל אלישע.

1949

דער זילבערנער שליסל

— יענע טריט, וואָס אויבן אויף די שטערן פֿונעם בוידעם,
זענען, מיינסטו, מענטשישע? דו זאָלסט אַזוי ניט מיינען.
דאָס זוכט אונדז פֿון די שטערן אַ ניט־ערדישע באַשעפֿעניש,
אונדז, די מענטשן־יאַגדעס אינעם בוידעמדיקן וואַלד.
גיב אַ צונד אַ שוועבעלע און וועסט זיך איבערצייַגן:
אַנטקעגן האָט זי אויפֿגעפֿרעסן שוין אַ גאַנצן שינדל...

מייַן בוידעם־שכן הייבט אָן צינדן שוועבעלעך.
אַ צונד —
און איטלעכע — ציש־ציש,
אַ געלער פֿלעק דערזעט דעם נעפּל,
און שוין פֿאַרלאָשן, מיטן העלצל ניט באַטאַפּט פֿון פֿייַער —
ניטאָ שוין אויפֿןביידעמל קיין זויערשטאָף,
קיין לעבן.

דאָס קינד אין פֿאָרעטינע־פֿאַנצער, וואָס האָט ביז אַצינד
באַלעבט מיט זייַן געוויין די געלע פֿינצטערניש,
האָט קענטיק
נאָכגעגעבן יענע לאַנגע פֿינגער אויף זייַן האַלדז,
פֿינגער, וואָס צו אַלעמען געהערן זיי, צו אַלעמען,
און מערער ווי צו אַלעמען, קאָן זייַן, צו גאָט אַליין.

דאָס קינדערשע געוויין פֿעלט אויס ניט ווינציקער ווי אָטעם.
די יונגע מאַמע צערטלט מיט אַ שטיקל גלאָז די אָדערן.
לבֿנה־קאַרליק, אייַנגעשמידט אין גלעזל,
שוין געקוילעט.

דער, וואָס האָט געצונדן מיט אַ ווייַלע פֿריִער שוועבעלעך,
וואָרקעט ווי אַ טויב:
— עס איז ניטאָ קיין טויט אין ד ר ו י ס ן,

אינעווייניק האָט ער זיך פֿאַרגנבֿעט, צווישן אונדז,
לאָמיר אים דאָ לאָזן אויפֿן בוידעם
און אַנטלויפֿן!

אַליין דער ערשטער לויפֿט ער צו אַ בוידעם־ווינקל,
עפֿנט
אַ דאַכלקע און אין צעדולטקייט פֿאַלט אַהינטערוויַלעכץ:
— ייִדן, ס׳ברענט!
באַהאַלט די האָר אין קעשענע, עס ברענט!!
באַהאַלט די הערצער, וויַל דער בוידעם ברענט!!!

אַ זיַל פֿון פּורפּל־סאַזשע גיט אַן אָטעם פֿונעם שפּעלטל,
באַפֿלעקט די בוידעם־פּנימער באַפֿעדערטע ווי סאָוועס
און לאָזט שוין ניט אַנטלויפֿן די באַהאַלטענע.
געענדיקט.

בלויז די שפּין די כיטרע, ווי אַ דימענט אַ פּילפּיסיקער,
האָפּסלט אויף דער זיַל פֿון סאַזשע
אומגעשטערט פֿון קיינעם,
שאָקלט מיטן קעפּעלע ״צום ווידערזען״ —
און ווערט ניט.

אַ ייִדל ציט אַרויס פֿון זיבן שמאַטקעלעך אַ הערינג
און חלפֿט זיך דעם האַלדז.
אַ צווייטער זינגט:
— לאָמיר אַלע, אַלע דאָ אין איינעם
דעם פֿיַערדיקן גאַסט מקבל פּנים זיַן.
אַ ייִנגל — צאַלקע — וויינט:
כ׳האָב נאָך אין מיַן לעבן ניט קיין קוש געטאָן אַ מיידל.

פּלוצעם וויקלט זיך אַרויס אַ מיידל פֿון די גופֿן,
צוויטיק ווי אַ קאַרשנבוים אין וועסנע,
און איר שטים —

גאָלדקלאַנג פֿון אַ פֿויגל בײַם באַגעגענען זײַן מאַמען:
— ייִדן, כ׳האָב אַזאַ מין שליסל
אַלעמען צו ראַטעווען — —

דולקייט ווי אַ שאָטן
טיילט זיך אָפּ פֿון די געהירן.
אויגן — זידנדיקער סם,
אין אויפֿגעבלויטער שטוינונג.
אַפֿילו ס׳טויטע קינד איז פֿול מיט נײַגער
בײַם דערפֿילן
די וווּנדערלעכע בשׂורה
פֿון דעם מיידלשן משיח.

און ווײַטער רעדט די ליכטגעשטאַלט:
— יאָ, יאָ, איך האָב אַ שליסל
אויסגעשמידט פֿון זילבער. ס׳האָט אַ ווײַס געקליידטער זקן
אָקערשט מיר געגעבן אים און אָנגעזאָגט אַזוי:
נעם צונויף די ייִדן אויפֿן בוידעם און אַנטלויפֿט
געשווינד־געשווינדער אויפֿן שלאָסבאַרג.
דאָרטן שטייט אַ פּאַלאַץ,
דורות־לאַנג צוריק געבויט פֿון געדימינען.
דער שליסל איז צו אים,
און קיינער, קיינער
וועט אײַך אינעם אײַנגעווייד פֿון פּאַלאַץ ניט געפֿינען.

עולם איז באַגײַסטערט:
— הייליק מיידל!
עולם קושט זיך.
צאַלקע ווי אַ פּיקסל
טוליעט זיך צו אירע קני:
— מײַן טײַערע, ווער ביסטו?
און ס׳ייִדל, וואָס האָט אָקערשט זיך "געקוילעט" מיט אַ הערינג,

בײַסט געשמאַק דעם הערינג, —
אויב אַ יום־טובֿ איז אַ יום־טובֿ.

נאָר דער, וואָס האָט די שוועבעלעך געצונדן,
גיט אַ פֿרעג
אין מיטן דער פֿאַרכּישופֿטקייט דאָס מײדל:
— קאָנסטו אַזוי גוט זײַן און דעם שליסל אונדז באַװײַזן?

ס'מײדל צאַפּלט:
— יאָ, פֿאַרשטײט זיך,
באַלד, אַ רגע, אָט — —
זוכט אים אין די קלײדער,
לעבן האַרצן,
אין די זאָקן.

— מאַמינקע,
ס'האָט אָקערשט מיר געגעבן אים דער זקן!

— װאָסער זקן?
װי זײַן נאָמען, װי זײַן אויסזען? מאָל אים!

— אַך, דער שליסל איז געבליבן
אין זײַן האַנט,
אין חלום — —

1949

אייביקע בגדים

א

פֿון זינט איך געדענק האָט געפֿינצטערט בײַ אונדז אין כאַלופּע
אַ הויקערדיק אַלטע מפּולת, אַ יענוועלטיק צימער.
אַזוי ווי ס׳וואָלט עמעץ פֿון וואָלקנס געשפּונען אַ חופּה
פֿאַר שאָטן־געשטאַלטן, געבוירן פֿון בליציקן שימער.
די ווענט האָבן שטומע געוואָיעט מיט הינטישע שווימלעך
אין פֿינצטערניש באָבעדיק בלינדער, פֿאַרקניפּט אין אַ קאָלטן.
און פּלוצעם — עס פֿלעגן אַ פֿלייץ געבן זילבערנע פֿלעמלעך,
ווי טראָפּנס פֿון הילצערנע עמערס וואָס זענען צעשפּאָלטן.
דאָס פֿלעגט די לבֿנה אַרײַנפֿאַלן ווען דורכן קוימען,
אַרויסגיין פֿון אויוון און גלײַך — אין די קאַצאויגן גרינע
וואָס הענגען דערבײַ ווי אַליין, ווי אומצײַטיקע פֿלוימען.
דערנאָך, ווען עס פֿלעגט זי אַ פֿאַנג טאָן די געץ פּאָוועטינע —
אַ יונגע רוסאַלקע אין הענט פֿון אַ פֿישער אַ זקן,
צעפּײַניקן פֿלעגט זי מיט זילבער־קאָנוווּלסיעס דאָס צימער,
די ליימענע ריפּן פֿון באַלקן, אין מיטן — דעם האָקן,
און אַלע געשטאַלטן געבוירן פֿון בליציקן שימער...
דער האָקן — אַ פֿרעגצייכן, שטענדיק אָן איבערגעקערטער,
אויף אים האָט זיך תּמיד געבאַמבלט אַ לעדערן בענדל,
אויף אים האָט אַ מאָל זיך געהאָנגען אַ מענטש ווי אַ הענדל,
אַלמאַי ס׳האָט אַ מיידל באַגאָסן מיט גיפֿט זײַנע ווערטער.
כ׳האָב ליב געהאַט קעגן מײַן ווילן אָט דאָ זיך באַהאַלטן,
אַוועקלייגן זיך אויף אַ לאָנקע פֿון קליידער — און טרוימען
אַנטקעגן דער קאַץ וואָס אין אויוון צעפֿאַלענעם, קאַלטן,
און זען ווי עס קוואַלט די רוסאַלקע אַרײַן דורכן קוימען.

ב

ס׳באַהערשט אַזאַ תּענוג צו פֿילן דעם סם פֿון אַליינקייט.
צו שמעקן די ריחות פֿון היימישע, בלומיקע קליידער.
אָט דאָ האָט מײַן ליד זיך געפּליעסקעט אין ימען פֿון שיינקייט,
און כ׳וואָלט ניט באַדײַ אויף אַ פּאַלאַץ פֿאַרביטן דעם חדר.
געפּוסטעוועט האָט דער פֿאַרסאַזשעטער אויוון אין פּחדים.
שוואַרצפּערלדיק מאַט איז די פֿינצטערניש אונטער די ציגל.
און דאָ האָט מײַן מאַמע באַהאַלטן די אייביקע בגדים, —
אַ בינטעלע ווײַסצײַג ווי בלענד פֿון מלאָכישע פֿליגל.
אַ יונגע אַלמנה, צו דרײַסיק — האָט זי שוין באַצײַטנס
געקויפֿט זיי אין הייליקער בענקשאַפֿט צום טאַטן. זײַן פּנים
אין טײַגע סיבירער, האָט לויטער געבענקט פֿון דער ווײַטנס.
מיט אייביקע בגדים איז מילדער צו לעבן דאָ אָן אים.
און איין מאָל, אָ, גאָט, ווען איך בין נאָך געוועזן אַ ייִנגל,
זי האָט אויף איר לעבעדיק לײַב זיי בסוד אָנגעצויגן.
באַשײַנט האָט דעם צימער די זון פֿון איר גילדענעם רינגל,
געשטראַלט פֿון צעשפּאַלטענעם שפּיגלס פֿולטערעריקע אויגן:
פֿיר כּלות מיט זעלביקע פּנימער גליקלעך צערייטלט...
פֿיר כּלות מיט גילדענע רינגען אין זײַדענע פֿלאַמען...
דאָס טונקעלע טירל איז גראָד ניט געווען צוגעקייטלט, —
אַזוי ווי אַ שטיין איז געפֿאַלן מײַן א ו י אין דער מאַמען.
פֿון דעמאָלט זיי ליגן באַהאַלטן, די אייביקע בגדים,
אין פֿינצטערן אויוון צוזאַמען מיט פֿלעשער אויף פּסח.
געבליבן איז בלויז אין די האָר — פֿונעם ווײַסצײַג אַ פֿאָדעם,
וואָס האָט זיך צעפֿעדעמט אין ווײַסקייטן דינע — דאָס ווייס איך.

ג

אָ, גורל, דו שאָטן מיט אויגן פֿון בלוט, ביסט קאַפּאַבל
אומזעעוודיק באַכשווימען מײַנע געדאַנקען, דו שווימער!
און אָט האָסטו גאָר זיך פֿאַרוואַנדלט אַליין אין אַ מבול,
אַ מבול צווייפּיסיקע מענטשן וואָס פֿלייצט אויפֿן צימער.
געשווינד האָט די מאַמע אין אויוון אַ האַנט אײַנגעטונקען,
געבענטשט אין פֿינצטערניש־פֿידל צעווישן די קלאַנגען,
און באַלד איז דאָס בינטעלע ווײַסצײַג באַכישופֿט מיט פֿונקען
אין מיטה פֿון צימער אויף קליינינקע אַקסלען געהאַנגען.
אַנשטאָט דער רוסאַלקע אַ פֿלי האָט געטאָן אַ וואָראָנע
פֿון קוימען אַרויס מיטן שנאָבל אין ווונדיקן שפּיגל.
געלויכטן אין זוניקן שניי האָט דערבײַ די אלמנה —
אַ קאַרשנבוים אונטער אַ זעג אין אַ צוויטיקן עיגול.
נאָר ווי אַ פֿינפֿעקיקער תּהום איז געבליבן בײַם האַרצן
ס'געמעל פֿון די אייגענע סאַזשע־געטונקענע פֿינגער.
געקוואַלט האָט די שוואַרצקייט אין זוניקער שײַן פֿון איר האַרצן
און גלײַכצײַטיק האָבן די אויגן צעפֿינקלט זיך ייִנגער.
אַזוי איז מײַן מאַמע געגאַנגען צום ליכט פֿון עקידה.
צום טאַטן דעם שניימענטש מיט רויטינקער פֿידל — געגאַנגען.
אַ שניישטורעם־בענקשאַפֿט צוזאַמענגעצונדן האָט ביידע,
און דעמאָלט איז אויך אינעם שטורעם דאָס צימער פֿאַרגאַנגען.
און איך, איין־אַליין, פֿון גיהנום פֿאַרטריבענער אָדם,
בין אַלץ אונטערטעניק דעם בת־קול צו זײַן אַ באַזינגער.
מײַן פֿלייש איז באַצויגן מיט אירע, די אייביקע בגדים,
און ס'האַרץ איז פֿאַרזיגלט מיט סאַזשע־געטונקענע פֿינגער.

1950

לאָ תרצח

אויפֿן שולהויף — שטיינער, שטיינער. ניט געבליבן דאָ שוין קיינער.
שאָטנס וואָגלען אונטער שנייען אין לבֿנהס מידן גלאַנץ.
בלויז דער לעצטער ווילנער סופֿר, אין באַהעלטעניש, אָן אויפֿהער,
בלאָזט אין ווײַסן פֿײַער שוואַרצן מיט אַ פּענע פֿון אַ גאַנדז.

אײַנגעפֿאַנצערט קעגן שטורעם צאַנקט דאָס לעמפּל אין יסורים,
ניט פֿון בוימל — פֿון זײַן גלויבן זייגט פּאַוואָלינקע דער קנויט.
נאָר ס׳געשעעט אַ מעשׂה נורא: עמעץ גייט. עס בלייכט די תּורה.
און די פּענע בײַ לאָ תרצח גיט אַ צאַפּל ווי אַ הויט...

אָפּגעהאַקט דעם סופֿרס אָטעם. ס׳בליצט קאַפּויער דאָס געבאָט אים:
— ניין, אַ טעות, צו דעם ר ש ע איז בלויז אָנגעזאָגט דער לאָ...
אָנגעזאָגט און — גרין פֿון שׂינאה אָט־אָ קומט ער אין מאַלינע,
מיטן אויפֿגעבלאַנקטן מעסער, מיט דער יוכע פֿון אַ גוי.

אויסטערליש! ווײַל קוים גענענט ער צו דעם זקן נענטער, נענטער —
דעמאָלט גליטשט ער גראָד זיך אויסעט, אויף זײַן אייגן מעסער פֿאַלט.
אויסגעצויגן אין שטיוואַלעס קעגן זקן אינעם טלית
מיט זײַן הילצערדיקער וואָנצע קלאַפּט ער אויס: געוואַלד, געוואַלד!

צוגעזען — דער גוי גערעכנט, פֿרעגט דער זקן ניט פֿון וואַנעט...
הייבט גאָר אונטער דעם בעל־דבֿר צו אַ בענקל: זעץ זיך, אָט — —
ברענגט דאָס לעמפּל, קוקט גענויער, און פֿאַרהאַלט דאָס בלוט פֿון פֿויער
מיטן טלית. און די פּענע ענדיקט קריצן דאָס געבאָט.

— פּאַניע גזלן, זאָג לאָ תרצח, זאָג לאָ תרצח ווי עס פֿירט זיך,
(קעגן ביידן בליצט דאָס מעסער דאָ אין רויט און דאָ אין בלוי...)
און עס צלמט זיך דער פּאַניע און צעדולט פֿון האָרעוואַניע
מיט זײַן הילצערדיקער וואָנצע קלאַפּט ער אויס: יעי באָהו, לללאָי.

1949

די מירמלנע סטאַטוע

דער פּלאַנץ אין מײַן וואַזאָן האָט מיר דערמאָנט:
געגליכן בין איך דאָ צו אים אין גאַנצן.
די ערד פֿון אַלטער היים, וואָס היימיש נאָנט,
איז צוגעקלעפּט צו זײַנע יונגע פּלאַנצן
און בלעטערט אויס אַ חלום, וואָס באַשײַנט
ס׳געהיימע ליכט פֿון זעונגען צעגליטע.
איך בין געגליכן צום וואַזאָן, מײַן פֿרײַנד,
און אָטעם אויס די געטאָ־בלום פֿון ליטע.

אָ, זעונגען, ווער שינדט אײַך פּאַס נאָך פּאַס
פֿון מײַנע רעגן־בויגנדיקע גלידער?
...די מויערן געליימט פֿון משוגעת,
מיט האַלאָוועשקע־אויגן און מיט לידער.
אַ קוימען־קערער קלעטערט אויף אַ דאַך,
אַנטקעגן, די לבֿנה איז נשתּומם:
וואָס טוט דער קוימען־קערער פֿון תּנך?
אַ פּיצל קינד באַהאַלט ער אין אַ קוימען.

אָ, זעונגען, אָט בין איך דאָך אַליין,
אַרויסגעבליצט פֿון אײַערע געמעלער,
און שאַר זיך מיט אַ פֿאַרמעט אין די ציין,
באַהאַלטן מײַן צוואה אין אַ קעלער.
נאָר מיט אַ מאָל: פֿון סאַזשעדיקן ברוק
ווער שימערט עס אין קיניגלעכן כּבֿוד?
אַ ווײַסע, מירמלנע סטאַטוע — קוק:
און איך דערקען — ס׳איז אַנטאָקאָלסקיס ד ו ד.

דערמאָן איך זיך: צוריק דרײַ טויזנט יאָר
געפֿירט האָט דוד שלאַכטן פֿאַר דעם זאָמען, —
באַשטימט מיך צו געבוירן דעם אַ דור,
און אײַנגעשטעלט זײַן לעבן פֿאַר מײַן נאָמען...
אַצינד וועל איך, באַהערשט פֿון דעם געדאַנק,
ווען אַלע שטעגן ווערן ענגער, שמעלער,
אים אָפּצאָלן מיט וואָס איך קאָן — אַ דאַנק,
און איך באַהאַלט פֿון שונא אים אין קעלער.

באַגלייט פֿון אַש כ׳בין ווידער אין מײַן שטאָט,
איר אויסגעקוילעטקייט ווי זאָל איך מאָלן?
אַזוי ווי זעלבסטמאָרד וואָלט באַגאַנגען גאָט
און ליגט צעגלידערט איבער בערג און טאָלן.
זײַן לײַב איז יעדער ציגל פֿון אַ קלויז,
אַ שאַליקל פֿאַרטשעפּעט אויף אַ תּליה;
און ס׳איז די געלע אָוונטזון, דוכט אויס,
דער קאָפּ זײַנער, וואָס שווימט אין דער ווילִיע.

נאָר דעמאָלט, אין דער זעלביקער סעקונדע,
ווען כ׳וויל די אויגן אויסשטעכן אָן דאָרן,
צעגיין ווי זאַלץ אין אומענדלעכער ווונד —
קלינגט אויף אַ מירמל־ניגון אין זכּרון,
ווי ס׳וואָלטן אויפֿגערירט אַ קלאַוויאַטור
צוויי צויבערהענט אין איידלקייט אין העלער.
און גאָט ווערט לעבעדיק אין דער נאַטור —
דאָס רופֿט דער קיניג דוד מיך פֿון קעלער.

די פֿינצטערניש אין קעלער איז מײַן היים.
צוויי פֿונקען־מורדים לויערן אַנטקעגן.
און אַז איך גראָב דעם קיניג אויס פֿון ליים —
אַליין דער מירמל נעמט זיך איצט באַוועגן.
ס׳דערלאַנגען אויגן מענטשלעכע אַ צוק,
ס׳דערלאַנגט אַ קלונג אַ שווערד בײַ דער סטאַטוע.
דער קיניג שפּאַנט... און איך בין ווי דער ברוק,
וואָס איבער אים טוט שפּאַנען די נבֿואה.

...און אַנטאָקאָלסקיס ד ו ד אין זײַן פּראַכט
פֿאַרשווונדן איז פֿון שטאָט. איך האָב אויף ס׳נײַ אים
צום דריטן מאָל, אין זומערבלין, בײַ נאַכט,
געזען באַלויכטן לעם ירושלים.
אומגלייביק, ברודער, אַנטאָן זאָל זיך שטיין
אין בלוט און פֿלייש, באַהערשן צײַט און געגנט.
נאָר מיטן שׂכל וויל עס ניט פֿאַרשטיין,
מיר האָבןביידע זיך אויף ס׳נײַ באַגעגנט.

1951

אַ פֿרוי דערציילט:

דעם אונטערפֿעלדזיקן דו קענסט?
אַנטפּלעק איך אים: ס׳איז מײַן געליבטער!
און שטענדיק היט מיך זײַן געשפּענסט,
און טאָפּל ווי געווען ליבט ער.

קאַפּויער, ווי אין אויג פֿון טײַך
אַ וואָלקן מיט אַ שווערד אין פֿלאַמען —
צו דעם איז מײַן געליבטער גלײַך
און אָטעמט מיט מײַן מויל צוזאַמען.

ווי צוגעוואַקסן צו מײַן שפּאַן —
פֿון אונטער פֿעלדזן טוט ער שפּרײַזן.
געגעגנט מיט ליבעדאָרשט אַ מאַן —
פֿאַרטיליקט אים זײַן בלענדיק אײַזן.

און זאָגן זאָגט ער מיר: ביז וואַן
געבוירן וועסט ניט פֿון אונדז ביידן
אַ קינד — וועל איך, דער טויטער מאַן,
מיט דיר ניט קאָנען זיך צעשיידן.

1949

באַגעגעניש

אין מיטן גאַס האָט עמעץ מיר פֿאַרשטעלט
מיט נעפּלהענט די אויגן און מײַן וועלט:
— אַנו, באַשייד, ווער האָט עס דיר פֿאַרשטעלט?

עס האָבן אויפֿגעגלאַנצט באַקאַנטע נעמען:
— מרים, גאָלדע, רייזל...
— ניין און ניין.
— פֿון וועמען זענען אָט די הענט, פֿון וועמען?
— ביסט געווען דאָס רעגן־בויגן־גראָז אין מײַן געוויין!

און מיט אַ מאָל
האָט זיך פֿאַרוואַנדלט ס׳קול
אין לעבעדיקן ווען.
ווען כ׳וואָלט באַגעגנט זיך אַליין
וואָלט ענלעכס ניט געווען:

— דו? ווי ביסטו אויפֿגעשטאַנען תחית — —

און זי האָט אויפֿגעשמייכלט מיט די פּיאָלעטע וויִעס:
— כ׳בין דעם פֿײַער ניט געפֿעלן,
מילא, ניין איז ניין.

דעמאָלט האָב איך שטומערהייט געזאָגט צו מײַן געטרײַער:
— כ׳האָב גלייבן ניט געקאָנט, אַז פֿײַער
זאָל האָבן ״האַרץ״ דיך אײַנצושלינגען. איצט
אַ לעבן לאַנג וועל איך ניט קאָנען גלייבן
און אומגלייבן וועט פּײַניקן מײַן רו,
אַז דו ביסט גאָר אַ לעבעדיקע, היימישע, דו, דו.

1949

שוואַרצע טויבן

1

דו האָסט מיך באַשאַפֿן אַזוי ווי אַ קינד
באַשאַפֿט זיך אַ שניימענטש לכּבֿוד זײַן חלום.
ניטאָ מער דאָס קינד.
און איך בין אַצינד
עלטער פֿון דיר, מײַן באַשאַפֿער.

וואָס קעלטער די אײַזיקייט שמידט מײַן געביין —
אַלץ רויזיק צעגליטער די זון אין זכּרון.
די זון קאָן דעם אײַז ניט צעשמעלצן,
דער אײַז קאָן די זון ניט פֿאַרלעשן, —
אַ צווילינג פֿון לײַבלעכע שׂונאים.

זיי פֿירן אַ שלאַכט אויף מײַן פּנים.

2

אײַךביידן האָב איך ליב געהאַט. עס איז געווען מײַן האַרץ
אַ וואָלגערשטיין אין וויסטעניש. און מײַן באַשערטער ניגון
איז דאָרט געלעגן אײַנגעקאָרטשעט ווי אַ בליץ אין קייטן,
פֿאַרמישפּט ניט צו קאָנען זיך באַלײַכטן און באַזינגען.
ווי לעבעדיקע כוואַליע־וועזנס, קינדער פֿון אַ מיטאָס,
האָט איר זיך אָנגעשלאָגן מיט די ליפּן אָן מײַן האַרץ,
אַזעלכע גאָט־געבענטשטע, זון־געבוירענע,
און מיט אַ שושקערײַ באַפֿרײַט דעם ניגון.

3

ווײַל זי האָט געוואָלט צו מיר געהערן
פֿולקום אין איר שיינקייט — נאָך מײַן טויט,
ניט צעקנייטשן זאָל די צײַט איר הויט,
ניט פֿאַרוויאַנען זאָלן אירע טרערן —
איז זי אויסגעגאַנגען ווי מוזיק

אין היימישן לבֿנה־טאָל. און דאָרטן
שימערט נאָך די ליבשאַפֿט אין איר בליק,
ווי אַ מאָל ביים אויפֿצאַפּל אין גאָרטן.

ווען צעפּלאַצן וועט מײַן האַרץ פֿון לידער,
קומען צו איר שוועל
איך וועל
אַ מידער —
וועט זי מיך באַגעגענען אַ יונגע, ווי אַ מאָל,
און מיט שמייכלען, זילבערדיקע זאַלבן,
אַרײַנבלאָזן אַ גײַסט אין טויטע שוואַלבן.

4

ניט פֿון קופּער איז געהאַמערט צווישן אונדז די וואַנט, —
ס'וואָלטן זי צעשאָקלט מײַנע האַמערס, מײַנע דלאָטן.
אויסגעבויט איז זי פֿון ל ו פֿ ט, איר בויער — אומבאַקאַנט,
ליגט צעשמעטערט בײַ איר ליכט מײַן שאָטן...

5

"דיך האָבן ניט געבוירן טאַטע־מאַמע,
נאָר מיר, די רויך־לעגיאָנען, וואָס מיר וואָגלען
געלאָדענע מיט בליצן און מיט האָגלען.
אָ, מיר, די טויטע, וואָס אין טויט מיר לעבן,
געבוירן האָבן דיך מיט אונדזער ליבע.
אַנטלויפֿסט? נאָר מיר, די רויך־לעגיאָנען, שוועבן
ווי היישעריקן מער פֿון ששים ריבוא...
מיר האָבן אונדזער צײַט פֿאַר דיר געלאָזן,
ווי בלעטער פֿיל ניט אויפֿגעשניטן אין אַ בוך. און שפּעטער -
צעגאַנגען אין אַ פֿונקעניש־געקלעטער
און זיך אין קאַלטע עולמות צעבלאָזן.

האָסט אויפֿגעשניטן אונדזער צײַט און ווייסט ניט.
מיר זענען דער געדאַנק וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט.
און זאָגן דיר אין אויער סתּם, אָן טענה:
דײַן תּענוג, דײַן געזאַנג — צו אונדז געהערן.
אַפֿילו דײַן געטרײַע איז ניט דײַנע,
און דײַנע זענען אויך ניט דײַנע טרערן״.

6

כ׳האָב הײַנט בײַם שנײַדן ברויט
צעשניטן זיך אַ פֿינגער
(דאָס אַליין וואָלט ניט געווען קיין סיבה
פֿאַר אַ ליד),
נאָר ס׳מיידעלע איז בלייך געוואָרן,
אָנגעהויבן צוקן,
און ס׳האָט אַ בלאָער מלאך זיך פֿאַרוואָלקנט אין איר בליק:
— לאָז אַרײַן דאָס בלוט צוריק,
איך קאָן אויף דעם ניט קוקן...

מײַן קינד,
ווי פּשוט, קינדיש־גרויס און דיכטעריש
האָסטו אויסגעמאָלן דײַן פֿאַרלאַנג!
מײַנער איז ער אויך, נאָר איך האָב לאַנג,
אַזוי ווי דו, אים ניט געקאָנט אין לידער
פֿאָרמולירן.

דעריבער פֿלעג איך וויינען אין די נעכט,
זיך שלאָגן קאָפּ אָן חלום,
קאָפּ אָן קלאַנגען,
אָן קאָלירן.

ענטפֿער דו,
פֿאַרמאָגסט דאָך ווערטער נײַערע —
ווי לאָזט מען טאַקע ס׳בלוט אַרײַן צוריק
אין אַלע טײַערע?

7

זונרויזן בײַם פֿענצטער, מיט די בלעטערקרוינען געלע,
פֿנימער וואָס זענען בלויז געהעקלט פֿון שוואַרצאַפּלען —
וואָסער וווּנדער האָט זיי דאָ געבוירן, וואָסער פּלא?
ניין, דאָס זענען היים־גלגולים וואָס אין טרערן צאַפּלען.

כ׳האָב די זונרויזן געלאָזן הפֿקר בײַ מײַן גאַניק,
איינינקער אַליין אין געל־סעפּטעמבערדיקן צאַנקען.
קינדער לאָזט מען אַזוי איבער אין אַ דולער פּאַניק,
ווען אַ שׂרפֿה שפּיגלט האַלאָוועשקעס פֿון געדאַנקען.

זונרויזן איינפּיסיקע מיט שטערן אויף די קרוינען,
כ׳וועל אין אײַער שאָטן איצטער וווינען.

8

פֿאַרגעפֿילן פּיקן נאָך אַנאַנד
ווי שוואַרצע טויבן:
עמעץ קומט צעשטויבן
דײַן געראַטעוועטן גלויבן.

פֿאַרגעפֿילן שיילן אָפּ די מאַסקעס
און באַווײַזן
פּנימער פֿון אײַזן.

פֿאַרגעפֿילן גרוילן און באַפֿוילן:

״לעב, ווי עס וואָלטן דיך שטענדיק באַוואַכט
אויגן פֿון טויטע בײַ טאָג און בײַ נאַכט״.

1951

די קאַרש פֿון דערמאָנונג

...און ס׳איז געשען אַזוי:
אין אַ מינוט פֿון ניט־געדענקען,
ווען כ׳האָב אַ קאַרש גענומען צו די ליפּן —
האָט די קאַרש
פֿאַרוואַנדלט זיך אין הייסער קויל און אָנגעצונדן ווערטער.
און אַז די ווערטער האָבן זיך צעפֿלאַמט אין מיר ווי סמאָלע —
אַרויסגעשפּרונגען זענען פֿון די ליפּן צוויי געשטאַלטן
מיט פֿײַערדיקע קרוינען אויף די קעפּ.
זיי האָבןביידע
אַרײַנגעטאַנצט אין מײַנע אויגן,
האָבן מיך געצוווּנגען
מיטצוטאַנצן,
מיטצולעבן,
מיטצושטאַרבן ווידער
מיט זיי צוזאַמען,
ווײַלע קיין מאָל שטאַרבט מען ניט גענוג...
און בלויז אַ שטערן, אויפֿגעגאַנגען גלײַכצײַטיק מיט זיי,
האָט צוגעזען ווי ס׳פּלייצט אַרײַן מײַן גוף, מײַן גײַסט אין ביידן
און אויסגעבליצט די זעונג אויפֿן זילבער פֿון פּאַפּיר:

— ווער ביסטו, יונגער מענטש, אַ הוילער, באָרוועסער אין שנייען,
געשמידט אין קייטן און באַוואַכט פֿון שטאָלענע געשפּענסטער?

— געדענקסטו ניט אַ נאָמען אַלכּסנדר? האָסט געלייענט
פֿאַר מיר די יוגנטלידער אויף אַ פּליט בײַ דער ווילײַע.
באַמערקט מיר האָבן ביידע ניט, ווי ס׳האָט זיך אָפּגעריסן
פֿון שליימיק לאַנגער שטריק דער פּליט און איז אַוועקגעשווומען
צום זונפֿאַרגאַנג.
נאָר דײַנע קלאַנגען האָבן אונדז ווי הענט
געראַטעוועט פֿון דימענטענער קעסלגרוב.

געדענקסטו ?

— און דו װער ביסט, מיט אָפּגעגאָלטן קאָפּ און אױגנפּלעקן,
װי לעכער אױסגעבערענט אין אײַז ? באַהאַלט ניט, זאָג דײַן נאָמען !

— כ׳בין מרים, די װאָס האָט פֿאַר דיר געטאַנצט אַ מאָל אין װאַלד
צעװישן דין געשליפֿענע בעריאָזעס, װען דער פֿרילינג
האָט איבער אונדז געשמאָלצן שנײ װי שמײכלענדיקן זילבער.
און דו האָסט מיר געשװאָרן צו געדענקען
דרײַ װײַסקײטן : פֿון אַ בעריאָזע, פֿונעם בלאַנקן שנײ
און אױך די װײַסקײט פֿון מײַן לײַב דעם שפּיגלדיקן, הײסן.
און שטיל האָסטו אין אױער מיר געזאָגט : ביסט װי אַ סטרונע
װאָס ציטערט, נאָר זי האָט ניט מורא — —
װעסטו איצט געדענקען ?

— כ׳געדענק אײַך בײדן, טײַערע,
און בין אַצינד ניט א י ך :
די זעונג האָט מיך אײַנגעצימצומט אין אַ װײַטן שטערן.
און װען פֿון האַרצן שיסט אַרױס אַן א י ך,
באַװײַזט עס בלױז — ניטאָ קײן אַנדער נאָמען פֿאַר מײַן װײטיק.
און אױב דאָס איז אַ קללה, אַז מײַן הױט און בײן זאָל פֿילן
ס׳גיהנום־פֿײַער, — בענטש איך אָט די קללה.
קינדער מײַנע !
מוזיק פֿון ליבנדיקער יוגנט,
אפֿשר איז אַ טרײסט,
װאָס אײַך אין לעצטן שײַטערדיקן גורל האָט צונױפֿגעבונדן
פֿאַראײביקט יענע ליבשאַפֿט מײַנע,
יענע ערשטע ליבשאַפֿט — —

ניט פֿרילינג, זומער, האַרבסט און װינטער. נײן, עס איז פֿאַראַן
אין אָט דער װעלט אַ פֿינפֿטער זמן, אַן אומבאַקאַנטער זמן.
אַזאַ מין טױטס באַשאַפֿנקײט, װו קינד און פֿרױ און מאַן
צעפֿאַלן זיך אױף שײַטערן — אין פֿונקען.

זיי זענען שוין געלעגן אויסגעלעבטע. איין סקעלעט
צונויפֿגעשמידט פֿון הונדערט טויזנט; נאָר ס'איז ניט צו שפּעט
אַ צווייטן מאָל צו שטאַרבן אין אַ פֿײַערדיקן בעט —
געבוירן איין מאָל נעמט דער נ י ש ט נקמה.

קאָן זײַן, די מענטשנפֿונקען די צעבלאָזענע, אויך זיי
געענדיקט האָבן ניט מיט דעם די טויטן אַלערליי.
און אויך די ליבנדיקע צוויי געשטאַלטן אויפֿן שניי
געענדיקט האָבן ניט מיט דעם די לעבנס.

געשמידט אין קייטן שפּאַנען זיי מיט מתים אויף די הענט
אַהין צום שײַטער, ווי צו בית־המיקדשדיקע ווענט.
אַהין צום שײַטער, ווּ אַ מלאך מיט אַ פֿידל ברענט,
אַוווּ אַליין די שטילקייט איז משוגע.

זיי ביידן — לעצטע פֿון דער שטאָט — געפֿונען האָט די שלאַנג
באַהאַלטענע אין הייל פֿון דער לבֿנה דאָ ניט לאַנג.
זיי זענען דאָרט געלעגן ווי אין האַרצן אַ געזאַנג —
ווער פֿײַער שמעלצן דעם מעטאַל פֿון ליבע?

ביין, דאָס זענען ניט קיין טויטע,
נאָר סקולפּטורן אַלטערטימלעכע,
אויסגעהאַקט פֿון זאַלץ אין אַ געהיימען ריזן־טעמפּל,
צוזאַמען מיטן טעמפּל אײַנגעזונקען אין דער ערד
און אויבן צוגעדעקט מיט שטערן בלינד אַראָפּגעפֿאַלענע.
לאָמען זעצן אין די שטערן.
לאָמען.
לאָמען.
לאָמען.

שטערן שפּאַלטן זיך אין פונקען,
און די ערד איז אָפן.
אָט אָ זעגען די סקולפּטורן,
ס'האָט זיך שוין די ערד
אָנגעזעטיקט און געהאָט הנאה פון דער אויסשטעלונג.
איצטער וועט זיך זעטיקן מיט דעם דאָס רויטע פייער.

מיט בענטשליכט־פינגער אויף די אויגן שאָקלט זיך אַ מאַמע.
עמעץ דריקט אין פויסט אַ מעסער.
וועמען וויל ער טייטן?
אָט — אַ מיידל, אינעם חלום קושט זי דעם געליבטן;
און דערביי אַ זקן, מיט אַ פינגער אויף דער באָרד,
ווי עס וואָלט דאָ משה מיקעל אַנדזשעלאָס פאַרזונקען.
קינדערקעפּעלעך אָן גופן.
בענטשנדיקע הענט.
זילבער־כלים.
פידעלעך.
אַ כּלה אין אַ שלייער,
אויסגעוועבט פון גראָע פונקען.
אָט איז אויך דער ניגון
פונעם ריזן־טעמפּל: אַ סקעלעטיש לאַנגער ניגון...
אויף די שאָטנס פון דעם אַלעם,
קאַלט און זון־פאַררעאָטן,
טוליען זיך אומלעבעדיק און בענקען אויס אַ וווּנדער.

— וועמען טראָגסטו אויף די הענט צום פייער,
ווייסע מרים?
איז עס ניט מיין גוף שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון זיין צירקל?
מיינע קאַלטע מירמלגלידער פילן דיינע הענט.
און דיין אָטעם, ווי די זעל פון גאָט על פני המים,
שוועבט אויף מיינע כוואַליעדיקע ריפּן,
אויף מיין האַרץ.

ווען טראָגסטו אויף די הענט צום פֿײַער,
ווײַסע מרים?

טאַנץ דעם טאַנץ פֿון פֿײַער
נאַקעט, שטומערהייט.
ס׳טאַנצט אויף דײַן געטרײַער,
אײַנגעשמידט אין קייט.

אין דעם פֿײַער — זעגן
זעגן־אויף זײַן שטאַם.
ס׳טאַנצן דיר אַנטקעגן
פֿידלען אויסן פֿלאַם.

ס׳טאַנצן אויך צוזאַמען
עופֿעלעך אין בראַנד.
קלעטערן אין פֿלאַמען
צו אַ צווייטן לאַנד.

איז עס אַטלאַנטידע?
יענע־וועלט? אָ, ניין,
אויפֿקניפּן די חידה
קאָן דער אַש אַליין.

מרים, לעבן פֿײַער
טאַנץ מיט מיר — בײַנאַנד!
ס׳טאַנצט אויך דײַן געטרײַער
קעגן צווייטן לאַנד...

אַ גאַנצע נאַכט געפֿלאַקערט האָט אַ זידנדיקער שײַטער.
געצויגן זיך צום בלאָגעוועלב, דערלאַנגט צו די פמליות,

און אָנגענומען די געשטאַלט, ביים שטייגן, — פון אַ לייטער,
וואָס זיינע שטאַנגען זענען גלאַנציק אויסגעהאַמערט גאָלד,
און זיינע שטאַפּלען —
אויסגעהאַקט פון גלייקע רובינען.
איעדער שטאַפּל גיט פון זיך אַרויס אַן אַנדער אָפשיין:
אונטן, לעבן שייטער, בליצט דער אָפּשיין פון עקידות.
מעסערדיקע גלוסטונג.
צוק און צאַפּל.
ווייטערדיקער אָפשיין —
לעצטער בליק פון ר׳ עקיבאָ,
מעסטנדיק דעם שטח צווישן ווייטיק און א—ח—ד.
און אָט אַ שטאַפּל, וואָס זיין אָפּשיין איז ווי אַ געזאַנג
אויסגעלאָשן אויף די קאַלטע ליפּן פונעם זינגער.
און ווייטער, ווייטער —
ס׳לאָזן זיך ניט אַלע דאָ באַשיידן —
קוואַלט דער אָפּשיין פון אַן אינקוויזיציע אין קאַסטיליע.
כל־נדרידיקע שטימען.
ווייסער פלאַם אויף שוואַרצע אויגן.
און אָט אַ שטאַפּל
מער נאָך בליציק,
וואָס פון זיין געבלענד
שטראַלט אַרויס די שייטערדיקע פרייד פון שלמה מולכו.
אַזוי ביז אויבן:
אָפּשיינען פון פנימער, געשטאַלטן,
אויסגעאָטעמט פון די אַלע שטאַפּלען די רוביניקע.
נאָר סאַמע אויבן,
אָנגעלענט אַן טויער פון לבנה
און דייטלעכער פון אַלע —
שפּריצט מיט גאָל דער לעצטער שטאַפּל
און וואַרפט אַן אָפּשיין פון אַ געטאָ אין צעפלאַמטן פאַרמעט —
אַן אָפּשיין, וואָס צעשמעלצט די נאַכט ווי צאָרנדיקן קופּער.

און זע:
אויס יעדן שטאַנגענשפּיץ פֿון לייטער, אין דער הייך,
וואַקסט אַרויס אין וויסטעניש פֿון הימל אַ באַשעפֿעניש —
אַ רויטער לייב פֿון איין שפּיץ,
פֿונעם אַנדערן — אַ ציגעלע.
ס׳ברומט דער לייב.
די אויגן — צוויי וואולקאַנען־מײַלער — שפּריצן
אין אַלע וועלטן שטורעמדיקע דימענטן.
זײַן לייבן־גריווע, אין אַ קרוין פֿון זונאויפֿגאַנג, צעטרייסלט
פֿעלדזן אויף דער ערד,
און ווי ס׳געזאַנג פֿון ווילדע דונערן
קײַקלט זיך פֿון צאָרנדיקן לייבנמויל זײַן ברומען.
און ס׳ציגעלע, אַ ציטערדיקס און ווײַס ווי מילך —
סע ברומט ניט, —
מעקעט שטילערהייט אַנטקעגן ברומענדיקן לייב
און — אויסטערליש! —
דער ״מע״, ווי אַ געוויין פֿון אַלע צײַטן,
באַזיגט די ברומעניש פֿון לייב —
דעם צאָרן פֿונעם קיניג.

און אויפֿן לייטער
מיט די שטאַנגען אויסגעשמידט פֿון גאָלד,
וואָס הייבן זיך פֿון שײַטערהויפֿן —
קלעטערן די מתים,
אין פֿײַער־פֿליגל אָנגעטאָן ווי בלענדיקע מלאָכים.
אַלע, אַלע קלעטערן און שטײַגן אויף די שטאַפּלען,
אויפֿגעלעבט פֿון די מחיה־מתימדיקע פֿלאַמען,
ווי ס׳וואָלטן אין די פֿלאַמען זיך געפֿונען די נשמות,
וואָס האָבן זיך געזעגנט אויף אַ ווײַלע מיט די מענטשן.
און אויך די טויטע שאָטנס,

און דער ניגון פֿון דעם אַלעמען —
שטײַגן אויפֿגעלעבטע
צוזאַמען מיט די מענטשן — —

און אויפֿן קילן סאַמעט פֿון דעם אַש
צונויפֿגעגופּטע די פֿאַרליבטע דרעמלען.
און גיבן זיך די קייטן אַ צעקלונג —
איין שטאַפּל פֿינעם לייטער טוט נאָך פֿלעמלען.

און אויפֿן שטאַפּל שאָטנט זיך אַ פֿוס —
ביז וואַנען אין אַ וואָלקנדל פֿאַרגייט ער.
און מרים זאָגט: מײַן מאַמע! יאָ, זי לעבט,
אַרויפֿגעשטיגן איז זי אויפֿן לייטער.

און אַלכּסנדר צערטלט זי אין גליק:
— דײַן מאַמע לעבט. אין לעבן אונדזער גלויבן.
און אויך מײַן שוועסטער לעבט אין יענעם לאַנד,
איר כּלה־שלייער וואַרפֿט זי דיר פֿון אויבן.

1950

דאָס ליד פֿון נסיון

א

ווען איר זינגט הללויה אין פּורפּל און זייַד,
שפּלט צו מיר פֿון די ימיקע דנאָען
ס'פּאַרהוילענע גרויליקע אויג פֿון דער צייַט:
—אַ, ברידער, זייַט גרייט צום נסיון.

פֿון זינט דאָס געוועזענע שלייַפֿט זיך אין מייַנע געדאַנקען,
זע איך אַנטפּלעקט ווי די צייכנס פֿון האַנט,
אַ טאָג פֿון נסיון וואָס קומט מיט אַן אימהדיק בלאַנקען;
אַ טאָג פֿון נסיון וואָס קיינעם איז נאָך ניט באַקאַנט.

צעהוידע איך קלאַנגען ווי צונגען פֿון גלאָקן:
— זייַט גרייט צום נסיון אויף באַלד!
אויסמייַדן וועט אים ניט יינגל און זקן,
אַפֿילו דייַן חלום וואָס בלאָנדזשעט אין וואַלד...

ב

געקענט האָב איך מענטשן מיט שיינע נעמען,
שטאָלענע בויערס פֿון אַלע סיסטעמען.
פּאַציפֿיסטן "אין בלוט",
וואָס טשעפּען אַ פֿליג איז געווען אַ העזה,
און אַזוינע, וואָס האָבן געקניט פֿאַר שפּינאָזע.
פּאָעטן, וואָס האָבן געשלונגען שעקספּירן
און געסיליעט פּאָעזיע
ווי אַ שנירל טויען —
זיי אַלעמען האָט געטאָן אַ קניפּ
דער נסיון —
און געשטעלט צום נסיון.
ווי אַן אַרבל אויף דער אַנדער זייַט —
זיי אויסגעקערט אין געציילטע שעהען.
אַנשטאָט אַ שמייכל צו אַ קינד

האָבן זיי גענומען וואָיען.
עס הענגט שוין אויפֿן וואַנט אַ געץ
אַנשטאָט דעם אַמסטערדאַמער גאָון.
מע שרײַט: ״זאָל לעבן״! צו דעם טויט,
און בויען תּליות טוט מען בויען.
זיי אַלעמען האָט געטאָן אַ קניפּ
דער נסיון —
און געשטעלט צום נסיון.

ג

פּעלדזיק און טאָליק,
הײַנטיק־אַמאָליק
איז די ייִדישע מאַפּע
אין גאַנצענער וועלט.
ווען אויבן אַ חתונה —
קלאָגט פֿונעם טאָל אַ הזכּרה.
ווען אַ ציגעלע מעקעט אין יעקבֿס געצעלט —
ווערט געבוירן אַ וואָלף
אין אַ גיפּטיקער נאָרע.

אַפּילו דעם אייגענעם האַרץ ניט געטרויען —
זײַט גרייט צום נסיון!
אַוווּ נאָר אַ ברודער, געמיזרחט, געצפֿונט —
זײַט אַלע באַוואָפֿנט!

1950

אַקאָרדן פֿון שטאָלצן וואַלד

דאָס געריַיט אונטער שנייִקע צווײַגן

דאָס געריַיט אונטער יאָדלענע שנייִקע צווײַגן,
די סקולפּטורן פֿון אָטעם געהאַמערט אין ווינט;
אָנגעצונדענע פֿערד אין גאַלאָפּיקן שטײַגן
מיט די פּאָדקעווע־זונען דורך וועלדער, געשווינד,
איבער וועלפֿישע צייכנס אין שניי ווי אין לאַווע
און געמישטע צוזאַמען מיט מענטשישע פֿיס...
און דאָס מעסער, וואָס חלומט פֿון ברויט, אין כאַליאַווע,
און די שטילקייט פֿון שטילקייט וואָס בלײַבט נאָכן שניט;
אומבאַזונגענע זומפּן ווו ס׳ליגן באַהאַלטן
מײַנע קלאַנגען־לעגענדעס באַצויגן מיט פֿײַער;
פּאַרטיזאַנער! אָ, ווײַטע, פֿאַרשנייטע געשטאַלטן — —
לזכּרון אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם וואָס איז טײַער.

גאַניאָנסקי

וועד איז גאַניאָנסקי ? דו פֿרעג די בעריאָזע
צעווינטיקט בײַם נאַראָטש * מיט מיידלשע אויגן.
לבֿנהדיק בליט זי אַ פֿינקלדיק ראָזע,
ווי ס׳מיידל וואָס האָט זיך אַהין צו געצויגן.
געצויגן, געצויגן, אַ פֿאַל און אַ קלעטער,
נאָר ס׳האָבן צום שׂונא באַגלייט זי פֿאַררעטער.

אומעטיק זינגען מיר שטיל אין זעמליאַנקע,
צעמעסערט דעם ניגון איר קול פֿון די ווײַטן.
גאַניאָנסקי באַפֿליגלט די מידע און קראַנקע ——
באַזאָטלען מיר פֿערד מיט לבֿנות און רײַטן
צוזאַמען — באַזונדער, אויף בלינד, אָן סימנים,
אַהין ווו דאָס קול האָט אַ לעבעדיק פּנים.

רויטע, צעהיצטע די פֿערד, און זיי שלאָגן
מיט פֿאַרע פֿון זודיקן באָרשט. ווען עס פּלאַצן
די הערצער בײַ זיי — דעמאָלט יאָגן מיר, יאָגן
אַליין אַנשטאָט פֿערד אין די וועלדערס פּאַלאַצן.
די זון ! — אַ צעפֿליקטע אין וועלפֿישע נעגל...
און ס׳גליט אויפֿן אײַזודעק פֿון נאַראָטש אַ שטעגל.

מיידלשע פֿיסטריט באַזוימטע מיט פֿונקען.
בײַם שטעגל אָן עפֿענונג ביז צו אַ כוואַליע.
פֿאַרשפּעטיקט... אַ נאַקעטע מ׳האָט זי דערטרונקען.
גאַניאָנסקי ! מיר גיבן אין שניי זיך אַ וואַליע
און טרינקען פֿון אָזערע אײַזוואַסער קאַלטן,
און פֿילן דאָס מיידל וואָס ליגט דאָ באַהאַלטן.

* נאָמען פֿון אַן אָזערע אין ווייסרוסלאַנד

דענקמאָל נאָך אַ פֿערד

אַזאַ פֿערד מיט אַ רויטער נשמה
און מיט אויגן ווי צוויי סאָלאָווייען,
האָט אַנטפּלעקט זיך אין וואַלד ווי אַ מלאך
און געבליבן אָן אָטעם — אין שנייען.

לאָמיר געדענקען דעם פֿערד,
איידער די שנייען צעגייען.

ס׳האָבן וועלף ניט געקאָנט אים דעריאָגן,
און פֿאַרבלענדן — די בלאַנקע זאַווייען,
ביז דעם רײַטער, דעם נאַקעטן ייִנגל,
אונדז געבראַכט פֿון דעם שׂונאס אַרמייען.

לאָמיר געדענקען דעם פֿערד,
איידער די שנייען צעגייען.

האָט דער רײַטער געקניט לעבן רעטער,
ווי זיי וואָלטן געחלומט אין צווייען...
און געקנאָטן אים שפּעטער אַ דענקמאָל,
אַזאַ פֿערד אויסגעקנאָטן פֿון שנייען.

לאָמיר געדענקען דעם פֿערד,
איידער די שנייען צעגייען.

און געזען האָבן אַלע דעם וווּנדער,
ווי די רויטע נשמה פֿון טויטן
איז אַרײַן אונטער שנייִיקע הויטן —
אינעם פֿערד, וואָס געקנאָטן פֿון שנייען.

לאָמיר געדענקען דעם פֿערד,
איידער די שנייען צעגייען.

— גליקעלע, גליקעלע, גלעקעלע גאָלד,
וואָסער קרומשפּיגל פֿון גליק אין דײַן נאָמען!
ווער האָט, אָ, קינדעלע מײַנס, דיך געזאָלט
שלײַדערן ביינדעלעך דײַנע אין תּהומען?
דאָ, בײַ דעם שײַטער אין ליימיקער הייל —
גליקעלע, האָב ניט קיין מורא, דערצייל.

— דעמאָלט, געוועזן איך בין נאָך אַ קינד,
זיבן, יאָ, זיבן... נאָר אַלץ איז אַהינטער.
מאַמע אַ שניי איז געוואָרן. אַצינד —
איז שוין פֿאַרגאַנגען אַ גאַנצענער ווינטער.
מאַמע אַ קוש געטאָן: גליקעלע, גיי — —
מאַמע אַ שניי איז געוואָרן, אַ שניי.

שוואַרצע לבֿנה. און שטילקייט. און קאַלט.
שוואַרצע לבֿנה. פֿאַרבלאָנדזשעטע ביימער.
זילבערנע וועלפֿעלעך קלינגען אין וואַלד.
(מאַמע אַ שניי און אַ שניי און אין שניי מער).
פֿאַל איך צעווישן די ביימער און טראַכט:
גליקעלע, זאָל דיך באַשיצן די נאַכט.

גיט מיך אַ יאָדלע מיט שניי אַ באַשאָט:
— גליקעלע, גליקעלע, קום אויף די צווײַגן!
האָב איך פֿאַרשטאַנען: דער בוים דאָס איז גאָט —
און אויף די אַקסלען גענומען אים שטײַגן.
הויך, בײַ דער קרוין, זיך געשפּונען אַ נעסט.
פֿייגעלעך זענען געקומען אין געסט.

פֿייגעלעך האָבן געקושט מײַן געוויין,
יעדער געברענגט אַ מתנה אין שנעביק.
— ציטער ניט, גליקעלע, ביסט ניט אַליין — —
בין איך געוואָרן אי מונטער, אי שוועביק.
אַלינקע צוויטשערלעך ליב און געטרײַ
האָבן געלערנט מיט מיר צוויטשערײַ.

וואָלט ניט געצונדן אַ פֿײַער די נעסט —
וואָלט איך געצוויטשערט מיט פֿייגל צוזאַמען.
ס׳האָבן שוין פֿליגל באַצאַפּלט מיך, זעסט?
וואָלטן מיר שוועבן, געפֿינען דער מאַמען.
— גליקעלע, גליקעלע, ס׳וועט דײַן געזאַנג
צוויטשערן לאַנג אין מײַן האַרצן, לאַנג־לאַנג.

אין קליידער אָפּגעסמאַליעטע איז ער צו אונדז געקומען.
אַ ברענענדיקע קלויז
האָט זיך געגלאָזיקט פֿון זײַן גומען.
און ווי אַ וואָלקן וואָס פֿאַרשטעלט אַליין זיך — האָט זײַן שטימע
פֿאַרשטעלט די טעג.

— ס׳איז מײַן פֿאַרמעג
אַ חלף אָן אַ פּגימה.

מיטן חלף אין די ציינער
שלאָפֿט ער אין די זומפּן.
מיטן חלף טאַנצט ער איינער
אין די זומפּן,
זומפּן,
אַזאַ טאַנץ פֿון כולו גלוסטונג
צו זײַן טויטער כּלה,
ביז עס פֿאַלן רויט־געהאַלדזטע
אַלע שטערן, אַלע.
מיטן חלף שרײַבט ער לידער
אויף די שנייען קלאָרע;
מיטן חלף, צווישן פּוקסן,
לויערט אין אַ נאָרע,
ביז דער מערדער פֿון זײַן כּלה
וואַקלט צווישן בלעטער.
און ער ווישט אָן זײַן טשופּרינע
אָפּ דעם חלף שפּעטער...

עס לייענען ווערלף אין דעם טאָגבוך פֿון שניי:
געגאַנגען דאָ ביטערע קאַמפֿן.
און עמעץ קומט אָן מיט אַ שיינעם טראָפּיי —
אַ שטיוול בראַנפֿן.

באַפֿאַלן אים צענדליקער מײַלער געשווינד
און ציִען צום שטיוול, אַלץ העכער.
און ס׳בראַנפֿן מיט סטרונעס מיט זילבערנע רינט
פֿאַוואָליע פֿון זײַנע לעכער.

שוין איין מאָל אַ שטיוול — אַן אמתער קוואַל,
נאָר ס׳קאָנען אים צינגער פֿאַרשטאָפּן.
ס׳וואָלט יעדער געגומען צו הילף אַ קינזשאַל,
אַבי צו באַקומען אַ טראָפּן.

דאָקטאָר אַטלאַס

ש. קאַטשערגינסקי — אַ מתּנה

— קאָמאַנדיר,
עס פֿלאַקערן די ליפּיטשאַנער וועלדער,
און אויך די שטשאַרע *
וועט צעגיין ביז נאַכט.
באַפֿעל! קוים איז דער אײַזדעק ניט צעגאַנגען,
האָבן מיר אַן אויסוועג אין דער שלאַכט.

נאָר דאָקטאָר אַטלאַס,
צוגעווינט צו אומגליק און סענסאַציע,
אין אַ צווײַגנשטיבעלע, וואָס בליצט
מיט סמאָלע־טראָפּנס,
ענטפֿערט קאַלט:
— ניט איצט,
וועל ענדיקן צו ערשט אַן אָפּעראַציע.

אָנגעטאָן אין פּעלצל,
ווי עס וואָלט פֿון זײַן געביין
אַ קאַלב אַרויסגעוואַקסן —
ליגט אַ פּויערל און אויקעט.
אָנגעשטאָפּט מיט שניי זײַן ליולקע
שטעקט זי פֿון די ציין
ווי אַ ליידן־אָפּציער,
און ס׳וואָלט דאָס פּויערל ניט אָפּגעגעבן
די ליולקע — גאָט אַליין.

דאָקטאָר אַטלאַס וויל אים ניט פֿאַרטונקלען
דעם גענוס.
דערנעבן שטייט ער אויף אַ קני,
און ס׳קיניגט אויפֿן צווייטן
דעם פּויערלס אַ פֿוילגדיקער פֿוס.

* נאָמען פֿון אַ טײַך אין ווײַסרוסלאַנד

דאָס האַלבע גלעזל פֿון דעם דאָקטאָרס ברילן
בלישטשעט ווי אַן אײַזצאַפּן אין זונפֿאַרגאַנג.
דער פֿוס,
אײַנגעשמידט אין שטיוול מיט דער מזלדיקער פּאָדקעווע
קאָן זיך מיטן שטיוול ניט צעשיידן.

— קאָמאַנדיר,
ס׳וועט באַלד געשען,
מיר זענען צ ע ן
און זיי...

ער לאָזט ניט ריידן:
— מוליע, וואַש די זעג מיט שניי
און הייס די יונגעץ צוגרייטן די סוסים.

עס פֿלאַקערן די ליפּיטשאַנער וועלדער,
וויי, וויי.
דאָס פויערל בײַסט גרימיקער זײַן ליולקע,
וויי, וויי.
און דאָקטאָר אַטלאַס אָטעמט אָפּ
און זעגט אַראָפּ
דעם פֿוס אים.

צען פֿערד אין גאַלאָפּ.
דאָקטאָר אַטלאַס — פֿאָרויס
מיטן פויער צוזאַמען —
אַ וואַרע!

און ס׳קלינגען די פּאָדקעווע־זונען
זינג־זאַנג,
איבער דעם אײַזיקן גאַנג
פֿון דער שטשאַרע.

— "הונגעריקע! לאָמיר קלײַבן
שוואַרצע יאַגדעס אין דער נאַכט".
ס'איז אַן אײַנפֿאַל צו פֿאַרשרײַבן:
שוואַרצע יאַגדעס אין דער נאַכט?

פֿינצטער. בלויז די געלע סאָווע
שפּילט אין קאָרטן מיט דער נאַכט.
אין די וועלדער די יאָדלאָווע —
שוואַרצע יאַגדעס ווי די נאַכט.

אײַנגעבויגענע אין דרײַען
צו די יאַגדעס פֿון דער נאַכט,
גייט אַ מחנה מיט פּלי־זיין
קלײַבן יאַגדעס אין דער נאַכט.

מענטשן, אײַנגעווווינט צו ט י י ט ן —
קנײען פֿאַר אַ גראָז בײַ נאַכט.
ווײַל עס צויבערן ווי פֿלייטן
שוואַרצע יאַגדעס אין דער נאַכט.
און די גליווערעם באַגלייטן,
און די געלע סאָווע — לאַכט.

זאָל דוכטן ס׳איז דעמאָלט. אַלץ איינס ווער די דאַזיקע
אָנצײַטיקע צײַט אין געדאַנק ניט פֿאַרגיין מער.
זאָל דוכטן ס׳איז דעמאָלט. אין שנײַדיקע, גראַזיקע,
געשליפֿענע זומפּן, — עס טרינקען זיך ביימער.

אַ נאַקעטער ליג איך אין זומפּ אַ פֿאַרזונקענער —
אַ פֿליישענער גלאָק, וואָס אים חלומט זיך פֿליגל.
דערנעבן — אַ מיידל. אין אָוונט די זון קען נאָר
אַ גאָלדיק טאָן עפּעס אַזוינס אין אַ שפּיגל.

— הער אויס, מײַן געטרײַע, ווי לאַנג מיר׳ן צערטלען זיך
וועט בלינד זײַן דער שׂונא, ניט קאָנען אונדז פֿאַנגען.
זײַן גיפֿטיקע שׂינאה אַליין וועט צעפֿערטלען זיך,
און מיר וועלן איינער דעם צווייטן באַלאַנגען.

כ׳דערקען דיך ניט ליבסטע... מיט אײַז נעמען גלימצערן
די זומפּן, ס׳איז קאַלט, לאָז באַקושן די פֿיס דיר.
דו צאַנקסט פֿיאָלעט מיט אַ שמייכל פֿון גרימצאָרן,
עס לויפֿן אַוועק דײַנע ליפּן, וואָס איז דיר?

דו הונגערסט מעת־לעתן! באַדאַרף מען דיך זעטיקן:
מײַן האַנט, אָט דאָס רויע שטיק פֿלייש, — טו זי עסן!
וועל צערטלען מיט איינער. דו זע ניט פֿאַרשפּעטיקן.
געשמאַק? האָב מײַן אייגענעם טעם שוין פֿאַרגעסן.

דו וויינסט? צי באַליידיקט, ניט שוין זשע, דיך אומגערן?
לאָז מעסטן דײַן חבֿר די טיפֿקייט פֿון ליידן!
ווען זינגעוודיק זעטיקן ס׳פֿלייש וועט דײַן הונגערן —
בלויז דענצמאָל וועסט קאָנען די מאָס מיר באַשיידן.

— ניט אָנרירן וועל איך דײַן פֿלייש — נעמט זי פּיבערן,
צי ביסטו בײַם זינען? שוין צערטל מיך בעסער...
און פּלוצעם: אַן אָקס האָט באַוויזן זיך איבערן
באַצויגענעם זומפּ, דעם געשמידטן געוועסער.

אַן אָקס אין געלאַטעטן קאַרשנרויט, גאָט מײַנער!
עס ברענען די הערנער מיט גאָלד פֿון שטורקאַצן.
פֿון קרײַטעכצער־פּענטעס דערלאַנגט זיך דער טראָט מײַנער
אַ יאָג, אַז דער בלומען־קרישטאָל נעמט צעפּלאַצן.

פֿון וואַנען אַן אײַזן אין פֿויסט בײַ מיר צוגעגליט?
ס'פֿאַרהונגערטע אײַזן אים טרעפֿט אין אַ האָרן!
דער אָקס אַ געפּלעפּטער, אָן לשון, משוגע גליט.
דאָס אײַזן אין פֿויסט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן.

זײַן צונג, ווי די מיידלשע ברוסט אַזאַ ראָזיקע,
נעמט לעקן די טראָפּנס גערונען פֿון האָרן.
פֿאַרמענטשטע די אויגן! פֿון וואַנען די דאָזיקע?
דאָס אײַזן אין פֿויסט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן.

די מענטשלעכע אויגן בײַם אָקס ווערן אָפֿענער,
און איך אין די אויגענעס — קליין ווי אַ יאַגדע.
אַ גרינער זיגזאַג ווי פֿון בליץ אַן אַנטלאָפֿענער
צעזעגט מיר דעם שאַרבן. אָ, גרינער זיגזאַג דאָ!

מיט שטומקייט ווי זונפֿאַרגאַנג רעוועט ער שווײַגנדיק
צום טאַקט פֿון מײַן פּנימס באַוואָלקנטע פּחדים.
אַ שטומקייט, צום עלנט פֿון מענטשן דערשטײַגנדיק:
— אויף וועמען פֿאַרמעסטו דײַן אײַזן, בן־אָדם?

ווי דו — איך באַהאַלט זיך אין זומפּ אין דעם יעניקן,
באַהאַלט זיך פֿון זעלביקן שׂונא שווין וואָכן...
אַנטרונען קוים־קוים פֿון מײַן דערפֿל דעם ברעניקן,
הלמאַי האָסטו, גזלן, מײַן האָרן צעבראָכן?

און איידער וואָס־ווען — אין אַ ווילדער פֿאַרביטערניש
(און אפֿשר אויס ליבשאַפֿט) דער אָקס — אין געלאַפֿן
אַנטקעגן דער מיידל, וואָס פֿינקלט אין ציטערניש,
די מיידל וואָס קאָן אויך די שטערן פֿאַרשקלאַפֿן —

דערלאַנגט זי אַ הייב אויפֿן איינציקן בלענדיקן
געצונדענעם האָרן און — ביידע ניטאָ מער.
פֿאַרשווינדן אין פּורפּורנעם וואַלד אין אומענדיקן.
דער זונפֿאַרגאַנג טאַנצט אויף די זומפּן אַ לאָמער.

1950־1948

דער שניימענטש

קומט אין זומער־היישעריק אַ חלום — —
אינעווייניק מאַנט אַ שניימענטש: העלף.
און איך זע: די שויבן פֿון מײַן חלום
ווערן וועלדער ווו עס וואָיען וועלף.

— ליבער גאַסט, איך ווייס, דו ביסט ניט יענער
שניימענטש פֿון מײַן קינדהייט, ביסט ניט ער,
לאָמיר קוקן אויג אין אויג ווי מענער:
זאָג דײַן נאָמען, וואָס איז דײַן באַגער?

בלאַנדזשענדיקע אָפּקלאַנגען פֿון היילן.
זײַנע ליפּן שלאָגן מיט אַ קעלט.
— שולדיק, שולדיק — הייבט ער אָן דערציילן —
אין אַ שניימענטש האָב איך זיך פֿאַרשטעלט!

דעמאָלט, ווען מײַן גאַנצענע פֿאַמיליע
האָט מען אָפּגעקאָסט פֿון דער וועלט,
אויך מײַן גאָלדן מיידעלע, מײַן ליליע —
האָב איך אין אַ שניימענטש זיך פֿאַרשטעלט!

מײַנע גלידער זענען לאַנג ניט מײַנע,
בלויז די פּיס די מידע זענען יאָ.
גייען זיי... און האָבן ניט קיין טענה,
וואָס דער חוץ־השדרה איז אַ קראָ.

ס׳ענטפֿערט ניט מײַן גאַסט. ער איז אַ שטומער.
כ׳וויל ניט זײַן אַ שניימענטש אָן אַ שטאָם!
נאָר צעשמעלצן קאָן מיך ניט קיין זומער,
זאָג, ווו נעמט מען גיהנומדיקן פֿלאַם?

1956

נײַנטע סימפֿאָניע

— ס׳נעמט אָנטייל אַ שטורמישער ים אין קאָנצערט...
— עס וויינען די פֿידלען מיט קלאַנגען צעגליטע...

נאָר איך האָב אין כוואַליקע פֿידלען דערהערט
אַ שטים פֿון דער ליטע:
— ייִדן שטייט אויף צו דער שחיטה.

אַ פֿרוי... אירע אויגן — צוויי קינדער אין גרוב,
צעהוידעט אַ געסל און פּויקט מיט דער דלאָניע,
בײַם שפּראָץ פֿון דער זון, אין אַ קעלער, אַ שטוב,
(איך זע איר געשטאַלט אין דער נײַנטער סימפֿאָניע):
— דער הימל האָט מער ניט קיין שליטה,
ייִדן, שטייט אויף צו דער שחיטה.

זאָל זײַן אַז משיח אַליין איז דאָס קול.
זיי ווילן ניט אויפֿשטיין. — דערבאַרעם זיך, ניטע!
עס פֿאַלן די פֿידלען און ס׳פֿאַלט מיט אַ מאָל
דער הימל, וואָס האָט ניט קיין שליטה.
פֿאַרברענט איז די צונג, נאָר געבליבן אַ קול,
אַ שטים פֿון דער ליטע. — —

1956

געוויין פֿון שטיינער

די שטיינער אין מײַן אַלטער שטאָט
וויינען אין די נעכט ווי קינדער:
— וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?
אָ, שעם זיך דו פֿאַרשווינדער!
אַ שטיין איז עלנט ווי אַ שטיין,
וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?

צי זענען מיר דען שולדיק אויב
צעפֿאַלן איז דײַן שטוב אין שטויב?
מיר האָבן ניט קיין פֿיס און ניט קיין פֿליגל.
וואָס האָסטו אונדז געלאָזט אַליין?
אַ שטיין איז עלנט ווי אַ שטיין.
מיר האָבן ניט קיין פֿיס און ניט קיין פֿליגל.

1956

ווילנע

נײַן, איך דאַרף זיך ניט דערמאָנען, דו אַליין ביסט מײַן זכּרון,
בין אַ זונזייגער אין מידבר און מײַן שאָטן איז דער ווײַזער.
ס׳גאַנצע לעבן וועט ער קרײַזן אַרום זונזייגער דעם דאָרן,
און באַווייַנען דײַנע יאָרן און באַוווינען דײַנע הײַזער.

אומגעזען, ווי ס׳האַרץ, נאָר וואַכיק, תּמיד קלינגט אַ גלאָק — דײַן **נאָמען:**
וויל — נע! וויל — נע! און די קלאַנגען, אין באַגלייטנדיקער גאַמ**ע**,
זענען גאַסן און חבֿרים, זענען פּנימער און תּהומען.
צווישן תּהומען און פֿאַנטאָמען קלינגט אַ פּײַכטער נאָמען: מאַמע.

אוי, ווען איך וואָלט קאָנען ברענגען אויף די אַקסלען איר געביין **דאָ!**
אײַנגעפּאַסט איך וואָלט עס דעמאָלט ווי אַ דימענט אין הר־ציון,
און פֿאַרשריבן אָט די שורות אויף איר טרייסטנדיקן שטיין דאָ...
פֿאַרן מאַמע־טעמפּל, באָרוועס, מיט מײַן קינד געקומען קנײַען.

1957

צום טויט פֿון מײַן רעטערין

דעם אנדענק פון יאַגאָוואַ באַרטאָשעוויטש

אויב ניט דו, מײַן רעטערין,
וואָלט איך דאָך קיין מאָל, קיין מאָל
ניט געזען ירושלים.
ס׳וואָלטן מײַנע לידער,
אונטער שניי, ווי זכריהס בלוט, געשריִען צו די שטערן
און די שטערן וואָלטן ניט דערהערט.
(זיי זענען אויכעט
ייִדישע געווען אין גרינע שויבן פֿון מײַן שטאָט,
און זיי פֿוילן איצטער אָן מצבֿות).

אויב ניט דו, מײַן רעטערין,
וואָלט איך געמוזט אַליין
איבערשנײַדן זיך דאָס לעבן, וואָס איז פֿול מיט לעבנס;
און עס וואָלט מײַן דרעמלענדיקע מיידעלע, מײַן טרייסט,
ניט געפֿרעגט דעם טאַטן אַזאַ וווּנדערלעכע שאלה:
„וויפֿל יאָר בין איך געווען איידער כ׳בין געבוירן?"

אַצינד איז רעגנצײַט,
און ביזן האַלדז בין איך אין בערג —
מיט קוואַלנהענט אָן מיר זיך אָנגעהאַנגען,
אַריבערטראָגן זאָל איך זיי די תּהומען.
און זע: אָט קומט אַ וואָלקן און אַ קעלער אינעם וואָלקן,
און דו, אין אַ פֿאַטשיילע, ווי אַ לאַנקע צווישן תּליות,
געבויגן איבער מיר, דעם בערגל וווּנדן.

מײַן רעטערין, ביסט אויסגערעגנט אין ירושלים.
אַ רעגן־בויגן האָט פֿאַר דײַן נשמה זיך געצונדן.

מיניאַטור

קומען וועל איך אויף די קני,
קומען וועל איך אויף די הענט.
קומען וועל איך אויף די טרערן,
וווּ דײַן טעמפּל איז פֿאַרברענט.

כ׳וועל דיר ברענגען זיך אַליין,
ווי אַ האַנט פֿון זיך אַליין.
מיניאַטור וועט זײַן דער טעמפּל,
אויסגעשניצט פֿון מײַן געביין.

וואַלדיקס. מאַמע. מאַמע־שטאָט!
ס׳וועלן ציִען זיך מיט רעש
צו מײַן ביינערדיקן טעמפּל
גרינע פֿנימער פֿון אַש.

גראָ

זיי ווערן גראָ, די געטאָ־פּאַרטיזאַנען,
זיי ווערן גראָ, ווי שטערן אין באַגינען.
און איבער יונגן מאַרמאָר
פֿאַלט אַ מידע זייער גראָקייט
מיט אָפּשײַן פֿון רויִנען.

און גראָע אויגן שווימען צו אַ שטאָט,
ווו בלויז אַ דענקמאָל איז געבליבן,
בלויז אַ וווּנד אין הימל.

וויי,
בײַם דענקמאָל וויקלען זיך ווי שלאַנגען
רויטע קרענץ,
פֿון מערדער באַרעמהערציקע, פֿון דײַטשן,
וואָס קומען איצט מטמא זײַן די שטיינער.

און ס'דאַכט:
עס גיבן שטיינער זיך אַן עפֿן.
איבער וואַרשע גיט אַ זאַלפּ: בקמה!
פֿון יענע ייִנגלעך אין די באַרעליעפֿן.

צײַט

פֿאַר יעקב גלאַטשטיין צו זײַן זעכציקסטן געבוירן־טאָג

דעמאָלט, ווען מײַן באָבעלע,
אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק,
אַזאַ נאָבעלע,
האָט מיך צום געבוירן־טאָג
באַשאָנקען מיט אַ זייגער —
דעמאָלט איז מײַן צײַט געגאַנגען
אין דעם זעלבן שטייגער.

ס'איז געווען אַ וואַנטזייגער, וואָס שטאַמט פֿון דער לבֿנה...
ימען טינט איז ווייניק צו באַשרײַבן זײַן פֿאַסאָן.
זי האָט אים געראַטעוועט
(אויב ס'דינט איר דער זכּרון)
כּלה־צײַט, פֿון אַ פּאַזשאַר בײַם זיידן אין סמאָרגאָן —
יענע שטאָט, ווו אין אַ לאָרבערקראַנץ
איך בין געבאָרן.

ער איז געווען אַ קאַליקע
מיט קרומע פֿיס פֿון בלײַ;
אויף דינע קייטן גאַליקע,
וואָס באַמבלען זיך דערבײַ.

אַ שניימענטש, אַן אַנדרוגינוס,
פֿון רויטן האָלץ און שטאָל.
מיט ברענענדיקע אויגענעס,
ווי שטערן צוועלף אין צאָל.

איך האָב מײַן גאַסט מײַן טײַערן
באַשטימט אַן אויבן־אָן:
— איך וועל דיך פּוצן, שײַערן
און דאָ וועט זײַן דײַן טראָן.

און כאָטש ער האָט געשניטן,
האָט ער דעמאָלט ניט פֿאַרשניטן
מײַן צײַט.
זי איז געווען אין גאַנצן מײַנע.
און אַז מײַן באָבען האָט פֿאַרגלוסט זיך דווקא
אַנצוקלאַפּן מיטן בלאָען שירעם
אין גן־עדן —
האָט דער זייגער ניט דערלאָזט מיר זאָלן זיך צעשיידן.
געוואָרן איז די באָבעלע אַ היימישע קוקאַווקע
און יעדער שעה אַרויסגעשפּרונגען פֿון איר קבֿר:
— קו־קו!
דײַנע איז די צײַט, אוי דײַנע, דײַנע:
— קו־קו!

אַצינד, ווען יענער זייגער איז פֿאַרברענט,
איז אויך מײַן צײַט ווי אָפּגעברענטער קאָרן.
און בלויז דער בלינדער קו־קו זוכט אַ נעסט אין מײַן זכּרון.

1956

בײַם לייענען שעקספּיר

„ס'איז די קללה פֿון דער צײַט, ווען בלינדע
לאָזן פֿירן זיך פֿון משוגעים".
שורות הײַנטיקע פֿון קעניג ליר,
שורות גרויליקע פֿון מיר צו דיר.
ניטאָ פֿאַר זיי קיין נאָנט און ווײַט,
ווהין דו זאָלסט אַנטרינען —
דער עכאָ: „ס'איז די קללה פֿון דער צײַט"
וועט דיך געפֿינען.

— און אויסער צײַט?

— איז ביטערער... אין יענע טויבע שלעסער
טוט ניט וויי דער טיפֿער שניט פֿון מעסער.
מע קאָן אַפֿילו ניט אַראָפּ פֿון זינען.

זילבערנער פּעניקס

פאר לייב ראכמאן

פֿאַרהאַק ניט דעם טויער, לאָז לעבן די ווונדן.
געפֿין אַזאַ קאָרענעם קלאַנג זיי צו זעטיקן.
דאָס איז דײַן ירושה. דאָס זענען די בונדן.
און ווײ, אַז דו ווערסט בלויז אַ רגע פֿאַרשפּעטיקן.

אַן איינציקער פּאַרמעט — אַ זילבערנער פּעניקס,
אַרויסגעפּיקט האָט זיך ניט לאַנג פֿון די שײַטערן.
דאָס איז דײַן ירושה. דעם אייביקן קעניגס
באַהאַלטענער פּסוק אויף דעם, וועט דיך לײַטערן.

רעמבראַנדט

אין אַמסטערדאַם, אין נײַנצן פֿערציק זיבן,
געזען האָב איך "די נאַכטוואַך" פֿון רעמבראַנדט.
ווען מ'האָט זיך שוין פֿאַרגונען לעבן, ליבן,
האָט אויפֿגעזיגלט אַ באַפֿרײַטע האַנט

ס'געמעל פֿון דר'ערד. זי האָט עס דאָרט באַהאַלטן
פֿון דיקן טויטמאַרשאַל און זײַן אַרמיי;
און ס'האָט דאָס בילד, פֿון ליגן אונטער שניי,
אַרויסאַנטפּלעקט פֿאַרהוילענע געשטאַלטן.

ווי לאַטאָסבלעטער וויקלען זיך די פֿאַרבן...
געשטאַלטן, וואָס די צײַט האָט זיי פֿאַרמאָלט —
זיי לעבן ווידער. פּנימער אין קאַרבן.
פֿון הינטער שפּיזן, אין צעגליטן גאָלד.

וואָס פּײַניקט מיך דײַן אַלטער לײַוונט, מײַסטער,
אַצינד אין זיבן יאָר אַרום, אַצינד?
אַנטפּלעקן זיך אויף ס'נײַ אין מיר די גײַסטער
פֿאַרהוילן אין זכּרון, אין דער בלינד?

ווער וויקלט אים פֿונאַנדער, דעם זכּרון,
צעקאָרטשעט ווי אַ שפּיגל אין אַ פֿלאַם?
ווער האָט אין דר'ערד באַהאַלטן מײַנע יאָרן,
זיי אויפֿגעזיגלט מיט אַ וואָרט און גראַם?

ווי לאַטאָסבלעטער וויקלען זיך די פֿאַרבן...
געשטאַלטן, וואָס די צײַט האָט זיי פֿאַרמאָלט —
זיי לעבן ווידער. פּנימער אין קאַרבן.
פֿון הינטער שפּיזן, אין צעגליטן גאָלד.

1954

רויכן פֿון ייִדישע קינדער

א

פֿון זינט עס האָט דער האַר, פֿון אייגן־ברענענדיקן שאָטן,
דעם פֿײַער־וואָגן מיט די וווּנדער־סוסים אויסגעקנאָטן
בײַ זיך אין קוזניע, און פֿאַרטרויט זײַן ווילן צו די סוסים,
דער נבֿיא זאָל אין הימל ברענגען פֿון דער ערד אַ גרוס אים —
און אליהו איז פֿאַרבײַ דעם סיריוס, דעם יופּיטער,
צו זײַן דער סאַמע נאָנטסטער שטערן לעבן דעם געביטער —
פֿון דעמאָלט האָט דער פֿײַער־וואָגן שוין געמוזט אין זעלבן
צעשפּילטן ריטעם אויסמעסטן די שטערנישע געוועלבן.
געלאָזן האָט ער אליהון ערגעץ אין אַ סאַליע,
צוזאַמען מיט זײַן צײַט — אַ כוואַליע וואָס געבוירט אַ כוואַליע.
און צווישןביידן איז דער מילכוועג שוין אַצינד אַ גדר,
און וועלטן דרייען זיך ווי שלאַנגען רונד אַרום די רעדער.
ווײַט־ווײַט איז שוין דער פֿײַער־וואָגן, ווײַט פֿון בליצן, שלאַקסן,
איז דאָ אַ כּוח וואָס זאָל קאָנען אײַנהאַלטן די אַקסן?

און פּלוצעם האָט אַ ברומעניש מיט אָפּקלאַנג פֿון יללות
אַ קנייטש געטאָן דעם חלל, ווי עס וואָלטן די מזלות
געוואָרן לייבן — — ווי מלאָכים וואָלטן זיצן שיבֿעה — — —
אַ ווײַסע האַנט האָט אָנגעכאַפּט די סוסים בײַ דער גריווע:
— צום קעניגרײַך פֿון אַשמדאי, דעם צינדער און דעם שינדער,
און ברענג דעם טאַטן זײַנע ליבע קינדער!

ב

באַשלאָגן האָט אַן איַיז די גלידער
ביַים דימענטענעם רכבֿ־אֵש,
ווען ער האָט זיך געלאָזן ווידער
צום קעניגרײַך פֿון בלוט און פֿלייש.

געצויגן האָט אים אַ זאַווייע —
אַ צוגעקלעפּטער שטויב צום אַקס.
די קייטן פֿון דער קאַסיאָפּייע
צעפּיצלט ער ווי דינעם פֿלאַקס.

און אָט איז שוין דער שטויב אַצינדער
די אַלט־באַקאַנטע גרינע קויל.
דער פֿײַער־וואָגן זוכט די קינדער,
ווו זענען זיי? ניטאָ קיין מויל.

ג

בלויז רויכן, רויכן, שוועבעדיקע רויכן,
די טויטע קינדער — לעבעדיקע רויכן.

זיי רופֿן: מאַמע, מאַמע! פֿון די רויכן,
די גאַנצע פּאַנאָראַמע איז אין רויכן.

די ליאַלקעס און די בייגל זענען רויכן.
און איבער זיי די פֿייגל זענען רויכן.

די טויטע קינדער הילן זיך אין רויכן,
די טויטע קינדער שפּילן זיך אין רויכן.

ד

דער פֿײַער־וואָגן האָט דערפֿילט: ער איז פֿון זעלבן שטאָף,
און זײַנע רעדער — וואַקלענדיקע, לאָמע.
ער וועט ניט ברענגען די פֿאַרשעמטע רויכן צום אין־סוף,
און דאָס וועט זײַן פֿאַר אַלע טויטע קינדער די נקמה.

נאָך גוט וואָס אליהו איז דאָ ניט מיט אים באַנאַנד,
אָ, גוט וואָס ער איז אויבן אין דער סאַליע.
און דיבאָם שטעלן זיך די סוסים קעגן תהום, בײַם ראַנד,
באַשטימט אין זײַנע שלונדן צו דערלאַנגען זיך אַ וואַליע.

נאָר באַלד האָט אים די זעלבע ווײַסע האַנט געטאָן אַ צי
מיט בלענדיקע מאַגנעטישע געוועבן:
— דו זאַמל אײַן די רויכן אין דײַן לײדיקײט און פֿלי,
אַזוי ווי כ׳לעב, די טויטע קינדער מײַנע וועלן לעבן!

ה

און מיר, אין אויסגעבענקטן לאַנד, ווי דענקמעלער פֿון אײַזן,
באַשטענדיק וואַרטן מיר און בענקען, דאָ זאָל זיך באַווײַזן
דער אָדלערדיקער פֿײַער־וואָגן זעגנדיק דעם נעפּל,
מיט קינדער, קינדער, ניט קיין רויכן, זוניקע ווי עפּל.
און אליהו, ער אַליין, זאָל זײַן מיט זיי צוזאַמען,
צו אָנווײַזן די קלײנע זײער טאַטן, זײער מאַמען.
און ער אַליין זאָל אויפֿהויבן אַ כּוסע, מאַכן קידוש,
און פֿונעם פֿײַער־וואָגן זאָל ער בענטשן זיי אין ייִדיש — —

1957

באַלאַדע פֿון יונג־ווילנע

צעשפּליטערט איינער פֿון דעם צווייטן — זע איך ווי איר שפּאַנט
צו היילן די רויִנען צווישן פֿעלדזן פֿון יהודה.
אָ, ברידער לעצט־געבליבענע, איר פֿינגער אָן אַ האַנט,
און די וואָס זענען אַש אין ווינט — קומט אַלע צו מײַן סעודה.

מיר האָבן אויפֿגעבליט אין קלאַנגען איבער אונדזער היים
באַגלײַך מיט די בעריאָזקעס איבער טויערן, געזימסן;
און אונדזער חלום האָט געחלומט בימים ההם
פֿון אויסגעלייזטער וועלט אין לויטער גרינגסן.

איז ענג דער ברונעם ווען די שטערן טרינקען זײַן אין־סוף?
מיר האָבן זיך געצויגן צו די שטערן דײַנע, ווילנע!
אויך ווען מיט אונדזער בלוט זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם סוף —
געווען מיר זענען העזהדיק און יונג און ׳שטשעפּעטילנע׳!

אַצינד איז ענגער אונדז די וועלט אין עלנטן געביין,
ווי ס׳גאון־געסל מיטן שטויב און קאָפּטשענדיקן לעמפּל.
אָ, ברידער לעצט־געבליבענע, אַליין, אַליין, אַליין,
צוזאַמען מיט די טויטע קומט איר איצטער צו מײַן טעמפּל.

ס׳קומט לייזער וואָלף מיט גרינע לידער, קומט פֿון גלותטאַן,
אָן אויפֿגעצוקטער פֿון זײַן אייגן זינגענדיקן פֿײַער.
דאָס ווילנע־קינד, וואָס איז אַוועק אין שניי פֿון דזשינגיס־כאַן...
אין אויג — אַ ווילדע רויז, אין מויל — אַ בלײַער.

און ס׳קומט דער שוסטער משה־איצקע, ווי באַפּאַלעאָן,
האָט אויסגעשטעפּט מיט רויטע פֿעדעם זײַנע משוגעתן;
— דער טויט איז ניט פֿאַר מיר — האָט ער געזאָגט — און איינער קאָן
זיך דורכרײַסן, יע, יע, מע זאָל ניט שפּאַסן!

און שמשון, וואָס אַ פּאָדקעווע פֿון גאָלד האָט דער עסטעט
געשמידט פֿאַר זײַן ציגײַנער־פֿערד און ווי אַ זאַנג אַ דינער
געטראָגן זיך אויף אים צו יעדן טאַנץ און קאַבאַרעט,
ביז אָפּגעשימערט האָט זײַן קאָפּ אין האַק פֿון אַ ליטווינער.

און ער, מײַן געטאָ־ברודער... ס'האָט אַ מלאך אים באַהיט
אין מתים־טאָל. ער האָט דעם טאָל באַהאַנגען מיט גירלאַנדן!
געווען איז היימיש עפּלווײַן בײַ שמערקען דאָס געמיט —
צוזאַמען מיטן טויטן מלאך קומט ער פֿון די אַנדן.

ס'באַגלייט זיי וואָגלער פֿון פּאַריז — אַ בלײַענדיקע צווײַג,
און פּרצקע, וואָס קלאָגט זײַן ווילנע־קדיש אין קאַנאַדע;
און ווי אַ לייב אַרויסגעריסן פֿון זײַן אַלטער שטײַג,
נאָר אײַנגעשטאָכן איז די שטײַג אין אים — קומט חיים גראַדע.

און ווילנע קומט, און די ווילִיע, מיטן זעלבן שטעג,
זי שטעלט אַרײַן איר בלויקייט אין די אויסגעפּיקטע שויבן.
און ווידער שליסן מיר אַ בונד ווי אין די יונגע טעג,
און ווידער הייבן מיר די כּוסות מיט באַנײַטן גלויבן.

1956

די קוימען־קערער

פאַר מאַקס ווײַנרייך

איבער קאָסע דעכער, וואָס די שטערן קוים זיי האַלטן,
איבער קאָסע דעכער מיט באַהאַנגענע חלפֿים,
קלעטערן בײַ נאַכט און פֿאַרבן שוואַרץ דעם שניי — געשטאַלטן:
קליינע קוימען־קערער, ווי זעקספֿליגלדיקע שׂרפֿים.

פֿראָסט מיט גרינע שוועבלאויגן טאַטויִרט זײַן זמר
שפּינוועבסדיק אין די אַנטבלויזטע יאַטלעך. צו אַ רימען
צוגעבונדן איז אויף יעדער פּלייצקעלע אַן עמער,
מיט אַ דימענט אונטער סאַזשע, מ׳זאָל ניט זען קיין סימן.

איבער מײַן זכּרון מיט באַהאַנגענע חלפֿים,
איבער מײַן זכּרון, ווו אַ שניי פֿאַרשיט די קראָען, —
קליינע קוימען־קערער, ווי זעקספֿליגלדיקע שׂרפֿים,
ראַטעווען די זויגלינגען אין שטאָט פֿון ווילנער גאון.

ווײַ! אַ רעטער גליטשט זיך אויס... אָט פֿאַלט אַ זויגלינג... דעמאָלט
אײַלן רחמימדיקע הענט, און גאָט אַליין דער גוטער
כאַפּט אין זיי אַ בלאָען דימענט־מענטשעלע, וואָס פֿלעמלט,
און ער טוליעט אים אויף אייביק אין זײַן ווייכן פֿוטער.

1959

אַ ווינטערנאַכט

אָפּגעזונדערט, אָן אַ זײַט פֿון אַלע אירע שוועסטער,
בלאָזט־אַרויס אַ ווינטערנאַכט אַ וואָלפֿישן אָרקעסטער:

פֿיאָלעטע קראָפּעווע — דער שנײ וואָס האַלט אין סמאַליען,
מיט אַ פּנים פֿון אַ תּליה גאַלאָפּירט מײַן תּלין.

אונטער שנײ — אַ מינעןפֿעלד. קוים וועסלע־איך־אַריבער —
דעמאָלט וועט באַפּאַנצערן אַ יאָדלעוואַלד, אַ גיבור.

וועלף מיט אָפּגעפֿליקטע לאַפּעס, וואָיענדיקע ווידויס.
ערגעץ גוססט, אָן אַ מויל, אַ מענטשן־קול ביחידות.

„פֿוסטריט מײַנע, זאָג איך, אַז איר ווייסט ניט ווו עס ליגן
אונטער שנײ די מינעס — וועל איך מאָלן אײַך אַ ניגון.

שפּאַנען זאָלט איר אין זײַן סימן, פֿינקטלעך אויף אַ קאָמע,
ס'זאָל ניט הייסן: צוליב פֿיס פֿאַרשפּילט מען די נשמה...“

ביזן וואַלד געשליפֿן האָט דער ניגון זײַנע סליאַדן,
און אין זײ — די טאַנצנדיקע פֿוסטריט נע־ונדן.

— — —

אונטער גראָז — אַ לידערפֿעלד. און מיטן זעלבן ניגון
שפּאַן איך צווישן לידער, ווײַל איך ווייס ניט ווו זײ ליגן.

1959

אַ ליד אָן אַ נאָמען

רויטפּיסיק —
ווײַל טויט־לאַנג דו ביסט צו מיר געגאַנגען
צעווישן פֿײַכטע פּאַזשעמקעס,
דורך טונקל־הויכע וועלדער —
געגענסטו אָן אַ פּנים, אָן אַ פּנים...

אַ ברענענדיקער שפּיגל גיסט זיך אויס פֿון מײַן זכּרון.
איך טרינק מײַן אייגן טרערגעטראַנק, וואָס דו האָסט אים באַשאַפֿן.
ס'האָט יעדער קאַפּליע אַ באַזונדער פֿײַערלעכן טעם.
דער יוירנדיקער ווייטיק אויפֿן דנאָ קומט נענטער. נענטער.
איך טרינק מײַן אייגן טרערגעטראַנק און —
בין איך דול צי שיכּור?
ס'געבוירט אָן אויג — אָן אויג;
אַ ליפּ — אַ ליפּ;
גוט מאָרגן, פּנים!
דער קליינער טראָפּן בלוט, מײַן קוש, אַהינטער צײַטנס לאָדן
איז לעבעדיק און טויטלעך־אייגן.
צוגענאָפּלט בין איך
צום זיסן טראָפּן וואַרעמקייט,
מײַן ערשטן מאָרד אין לעבן,
באַגאַנגען בײַ אַ שמאָלן טײַך, בײַם טויער פֿון גן־עדן.

דער טײַך האָט שפּעטער זיך אַליין דערטרונקען.
אַנטרונען איז אַ כוואַליע אַ דערשראָקענע. אַ כוואַליע
אַרויסגעקײַקלט פֿון איר שטרענגן שטראָם. און זי וועט קיין מאָל
ניט עלטער ווערן אין מײַן האַרץ, פֿון אירע זעכצן יאָר.

מײַן לשון איז דײַן שטומקייט, וואָס איך שנײַד פֿונאַנד אין ווערטער.
באַשוואָרענע — איך שיק זיי אָפּ צוריק צו זייער מקור.
און בלויז דער אָדערקלאַפּ אין שלייף, אַז דו האָסט זיי פֿאַרנומען,
באַלוינט מײַן גסיסהדיקע פֿרייד מיט אומטויט.

נאָר אַז די ווערטער קומען ניט צוריק צו זייער מקור —
פֿאַרשווינדסטו אָן אַ פּנים, אָן אַ פּנים.
רויטפּיסיק —
ווײַל טויט־לאַנג דו ביסט צו מיר געגאַנגען
צעווישן פּײַכטע פּאָזשעמקעס,
דורך טונקל־הויכע וועלדער.

און בלויז דײַן קבֿר בין איך אייפּערזיכטיק — —

1961

דער בריוו

האָסטו באַקומען אַ בריוו און געקלערט:
איינהילן קאָן זיך אין אָט־דעם קאָנווערט
עמעץ, וואָס ליגט אונטער שנייען שוין לאַנג,
אונטערן שניי פֿון דײַן ערשטן געזאַנג?

ווו האָט די טויטע גענומען פּאַפּיר?
ניין, ס'איז בעריאָזעווע קאָרע.
אינעם קאָנווערט קומט די טויטע צו דיר
נאָך אַזאַ לאַנגער הזכרה:

זע, איך בין די זעלביקע,
שטענדיק יונג, ווי גראָז.
יוגנט ראָז־געוועלביקע
איז נאָך פֿריש און ראָז.

מײַנע גלידער — איידלשטיין
בענקען נאָך געשליף.
לאָז ניט פֿרעמד אַ מיידל שטיין,
וואָס האָט ליב דיך טיף...

אַלע שוואַרצע דימענטן
שלאָף אין מיר און קלײַב,
און מיט קושן — רימענטן
פּאַסעווע מײַן לײַב.

1958

געבויגן בײַ דער פּיאַנע

איך וויל אַזוי ווייניק, נאָך ווייניקער, קינד,
פֿון אַ האָר וואָס איז גרוי פֿאַר אַ צווייטן,
ווײַל איך בין אַליין און אַלייניקער, קינד,
פֿון אַן אָרון וואָס האָט ניט קיין גוף — צו באַגלייטן.

פֿאַרגאַנגענער טרויער מײַן פֿרייד איז אַצינד
אויף צו קאָרמען צוויי זינגפֿייגל מידע,
זיי זענען פֿאַרגורלטע עדות אַצינד
פֿון אַ לאַנגן, אַ פֿינף־צענדלינג־יאָריקן ווידוי.

1962

געשלאָסענער ציקל

איינס

נאָך גוט וואָס ערד איז קײַלעכדיק: דו קומסט אַהיים. אַניט —
פֿאַר וועמען וואָלטסטו אָנגעסיליעט אויף זכרונס פּאָדעם
אַ שמייכל, צי אַ זונפֿאַרגאַנג באַהאַלטן אין גראַניט?
וווהין וואָלטסטו אַהינגעטאָן דײַן פּערלשנור, בן־אָדם!

אַזוי: איז גרייט אַן אָוונטברויט — אַ טינטער און פּאַפּיר,
און גאָפּל־מעסער אויך — אַ פּען, אַ בלײַער.
אין דײַנע דלד־אָמות האָסטו רעכט צו זײַן שעקספּיר,
אַנשטאָט מיט ווערטער — שפּילן זיך מיט פֿײַער.

צוריק צוויי טויזנט יאָר האָט נאָך געזאָגט אַ קלוגער גריך,
און זאָגן מעגסטו איצט מיט אים צוזאַמען:
— דעם הימל בײַט אַ וואַנדערער, דעם הימל — ניט זײַן איך,
בשעת ער גייט אַוועק פֿון לאַנד און שווימט אַריבער ימען...

צוויי

איך האָב אַ האַלבן טאָג באַטראַכט אַ בעטלער אין באָמביי:
אַ פּנים פֿון אַן איינשטיין, אַ טאַגאָרע.
פֿון זײַנע בליקן פֿאַלט אַ בלויער, יום־טובֿדיקער שניי,
דעריבער איז די גאַס אַ בלויע, קלאָרע.

אַ זונפֿאַרגאַנג שוין אויסגעבעטן בײַ דעם האַר פֿון רו...
איז קויפֿט ער פֿאַרן בעטלערגעלט אין מאַרק אַ בינטל קלײַען
און קאָרמעט־אָן אַ קנ׳יענדיקע, דאַרע, קוואַרע קו
בײַם בודאַ־טעמפּל, עלעהיי — אַ הונגעריקן רעיון.

טאָ וואָס זשע ביסטו טרויעריק בײַם זונפֿאַרגאַנג, פּאָעט?
אַ גוטע האַנט האָט דיר געשאָנקען זילבערלעך געהיימע —
באַנוגן זיך מיט זיי, ווי יענער בעטלער דער אַסקעט,
און קאָרמע־אָן אַ זונפֿאַרגאַנג, אַ בעטלער, אַ בהמה.

דרײַ

די באָרוועסע, מיט רעגנדיקער גיס־קאַן, איז אין סאָד
אַ קראַנקן־שוועסטער פֿאַרן יונגן עפּלבוים. איר צעפּל —
געפֿאַנגען אין אַ רויטער לענטע. ס׳פּנים — גאָלד און יאָד.
זי ברענגט אַ מוסטער פֿאַרן בוים: אַ צווילינגפּאָר פֿון עפּל.

דער מוסטער שלאָגט זיך אָפּ אין יעדער טראָפּן, וואָס איר קאַן
פֿאַרטרויט געצווײַג און שטאַם, און אויך דער וואָרצל כאַפּט אים אויפֿעט.
ס׳דערוואַכט אין דר׳ערד אַ קינסטלער מיט אַ מוסטער, מיט אַ פּלאַן,
און ס׳זאָגט צום עפּלבוים: כּי־טובֿ — דער שאַפֿער און דער שופֿט.

אָ, קראַנקן־שוועסטער, אויב ס׳איז דיר געבליבן אויפֿן דעק
אַ טראָפּן ליבשאַפֿט — בין איך מינער פֿונעם בוים אַ שטייגער ?
ס׳וועט זײַן פֿאַר מיר אַ מוסטער צו געשטאַלטיקן דײַן שרעק,
וועסט לינדערן אַ ווונד אין דער נשמה פֿון מײַן זייגער.

פֿיר

אַ מאָל האָב איך געזאָגט צו טויטע: „כ׳וועל ניט זײַן באַרוט
ביז וואַנען מײַן געזאַנג וועט ניט דערפֿרייען אײַך ביז טרערן".
איז צוגעאָדערט צו אַ ווײַסער פֿינצטערניש מײַן בלוט,
און אירע שטומע ערדבאַזיצער מאָנען ס׳קול: מיר הערן.

פֿון וואָסער פּײַן־דימענסיע מוז איך אויסגלײַען פֿאַר זיי
ערשטמאָליקע סיגנאַלן?
צעאַקערט זענען ליפּן. ווען וועט אויפֿגיין דער פֿאַרזיי
בײַם פֿאַלן?

אַנטפּלעק זיך, מידבר־שטילקייט. גיב אַ וווּנדער־צייכן. גיב
אַ סימן, וווּ עס קוואַלט אַרויס דער אָנהייב פֿון יצירה.
און איך וועל הײַנט פֿאַרשנײַדן מיט די טויטע וואָס כ׳האָב ליב,
אַ בונד פֿון שלום און אַ בונד פֿון שירה.

פינף

אַראָפּגעקוילערט האָט זיך איבער מיר אין מיטן גאַנג
אַן אַשיקע, פֿון שאַרבנס אַ געבויטע פּיראַמידע,
ווו אינעווייניק איז ניטאָ קיין טרויער, קיין פֿאַרלאַנג...
מיך צוגעדעקט מיט ג אַ ר נ י ט אין אַ תהומיקער ירידה.

פֿאַרשאָטן איז מײַן חיהדיקע צײַט מיט מיר באַנאַנד.
אַן אויסגעהאַקטער אַלטער וואַלד — מײַן מענטשלעכער זכרון.
און ערגעץ אין דער גליוועריש בײַם אָפּגרונטיקן ראַנד —
סע שפּילט זיך ווער מיט גוסדיקע שאָטנס — מײַנע יאָרן.

באַר פּלוצעם טיילט זיך אָפּ דער ניט פֿון גאַרניט. ס׳בלײַבט אַ ג אָ ר.
אַ פּענדזל מאָלט מיט גרינעם גאָלד אַן אַנדער פּאַנאָראַמע.
און מחנות אויפֿגעלעבטע שטויבן זינגען אין אַ כאָר:
— דאָ ווױנט דײַן מאַמע — —

זעקס

נקמה איז, מײַן פֿרײַנד, ניט זיס. נקמה איז ניט זיס.
נאָר אַז נקמה בלײַבט אַ וואָרט — איז ביטער.
ס׳פֿאַרמאָגט דאָס וואָרט אַ גאָט, איז טרעט ניט ס׳וואָרט מיט דײַנע פֿיס.
אים אויסלייזן — אַזאַ איז דאָס געבאָט פֿון דײַן געביטער.

אים אויסלייזן. באַפֿרײַען ס׳וואָרט פֿון וואָרט.
אַ שפּאַר טאָן זאָל פֿון אים אין יעדן דור אַ נײַע לאַווע.
אַניט וועט בלײַבן אויך דער בלויער זינגפֿויגל דערמאָרדט,
וואָס מיט אַ קינד באַנאַנד איז ער געפֿאַלן אין קאַנאַווע.

דערצייל דערפֿון דײַן פֿריש־געקאַלכטן טאָג, דײַן טיש, דערצייל
דײַן קינד וואָס לערנט ירמיהו, עמוס:
— נקמה איז ניט זיס. נאָר ס׳לעבט אין וואָרט אַן אַל־
נקמות.

זיבן

אַ בוידעמטאָפּ — פֿאַרסאַזשעט האָט ער קינדווײַז מיר די זון —
פֿאַרדראָטעוועט אין חלום האָט זיך ווידער הײַנט באַוויזן.
מיט זשאַווערדיקן קול, פֿון אַנגעשפּאָלטענעם טשוגון,
געשלײַדערט שפּיזן:

— דו זעסט? ניטאָ דער בוידעם, און דער קאַרשנבוים — אַוועק.
ניטאָ דער טויבנשלאַק, ניטאָ דער לייטער.
געבליבן בלויז אַ בוידעמטאָפּ — אַ קאָנצענטראַט פֿון שרעק,
זײַן עקסעלענץ דער אַשמדאַי צו דיר אַ צוגעקייטער.

אַ פֿײַער גייט אויף באַקס מיט זיך אַליין און ווערט פֿאַרברענט.
עס פּלאַצט די קונסט, ווי אַ פּאַריזער לײַכטזיניקע מאָדע.
נאָר אייביק איז די שרעק — דעם לעבנס לעצטער עלעמענט,
אַחוץ דער שרעק איז אַלצדינג אַן אַגדה.

אַכט

מײַן שכן מיטן געטאָ־הויקער איז אַ פֿילאָסאָף:
— זיי מיינען אַז אַטאָמען רײַסן־אויף דעם שולחן־ערוך.
זיי מיינען אַז אַ מאַלפּע איז אַ שליסל צום אין־סוף,
און אַז מען קען באַשאַפֿן אַ געדאַנק דורך אַש־און־פּאָרעך.

אַ גרעזעלע ווייס מער פֿון זיי די סודות פֿון זײַן גרין,
און איבערשרעקן קען מיך בלויז אין פֿענצטער אַ וואָראָנע.
אַפֿילו אַז דער גולם וועט שוין אָנקומען אַ ה י ן,
און ס׳וועט אַ הונט אַראָפּבילן צו אונדז פֿון דער לבֿנה!

נו, זאָלן זיי באַלאַגערן די צײַט וואָס איז פֿאַרשטעלט,
מיליאָנענווײַז אַ הייב טאָן אירע שײַנענדיקע שטאַבעס.
און זאָלן זיי באַשאַפֿן, די חכמים פֿון דער וועלט,
אין מיטנוואָך — אַ שבת!..

ניַין

פֿאַרזאַמל מיך פֿון אַלע העקן צײַט, פֿון שטאָק און שטיין,
פֿאַרטוליע מיך, ווי אותיות פֿון אַ ברענענדיקן סידור.
פֿאַרזאַמל־מיך־צוזאַמען — איך זאָל קענען זײַן אַליין,
אַליין מיט דיר, און דו — אין מײַנע גלידער.

געפֿין מיך אין אַ קבֿר צווישן יענער־וועלט און דער,
בײַם איבערוועגן, וואָסער וועלט איז בעסער.
געפֿין מיך בײַם נקמה־נעמען פֿאַר אַ האַלבער טרער,
און ווען דו זעסט מיך אָפּקילן אין שניי אַ הייסן מעסער.

געדענק, אַז אויך דער וואָלקן איז פֿאַרזייט מיט מײַן געביין,
און רעגנט מיט מײַן אויפֿגעבליצטן פּנים צו דער נידער.
פֿאַרזאַמל־מיך־צוזאַמען — איך זאָל קענען זײַן אַליין,
אַליין מיט דיר, און דו — אין מײַנע גלידער.

צען

פֿאַראַן אַ דימענטענער יום־טובֿ, אַ באַזונדער חג:
אַ מאָל איז ער אַ שטערן איבער וואַסערן און האַפּנס,
אַ מאָל געפֿינסטו אים אין פֿעלד, אין זאַנגיקן זיגזאַג —
דער יום־טובֿ און די שׂימחה פֿון אַ וואָרט אַ נײַ־באַשאַפֿנס.

און מעג דער יום־טובֿ ליכטיקן אַן איינציקע סעקונד,
אַן אויגנבליץ — וועט נאָך דײַן טויט אַ ברודערוואָרט אים ירשען.
אַזוי האָט אויך געטאָן דער האָר אַ שוועבעלע אַ צונד
אין טונקעלן גן־עדן און באַלויכטן עפּל, קאַרשן.

גן־עדן־וואָרט, אין גיהנום איז דערגאַנגען מיר דײַן טעם.
אַן עדות איז דער מלאך איבער זיפּצנדיקן טויער.
אַרויסגעטריבן האָט ער מיך פֿון „גאָרטן“ מיט זײַן פֿלאַם:
צום דימענטענעם יום־טובֿ — צו דעם וואָרט פֿון כּולו זוהר.

1961

זכר
לגעטאָ

אַן איובֿדיקס

קלעזמער, שפּיל מיר אַן איובֿדיקס
צו מײַן אויסגעברענט ווײַסן געביין,
וואָס צוקט אין דער טונקל מיט גלי־עוודיקס
און אַ פֿאַרמעט צווישן ציין.

די אותיות מורמלען דאָרט קענטיקע,
ס׳באַוויינט זײַן געליבטע — אַ גראַם:
איך לייען מײַן אייגנהענטיקע
צוואה אויף יענער זײַט ים.

1965

אין בלויע העמדער

אין בלויע העמדער — אַנגעטאָן ווי גלעקער ביז די פּיאַטעס,
געבונדן איינער צונעם צווייטן פֿאַר די הענט מיט שטריק —
אַזוי מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פֿון מײַן זכרון,
פֿאַרבײַ דער גרינער בריק,
צעקרימטע, גאַל־געפּלאַצטע כּאַטעס,
צעווישן בלאָנדע ביקסן און זיך צֿלמדיקע גויִים —
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן, יאָרן,
פֿון דולהויז צו דער געטאָ — קראַנקע ייִדן, משוגעים.

אַ שטיוול האָט מיך צווישן זיי אַרײַנגעשטויסן, ווער איך
אַ ביין פֿון זייער ביין. אַ טרוים פֿון זייערע געהירן.
און גוט איז מיר אַצינד. גוט־מאָרגן. אשרי תמימי דרך.
בין אָנגעטאָן אין זעלבן בלויען העמד. און אויף די הענט —
אַ שטריק, זי וועט אונדז אַלעמען שוין פֿירן
צו נײַע טויערן, צו נײַע ווענט.

אַזאַ צונויפֿגעטוליעטקייט מיט ייִדן איז אַ זכיה.
האָב קיין מאָל ניט געפֿילט אַזוי די ייִדנפֿרייד אין צער.
סוף־זומערדיקער בלוי. און אויך משיח אונדזער האָר
מאַרשירט אין זעלבן העמד וואָס אַלע, בלוי ווי די ווילִיע.

ס׳איז יעדנס קאָפּ אַן אָפּגעגאָלטער, גאָלער,
נאָר ס׳פּנים — אַ פּאַליטרע נאָך אַ ווילדן, טויטן מאָלער.
נאָך אָטעמען פֿאַרטריקנטע, ניט־אויסגענוצטע פֿאַרבן,
אַ שאָטן פֿון אַ פּענדזל טאַנצט אַרום אויף זייער שאַרבן.

אַזוי מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פֿון מײַן זכרון,
פֿון דולהויז צו דער געטאָ — משוגעים, אין אַ פֿרעמדער

יענוועלטיקייט, אין לאַנגע, בלויע העמדער,
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן, יאָרן.

און דאַנקען דאַנק איך הײַנט ווי דעמאָלט פֿאַרן זכות און כּבֿוד
צו זײַן מיט די געפּאַלנסטע געבונדן און געקאָוועט,
מאַרשירן אויפֿן ברוק מיט זיי צו געטאָ און צו שײַטער,
אַבי וואָס ווײַטער,
אַבי צו זײַן וואָס ווײַטער
פֿון דײַטשן.

1966

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגעסענעם.
איך קאָן אים
אַפֿילו ניט געדענקען: מיט אַ טלית אויפֿן פּנים —
אַ גוסס אַ צעטראָטענער אויף ברוקשטיין פֿון סטראַשון־גאַס.
ביז וואַנען פֿון לבֿנה־גאַס ווערט אומזיניק אַ זונגאַס.

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגעסענעם.
און וויפֿל
באַשערט איז מיר געדענקען אונטער טשוועקעס פֿון מעת־לעתן?
פֿאַרזונקען שוין זײַן ריפּן־שיפֿל מיטן האַרץ אין שיפֿל.
און אויך זײַן האַנט וואָס קנײַפּט אַ וואָלקן לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן.

אַ פֿאַלק, צונויפֿגעשפּיליעט אין ווײַסהאַריקער בהלה
מיט זיכער־נאָדלען געטלעכע פֿון שרעק! און דער באַשאַף
באַהאַלט זיך אין די שמוצקאַנאַלן פֿינצטערע ווי סמאָלע.

די האַנט וואָס קלעטערט אויבן נע־ונדיש
און קנײַפּט אַ וואָלקן —
וויל זיך מיטן וואָלקן ניט צעשיידן:
— יידן, שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, גיט אַ תּקיעת־כּף,
אַז קיינער ועט נאָך מיר ניט זאָגן קדיש.

איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרגעסענעם.
אַ ווײַלע
צוויי געטאָ־פּלעקן בלײַבן שטיין געבויגענע דערנעבן:
— פֿאַר וואָס ניט זאָגן קדיש? — פֿרעגן ביידע אים אַ שאלה.
די האַנט וואָס קנײַפּט אַ וואָלקן ענטפֿערט ביידן:
— ווײַלע, ווײַלע
איך — וויל — נאָך — לעבן —

1966

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן

פֿאַר אהרן צייטלין

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן אין בשמימדיקן פֿלאַטער,
פֿון אײלבערטענע צפֿון־בערג ביז קופּערנאַכט אילתער.

ווי ברענענדיקע בינשטאָקן מיט האָניק אין די פֿונקען,
און קינדער שפּילן זיך דערבײַ אין אײַער זון פֿאַרזונקען.

אַ, וועמעס טרערן וויינען איצט אַרויס פֿון מײַנע, וועמעס?
פֿון וויפֿל טיילן טויט און לעבן שטעלט זיך אויף דער אמת?

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן בײַם ניעמאַן און ווילי̇ע — —
און ווי אַ לאַנקע בלײַבן ווײַסע ביינדלעך נאָך דער שקיעה.

צעשמאָלצן ווערט דער זיפּצנדיקער שניי פֿון אירע זודן,
און ס׳בלי̇ען בלויע אייגעלעך אין פּאָר, אין פּאָר ווי יוד׳ן.

און ווי דאָס פֿײַער יאָגט זיך נאָכן רויך און וויל אים פֿאַנגען —
אַזוי אַן אָטעם זוכט זײַן יונגן מויל וואָס איז פֿאַרגאַנגען.

ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן! געבליבן איז פֿון זאַמעט
אַ תּפֿילין־זעקל אויף אַ צווײַג מיט קריעה־ריס אין סאַמעט.

מײַן ווילנע איז אַרײַן אין פֿײַער, שטאָט נאָך שטאָט אין פֿײַער,
און איר, אַנטקעגן סיני־באַרג, זענט יענעם אַש מטהר.

און קינדער שפּילן זיך דערבײַ, און ס׳האַרץ — אַ ווידערשפּעניקס,
און ס׳פֿלאַטערט אויך אַרויס פֿון אײַך מײַן טעכטערל: אַ פֿעניקס.

1966

דער פּאַפּירענער וואַלד

ווען מײַן בריוטרעגער קומט ווי אַ מלאך מיט איינציקן פֿליגל,
און זײַן פּנים — אַ בריוו: אַנדערש אינעווייניק, אַנדערש אויסערלעך —
גיט אַ ציטער מײַן שטוב. איר מזוזה איז מער ניט קיין זיגל.
אַ פּאַפּירענער וואַלד ווערט מײַן שטוב, פֿול מיט אותיות און אותיעלעך.

אַ פּאַפּירענער וואַלד? איז עס אפֿשר אַ טרוים פֿון שגעון?
האָב ניט מורא, ס׳איז וואָר: בין אַ ייִנגערער דאָך ניט קיין אַנדערער.
איבער זומפּיקן שונא איך שפּאַן צו דער שטאָט פֿונעם גאָון,
צונעם היימישן בוידעם עס וואַקלט אַ היימלאָזער וואַנדערער.

צווישן אַלטע מלבושים, וואָס מ׳האָט ניט באַוויזן צו שענדן —
מיך באַגעגנט מײַן קאַץ. איז געבליבן דאָ היטן די בערוועגעס.
און אויף מאָרגן — ס׳איז דאָ נאָך אַ מאָרגן — צו וועמען זיך ווענדן?
איז קיין איינציקער ייִד ניט פֿאַראַן, צי מיך פּײַניקן נערוון עס?

און אויף מאָרגן — ס׳איז דאָ נאָך אַ מאָרגן — און ווידער אויף מאָרגן:
סײַדן הער ווי די האָר דײַנע וואַקסן, אַנשטאָט מע זאָל שמועסן.
און אויף מאָרגן — ס׳איז דאָ נאָך אַ מאָרגן — און ווידער אויף מאָרגן:
סײַדן עס דײַן פֿאַרשימלטן שאָטן, אויב קענסט נאָך די רו עסן.

אָבער גאָט איז אַ זיידע, ווי זאָגן עס פֿלעגט מיר אַ שכן:
ס׳קומען תּחית־המתימדיק טריט מיט אַן עכאָ אַ שטיינערנעם.
און אַ בריוטרעגער ברענגט מיר מתּנות צו אונדזער נצחון:
„אַז ניטאָ מער פֿאַר קיינעם די בריוו צו צעטיילן — דו איינער נעם".

און אויף מאָרגן — ס׳איז דאָ נאָך אַ מאָרגן — און ס׳ברענגט מיר ווי קודם
יענער בריוטרעגער גאַנצענע פּעק מיט קאַנווערטן יענוועלטיקע,
ביזקל פֿול, ווי יום־כּיפּור אַ מאָל אין אַ שול, ווערט מײַן בוידעם,
פֿון לבֿנה באַלויכטן דורך שינדלען צעשפּרונגענע, שפּעלטיקע.

אַ פּאַפּירענער וואַלד מיך באַשיט מיט פּאַפּירענע בלעטער
פֿון טאַשקענט, אַשכאַבאַד און קאַמטשאַטקע, פֿון פֿראָנטן און פֿײַערן.
און דער זעלביקער נוסח ביי אַלע, צי פֿריִער צי שפּעטער:
"מײַנע טײַערע עלטערן"; "טײַערע שוועסטער"; "צום טײַערן..."

דער פּאַפּירענער וואַלד שטײַגט־זיך־איבער־אַליין אין זײַן שטײַגן.
איז דאָ עמעץ פֿאַראַן אויסער מיר און די קאַצאויגן טרעריקע?
און עס טרייסלט אַרונטער אַ פֿראָסטיקער ווינט פֿון די צווײַגן,
מיטן זעלביקן נוסח, אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט — פֿון אַמעריקע.

דער פּאַפּירענער וואַלד וועט פֿאַרשיטן מײַן אייניציקן שטעגל,
דער פּאַפּירענער וואַלד וועט מיך באַלד מיט די בלעטער פֿאַרווייענען.
און איך זע ווי די טײַערע זענען אַהער עולה־רגל
און זיי קושן אָן־ליפּן די בריוו און אָן־אויגן זיי לייענען.

1966

פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער

חלילה דיר צו ענדיקן. ס'איז ניט קיין צײַט פֿאַר שלמות.
אייביקער פֿון מירמל זענען שיימעס.
פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער. זאָלן שאָטנס אָנטאָן זיך אין זעק,
ווען שדים שפּילן קאַרמען, ריגאָלעטאָ.
און לאָז איבער אַ ליידיקע שורה, אַ פֿלעק —
אַ זכר לגעטאָ.

1965

ליד וועגן תיקון

אײנציק, אײנסיק, ניט־דערקוױלעט
פֿונעם גלאַנצנס באַלעבאָס —
בײַ אַ קאָפּטשענדיקן מולד
שטײ איך אױף צו תיקון־אות.

אײַנגעטוליעט אין מײַן זײדנס
אַלטן הימל ביזן ברעם,
איז דער זעלבער ניגון — בײדנס,
טאָפּל זע איך און פֿאַרנעם:

שװאַרצע פֿינטעלעך װי בליקן,
אָפּגעשפּרונגענע פֿון קלף,
מײניען, מאָנען: גיב אונדז תיקון,
זײַ באַשאַפֿער, זײַ באַשאַף!

1965

רויך פֿון אויסגעברענטן וואַלד

פֿאַראַן אַ גסיסה לענגער פֿון אַ לעבן. און פֿאַראַן
אַ רויך פֿון אויסגעברענטן וואַלד.
וווהין ער זאָל ניט וואַנדלען —
באַגלייט אים ביזן האַלדז אין אַש
דער גוססדיקער מאַן:
— רויך פֿון אויסגעברענטן וואַלד,
איך מוז דיך מיט געוואַלד
אין אַלטן, לעבעדיקן וואַלד
באַלד
באַלד
פֿאַרוואַנדלען.

1965

גוטע דײַטשן

דערצייל מיר ניט פֿון גוטע דײַטשן. ס׳קערט פֿון דעם די גאַל.
און זאָל דער טײַוול גיין צום טײַוול — אויך מיט זײַן מעדאַל.
(עס וויינען אויף העברעיִש מײַנע אויסגעצאַנקטע אותיות,
די זעלביקע פֿון ערשטן ליד און לעצטן יתגדל).

איך האָב געזען ווי גוטע דײַטשן מאָרדן ווויל און גוט,
און שפּילן אויף אַ זילבערפֿלייט אין זעלביקער מינוט.
און שפּילן פֿוטבאָל מיט אַ ייִדיש קינד. זאָל אייביק, אייביק
זיי בויערן אין טעמפּן שאַרבן זײַן פֿאַרגאָסן בלוט.

מיט ערד אַטאָמיש־אָנגעשטעקטער וואָס זשע בלײַבט צו טאָן?
„פֿאַרשיטן ערד מיט ערד און שטענדיק מײַדן דעם ראַיאָן”.
דערצייל מיר ניט. אויב ס׳זענען גוטע דײַטשן דאָ באמת,
פֿאַר וואָס פֿאַרזוכן זיי ניט זייער אייגענעם „ציקלאָן”?

1966

אַ וואָרט אָן מוזיק

אַ וואָרט אָן מוזיק, מיט אַ שטותיקן זינען,
אַ קנאַפּער מחותּן אין קעניגרײַך ליד —
אַ וואָרט אָן פּערזענלעכקייט, אָן אינדיווידד,
אַ זלידנע באַשעפּעניש
כ אָ ט ש —
און קאַפּאַבל אין מיטן דערינען
אַראָפּפירן ווערטער געזונטע און קלאָרע פֿון זינען.

און אַלץ ווײַל כ׳האָב צופּעליק אונטערגעהערט אין שפּיטאָל
צעצויגענע גסיסה —
אַ מענטשל, ווי טויזנט פֿאַרשאָלטענע יאָר וואָלט ביז איצטער געלעגן אין תּפֿיסה —
אַזוי געל, אַזוי גאָל, אַזוי גאָל,
אַ מענטשל מיט אָרעמס פֿון טרוקענעם באַמבוק
און ציפּערן — זע נאָר — פֿאַרגעס־מיך־ניט־בלויע:

— מײַן גאָט, אויב עס איז מיר באַשערט, איך בין ראוי
צו שטאַרבן אָט דאָ, איך אַליין זאָל בלויז וויסן מײַן קבֿר,
אַליין זאָל איך וויסן, ווײַל כ׳האָב דאָך ניט קיינעם
אַחוץ זיך אַליין —
טאָ לאָז מיר כאָטש איבער אין אים לזכּרון
מײַן אַלטע, אויף לעבן דערשראָקענע, יונגע נשמה.
וואָס דאַרפֿסטו זי, פֿאָטער?
צו דיר דאָך געהערן
אַזוי פֿיל נשמות
פֿון יונגע און זקנים,
נאָך מער ווי די שטערן.
וואָס דאַרפֿסטו זי, פֿאָטער?

און איך האָב נאָר איינע, אַ קוים־קוים פֿאַרהיטע,
דערלויב מיר צו זאָגן, איך בין דאָך ניט שולדיק, פֿון שחיטה,

אַן אײנציקע שטילע נשמהניו, װי אַ נר־תּמיד,
אַן אײנציקע ניט בלױז פֿון מיר —
פֿון מײַן גאַנצענער שטאָט.
װאָס דאַרפֿסטו זי, פֿאָטער?

טאָ לאָז מיר כאָטש איבער אין דר׳ערד לזכּרון
מײַן אַלטע, אױף לעבן דערשראָקענע, יונגע נשמה.

1967

אַ קלאַפּ אין טיר

אַ קלאַפּ אין טיר —
געבענטשט איז דער וואָס קאָן עס ניט פֿאַרשטיין.
איך האָב געאײַלט פֿון שטאָלץ אָן אײַנגעבויגענער,
מײַן שפּיגל האָט געלאַכט אַ רעגנבויגענער,
איך האָב די טיר געעפֿנט, ס׳איז אַרײַן אַ — שטיין.

אַ גרויער שטיין.
געבענטשט איז דער וואָס זאָגט דער וואָר: ניט וואָר!
ס׳וואָלט זײַן אַ שפּיכת־דמים ווען איך קוש אים ניט.
און פֿאָדער בײַ אַ דומם קיין פּירושים ניט,
ווען אויך די ליפּן זענען שטיין. וואָס ווערסטו דאָ געוואָר?

"מײַן ליבער, זײַ
געבענטשט" — האָב איך דערהערט פֿון העלער הויט.
און כ׳האָב דערקענט אין קול: ס׳איז מײַן געוועזענע,
יונגפֿיסיקע, אין פֿרילינג־רעגנס בעזענע.
מײַן גאָט, ווי טוט מען אָן אַ שטיין אין לעבעדיקער הויט?

1966

דער שמייכל פֿון מײַדאַנעק

א

ניט גרעבער ווי דאָס הײַטל פֿונעם אויג —
מײַן שכנס טיר.
ניט גרעבער פֿון דער גינגאָלדענער קרעטשמע,
ווו ס'קומט אַרײַן, ווו ס'פֿאַלט אַרײַן אַ מידער טוי צו נעכטיקן.
ניט גרעבער פֿון אַ שאָטן
אָפּגעשוונדן פֿונעם חומר —
הלמאַי געראָט מיר קיין מאָל ניט צו עפֿענען די טיר,
אַז בסך־הכּל איז די טיר פֿון קיינעם ניט פֿאַרשלאָסן?

און ער, מײַן סאַמע נאָנטסטער,
סמיק נאָנטסטער,
הלמאַי קאָן ער ניט דורך דער זעלבער טיר אַרײַן צום שכן
און זאָגן אים אַ פּשוטן גוט־מאָרגן?
די טיר איז דורכזיכטיק ווי שרעק,
די טיר איז ניט פֿאַרשלאָסן.

ב

ווי ווײַט איז אַ פֿאַרגאַנגענע סעקונד?
איז ווײַטער בלויז מיט איין סעקונד
פֿון יעדן הײַנט און מאָרגן.
מײַן שכן איז אַליין אַזאַ פֿאַרגאַנגענע סעקונד,
באַצויגן מיט אַ מאַסקע,
אַז די וווּנד
זאָל זײַן פֿאַרבאָרגן.

ג

מײַן שכן קלאַפּט אין טיר
אַזוי צו זאָגן:
ס'איז אָנגעשפּאַלטן ווי אַ פּוסטער בוידעמטאָפּ די ערד,
און קוים דערלאַנגסט אַ זעץ אַ קאָפּ־פּעסטער —

צעפּאַלט זי אונטער דיר אויף אַש און פּאָרעך,
און אַלע ימען הוידען זיך צוריק אַריַין אין הימל
און לעשן אויס די שײַטער־הויפֿנס, וואָס מע רופֿט זיי שטערן.
איז אפֿשר קענסטו מיר אַנטלײַען פֿליגל,
אַוועקצופֿליִען אויף אַ מער געזיכערטן פּלאַנעט?
אָן איבערקלער בין איך פֿון דאַנען עוקר.

אַ גאָטס־רחמנות אויף די ערד־געבוירענע.
וואָס זענען שולדיק עפּל, אַז איך טראָג אַזאַ מין הויקער?

ד

אויף אַ קרעמאַטאָריע־קוימען אין מדינת פּוילן,
אַ באָרוועסער,
מיט פּיס אַראָפּגעהאַנגענע,
ווי קינדווײַז
בײַם כאַפּן פֿיש אין לולבֿדיקן וואַסער —
זיצט מײַן שכן.
אים חלומט זיך:
דער העקל פֿון זײַן ווענדע,
האָט אים אַליין פֿאַרמאַניעט
מיטן פֿינקלדיקן ווערעמל.

ער איז אַליין זײַן פֿאַנגער
אויף דער לאַנגער
דינער ווענדע.
ער איז אַליין זײַן אייגענע לעגענדע.

ה

איז וואָס אַ שטייגער טוט ער אויפֿן קוימען,
ווען יענער האָט שוין לאַנג פֿון רויטן בויך אַרויסגעלאָזט
מײַן שכנס פֿאַרמעטענע שטאָט מיט ייִדן?
ער האַלט אין האַנט אַ שפּיגעלע
און שפּיגלט־אויס

ווי קינדוויַיז
אַ זון־העזל אויף פּנים פֿון זײַן זיידן —
אַ גרינעם שמייכל, וואָס וואַרפֿט־אָן אויף אַלט און יונג אַ פּאַניק,
און לאָזט ניט חלומען, און לאָזט ניט שווייַגן, ריידן:
ער שפּיגלט־אויס און שפּיגלט־אייַן דעם שמייכל פֿון מייַדאַנעק.

ו

דער שמייכל פֿון מייַדאַנעק פֿאַלט
אויף חתונות און בריתן.
אין אָפּערע.
טעאַטער.
הינטער די קוליסן.
אין קנייטשן פֿון דייַן ברויט־און־זאַלץ,
געזאַלצענעם געוויסן.

דער גרינער שמייכל פֿאַלט
אויף דייַן עלעגיע, דייַן באַלאַדע
און אויף אַ ליאַדע
ציטערקלאַנג באַזונדער.

דער שמייכל פֿאַלט,
מיט זשיפּענדיקן פֿײַער,
אין בעסטן וויַין,
בורגונדער
צי טאָקייַער.

ער פֿאַלט אויף נידעריקע סטאַציעס,
קוים געמאַפּעטע, ווי שוואָמען.
און אויפֿן הויכן בנין פֿון די נאַציעס
די פֿאַראייניקטע,
און העכער — אויפֿן זילבערנעם וואַנדראָוויניק
צו די תּהומען.

ז

און קײנער װײס ניט, אַז אין זומערנעכט

געזאַלבטע,

הויך־געװעלביקע,

אין שנײיִקע צי רעגנדיקע רוימען,

אַ באָרװעסער,

מיט פּיס אָראָפּגעהאַנגענע, װי קינדװײַז —

מײַן שכן זיצט אין פּוילן אויף אַ קוימען,

באַטראַכט די שײַנע װאָר װאָס איז קײן װאָר ניט,

און װאָס מײַן שכן טוט, איז אַלץ דאָס זעלביקע:

ער האַלט אין האַנט אַ שפּיגעלע. מער גאָרניט.

1966

הײַנט איז יאָרצײַט

אל־נקמות, הײַנט איז יאָרצײַט, יאָרצײַט. הײַנט. אַצינד —
ווען גערופֿן האָט צו דיר אַן ערשט געבוירן קינד.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פֿליִען,
יעדער האָט הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן שוועל, נאָך זיך אַליין.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן רעגן נײַנצן פֿערציק דרײַ,
נאָכן לעצטן קאַרשנבוים און שוועלבעלע דערבײַ.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן צײַט, פֿאַרפֿרוירן אין פּאַנאַר,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמעס געלן סאַמאָוואַר.

נאָכן שניי, פֿון מײַנע ווײַסלען אויסגעשנייט, בשעת
איך האָב צוגעדעקט מיט אים דעם קבֿר פֿון מײַן גאַס.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך די צווייִ מלאָכים בײַ מײַן בעט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן צפֿון־שטערן ערגעץ העט.

יאָרצײַט נאָכן שפּיגל מיטן בלויען טײַך אין ראַם
ווו עס באָדן זיך די ליכט און שאָטנס פֿון מײַן שטאַם.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ שבת, ריין ווי אַ בריליאַנט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער פֿידל אין מײַן חבֿרס האַנט.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ לײַב אין פֿריידיקן אַנטבלויז,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער לעצטער יאָרצײַטליכט אין קלויז.

יאָרצײַט נאָכן לאַנגן זייגער אויף דער וואַנט פֿון לײם,
אוי, נאָך אַלע וויגלידער פֿון אונדזער עיר־ואָם!

1966

אינהאַלט

5 באַגלייטוואָרט צום בוך

די פּעסטונג

9 די טויערן פֿון געטאָ
13 אין קאַרצער
14 פּנימער אין זומפּן
15 דערפֿאַר ווײַל כ'האָב געטרונקען ווײַן
16 אַ שטים פֿון האַרץ
17 איך ליג אין אַן אָרון
18 אַ האָרדע מוזיק
20 צום חבֿר
21 גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפֿילה
22 אַ טאָג בײַ די שטורמיסטן
26 צוויי ברידער
28 ווי נאָענט און ווי ווײַט
30 אויפֿן טויט פֿון יעקבֿ גערשטיין
31 מײַן מאַמע
36 דער זקן
38 תּפֿילה צום נס
39 צום יאָרטאָג פֿון געטאָ־טעאַטער
41 אַ וואָגן שיך
43 פֿאַר נאַכט
44 צום קינד
46 פֿון אַ פֿאַרלוירענער פּאָעמע
47 און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום
50 ווי אַזוי?
51 אונטער דײַנע ווײַסע שטערן
52 אין לעצטן גורל
53 מײַן רעטערין
55 קערנדלעך ווייץ
57 צוויי סטראָפֿעס
58 ווערטער
59 יהואָש
61 אַ רגע
62 משה
63 יעדער שעה, יעדער טאָג
64 עס פֿלית אַרײַן אַ פֿלאַטערל
66 אַ חלום
68 די לערערין מירע

קלאָרקייט 71
רעדט צו מיר די צוקונפֿט 72
אַ בלימל 75
דער געטאָ־פֿידלער 76
געזאַנג פֿון אַ ייִדישן דיכטער אין 1943 79
די פֿעסטונג 80
פֿאַרברענטע פּערל 82
דער דיכטער 83
צו דרייַסיק יאָר 85
דאָס מענטשעלע פֿון ברויט 89
טרייסטליד 91
באַגלייטליד בייַם אַוועקגיין אין וואַלד 93
די בלייַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערייַ 94
דער פֿרוי 95
זאַנגען 98
אַ בריוו 100
מאַרש דורך זומפּן 101
סטראַשון־גאַס צוועלף 103
גאָלדע 106
און אויב מייַן פֿאָלק וועט בלייַבן בלויז אַ ציפֿער 108
זינג נישט קיין טרויעריקס 109
אויפֿן וועג צו בוצלאַוו 110
געבורט 111
געזעגעניש 112
דאָס מיידל פֿון וואַלד 117
פֿאַרפֿרוירענע ייִדן 119

לידער פֿון פֿאַרשאָלטענעם שמייכל
א אַ שטים 121
ב די שאַרפֿע ליפּן 122
ג מע זוכט אונדז 123
ד בלעטלעך אַש 124
ה די גראָע קרוין 125
ו דער פֿרעמדער 126

דער נביא 127
דאָס ייִנגל פֿון אייַזן 131
איציק וויטענבערג 133
די בריק 139
די יונגע מאַמע 141
סובאָטש־גאַס צוואַנציק 143
גראָע פֿעדעם 146
אין טאָג פֿון גאולה 147

דאָס קבֿר־קינד 151

161 כל־נדרי

185 עפיטאַפֿן

גהעיימשטאָט
199 פֿאַרליד
200 אַ פֿאָלק זאַלבע צענט
203 די קאַנאַלן
207 דאָס הויז אויף דער ווינגרי
210 דער לעצטער עפּל
213 קידוש־לבֿנה
218 די קבֿורה
219 פֿון וואַנען קומט דבֿורל?
221 די סימפֿאָניע פֿון מײַז
224 נאָכן מבול
226 ציאַנקאַלי
229 דער פּרוש אויפֿן שולהויף
233 ווי גלײַכער היישעריק
235 דער מאָרד
238 באַפֿליגלטער פולווער
240 דערבאַרעמדיקער שניי
242 צוריק פֿון לוויה
243 קאָפּל דער שמידער
244 פֿאַרביטן אַ גאָט
247 "די נײַע אייראָפּע"
249 אין נאָמען פֿון וואַלד
251 מזל־טובֿ
254 דער לאַטײַנישער נאָמען
256 די שלאַכט אין קאַנאַל
259 אויף גלעזער־גאַס נײַן
261 די בלאָטע־געשטאַלט
263 געהערנערטער משה
264 פּעטראַ דער ציגײַנער
266 מה נשתנה
269 פֿאַרזשאַווערטע ביקסן
270 פֿאַרבלענדעניש
273 טאַבאָרן ציגײַנער
274 אָפּגלאַנץ פֿון וואַרשע
276 אין שטאָט וווּ עס קלינגען מיצקעוויטשעס ווערטער
278 Maria Fedecka
281 זיבן פֿלאַשן
282 דער פּרוש וואַכט אויף
283 אַ שיפֿעלע גרויס ווי אַ שוואַלב
285 ערשטע טאַנקען
286 נאָך דער באַפֿרײַונג

289 ״איך שטאַרב... לאָז געריסן מײַן שוועסטער אין היפּה״
293 נאָכליד

297 צו פּוילן

גרינער אַקוואַריום
311 גרינער אַקוואַריום
315 די פֿרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע
320 קינדערשע הענטלעך
321 די איובֿטע
324 די לעצטע פֿון אַלע בלינדע
326 צווישן צוויי קוימענס
327 דער פֿויער וואָס האָט געזען גאָט
329 דאָס רינגעלע
333 צום אָנדענק פֿון אַ פּעלצל
335 דער טויט פֿון אַן אָקס
337 הינטערן גאָלדענעם שלייער
340 אַ לוויה אין רעגן
346 דאָס קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ
349 באָמקע
353 האָניק פֿון אַ ווילדער בין

די קאַרש פֿון דערמאָנונג
357 תּחית המתים
359 פֿאַרן נירנבערגער טריבונאַל
360 דרײַ נעגערס
361 די וועלפּיכע
363 ײדישע גאָס
365 דענקמאָל
366 ביסט געקומען אַ נאַקעטער
368 פֿאַרגאַנגען איז אַ ײדנוועלט
369 בײַם דענקמאָל אין יד־מרדכי
370 שפּילצײַג
371 אויטאָפּאָרטרעט
374 קאָמענטאַרן צו אַ פּנים אין שפּיגל
378 ערבֿ מײַן פֿאַרברענונג
381 דער זילבערנער שליסל
385 אייביקע בגדים
388 לא תרצח
389 די מירמלנע סטאַטוע
392 אַ פֿרוי דערציילט
393 באַגעגעניש
394 שוואַרצע טויבן
398 די קאַרש פֿון דערמאָנונג
406 דאָס ליד פֿון נסיון

אַקאָרדן פֿון שטאָלצן וואַלד

408 דאָס גערײַט אונטער שנייִקע צווײַגן

409 גאַניאָנסקי

410 דענקמאָל נאָך אַ פֿערד

411 גליקעלע

413 אין קליידער אָפּגעסמאַליעטע

414 טאָגבוך פֿון שניי

415 דאָקטאָר אַטלאַס

417 שוואַרצע יאַגדעס

418 אַן אָקס אין געלאַטעטן קאַרשנרויט

421 דער שניימענטש

422 נײַנטע סימפֿאָניע

423 געוויין פֿון שטיינער

424 ווילנע

425 צום טויט פֿון מײַן רעטערין

426 מיניאַטור

427 גראָ

428 צײַט

430 בײַם לייענען שעקספּיר

431 זילבערנער פֿעניקס

432 רעמבראַנדט

433 רויכן פֿון יִדישע קינדער

436 באַלאַדע פֿון יונג־ווילנע

438 די קוימען־קערער

439 אַ ווינטערנאַכט

440 אַ ליד אָן אַ נאָמען

442 דער בריוו

443 געבויגן בײַ דער פּיאַנע

444 געשלאָסענער ציקל

זכר לגעטאָ

457 אַן איובֿדיקס

458 אין בלויע העמדער

460 איך קאָן אים ניט פֿאַרגעסן

461 ל״ג־בעומרדיקע שײַטערן

462 דער פּאַפּירענער וואַלד

464 פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער

465 ליד וועגן תּיקון

466 רויך פֿון אויסגעברענטן וואַלד

467 גוטע דײַטשן

468 אַ וואָרט אָן מוזיק

470 אַ קלאַפּ אין טיר

471 דער שמייכל פֿון מײַדאַנעק

475 הײַנט איז יאָרצײַט